STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01850

# DI HOYPT SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR FUN NAYNTSENTEN YORHUNDERT

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געאָרג בראַנדעס

# די הויפּט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון ניינצענטען יאָרהונדערט

באַנד 1.

# די פראַנצויזישע עמיגראַנטען ליטעראַטור

(אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן).

איבערזעצט פון
ת. ליעבערמאַן

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פערלאַג פאַר ליטעראַטור און וויסענשאַפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.
1918

Copyright, 1918
by
MAX N. MAISEL

דעם אַנדענקען פון

# האַנס ברעכנער

ווערען געווידמעט

## „די הויפּט-שטרעמונגען."

„אַ וואַקסענער הויז־געצקע, אויף וועלכען קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט, איז געשטאַנען נעבען אַ פייער, וואו איידעלע קאַמפּאַנישע געפעס האָט זיך גע־האַרטעוועט, און ער האָט אָנגעהויבען צו שמעלצען.

„האָט ער זיך גענומען ביטער באַקלאָגען פאַר'ן פייער. „זעה, — האָט ער געזאָגט, — ווי גרויזאַם דו באַציהסט זיך צו מיר. יענעם גיסטו דויערהאַפ־טיגקייט און מיך צעשטערסטו!"

אָבער דער פייער האָט געענטפערט: באַקלאָג זיך בעסער אויף דיין אייגענער נאַטור, ווארום וואָס אָנ־באַלאַנגט מיך, בין איך איבעראַל פייער".

ו. היינזע.

# איבערזעצער׳ס פאָרוואָרט.

צווישען דעם אידישען פאָלק און געאָרג בראַנדעס עקזיסטירט א רירענדע בענקשאַפט. זייט פיעל יאָרען אז דאָס אידישע פאָלק קוקט ארויס צו זיין גרויסען זוהן, מיט שטאָלץ אויף זיין גרויסקייט אָבער מיט שמערץ אויף זיין ווייטקייט. אָבער די לעצטע דריי פיער יאָר האָבען בראַנדעס׳ן געבראַכט א סך נעהנטער, און ביי פיעל געלעגענהייטען האָט ער פאַטעטיש ערקלערט, אז זיין הארץ איז שטענדיג געווען ביי זיין פאָלק.

דער פארלאַנג די דאָזיגע נאָהנטקייט צו פארשטארקען און צו ברענגען דעם זוהן אונטער׳ן באַלקען פון זיין פאָטער׳ס הויז האָט מיך ערמוטיגט צו אונטערנעמען די איבערזעצונג פון בראַנ־דעס׳עס גרעסטען ווערק, „די הויפטשטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון ניינצענטען יאָרהונדערט.״

עס איז ניט גענוג אז מיר זאָלען הערען בלויז קלאַנגען פון ווייט וועגען בראַנדעס׳עס גרויסקייט. מיר דארפען אים אליין קע־נען פנים אל פנים. דער זשעני פארלאַנגט קיין זאַך ניט אויסער אז מען זאָל אים פארשטעהן. אָבער אויב מיר זאָלען ניט שטודי־רען צו קענען פארשטעהן די ווערק פון די בראַנדעס׳עס טאָ ווי אזוי קענען מיר זיך באַקלאָגען וואָס אונזערע זשעניען געהן אוועק פון אונז ?

עס איז צו האָפען, אז די אידישע קריטיק וועט ניט פאר־פעלען אָנצעווייזען דעם אידישען עולם וואָס פאר א רייכטום עס ווערט אריינגעטראָגען אין דער אידישער שפראַך דורך דיזער אי־בערזעצונג. בראַנדעס׳עס ליטעראַרישע שטודיען זיינען מער ווי קריטיק ווי דער טערמין ווערט פארשטאַנען אין פּאָפּולערען זין, נאָר זיי זיינען שטודיען אין געשיכטע, פילאָזאָפיע, קונסט, עסטעטיק, אינדיווידועלע און פעלקער־פסיכאָלאָגיע, סאָציאַלע אידעען און באַוועגונגען — אויף א הינטערגרונד פון ליטעראַטור, אזוי אז די „הויפטשטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון ניינצענ־טען יאָרהונדערט״ שטעלען מיט זיך פאר דעם תמצית פון דאָס

ה ע כ ס ט ע ד ע נ ק ע ן א ו ן פ י ה ל ע ן פון אייראָפּא אין דיזער עפּאָכע. קיין גרעסערער געשאנק פאר דער אידישער לי־טעראטור קען ניט געמאכט ווערען.

אין דער איבערזעצונג האָב איך זיך באמיהט צו האלטען זיך אזוי געטריי צו בראנדעס'עס סטיל, אז עס זאָל זיך פיהלען אז דאָס רעדט בראנדעס. און עס איז פּילייכט נויטיג דאָ, צוליעב דער שארפער טענדענץ צו פאָלקסטימליכקייט וואס הערשט היינט אויף דער אידישער גאס, אויפמערקזאם צו מאכען, אז בראנדעס'עס סטיל איז ניט קיין פאָלקסטימליכער, נאָר איינער פון די פיינסטע סטילען אין אייראָפּא, און איך האָב ניט געקענט ביי זיך רעכט מאכען צו אָפּפערען די באזונדערע פיינקייטען פון בראנדעס'עס וואונדערליכען סטיל אויפ'ן מזבח פון דער נייגונג צו פאָלקסטימליכקייט, וועלכע איז נאָך אָלעמען א צווייפעלהאפטער מאסשטאב פאר ליטערארישען סטיל. „גוטע שפּראך איז די שפּראך פון די בעסטע מייסטער פונקט ווי די מאָראל איז די אויפפירונג פון די בעסטע מענשען", זאָגט אן אַלטער שפּראך־טעאָרעטיקער, קווינטיליאן. איך שטים איין מיט דעם דאָזיגען כלל. די נייגונג צו פאָלקסטימליכקייט קומט ביי אונז, צווישען אנדערע אורזאכען, אויך צוליב א פארלאנג נאָך קלאָרקייט; אָבער קלאָרקייט איז דער פונדאמענט פון יעדען גוטען סטיל, און עס איז שווער צו געפינען א קלערערען סטיל ווי בראנדעס'עס פונקט ווי עס איז שווער צו געפינען א גלענצענדערען.

ניט קענענדיג די אָריגינעלע שפּראך פון דעם ווערק, דעניש, האָב איך זיך באנוצט מיט איבערזעצונגען אין דריי שפּרא־כען, כדי צווישען די דריי צו דערשפּירען בראנדעס'ן אליין און ניט אן איבערזעצער. י ע ד ע ס ו ו א ָ ר ט אין דער איבערזע־צונג וואס איך לעג דאָ פאָר, א י ז ג ע מ א כ ט פ ו ן ד ר י י ש פ ר א כ ע ן, און איבעראָל האָב איך געשטרעבט צונויפצוגיסען דעם גייסט פון בראנדעס'עס סטיל מיט דעם גייסט פון דער אידי־שער שפּראך.

אויף ווי ווייט דאָס איז מיר געלונגען איז ניט פאַר מיר צו אורטיילען.

דער איבערזעצער.

# אינהאַלט-פאַרצייכניס.

איבערזעצער'ס פאָרוואָרט.

איינלייטונג — 7

די עמיגראַנטען-ליטעראַטור — 29

1. שאַטאָבריאַן. אַטאַלאַ — 38

2. רוסאָ'ס נייע העלאָיז — 50

3. געטהע'ס „ווערטהער" — 62

4. שאַטאָבריאַן'ס „רענעי" — 75

5. דער נייער זעלען-צושטאַנד — 94

6. סעינאַקור'ס „אָבערמאַן" — 98

7. נאָדיע — 119

8. קאָנסטאַן — 128

9. מאַדאַם דע סטאַל — 168

10. די איטאַליענישע פּאָעזיע און מאַדאַם דע סטאַל'ס פּאָעטיק. „קאָרינגאָ" — 210

11. קאַמפּף געגען נאַציאָנאַלע און פּראָטעסטאַנטישע פאָראורטהיילען 228

12. נייער באַגריף פון דאַס אַנטיקע — 253

13. מאַדאַם דע סטאַל'ס „איבער דייטשלאַנד" — 269

14. באַראַנט — 296

שלוס — 310

# איינלייטונג.

מיין אבזיכט מיט דעם ווערק, וואָס איך הויב דאָ אָן, איז צו געבען, דורך דעם שטודיום פון געוויסע הויפּט־גרופּען און הויפּט־באַוועגונגען אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, אַן אנט־וואורף צו אַ פּסיכאָלאָגיע פון דער ערשטער העלפט פון דעם 19טען יאָרהונדערט. דאָס יאָר 1848, וואָס באַצייכענט אַן אייראָפּעאישען געוויטער, אַ היסטאָרישען ווענדפּונקט און פאָלגליך אַן אָבשלוס אין צייט, איז די גרעניץ ביז וועלכער איך האָב בדעה נאכצופאָלגען דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג. דער שטח צייט פון דעם אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט ביז צו זיין מיט שטעלט מיט זיך פאָר אַ בילד פון פאַנאַנדערגעוואָרפענע ליטעראַרישע שטרעבונגען און ערשיי־נונגען, וועלכע באַרירען דוכט זיך ניט איינע די אַנדערע. אָבער דער יעניגער וועלכער ריכט זיין בליק אויף די הויפּט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור, אַנטדעקט, אַז די אַלע באַוועגונגען לאָזען זיך צופירען צו איין גרויסען הויפּט ריטמוס מיט זיין עבע און פלוט: דאָס גראַנדיעזע זינקען און פאַרשווינדען פון דעם אידעען און געפילס־לעבען פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, און דאָס צוריקקערען פון די אידעען פון פאָרשריט אין נייע, אימער העכער שלאָגענדע כוואַליעס.

דער צענטראַלער געגענשטאַנד פון דיזען ווערק איז דע־ריבער די רעאַקציע וואס דאס נייַנצענטע יאָרהונדערט אין זיינע ערשטע יאָרצענדליגען האָט אָנגעפירט געגען דער ליטעראַטור פון דעם אכצענטען, און דאָס בייקומען פון דיזער רעאַקציע.

דיזע היסטאָרישע געשעהעניש איז אין איר תוך אַן אַלגעמיין אייראָפּעאישע און לאָזט זיך פאַרשטעהן נאָר דורך אַ פאַרגליי־כענדען שטודיום פון ליטעראַטור. אַזאַ מין שטודיום וויל איך

דעריבער אונטערנעמען, און וועל שטרעבען נאָכצופאָלגען גלייכ־צייטיג געוויסע הויפּט־באַוועגונגען אין דער דייטשער, פראַנצוי־זישער און ענגלישער ליטעראַטור, וועלכע זיינען די וויכטיגסטע אין דיזען משך צייט.

די פאַרגלייכענדע ליטעראַטור־באַטראַכטונג האָט די דאָפּעל־טע מעלה, וואָס דאָס פרעמדע ברענגט זי אונז אַזוי נאָהנט אַז מיר קענען עס מאַכען פאַר אונזער אייגען, און דאָס אייגענע רוקט זי אָב פון אונז אַזוי אַז מיר קענען עס באַטראַכטען פון דער־ווייטענס, אין אַלגעמיין. וואָרום מען קען ניט זעהן, ניט דאָס וואָס ליגט דעם אויג צו ווייט, ניט דאָס וואָס ליגט אים צו נאָהנט. די וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור־באַטראַכטונג גיט אונז אַ מין בינאָקל אין האַנד, וואָס איין זייט זיינע פאַרגרעסערט, און די אַנדערע פאַרקלענערט. און מען דאַרף אים באַנוצען אַזוי אַז מיר זאָלען פאַרריכטען די אילוזיע פון דעם נאַטירליכען געזיכט. ביז יעצט זיינען די פאַרשיידענע פעלקער געשטאַנען אין פּרט פון ליטעראַטור צימליך ווייט איינס פון אַנדערען און האָבען באַ־וויזען אַ קנאַפּע פעהיגקייט זיך געגענזייטיג אָנצואייגנען זייערע שאַפונגען. אויב מען וויל זיך מאַכען אַ בילד פון די ביזהעריגע באַציהונגען דאַן זאָל מען זיך דערמאָנען אָן דער פאַבעל פון דעם פוקס און דעם שטאָרך. דער פוקס, ווי באַוואוסט, האָט איינגע־לאַדען דעם שטאָרך צו גאַסט, נאָר די אַלע געשמאַקע ביסענס וואָס ער האָט אים דערלאַנגט, האָט ער אויסגעלעגט אויף אַ פלאַ־כען טעלער, אַזוי אַז דער שטאָרך מיט זיין לאַנגען שנאָבעל האָט גאָרניט געקענט אָננעהמען. עס איז אויך באַוואוסט ווי דער שטאָרך האָט זיך אָבגערעכענט. ער האָט אריינגעטאָן זיינע מאכלים אין אַ הויכער כּלי מיט אָן איינגען האַלז, אין וועלכען דער לאַנגער שנאָבעל פון דעם שטאָרך האָט גוט געקענט אריין, אָבער ניט דער קורצער שנוק פון דעם פוקס. אַזוי האָבען אַ לאַנגע צייט די נאַ־ציאָנען געשפּילט צווישען זיך אין פוקס און שטאָרך. אַ גרויסער טייל פון דער אויפגאַבע פון עסטעטישען שטודיום באַשטעהט און איז באַשטאַנען דערין, אויסצוריכטען דעם מאָלצייט פון דעם שטאָרך אין דער כּלי פון דעם פוקס, און פאַרקערט.

די ליטעראַטור פון אַ פאָלק, ווען זי איז פאָלשטענדיג, שטעלט

מיט זיך פּאָר די גאַנצע געשיכטע פון זיינע אנשויאונגען און גע־
פילען. גרויסע ליטעראַטורען, ווי די ענגלישע און פראַנצויזישע,
אַנטהאַלטען אויף אַזאַ אופן אַ גענוגענדע צאָל דאָקומענטען פון
וועלכע מען קען באַשטימען ווי דאָס ענגלישע און פראַנצויזישע
פאָלק האָט אין יעדער געשיכטליכער פעריאָדע געטראַכט און גע־
פיהלט. אַנדערע ליטעראַטורען, ווי צ. ב. די דייטשע, וועלכע פאַנגט
זיך אָן אין איר צווייטער בליהונגס־פעריאָדע ערשט אונגעפער אין
מיטען פון פאָריגען יאָרהונדערט, זיינען אין דיזען זין צוליב זייער
אונפאָלשטענדיגקייט, ניט אַזוי אינטערעסאַנט. נאָך מער איז
דאָס אמת פון אַזאַ שפּעטער ליטעראַטור ווי די דענישע. צו
שטודירען דורך איר דאָס גאַנצע געפיהלס־לעבען פון דעם דעני־
שען פאָלק איז ניט מעגליך; דאַרויף האָט זי צו גרויסע שפּאַל־
טען. עס זיינען פאַראַן לאַנגע צייט־רוימען אין דער דענישער לי־
טעראַטור וועלכע האָבען זיך ניט אָבגעשטעמפּעלט מיט קיין פּאָ־
עטישען אָדער פסיכאָלאָגישען מאָנומענט פון וועלכער עס איז
באַדייטונג. אויב עס איז איבערהויפּט אין אַזעלכע צייטען גע־
טראַכט אָדער געפיהלט געוואָרען — ווייס מען היינט צו טאָג ניט.
אויסערדעם איז עס געווען דאָס אומגליק פון דער קליינער, אין
אַ זייט ליגענדער דענמארק, וואָס זי האָט פון דער ערשטער האַנד
קיין איין גרויסע אייראָפּעאישע גייסטיגע באַוועגונג ניט אַרויס־
געבראַכט. מיר האָבען ניט געגעבען דעם אָנשטויס צו די גרויסע
ענדערונגען, מיר האָבען זיי נאָר איבערגעליטען, א ו י ב מיר
האָבען זיי איבערהויפּט איבערגעליטען. מיר האָבען אויפגענו־
מען צ. ב. די אידעען פון דער רעפאָרמאַציאָן — פון דייטשלאַנד,
די אידעען פון דער רעוואָלוציאָן — פון פראַנקרייך. אונזער לי־
טעראַטור איז גלייך צו אַ קליינער קאַפּעלע אין אַ גרויסער קירכע,
זי האָט איר אַלטאַר, אָבער דעם הויפּט־אַלטאַר איז ניט צו געפינען.
ניט גענוג, אַלזאָ, וואָס עס זיינען פאַראַן צייטען פון וועלכע מען
ווייס ניט ווי אַזוי עס איז דעמאָלט געדענקט און געפיהלט גע־
וואָרען, זיינען נאָך פאַראַן צייטען, ווען מען האָט יאָ געדענקט און
געפיהלט, אָבער פון דער צווייטער האַנד, שוואַכער און מאַטער
ווי אַנדערש־וואו. אַזוי פּאַסירט עס אָפט, אַז איינע פון די גרוי־
סע אייראָפּעאישע באַוועגונגען דערגרייכט דענמאַרק, אַ צווייטע

ניט; איין לאָזונג גרייפט אונז אָן, אַן אַנדערע ניט. יאָ, אָפּט־מאָל טרעפט אַז ווען מיר האָבען אַפילו גאָרניט אַנטייל גענו־מען אין דער טעטיגקייט, וועמעס ברייטע כוואַליעס האָבען אונ־זערע זאַמדיגע ברעגען דערגרייכט שוין פלאַך און קראַפטלאָז, ווע־רען מיר פונדעסטוועגען אַריינגעצויגען אין דער רעאַקציע.

אַזאַ פאַל, גלויב איך, איז אין דיזען יאָרהונדערט פאָרגעקו־מען. דאָס איז מיר אויפגעפאַלען, און דיזער איינדרוק האָט מיך געפירט צו די פאָרשונגען, וועלכע זיינען דער געגענשטאַנד פון די־זען ווערק.

יעדער געבילדעטער מענש ווייס, וואָס פאַר אַ געוואַלטיגע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג עס איז געקומען איבער דער וועלט צו ענדע פון אַכצענטען יאָרהונדערט, און וועלכע פאָלגען זי האָט איבעראַל אין דער פּאָליטיק און ליטעראַטור נאָך זיך געצויגען. נון, דיזע באַוועגונג האָט אין אַ סך פון אירע וועזענטליכע פּרטים גאָרניט דערגרייכט צו דענמאַרק. צו נעמען בלויז איין ביישפּיל: איינע פון די שלאַגווערטער פון דער רעוואָלוציאָנס־ליטעראַטור איז געווען דער פרייער געדאַנק. אָבער דיזער פרייער געדאַנק, וועלכער איז אַנדערשוואו אויפגעטראָטען אין אַזעלכע מוטיגע פאָר־מען און געבראַכט אַזעלכע גיגאַנטישע רעזולטאַטען, איז געקומען צו אונז נאָר אין דער קלעגליך אָבגעבלאַסטער פאָרם פון דעם טע־אָלאָגישען ראַציאָנאַליזם. העגעל האָט געזאָגט די שעהנע ווער־טער: „זינט די זון שטעהט אין דעם הימעל־געוועלב, און זינט די פּלאַנעטען דרעהען זיך אַרום דער זון, איז עס נאָך ניט גע־שעהען אַז דער מענש האָט זיך געשטעלט אויפ'ן ריינעם געדאַנק, מען קען זאָגען, זיך אויפ'ן קאָפּ געשטעלט, און געפּרובט די גאַנ־צע ווירקליכקייט נאָך זיין קאָפּ אומצובילדען און אויפצובויען. אַלע פריהעריגע רעוואָלוציאָנען האָבען געהאַט לאָקאַלע צוועקען, אָבער דיזע האָט געוואָלט די מענשהייט אומשאַפען". מען קען ניט לייקענען, אַז מיר, דענער, האָבען אָבגעהיט סטאַט און זיך ניט געשטעלט אויפ'ן קאָפּ. אָבען ווען דיזע געוואַלטיגע אַקציאָן, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון דעם נצחונ'דיגען באַוואוסטזיין פון דעם געדאַנק, פון דעם פאַנאַטיזמוס פון דעם ריינעם געדאַנק, האָט, ווי יעדער גרויסער שטראָם וואָס טרעט אַרויס פון זיין ברעג,

ארויסגערופען געגען זיך געגענמיטעל און א רע־אַקציאָן, זיינען מיר אריינגעטראָטען אין דער רעאַקציאָן. אין אַלע אונזערע לי־טעראַרישע באַוועגונגען צום אַנפאַנג פון נייַנצעטנטען יאָרהונדערט, אין אַהלענשלעגער׳ס דיכטונגען, אין גרונדטוויג׳ס דרשות, אין מינסטער׳ס רעדען און אינגעמאַנ׳ס געדיכטען איז פאראַן אַ שטאַר־קער עלעמענט פון רעאַקציאָן געגען דעם אכצענטען יאָרהונדערט. אַז אַזאַ רעאַקציאָן זאָל קומען איז געווען בארעכטיגט און נאַ־טירליך. אָבער וואָס איך וויל אָנווייזען אַלס אונבארעכטיגט און געגען־נאַטירליך איז, וואָס דיזע רעאַקציאָן האַלט נאָך אָן ביי אונז אַזוי לאַנג, בשעת אַנדערש־וואו האָט זי שוין לאַנג אויפגעהערט און איז פארשוואונדען.

לאָמיר זיך גוט פארשטעהן. רעאַקציע אַלס אַזעלכע באַדייט דורכאויס ניט דאַסזעלבע וואָס ריקשריט. גאַנץ ווייט דערפון! פארקערט, אַן אמת׳ע דערגענצענדע, פארריכטענדע רעאַקציע איז פאָרשריט. אָבער אַזאַ רעאַקציע איז קרעפטיג, קורץ, און ווערט ניט פאַרגליווערט. נאָכדעם ווי זי באַקעמפפט אַ געוויסע צייט די עקסטרעמען פון דער פאָרגעהענדער פעריאָדע, נאָכדעם ווי זי האָט ארויסגעפירט אויף דער ליכטיגקייט דאָס וואָס דיזע האָט פארדרענגט, נעהמט די פאָלגענדע פעריאָדע אויף אין זיך דעם ווערטפולען אינהאַלט פון דער פריהעריגער, מאַכט מיט איר שלום און זעצט פאָר איר באַוועגונג. דאָס איז ביי אונז ניט געשעהען. ווען אַ שטעקען ווערט אויסגעבויגען אויף איין זייט גלייכט מען עס אויס דורך בויגען עס אין דער אַנדערער זייט; אָבער מען טוט עס ניט אָהן אויפהער. די רעאַקציאָן געגען אכצענטען יאָר־הונדערט ווערט דאָ אין לאַנד פאָרגעזעצט שלעפענדיג, מאַט, מיט אונטערברעכונגען, און זעהט אויס ווי זי וואָלט ניט געוואָלט קיין ענדע נעהמען, און אַלס רעזולטאַט איז די דענישע ליטעראַטור פאר־זונקען אין אַ שלעפעריגקייט, וועלכע וואונדערט אונז אַליין. דע־ריבער רייצט עס מיך צו שילדערען ווי אַזוי אַ רעאַקציאָן, יאָ, דיזעלבע רעאַקציאָן, האָט אַנדערש־וואו איר ענדע געפונען.

וואָס איך וויל פאָרשטעלען איז אַ געשיכטליכע באַוועגונג, וועלכע טראָגט אינגאַנצען דעם כאַראַקטער און די פאָרם פון אַ דראַמע. די זעקס פארשיידענע ליטעראַטור־גרופען וואָס איך האָב

בדעה אַרויסצופירען זיינען דורכאויס גלייך צו די זעקס אַקטען פון אַ גרויסער דראַמע. אין דער ערשטער גרופּע, די פראַנצויזישע עמיגראַנטען־ליטעראַטור, באַזעלט פון רוסאָ, הויבט זיך אָן די רעאַקציאָן, אָבער דאָ זיינען די רעאַקציאָנערע שטרעמונגען נאָך איבעראַל געמישט מיט די רעוואָלוציאָנערע. אין דער צווייטער גרופּע, די האַלב־קאַטוילישע ראָמאַנטישע שולע פון דייטשלאַנד, האַלט די רעאַקציאָן אין שטייגען, זי ברייט זיך אויס, זי דערווייטערט זיך מער פון די פרייהייטליכע און פאָרגעשריטענע שטרעבונגען פון דער צייט. די דריטע גרופּע, ענדליך, וועלכע נעהמט אַרום שריפטשטעלער ווי זשאָזעף דע־מעיסטר, ווי לאַמעננע אין זיין אָרטאָדאָקסישער פּעריאָדע, ווי לאַמאַרטין און וויקטאָר הוגאָ דעמאָלט ווען זיי זיינען אין דער רעסטאַוראַציאָנס־צייט נאָך געווען די בעסטע שטיצען פון די לעגיטימיסטען און די קלעריקאַלען, שטעלט מיט זיך פאָר די שטאַרקע, די טריאומפירענדע רעאַקציאָן. בייראָן און זיינע חברים בילדען די פערטע גרופּע. דיזער איין מענש פאַראורזאַכט אַן איבערקערעניש אין דער גרויסער דראַמע. דער גריכישער פרייהייטס־קריג ברעכט אויס, אַ פרישער הויך גיט אַ ווייה איבער איראָפּאַ, בייראָן פאַלט אין העלדישער אויפאָפּפערונג פאַר דעם גריכישען קאַמפּף, און זיין טויט מאַכט אַן אונגעהויערען רושם אויף אַלע שרייבער פון דעם קאָנטינענט. קורץ פאַר דער יולי־רעוואָלוציאָן בייטען דאַריבער אַלע גרויסע גייסטער פון פראַנקרייך זייער ריכטונג, זיי בילדען די פינפטע גרופּע, די ראָמאַנטישע שולע אין פראַנקרייך, און די נייע ליבעראַלע באַוועגונג ווערט כאַראַקטעריזירט דורך אַזעלכע נעמען ווי לאַמעננע, הוגאָ, לאַמאַרטין, מוססע, זשאָרזש סאַנד און אַנדערע. און אַזוי ווי יעצט געהט די באַוועגונג אַריבער פון פראַנקרייך קיין דייטשלאַנד, זיגען אויך דאָרט די ליבעראַלע אידעען, און די זעקסטע און לעצטע גרופּע שריפטשטעלער וואָס איך וויל שילדערען ווערט באַזעלט פון די אידעען פון דעם פרייהייטס־קריג און דער יולי־רעוואָלוציאָן, און אַזוי ווי די פראַנצויזישע דיכטער, זעהט זי איין אין בייראָנ׳ס גרויסען שאָטען דעם פירער פון דער פרייהייטס־באַוועגונג. די שריפטשטעלער פון יונגען דייטשלאַנד, פון וועלכע די וויכטיגסטע, ווי היינע, בערנע (און שפּעטער

אויערבאַך) זיינען פון אידישער אַבשטאַמונג, גרייטען צו, צוזאַ־
מען מיט די פראַנצויזישע שריפטשטעלער פון יענער צייט, די
איבערקערעניש פון יאַר 1848.

איך גלויב אַז מיר דענער קענען פון דיזער גרויסער דראַ־
מע אַבלערנען אַ לעקציע פאַר אונז זעלבסט. מיר זיינען נעמליך
דאַס מאָל, אַזוי ווי געוויינליך, ארום פערציג יאַר הינטער דעם איב־
ריגען אייראָפּאַ צוריקגעבליבען. שוין לאַנג האָט אין דער לי־
טעראַטור פון יענע גרויסע הויפּט לענדער דער רעוואָלוציאָנס־
שטראָם אויפגענומען זיינע נעבען־פלוסען און האָט אוועקגע־
שווענקט די דאַמבען וואָס האָבען איר געוואָלט פארשטעלען דעם
וועג; און ער איז אריינגעצויגען געוואָרען אין טויזענדע קאַנאַ־
לען. מיר ארבייטער נאָך צו פארשפּאַרען אים און פעסטצוהאַל־
טען אין זומפּ פון דער רעאַקציאָן.

עס וועט קוים שווער זיין צו קריגען אַן איינשטימיגען אור־
טייל, אַז די דעניש ליטעראַטור האָט זיך נאָך קיינמאָל אין ניינ־
צענטען יאָרהונדערט ניט געפונען אין אַזאַ צושטאַנד פון אוים־
צערונג ווי אין אונזערע טעג. די פּאָעטישע שאַפונג איז אַזוי
גוט ווי אינגאַנצען אָבגעשטאָרבען, און קיין פּראָבלעם פון אַלגע־
מיין מענשליכען אָדער געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער איז ניט אימ־
שטאַנד אויפצעוועקען אַן אַנדער אינטערעס אָדער ארויסרופען אַן
אַנדער דיסקוסיאָן ווי אין דער טעגליכער פּרעסע אָדער טעגליכער
ליטעראַטור. קיין שטאַרקע אָריגינעלע פּראָדוקטיוויטעט האָבען
מיר קיינמאָל ניט געהאַט, יעצט האָבען מיר נאָך דערצו כמעט אינ־
גאַנצען אויפגעהערט אפילו אויפצונעהמען פרעמדען גייסטיגען לע־
בען, און די גייסטיגע טויבקייט, ווי די טויבקייט ביי די טויב־
שטומע, האָט פאַראורזאַכט אויך שטומקייט.

ווען אַ ליטעראַטור אין אונזערע טעג לעבט ווייזט זיך דערפון
וואָס זי ברענגט ארויף פּראָבלעמען צום דעבאַטירען. אַזוי ברענגט
צ. ב. זשאָרזש סאַנד ארויף דאָס פּראָבלעם פון די באַציהונגען
צווישען די געשלעכטער, בייראָן און פייערבאַך — די רעליגיאָן,
פּרודהאָן און סטוארט מילל — דאָס אייגענטום, טורגעניעוו, שפּיעל־
האַגען און עמיל זאָלא — די געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטנישען.
אַז אַ ליטעראַטור ברענגט ניט ארויס קיינע פּראָבלעמען צום פאַר־

האנדלען הייסט עס, אז זי האלט ביי פאַרלירען יעדע באַדייטונג. א פאָלק וואָס שאַפט אַזאַ ליטעראַטור מעג זיך איינבילדען פיעל עס וויל אַז די רעטונג פון דער וועלט וועט קומען פון אים, עס וועט זיך אַנטוישען אין זיין ערוואַרטונג; אַזאַ פאָלק העלפט פונקט אַזוי וועניג דער אַנטוויקלונג און דעם פאָרשריט ווי יענע פליג האָט געהאָלפען, ווי זי האָט געמיינט, טרייבען פאָרווערטס דעם וואָגען ווייל זי האָט ווען-ניט-ווען זיינע פיר פערד אַן אונבאַדייטענדען ביס געגעבען.

אַזאַ געזעלשאַפט קען נאָך אויפהיטען מאַנכע טוגענדען, ווי צום ביישפיל קריגערישען מוט, אָבער אַזעלכע טוגענדען קענען ניט אויפהאַלטען די ליטעראַטור ווען דער אינטעלעקטועלער מוט איז געזונקען און פאַרשוואונדען. יעדע פאַרגליווערטע רעאַקציע איז טיראַניש, און ווען אַ געזעלשאַפט האָט זיך אַלע מאָל אַזוי אַנטוויקעלט, אַז אונטער דער מאַסקע פון פרייהייט טראָגט זי די שטריכען פון טיראַניי, ווען דאָס עפענטליכע אויסשפּרעכען פון יעדען פריוואַטען געדאַנק אָדער אויסדרוק מוז צוערשט האָבען די ערלויבניש פון דער געזעלשאַפט, פון דעם געאַכטעטען טייל פון דער פרעסע, פון אַ גרויסער צאָל רעגירונגס-בעאַמטע, דאַן נאַטירליך ווילען זיך פאָדערען גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען ווי געוויינליך, אום צו באַשאַפען י ע נ ע ם סאָרט פעהיגקייטען און י ע נ ע ם סאָרט כאַראַקטערען, אויף וועלכע עס באַרוהט דער פאָרשריט פון אַ געזעלשאַפט. ווען אַזאַ געזעלשאַפט שאַפט יאָ עפּיס אַ פּאָעזיע דאַן קען מען זיך גאָרניט וואונדערען וואָס איר עצם אינהאַלט באַשטעהט דערין וואָס זי שפּאָט און לאַכט אָב פון איר דור. אַזאַ פּאָעזיע וועט דעם מענשען פון איר דור אָבער און ווידער רופען טויגעניכטס, און עס קען פיליייכט געשעהען, אַז די ווערק וואָס ווילען צום מערסטען געריסט און געקויפט ווערען (איבסענ'ס „בראַנד" צ. ב.) ווילען זיין גראַד די, אין וועלכע דער לעזער וועט צוערשט מיט שרעק, דערנאָך מיט אַ געוויסער גלוסטיגקייט, דערפיהלען וואָס פאַר אַ וואָרים, ווי נישטיג און שוואַך ער איז. און עס קען געשעהען, אַז גראָד דאָס וואָרט „ווילען" זאָל ווערען דאָס שלאַגוואָרט פאַר אַזאַ דור, אַזאַ דור זאָל אומגעהן פעדלען מיט ווילענס-דראַמען און ווילענס-פילאָ-

זאפיען. מען פארלאנגט דאס, וואס מען האט ניט. מען שרייט נאך דעם, וואס עס פעלט אם ביטערסטען. מען ברענגט אויפ'ן מארק דאס, אויך וואס די נאכפראגע איז אם גרעסטען. אבער טראץ אלעם דעם וואלט געווען א טעות צו מיינען אז ביי אזא דור איז פאראן ווענינער מוט, אנטשלאסענקייט, באגייסטערונג און ווי־לען ווי דורכשניטליך ביי אזוי פיעל אנדערע. עס איז פאראן פונקט אזוי פיעל מוט און פרייזיניגקייט, אבער עס פאדערט זיך מער. ווארום ווען די רעאקציע שטויסט צוריק די נייע געדאנקען אין א ליטעראטור, און ווען די געזעלשאפט פון וועלכער זי געהט ארויס מוז ניט, ווי די ענגלישע צ. ב., אויסהערען יעדען טאג אנקלאגען, שפאטעריי און אפילו קללות פאר איר חניפה און פאר איר בויגען זיך צו דער קאנווענציאנאליטעט, נאר, פארקערט, איז גאר איבערצייגט אין איר פרייזיניגקייט און יעדען טאג ברענגט מען נאך איר דערפאר ווייהרויך אונטערען נאז, דאן מוזען דיעני־גע, וועלכע וואלטען זאנסט פילייכט דער ליטעראטור געקענט ניי בלוט אריינפליסען, באזיצען גאנץ באזונדערע אייגענשאפטען און פעהיגקייטען. דער סאלדאט, וועלכער איז באשיצט פון א וואל, דארף קיין באזונדערען מוט ניט כדי צו שיסען אויפ'ן פיינד; אבער אויב מען האט אים געפירט אזוי שלעכט, אז ער געפינט ניט קיין צודעק, דאן דארף מען זיך ניט וואונדערען ווען ער פאר־לירט דעם מוט.

א פארקייטלונג פון פארשיידענע אורזאכען האט געבראכט דערצו, וואס די דענישע ליטעראטור האט ווענינער ווי די גרע־סערע ליטעראטורען געארבייט אין דינסט פון פארשריט. אפילו די אומשטענדען וואס האבען באגינסטיגט די אנטוויקלונג פון אונזער ליטעראטור זיינען אונז דא געווען א שטערונג. איך וועל דא אנווייזען אויף דעם שטריך פון קינדישקייט אין דעם דעני־שען פאלקס־כאראקטער. דיזער אייגענשאפט האבען מיר עס צו פארדאנקען די נאאיוויטעט פון אונזער פאעזיע וואס איז כמעט איינציג אין איר מין.

נאאיוויטעט איז א העכסט פאעטישע אייגענשאפט און מען געפינט זי כמעט ביי אלע אונזערע דיכטער פון אהלענשלעגער און איגגעמאן ביז אנדערסען און האסטרופ. אבער נאאיוויטעט איז

ניט קיין רעוואָלוציאָנערע נייגונג. דאַן ווייז איך אַן אויפ'ן שטאַרק אַבסטראַקטען אידעאַליזם פון אונזער ליטעראַטור. זי האָט ניט צו טאָן מיט אונזער לעבען, נאָר מיט אונזער טרוימען. דיעזער אידעאַליזם, ווי דער אידעאַליזם און די מורא פאַר דער ווירקליכ־קייט אין אַלע ליטעראַטורען, האָט זיין אורזאַכע דערין, וואָס אונ־זער פּאָעזיע האָט זיך אַנטוויקעלט אין אַ יאָמערליכען און געבראָ־כענעם פּאָליטישען צושטאַנד אַלס אַ מין טרייסט נעגען דער שווער־קייט פון דעם רעאַלען לעבען, אַלס אַ מין גייסטיגער געווינס וואָס האָט באַדאַרפט טרייסטען פאַר די מאַטעריעלע פאַרלוסטען. אָבער זי האָט אויפבאַוואַרט, אַלס אַנדענקען, אַ מין טראַגישען באַוואוסט־זיין פון דאָס וואָס האָט געפעלט.

עס טרעפט אָפט דעם דענמאַרקער אין אויסלאַנד, אַז אַ פרעמ־דער, ריידענדיג וועגען דענמאַרק, שטעלט אים די פראַגע: „ווי אַזוי קען מען קריגען אַ באַגריף וועגען די שטרעבונגען פון אייער לאַנד? האָט די ליטעראַטור פון אייער צייט אַנטוויקעלט אַזאַ אָדער אַן אנדער קלאָר אָבגעצייכענטען און לייכט אויפנעמבאַרען טיפּ?” דער דענער וועט פון אַזאַ פראַגע בלייבען אין אַ פאַרלע־גענהייט. מיר וויסען אַלע אונגעפער וואָס פאַר אַ סאָרט און קלאַס טיפּען דאָס אכצענטע יאָרהונדערט האָט איבערגעלאָזט דעם נייִנצענטען. לאָמיר אָנרופען אַ פּאָר פון די הויפּט רעפּרעזענטאַנ־טען אין אַן איינציגען לאַנד, ווי דייטשלאַנד. דאָ איז נאַטהאַן דער ווייזע, דער אידעאַל פון דער אויפקלערונגס־פעריאָדע, וואָס מיינט טאָלעראַנץ, איידעלע הומאַניטעט און דורכגעקלערטער ראַציאָנאַ־ליזמוס. מען קען קוים זאָגען, אַז מיר דענער האָבען דיזען אי־דעאַל אויפגענומען אָדער אים ווייטער אַנטוויקעלט, אַזוי ווי אין דייטשלאַנד צ. ב. איז דאָס געטאָן געוואָרען דורך שלייערמאַכער און דערנאָך דורך אַזוי פיעל אַנדערע. מינסטער איז געווען אונ־זער שלייערמאַכער, אָבער וואָס פאַר אַ מרחק עס ליגט צווישען שלייערמאַכער'ס פרייזיניגקייט און מינסטער'ס אָרטאָדאָקסיע! און שריט פאַר שריט האָבען מיר זיך פון דעם ראַציאָנאַליזמוס דערווייטערט, ניט אויפנעמענדיג אים און ניט געבענדיג אים קיין ווייטערע אַנטוויקלונג. קלאַוזען איז אַ צייט לאַנג געווען זיין וואָרטפירער, אָבער ער איז עס ניט מער. נאָך הייבערג קומט מאַר־

טענסען, און מארטענסענ׳ס „ספּעקולאַטיווע דאָגמאַטיק" האָט פאַרביטען די „קריסטליכע דאָגמאַטיק". אין אָהלענשלעגער׳ס דיכטונגען וויהט נאָך אַ ראַציאָנאַליסטישער הויך, אָבער דער דור פון אָהלענשלעגער און אָערסטעד ווערט גע׳ירש׳עט פון דעם דור פון קיערקעגאַארד און פאַשודאַן־מיללער.

די דייטשע ליטעראַטור פון 18טען יאָרהונדערט האָט אונז איבערגעגעבען נאָך אַנדערע פּאָעטישע אידעאַלען. אַזאַ איז ווערטהער, דער אידעאַל פון דער שטורם־און־דראַנג פּעריאָדע, ד. ה. דעם קאַמפּף פון דער נאַטור און דעם געפיהל געגען דער קאָנווענציאָנעל־איינגעאָרדענטער געזעלשאַפט; דאַן פאַוסט, דער פאַרקערפּערטער גייסט פון דער נייער צייט און איר ערקענטניש, וועלכער, ניט צופרידען מיט דעם וואָס די אויפקלערונגס־פּעריאָדע האָט ערוואָרבען, שפּירט אַ העכערען שטאַנדפּונקט, אַ העכערעס גליק און אַ טויזענדפאַך העכערע מאַכט. ווייטער קומט ווילהעלם מייסטער, דער טיפּ פון דער הומאַנער בילדונג, וועלכער געהט דורך די גאַנצע שולע פון לעבען און ווערט פון אַ לעראינגעל אַ מייסטער, וועלכער הויבט אָן מיט אַ געיעג נאָך אידעאַלען און ענדיגט מיט געפינען דעם אידעאַל אין דער ווירקליכקייט, אַזוי אַז די ביידע באַגריפען פאַרשמעלצען זיך אין איינס. דאַן געטהע׳ס פּראָמעטהעאוס, וועלכער, בילדענדיג דעם מענשען, דריקט אויס ספּינאָזאַ׳ס פילאָזאָפיע אין באַגייסטערטע און ערהאַבענע ריטמען. און ענדליך מארקיז פּאָזאַ, די אמת׳ע פאַרקערפּערונג פון רעוואָלוציאָן, דער אַפּאָסטאָל און פּראָפעט פון פרייהייט, דער טיפּוס פון זיין דור, וועלכער, דערצאָרנט געגען אַלע אָבגעלעבטע טראַדיציעס, וויל דעם פאָרשריט מעגליך און די מענשהייט גליקליך מאַכען.

מיט אַזעלכע טיפּען הינטער זיך הויבט זיך אָן אונזער דענישע ליטעראַטור. בילדעט זי זיי ווייטער? מען קען דאָס ניט זאָגען. וואָרום אין וואָס וואָלט זיך דער פאָרשריט אויסגעדריקט? אין דאָס וואָס איז פון דעמאָלט אָן געשעהן. איך וויל דאָ פאָרשטעלען אין וואָס פאַר אַ פאָרמע ער האָט זיך אויסגעדריקט. איין שעהנעם טאָג, ווען ווערטהער איז ווי געוויינליך געגאַנגען שפּאַצירען און פול מיט פאַרצווייפלונג געטרוימט פון לאָטע, איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלען, אַז דער באַנד צווישען אַלבערט און

איר האָט נאָך אַלעמען אַ גאַנץ קנאַפּע באַדייטונג און ער נעמט זי צו פון אַלבערט'ן. איין שעהנעם טאָג איז מאַרקיז פּאַזאַ מיאוס געוואָרען צו פּרעדיגען די פרייהייט אויף די טויבע אויערען פון דעם טיראַן אין פיליפּ דעם צווייטענ'ס הויף, האָט ער אַריינגעזעצט אַ שווערד אין זיין הארצען — און פּראָמעטהעאוס האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פעלז און האָט אויפגעטרייסעלט דעם אָלימפּוס, און פאוסט, וועלכער איז געפאַלען אויף די קניה פאַר דעם ערד־גייסט, האָט באַזיגט זיין ערד און האָט זי אונטערטעניג געמאַכט צו זיך מיט דער הילף פון דעם דאַמפּף, דער עלעקטריציטעט און דער מעטאָדישער פאָרשונג.

לאָמיר איצט זעהן אין וואָס פאַר אַ געשטאַלט עס באַווייזט זיך אונזער באַגינענדע פּאָעטישע ליטעראַטור? דיזע געשטאַלט איז „אַלאַדין.“ אַלאַדין איז דער גליקליכער, ווי עס האָט אים געשילדערט שילער אין זיין געדיכט „דאָס גליק“, און אַלאַדין באַדייט דאָס רעכט פון דער פּאָעזיע און דער נאַאיוויטעט צו עקזיסטירען און צו זינגען. עס איז אַ דיכטונג וועגען דער דיכטונג, עס איז די פּאָעזיע וואָס טרעט אַרוים פאַר איר אייגענעם רעכט, די פּאָעזיע וואָס באַטראַכט זיך אַליין אין שפּיגעל און דערזעהט פאַרוואונדערט איר אייגענע שעהנקייט, אָבער וואָס קען עס ניט טאָן צו לאַנג, אָהן דער געפאַר צו ווערען, אַלס שטראָף, אַ שלאַפער און תאווה'דיגער נאַרציסוס. און נאָך אַ שטריך: אַלאַדין איז דער זשעני, און מיט דעם גאַנצען הויכען מוט פון דעם געטליך באַגאַבטען גייסט זעצט אָהלענשלעגער אַרונטער פון טראָן די פאוסט־געשטאַלט, פאַרוואַנדעלט פאוסט'ן אין אַ נורעדין, און לאָזט דיזען פאוסט ענדיגען ווי אַ וואַגנער. איך האַלט זיך איין פון אויסצוגיסען מיין כמעט גרעניצלאָזע באַגייסטערונג פאַר דיזען געדיכט און זעץ פאָר מיין געדאַנקען־גאַנג. אַלאַדין איז דער זשעני, אָבער וואָס פאַר אַ סאָרט זשעני? צו וועלכען מין גע־ניאַלע נאַטורען איז ענליך דיזעם בילד? צו גייסטער פיליכט ווי אָהלענשלעגער אַליין אָדער ווי זיין צייט גענאָסע לאַמאַרטין, אָבער זיכער ניט צו גייסטער ווי שעקספּיר, ווי לעאָנאַרדאָ, ווי מיקעל אַנדזשעלאָ, בעטהאָווען, געטהע און שילער, הוגאָ און בייראָן, און וועניגער ווי אַלץ נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט פיליכט אַם מער־

סטען געגעבען דעם אָנשטויס צו „אַלאַדין." וואָרום דער זשעני איז ניט דער זשעניאַלער פוילענצער, נאָר דער זשעניאַלער ארביי־טער, און די איינגעבאָרענע באַגאַבטקייט איז נאָר די וועדקציינ, אָבער ניט דאָס ווערק.

דאן קומען פיגורען ווי אָהלענשלעגער׳ס נאָרדישע העלדען־געשטאַלטען, האָקאָן, פאַלאַנטאָקע, האַגבאַרטה, אידעאַלען פון קראַפט און ליבע, וועלכע אָבוואָל ניט געשאַפען מיט גענוג קראַפט פון פאַנטאַזיע צו מאַכען זיי פאַר אַנטיקע פּערזאָנען, שטעהען זיי דאָך גענוג ווייט פון אונזער צייט אום צו האָבען אַ ווירקליכע פאַרהעלטניש מיט איר. ביי זייער גאַנצער שעהנקייט זיינען זיי צו אַבסטראַקט און אידעאַל אום אָבצושפּיגלען מער ווי אונפאָלקאָם די צייט אין וועלכער זיי זיינען אַנטשטאַנען, און זייער פּראַקטישע ווירקונג איז שוין דערמיט אַליין שטאַרק באַגרעניצט, וואָס זיי טרעטען אויף אַלס אידעאַלען פון פאַרצייטען. אין זיי ווערט ניט אויסגעדריקט דער זעלען־אינהאַלט פון דער מאָדערנער צייט; די היינטיגע פסיכאָלאָגיע ווערט בכיוון צוריקגעשטויסען, און עס ווערט געמאַכט דער פאַרזוך צו דערוויטערען אַלץ וואָס איז ספּע־ציפיש אָדער איז צווייפעלהאַפט מאָדערן. עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכען זיי מיט די העלדען פון דער דעמאָלדיגער ביהנע, מיט די געשטאַלטען פון וויקטאָר הוגאָ. דיזע זיינען פיליכט הינטערשטעליג צו די ערשטע אין פּאָעטישער הינזיכט. אָבער מען פיהלט שטאַרקער דאָס ווערען פון אַ נייער צייט ווען מען זעהט הוגאָ׳ס צאָרניגע פלעבייער שפּאַנען איבער דער סצענע. דעריבער טאַקע זיינען וויקטאָר הוגאָ׳ס אַלע ערשטע טראַגעדיען פאַרבאָטען געוואָרען פון דער עקזיסטירענדער רעגירונג — אַ זאַך וואָס האָט קיינמאָל ניט פּאַסירט מיט אַ דענישער דראַמע, און וואָס קען אויסגעטייטשט ווערען ווי מען וויל, ענטוועדער אַלס אַ צייכען פון דעם ריין פּאָעטישען, אָדער פון דעם ריין ווירקונגסלאָזען כאַ־ראַקטער פון אונזער פּאָעזיע. נאָך מער אַבסטראַקט, מען קען זאָגען בלוטלאָז ווערען די טיפּען פון אַ ליטעראַטור־גרופּע, וועל־כע האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן אָהלענשלעגער׳ס דראַמאַטישע אַר־בייטען און באַהאַנדעלט אונזער מיטעלאַלטער, נאָכדעם ווי יענע האָבען באַהאַנדעלט אונזער פאַרגאַנגענהייט. איך מיין אינגע־

מאַנ׳ס ראָמאַנען. די לעבענס־ערפאַרונג און דער לעבענס־שטוד־יום, אויף וועלכע דיזע ראָמאַנען באַרוהען, איז זעהר אונבאַדייַ־טענד. זיי האָבען אַן אַנדער ווערט, אָבער צום לעבען האָבען זיי קיין אָדער כמעט קיין פאַרהעלטניש ניט, אָבוואָל זיי געהערען צו די ביכער וועלכע האָבען גראַד די גרעסטע פּראַקטישע ווירקונג געהאַט. זיי געהערען צום זשאַנר פון היסטאָרישע ראָמאַנען וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין סקאָטלאַנד און איז יעצט פאַרלאָזען, אַ זשאַנר וואָס איז ערפונדען געוואָרען פון אַ ריין־בלוטיגען טאָרי; וואָס איז געבאָרען געוואָרען פון אַ גייסטיגען צושטאַנד, וועלכער האָט, ווי אונזערער, אַלע זיינע אידעאַלען געשעפּט פון דער פאַר־גאַנגענהייט.

פון אַזאַ גייסטיגען צושטאַנד זיינען אַלע גרויסע פּאַסירונגען פון דעם יאָרהונדערט אָבגעשפּרונגען. דער גריכישער פרייהייטס־קריג, דער אויסברוך פון וועלכען האָט אַנדערש־וואו געגעבען דעם סיגנאַל צו אַזעלכע געוואַלטיגע ליטעראַרישע איבערקערענישען, וועלכער האָט אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד געגעבען אַ טויט־קלאַפּ צו אַלטע שולען און אויפגעוועקט נייע, וועלכער האָט אַ גאַנצע מחנה שריפטשטעלער געפירט צו ענדערען זייער אנשוי־אונגס־וועלט און אַריינצוטרעטען אין דינסט פון דער אָפּאָזיציאָן, האָט אין דער פּאָעזיע פון דענמאַרק ניט איבערגעלאָזט כמעט קיין אַנדער שפּור ווי יענע באַרימטע צייַלען אין הייבערג׳ס „קעניג סאַלאָמאָן און דער הוטמאַכער פירגען”: „וואָס דענקט דער הער באַראָן פון די גריכישע אַנגעלעגענהייטען?” אַזאַ פּאַסירונג ווי די יולי־רעוואָלוציע פון 1830 האָט ביי אַזאַ מוטיגען און פריי־זיניגען גייסט ווי פּאַול מעללער קיין אַנדער מאָנומענט זיך ניט געשטעלט ווי יענעם, זאָנסט אַזוי שעהנעם און כאַראַקטעריסטישען געדיכט „דער קינסטלער צווישען די רעבעלען”, אַ געדיכט, וואָס, דורך זיין לאָיאַליטעט, דורך זיין עסטעטישער גלייכגילטיגקייט צו אַלע געשעהענישען אין דער אויסענוועלט און דורך זיין גרעניצ־לאָזער פאַראַכטונג צו אַלע געזעלשאַפטליכע באַוועגונגען, שילדערט אָב די גאַנצע עפּאָכע אין דענמאַרק. פאַר פּאַול מעללער האָבען זיך די רעוואָלוציאָנען ווירקליך פּערזאָניפיצירט אין „צוויי אַפּיקורסישע אינגלעך און איין קרומען רעדאַקטאָר.” בייראָנ׳ס

פּאָעזיע, וואָס האָט באהערשט דאָס האַלבע יאָרהונדערט און איז דורך זיין העלדישען טויט פארפלאַנצט געוואָרען איבער דער גאַנ־צער וועלט, האָט דערלאַנגט אויך צו אונז, אָבער נאָר די פאָרמע איז דאָ געפעלען געוואָרען און מען האָט זיך שטארק געהיט נים אָנצואייגנען די געדאַנקען און טיפען. איינער פון אונזערע איי־דעלסטע און שעהנסטע דיכטער־נאַטורען, דער זוהן פון א בישאָפּ, פרעדעריק פּאַלודאַן־מיללער, האָט איבערגענומען די פערזמאָס, דעם ריטמוס, די ביימונג פון שטימונגען, דאָס זאָנדערבאַרע שוואַנ־קען הין־און־הער צווישען פּאַטאָס און איראָניע אין בייראָנ׳ס העל־דען־געדיכטען, אָבער נאָר אום צו באַנוצען דיזע פאָרם פאַר די בירושה איבערגענומענע געדאַנקען און געפיהלען. ער גיסט אריין אַלטען ווייַן אין די נייע כלים און אַנטוויקעלט זיין פּאָעזיע צו א באַגייסטערטען רוף צו אסקעטישער מאָראַל און דער שאַרפסטער אָרטאָדאָקסיע.

איינע פון די אורזאַכען פאַר דיזער ערשיינונג דאַרף זיכער געזוכט ווערען אין דעם כאַראַקטער פון יענעם געזעלשאַפטליכען קלאַס, וועלכער האָט אין דיזער צייט געשאַפען נים נאָר אונזער דענישע שעהנע ליטעראַטור נאָר אויך צום גרויסען טייל אונזער וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור. בשעת פראַנקרייכ׳ס און ענגלאַנד׳ס ליטעראַטורען זיינען אַנטוויקעלט צומייסט פון אונאָבהענגיגע, צום טייל פון הויכגעשטעלטע מענער מיט א פרייען בליק און ווייטען געזיכטס־קרייז, און בשעת די דייטשע ליטעראַטור טראָגט איר פראָ־פעסאָרישען שטעמפּעל טראָגט דעם כאַראַקטער פון גייסטיגער אונאָבהענגיגקייט, וועלכע איז אין דער צייט פון דער פּאָליטישער אומפרייהייט פון די דייטשען געווען דאָס טייערסטע גוט פון דער נאַציאָן, ווערט אונזער נייערע ליטעראַטור געשאַפען צום גרעסטען טייל פון קליינע בעאַמטע, אָדער אין בעסטען פאַל פון מענשען מיט אַן ענגער „קאַזיאָנער״ שול־בילדונג. אין דער צייט וואָס דער פראַנצויזישער און ענגלישער אַדעל, די גרויסע גוטבאַזיצער, די גרויסע פּאָליטיקער, האָבען געליפערט באַדייטענדע בייטרא־גען צו דער ליטעראַטור פון זייער לאַנד; אין דער צייט וואָס זייערע פראָפעסיאָנעלע שרייבער האָבען אָפט געלעבט דערוויי־טערט פון זייער געוויינליכען בירגערליכען לעבען אַלס רייזענדע

אָדער באָהעמיענס, האָט אונזער אָדעל, דער אַלט־דענישער אַזוי גוט ווי דער שפּעטערער, קיין ראָלע ניט געשפּילט אין אונזער נייער ליטעראַטור. דאָסזעלבע איז אמת וועגן דעם פאַרמעגליכען בירגערשטאַנד, און אַ פּאָר ציגיינער־עקזיסטענצען האָבען קוים וועלכע עס איז באַדייטונג געהאַט — אונזער ליטעראַטור און אונזער קולטור איז אַרויסגעקומען פון דער קאָפּענהאַגענער אוניווערזיטעט און פון דער גייסטליכקייט אויפ׳ן לאַנד. אַ גאַנצע, גאָר ניט לפי ערך גרויסע צאָל פון די טאָנגעבער זיינען געווען גלחים, זיהן פון גלחים אָדער טעאָלאָגישע קאַנדידאַטען. אַזוי שטאַרק איז דער טעאָלאָגישער איינפלוס געווען, אַז ווען מען זאָל זיך פאָרשטעלען אַ לאַנד די גרויס ווי דענמאַרק און פאַרוואַלטעט אַזוי ווי כינאַ, און מען זאָל זיך ווייטער פאָרשטעלען אַ געזעץ, וואָס זאָל אין משך פון אַ געוויסער צייט געבען בלויז צו טעאָלאָגישע קאַנדידאַטען שטימרעכט אין דער ליטעראַטור און די אויטאָריטעט צו באַאַרבייטען די דרויסענדיגע קולטור, וואָלט עס געווען אָן אינטערעסאַנטע אויפגאַבע צו אונטערזוכען מיט וואָס אַזאַ, פון טעאָלאָגען פאַרפאַסטע ליטעראַטור, וואָלט זיך אונטערשיידט פון אַ גרויסער פעריאָדע און גרופּע פון אונזער ליטעראַטור.

עס שיינט אַזוי ווי מיר וואָלטען ניט געקענט אויסדריקען עטוואָס טיפּישעס אין אַן אַנדער פאָרמע ווי אין דער אַבסטראַקט קאַריקאַטורנער. נאָך אַלע יענע פּאָזיטיווע געשטאַלטען האָט נאָכגעפאָלגט אַ רייה נעגאַטיווע בילדער. הייבערג קלייבט צוזאַמען די כאַראַקטער־שטריכען פון אַלע זיינע וואָדעווילען אין איין בילד פון דעם קאָפּענהאַגענער בורזשואַ אין דעם געדיכט „אַ זעלע נאָכ׳ן טויט״, און פּאַלודאַן־מיללער שרייבט זיין מייסטערווערק „אַדאַם האָמאָ„, וואָס, שטרענג גענומען, איז דער איינציגער ווירקליך טיפּישער, און פאַר אַ פרעמדען בעלערנדער דענישער ראָמאַן. דיזער ראָמאַן שטעלט פאָר די גאַנצע עסענץ פון דער שלאַפקייט און נישטיגקייט פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציאָן. אַדאַם האָמאָ איז דער מענש אין אַלגעמיין, יאָ, אָבער דער מענש פון דער צייט פון קריסטיאַן דעם 8טען. גלייכצייטיג פאַרלירט זיך ביי אונז אין דערהיים די אימפּאָרטירטע פילאָזאָפישע באַוועגונג, די אויפשפּראָצענדע העגעלשע שולע שטאַרבט אָפּ, הייבערג ווערט פאַר־

ביטען דורך קירקעגאארד, און די ליידענשאַפט צו דענקען — דורך דער ליידענשאַפט צו גלויבען. די פילאָזאָפישע באַוועגונג הערט פאַרלויפיג אויף, ניט האָבענדיג באַשאַפען קיין בוך, וועך רעדט נאָך א ווערק, און די עטיש־רעליגיעזע טענדענץ, וועלכע הויבט זיך יעצט אָן, געפינט איר פּאַראַלעל און איר פאָרזעצונג אין דער פּאָ־עזיע. א גרופּע פון שעהנע אָבער קינדישע פויערעם־נאָוועלען, די פּאסטוכער־סצענעם פון ניינצענטען יאָרהונדערט, זיינען געקומען מיט'ן רעליגיעזען שטראָם. אָבער העכער און העכער שטייגט דער ענטהוזיאַזם פאַר פּאָזיטיווער רעליגיאָן און אסקעטישער מאָראַל. מען איבערשטייגט איינע די אַנדערע אין אויפטורמען אידעאַלען, פון וועמעס שווינדלענדיגער הויך די ווירקליכקייט ערשיינט נאָר ווי א ווייט ליגענדע שווארצע פּינטעל.

וואוהין האָט דיזע שטרעמונג געפירט? צו געשטאַלטען ווי פּאַלודאַן־מיללער'ס „קאלאנוס", וועלכער אין עקסטאַז פאַרברענט זיך אליין אויפ'ן שייטערהויפען, און ווי איבסענ'ס „בראַנד", וועמעס מאָראַל, ווען מען זאָל זי פאָלגען, וואָלט געפירט א האַלבע מענשהייט צו פאַרהונגערען אוים ליבע צום אידעאַל.

און דערמיט האָבען מיר געענדיגט. אין ערגעץ ניט אין גאַנץ אייראָפּאַ אזעלכע ערהאַבענע אידעאַלען, און אין ווייניג ער־טער א מער פלאַטשיג גייסטיג לעבען! וואָרום מען מוז דאָך אין העכסטען גראַד נאַאיוו זיין אום צו גלויבען אז אונזער לעבען איז ענליך צו יענע טיפען. אזוי שטאַרק איז די שטרעמונג גע־ווען, אז אפילו אזא רעוואָלוציאָנער געניינגטע נאַטור ווי איבסען איז אין איר אריינגעצויגען געוואָרען. איז „בראַנד" רעוואָלו־ציאָן אָדער רעאַקציאָן? איך ווייס ניט וואָס צו זאָגען, אזוי פיעל האָט דאָס דאָזיגע געדיכט פון דאָס איינע ווי פון דאָס אַנ־דערע.

די צוויי גרויסע גרונד־געדאַנקען פון 18טען יאָרהונדערט זיי־נען געווען די: אין דער וויסענשאַפט די פרייע פאָרשונג, אין דער פּאָעזיע די פרייע אַנטוויקלונג פון דער הומאַניטעט. דאָס וואָס האָט זיך ניט באַוועגט מיט דיזען שטראָם דאָס פאַלט און נעמט די ריכטונג צו ביצאַנץ. וואָרום אויסערהאַלב דיזער באַ־וועגונג זיינען אַלע באַוועגונגען ביזאַנטיניש. אין דער וויסענ־

שאפט — ביזאַנטינישע סקאָלאַסטיק, אין דער פּאָעזיע — געשטאַלטען און גייסטער, וואָס זיינען ניט ענליך צו געוויינליכע געשטאַלטען און גייסטער, זיינען איינפאָרמיג און אַבסטראַקט.

ניט אַן איינוואוינער פון סיריוס, וועלכער האָט דורכגעלעזען נאָר אונזער דענישע קלאַסישע מאָדערנע פּאָעזיע, אַ פּאָר אויסלענדישע דראַמען אין האַנד, צ. ב. אַלעקסאַנדער דומאַ'ס „דער אומגעזעצליכער זוהן", עמילי אָזשיער'ס "Le fils de Giboyer" אָדער "Les Effrontes" און ער וועט באַקאַנט ווערען מיט אָהן אַ שיער געזעלשאַפטליכע צושטענדען און פּראָבלעמען וועלכע ער האָט ניט געקענט, ווייל זיי עקזיסטירען, אמת, אין אונזער געזעלשאַפט, אָבער ניט אין אונזער ליטעראַטור. וואָרום אַלס געגענגעוויכט צו דעם מאָראַלישען דראַנג באַווייזט זיך אימער אַ מאָראַלישע קליינליכקייט. וואָס האָבען מיר געמאַכט פון יענעם ערשטען אויפשוואונג, ווען מען האָט ביי אונז, ווי איבעראַל אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט צום ערשטען מאָל דערזעהן אַ פּאָעזיע הינטער די דריי איינהייטען, אַ גליק פון ליבע הינטער דער קאָנווענציאָנעלער הייראַט, אַ וואַרהייט הינטער די דאָגמען, אַ גלייכהייט הינטער דעם קלאַסען־אונטערשייד און דער ראַנג־אָרדנונג, אַ פרייהייט הויך איבער'ן צוואַנג פון דער קאָנווענציאָנאַליטעט, דער געזעלשאַפט און דער אַלטעגליכער מאָראַל!

אָהלענשלעגער האָט באַפרייט די דענישע פּאָעזיע פון דער מאָראַל פון דער פּעריאָדע פון אוטיליטאַריזם. ער האָט געזיגט, אָבוואָל נאָך אַ האַרטען קאַמפּף, און די פּאָעזיע איז געוואָרען פריי. הייבערג האָט פּונקט אַזוי ערפאָלגרייך געבראַכט די לאָגיק צו חשיבות ווי יענער די פּאָעזיע, ער האָט עמאַנציפּירט די עסטעטישע קריטיק פון דער סענטימענטאַלער באַאורטיילונג און האָט עראָבערט פאַר דער פילאָזאָפיע אַ נייעם געביט. דאַן איז געקומען דער ערשטער פאַרלאַנג נאָך פּאָליטישער פרייהייט. אָבער די פאָנענטרעגער פון דער ליטעראַטור האָבען געענטפערט: „וואָס רופט איר צו פּאָליטישער פרייהייט? די אמת'ע פרייהייט איז די איינענע אינערע פרייהייט פון דעם ווילען, אָט ד י פרייהייט צו קריגען איז אייך שטענדיג ערלויבט, און ווען איר האָט די, איז די אַנדערע אָהן יעדער באַדייטונג."

און מען האָט געשריבען גרויסע מעטאפיזישע אַבהאַנדלונגען איבער דער פרייהייט פון ווילען, איבער דעטערמיניזמוס און משוגעת; מען האָט געשריבען נייע פּאָליטישע טראַקטאַטען איבער פרייהייט און קאָנסטיטוציאָן און מען האָט באַוויזען אז אַ לאַנד באַזיצט אַ קאָנסטיטוציע אפילו אָהן קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונגס־פאָרם, אמת'ע פרייהייט אפילו אָהן פאָרמולירטע פרייהייטען; אָבער עס איז דאָך ניט געלונגען צו באַרוהיגען די געמיטער און מיר האָבען ענדליך געקראָגען פּאָליטישע פרייהייט. דאַרף ניט די באַדינגונג פאַר וויטערען פאָרשריט ווידער ווערען דער לאָזונג — פרייהייט, גייסטיגע פרייהייט, און עס זאָל אויפקלינגען דער רוף: מיר ווילען דעם פרייען געדאַנק און די פרייע הומאַניטעט? עס וועט דאָן ניט העלפען וואָס מען וועט ענטפערען: „וואָס שרייט איר וועגען פרייהייט, איר האָט יעדע פרייהייט וואָס איר קענט נאָר ווינשען", און מען מיינט די פּאָליטישע פרייהייט. מען וועט זיך מיט דיזער ניט צופרידענשטעלען. עס איז ניט אזוי די אויסערע געזעצען וואָס מען מוז ענדערען, אָבוואָל די אויך; עס איז פיעל מער די גאַנצע געזעלשאַפטליכע אַנשויאונג, וועלכע דער יונגער דור מוז פון גרונד אויס אומשאַפען און ערהויבען איידער אַ נייע ליטעראַטור וועט קענען אויפשפּראָצען. די הויפט אַרבייט וועט זיין דורך אַ רייהע קאַנאַלען צו ציהען קיין דענמארק די שטרעמונגען וועלכע האָבען זייער קוואַל אין דער רעוואָלוציאָן און די אידעען פון פאָרשריט, און אָבצושטעלען די רעאַקציאָן אויף אַלע פונקטען וואו איר אויפגאַבע איז היסטאָריש געענדיגט.

# פראנצויזישע עמיגראנטען ליטעראטור

דער איבערגאנג פון דעם אכצענטען צום נײנצענטען יאָר־
הונדערט איז אין פראנקרײך געשעהען אונטער עטליכע מאָל װי־
דערהאָלטע סאָציאלע און פּאָליטישע אױסברוכען, װאָס האָבען
ביז דאָן קײן גלײכען ניט געהאַט אין קראַפט און אומפאנג. די
נײע זאַמען, װאָס די גרױסע אידעען און געשעהענישען פון דער
רעװאָלוציאָן האָבען פארזײהט, האָבען ניט מיט אמאָל אױפגע־
שפּראָצט אין דער ליטעראַטור. זײ האָבען זיך ניט געקענט דורכ־
שלאָגען, װאָרום צװײ מאָל אין א קורצען משך צײט האָט זיך
איבער פראנקרײך דורכגעטראָגען, װי א צושטערענדער װאלץ, א
טיראַנײ, װאָס האָט פארניכטעט יעדע פּערזענליכע פרײהײט:
צוערשט די דיקטאַטור פון דעם קאָנװענט, נאָכער, — פון דער
אימפּעריע. דער ערשטער טעראָר האָט אײנגעשראָקען, גילאָ־
טינירט, פארטריבען אין גלות יעדעם אײנעם, װעמעס פּאָליטישע
פארב האָט ניט געשטימט אױף א האָר מיט דעם קאָליר פון דעם
דעמאָלט הערשענדען פאָלקס־גײסט — די אַריסטאָקראַטיע, דאָס
קעניגליכע הױז, די גײסטליכקײט, די זשיראָנדיסטען זײנען אונ־
טער דעם װאלץ געמאָלען געװאָרען און די פארפאָלגטע זײנען
געפלױגען אין די שטילע װילאַס פון דער שװײץ אָדער אין די
אײנזאַמע סטעפּעס פון נאָרד־אַמעריקע אום זיך צו רעטען פון דעם
שיקזאַל װאָס האָט געטראָפען זײערע נאָהנטסטע און געשראָקען
זײ אַלײן. דער צװײטער טעראָר האָט געמאַטערט, גע׳יאָגט, פאר־
שפּאַרט אין געפענגנים, געשאָסען, געשטיקט און געטריבען פון
לאַנד יעדען אײנעם װעמען ער האָט ניט געקענט אַנדערש צװינ־
גען צו שװײגען — א שװײגען װאָס האָט געמעגט אונטערבראָ־
כען װערען בלױז מיט הורא־געשרײען פאר׳ן קעניג, — און לעגי־
טימיסטען און רעפּובליקאַנער, קאָנסטיטוציאָנאַליסטען און ליבע־
ראַלען, פילאָזאָפען און דיכטער זײנען אַלע גלײך געריבען געװאָ־

רען אונטער'ן וואַלץ אויב זיי האָבען, צוזייהטע און צושפּרייטע אין אַלע עקען פון לאַנד, ניט אויסגעקליבען ליבער צו זוכען רע־טונג אויסערהאַלב דער אימפּעריע. און דאָס איז ניט געווען קיין לייכטע זאַך, וואָרום די אימפּעריע האָט זיי נאָכגעיאַגט פוס־טריט, אַזוי שנעל האָט זי זיך געשפּרייט, איינשלינגענדיג דייטשלאַנד און איטאַליען אין גרויסע ביסענס, ביז וואַנען קיין אָרט האָט ניט געשיינט זיכער פון אירע אַרמייען, וועלכע האָבען איבערגענומען פליכטלינגע אַפילו אין מאָסקווע.

אונטער דיזע ביידע גרויסע דעספּאָטיען האָבען פראַנצויזי־שע שריפטשטעלער געקענט שאַפען בלויז ווייט פון פאַריז, אין איינזאַמע ערטער פון דער פּראָווינץ אָדער אין דערפער, וואו די איינוואוינער האָבען זיך דעמאָלט געהאַלטען שטיל ווי טויטע; אָפטער אָבער גאָר אויסערהאַלב די פראַנצויזישע גרעניצען, אין דער שווייץ, אין נאָרד־אַמעריקע, אין דייטשלאַנד און ענגלאַנד. דען נאָר אין אַזעלכע ערטער האָבען געקענט עקזיסטירען די זעלבסטשטענדיגע גייסטער פון פראַנקרייך, און נאָר פון זעלבסט־שטענדיגע גייסטער ווערט אַ ליטעראַטור געגרינדעט און אַנטוויקעלט. די ערשטע פראַנצויזישע ליטעראַרישע גרופּע, אַלזאָ, וועל־כע איז אין אָנפאַנג פון נייצענטען יאָרהונדערט אַנטשטאַנען אין אַזוי פיעל פאַרשיידענאַרטיגע פונקטען, האָט איין געמיינזאַמען גרונד־שטריך: זי איז אָפּאָזיציאָנעל אין כאַראַקטער. איך וויל דערמיט ניט זאָגען אַז יענע שריפטשטעלער זיינען אַלע אייניג אי־בער געוויסע גרונד־פּרינציפּען — זיי זיינען אָפט אין העכסטען גראַד אונאייניג צווישען זיך — נאָר דער האַס צו דער טעראָר־הערשאַפט און צו די אויטאָקראַטישע שטרעבונגען פון נאַפּאָלעאָנ'ען פערבינדעט זיי אַלע. וואָס זיי זאָלען ניט האָבען געווען פריהער, און וואָס זיי זאָלען ניט ווערען שפּעטער נאָך דער צוריקשטעלונג פון דער מאָנאַרכיע: ליטעראַרישע רעפאָרמער, רעאַקציאָנערע לעגיטימיסטען אָדער אָנהענגער פון דער ליבעראַלער אָפּאָזיציע — אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט טראָגען זיי אַלע ווי איינער איין אַלגעמיינעם שטעמפּעל: זיי זיינען געגנער פון דער הער־שענדער מאַכט. און דערצו קומט נאָך אַן אנדער שאַרפער שטריך ביי זיי, זייער בשותפות'ע שווערע לאַגע אַלס די יורשים פון

18טען יאָרהונדערט וואָס עס האָט זיי איבערגעלאָזט אַלס ירושה די אימפעריע, געגען וועלכער זיי האָבען פראָטעסטירט. איינצעל־נע פון זיי וואָלטען זיך אם ליבסטען אָבגעזאָגט פון דער גאנצער ירושה מיט אירע חובות, אנדערע ווידער ווילען איבערנעמען די ירושה אָבער אָהן די חובות. אַלע פיהלען זיי, אז די גייסטיגע באוועגונג פון דעם נייעם יאָרהונדערט דאַרף ארויסגעהן פון אנ־דערע באגריפען ווי די אויף וועלכע דאָס אַלטע יאָרהונדערט האָט געבויט. ווען די טויערען פון דעם 19טען יאָרהונדערט עפנען זיך פאנאנדער שטעהען זיי אַלע מיט דורכדרינגענדע בליקען און פארקוקען אהין, זיי שפירען די קאָנטורען פון דעם נייעם, עס דוכט זיך זיי אז זיי פארנעהמען דאָס וואָס קומט, און זיי שטעלען זיך פאָר דאָס קומענדע און דריקען אוים זיין וועזען יעדער לויט זיינע פעהיגקייטען און פארלאנגען. אויף אזא אופן באקומען זיי אַלע דעם שטעמפעל פון עטוואָס פאָראויסלויפענדעס, פאָראוים־זאָגענדעס: זיי זיינען די ברענגער און טרעגער פון דעם גייסט פון דער נייער צייט.

אין פראנקרייך איז געוועז א ברייטערעס פעלד פאר נייע לי־טעראַרישע פראָבען ווי אין יעדען אנדערען לאנד אין אייראָפּאַ, וואָרום אין פראנקרייך האָט זיך די ליטעראַטור פון דעם 18טען יאָרהונדערט אנטוויקעלט אין א מין פאָרמאַליזם. די סאַלאָנען־און אקאדעמישע בילדונג האָבען זי ארייגגעצוואונגען אין געוויסע, איינמאָל פאר אַלע מאָל פעסטגעשטעלטע, שטייפע און מאָגערע פאָרמען. זי איז איינגעשנורט געוואָרען אין דעם אייזערנעם קאָר־סעט פון דעם אזוי גערופענעם „גוטען געשמאַק". פראנקרייך האָט לאנג פאָרגעשטעלט מיט זיך דעם ווידערשפרוך פון א לאנד מיט א פיבערישען פארלאנג פאר ענדערונגען אין אַלע אויסערליכע הינזיכטען, און וואָס איינמאָל הויבט זי אָן דיזען פארלאנג צו בא־פרידיגען ווייס זי זעלטען פון מאָס און גרעניץ, און צו דערזעלבער צייט שטאנדהאפט ביז'ן העכסטען גראד אין אַלץ וואָס אָנבע־לאנגט ליטעראַטור — אנערקענט אויטאָריטעטען, האַלט אוים אן אקאדעמיע, שטעלט מאָס און רעגעל העכער פון אַלץ. מען האָט אין פראנקרייך אומגעוואָרפען די רעגירונג, אויסגעהאַנגען אָדער פארטריבען די אונבאַליבטע אריסטאָקראַטען, אויפגעשטעלט א רע־

פּובליק, געפירט קריג מיט איירָאָפּאַ, אָבגעשאַפט דאָס קריסטענ־
טום, פּראָקלאַמירט דעם קולט פון א העכסטען וועזען, איידער עס
איז גאָר איינגעפאַלען צו ערקלערען קריג דעם אַלעקסאַנדרישען
פערז, אָבצופרעגען די אויטאָריטעט פון קאָרנעיל אָדער בואַלאָ,
אָדער צו וואַגען צו צווייפלען אַז די אָבהיטונג פון די דריי איינ־
הייטען פון דער דראַמע (צייט, אָרט, האַנדלונג) איז אַבסאָלוט
נויטיג צו דער רעטונג פון גוטען געשמאַק. וואָלטעיר, וועלכער
האָט פאַר וועניגע צווישען הימעל און ערד רעספּעקט געהאַט, רעס־
פּעקטירט די „אַלעקסאַנדרינער." ער שטעלט די גאַנצע טראַדי־
ציע אויפ'ן קאָפּ, ער באַנוצט די טראַגעדיע אַלס קאַמפּפס־וואַפען
געגען די מעכטע, וועמעס בעסטע שטיצע זי איז פריהער געוועזן,
נעמליך, די אויטאָקראַטיע און די קירכע, ער שליסט אויס אין
מערערע פון זיינע דראַמען די ליבע, וועלכע האָט ביז אהער גע־
גאָלטען אַלס הויפטזאַך אין א רעכטער טראַגעדיע, ער אהמט נאָך
שעקספּיער'ן, וועלכען זיין לאַנד האָט ניט געאַכט, אָבער ער וואַגט
ניט צו בארויבען דעם פערז פון א פּוס, צו ענדערען דאָס מינד־
סטע אין די אָנגענומענע פאָרמען פון גראַם, צו לאָזען די האַנד־
לונג דויערען לענגער ווי פיר־און־צוואַנציג שעה אָדער פאַרקומען
אין צוויי ערטער אין דעמזעלבען שטיק. עס איז אים ניט שווער
דעם קעניג דעם צעפּטער פון האַנד און דעם פּריסטער די מאַסקע
פון געזיכט צו רייסען, אָבער ער רעספּעקטירט דעם טראַדיציאָ־
נעלען שווערד אין מעלפּאָמענע'ס האַנד און די טראַדיציאָנעלע
מאַסקע אויף איר געזיכט.

עס איז געווען אַן אַנדער פאָלק ווי דאָס פראַנצויזישע, דאָס
פאָלק וועמען וואָלטעיר האָט שפּאָטיש געוואונשען מער פאַר־
שטאַנד און וועניגער קאָנסאָנאַנטען, וואָס האָט רעפאָרמירט די
ליטעראַטור און אומגעשאַפען די פּאָעזיע, אין דער צייט וואָס די
פראַנצויזען האָבען איבערגעקערט פּאָליטישע סיסטעמען און
מנהגים. עס זיינען געווען די דייטשען פון יענער צייט, יענע
גוטמוטיגע לייט פון וועלכע מען האָט אין פראַנקרייך קוים מער
געוואוסט ווי אַז זיי טרינקען ביר, רויכערען זייערע פּיפּקעס און
עסען קרויט אין ווינקעל הינטער'ן אויוון; אַז זיי לאָזען זיך
רוהיג מאַטערען פון א פּאָר טוץ קליינע, נאַרישע פּרינצען, אַז

אהן דעם מינדסטען פארלאנג נאך גלייכהייט טיטולירען זיי אין טיפסטער עהרפורכט זייערע עלטסטע אלס „ראט” און „גראף” א. ז. וו.; אז זיי פירען קריג נאר אום צו קריגען געשלאגען און דאס איבעריגע לעבען זיי פאטריארכאליש מיט זייערע ווייבער, וועלכע, ווי אמת'ע בריה־מאשינען, ברענגען אויף דער וועלט קינדער אויף קינדער — ז י י זיינען עס געווען וואס האבען געמאכט אין דער אינטעלעקטועלער וועלט גרעסערע עראבערונגען ווי די פראנצויזען אין דער געאגראפישער, שענקענדיג דער וועלט א נייע מעטאפיזיק, אזוי טיף און רייך, ווי מען האט עס ניט געזעהן זייט די טעג פון אריסטאטעל און די נעא־פלאטאניקער, א נייע פאעזיע, די שעהנסטע זייט שעקספיער'ס צייט, און זיי זיינען עס געווען וואס האבען באגרינדעט א נייע באהאנדלונג פון דער געשיכטע, דער מיטאלאגיע און דער דיכטקונסט; ווארום ביי זיי איז קיין זאך ניט פריי געווען, אויסער, איינציג און אליין, דער געדאנק.

די ליטעראטור, דעריבער, וואס האט זיך ביים שיידוועג פון יארהונדערט אנטוויקעלט אין פראנקרייך, איז שטארק באאיינפלוסט פון דייטשלאנד, ווי איבערהויפט הויבען די פעלקער ערשט יעצט רעכט אן צו קומען אין אונאונטערבראכענעם גייסטיגען פארקער מיט איינאנדער. די גרויסע איבערקערענישען, די מלחמות פון דער רעפובליק און דער אימפעריע, וועלכע האבען אלע פעלקער פון איירָאפא צוזאמענגעטרייסעלט, האבען זיי געלערנט גלייכצייטיג צו קענען איינס דאס אנדערע. אבער אם גרינדליכסטען איז דאך פון דער פרעמדער אומגעבונג באאיינפלוסט געווארען יענער מענשען־קלאס, וועלכער איז דורך אלע יענע גרויסע פאסירונגען געצוואונגען געווען צו א פעסטען און לאנגיעריגען אויפהאלט אויסערהאלב דעם פאטערלאנד. די באווירקונג פון א פרעמדען גייסט, וועלכע איז ביי דעם סאלדאט געווען פליהענדיג און פאראיבערגעהענדיג, איז געווען דויערהאפט און באדייטונגספול ביי דעם עמיגראנט. דער פראנצויזישער עמיגראנט האט געמוזט די פרעמדע שפראך לערנען מער ווי אויף אן אויבערפלעכליכען אופן, ווען אפילו נאר אום צו קענען געבען אונטערריכט אין זיין אייגענער שפראך. דורך אינטעליגענטע פראנצויזישע עמיגראנטען

איז יעצט פאַרשפּרייט געוואָרען אין פראַנקרייך די קענטניס פון
דער נאַטור און דער קולטור פון פרעמדע לענדער, און דעריבער,
ווען מען זוכט אַן אַלגעמיינעם נאָמען פאַר די ערשיינונגען וואָס
טויכען יעצט אויף אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, קען מען
קוים געפינען אַ בעסערע באַצייכנונג ווי די, וועלכע איך האָב אָנ־
געווענדט: ע מ י ג ר אַ נ ט ע ן ליטעראַטור.

דיזער נאָמען דאַרף אָבער ניט גענומען ווערען פאַר מער ווי
ער איז — אַ נאָמען; דען עס וואָלט געווען נאַריש ניט צוצו־
רעכנען אהער איינצעלנע, דורכאויס פאַרוואַנדטע ווערק פון שריפט־
שטעלער, וועלכע האָבען געלעבט אויסערהאַלב פאַריז אָדער אויי־
סערהאַלב פראַנקרייך, אָבער ניט זייענדיג דוקא קיין עמיגראַנטען.
פון דער אַנדערער זייט זיינען פאַראַן ווערק געשריבען פון עמי־
גראַנטען, וועלכע געהערען אָבער ניט לויט זייער גייסט צו דיזער
נייער און באַפרוכטענדער ליטעראַרישער באַוועגונג, נאָר צו דער
רעאַקציאָנערער רעסטאַוראַציאָנס-ליטעראַטור. דאָך פּאַסט דער
נאָמען גוט פאַר דער ערשטער גרופּע פראַנצויזישע ביכער, וועלכע
האָבען אַריינגעפירט דאָס נייע יאָרהונדערט.

דער עמיגראַנט איז לויט זיין וועזען נאָך, ווי שוין אָנגעדייט,
אָפּאָזיציאָנעל. אָבער זיין אָפּאָזיציאָן טראָגט אַ פערשיידענעם
כאַראַקטער, לויט דעם צי ער שטעהט געגען דער טעראָר־הערשאַפט
אָדער געגען דער אַבסאָלוטער אימפּעריע, און לויט דעם צי ער איז
אַנטלאָפען פון דער מאַכט פון דער ערשטער אָדער פון דער צוויי־
טער. זעהר אָפט איז ער אַנטלאָפען פון ביידע און זיינע מאָטיווען
פאַר אָפּאָזיציאָן זיינען דאַן פון אַ געמישטער נאַטור: ער טראָגט,
צום ביישפּיל, סימפּאַטיע פאַר דער רעוואָלוציאָן אין איר ערשטער
געשטאַלט, וועלכע האָט באַשרענקט די מאַכט פון דער מאָנאַרכיע,
אָדער פאַר דער געמעסיגטער רעפּובליק, און אַ העפטיגערען האַס
צו דער אימפּעריע ווי צום טעראָריזם. אָבער פון וועלכען כאַראַק־
טער די מישונג זאָל ניט זיין קען מען אויף דיזען פונקט שפּירען אַ
דאָפּעלטע שטרעמונג אין די ווערק פון דער עמיגראַנטען-ליטעראַ־
טור. אונמיטעלבאַר פאַרקערפּערט זי אין זיך אַ רעאַקציע געגען
דער ליטעראַטור פון דעם אַכצענטען יאָרהונדערט, געגען איר טרו־
קענעם ראַציאָנאַליזם, געגען איר חרם אויפ'ן טרוים און געפיהלס

לעבען, איר אונפארשטענדניש פאר געשיכטע, איר פארקוקען בארעכטיגטע נאציאנאלע אייגענטימליכקייטען, איר פארבלאזען באטראכטען פון דער נאטור און איר פאלשען בליק אויף רעלי־גיאן אלס א באוואוסטזיניגען באטרוג. אבער דאך איז אין אירע ווערק פאראן אן אונטערשטראם, וועלכער איז א דירעקטע פאר־זעצונג פון דער הויפטשטרעמונג פון דעם אכצענטען יארהונדערט: די שרייבער פירען אלע ווייטער דעם קאמפף געגען דער פארגלי־ווערטער טראדיציע, אייניגע נאר אין דער פאעזיע, אנדערע — אויף אלע געביטען פון גייסט. זיי זיינען אלע אונטערנעמערישע נאטורען, אנטדעקער־גייסטער, און דאס ווארט פ ר י י ה י י ט האט ביז יעצט נאך פאר קיינעם פון זיי ניט פארלארען זיין עלעק־טריזירענדען קלאנג. אפילו שאטאבריאן, וואס אין פאליטיק און רעליגיאן בילדעט ער דעם עקסטרעמען רעכטען פליגעל פון דער גרו־פע און מיט א טייל פון זיינע שריפטען געהער ער דורכאויס דער רעאקציע, באצייכענט שטענדיג „פרייהייט און עהרע" אלס זיין מאטא און ער קען דעריבער שפעטער אויך פאליטיש ענדיגען אלס אפאזיציאנעלער. די דאפעלטע שטרעמונג שפירט זיך איבעראל: ביי איהם, ביי סעינאנקור, ביי קאנסטאן, ביי מאדאם דע סטאל, ביי בעראנט, נאדיע א. ז. וו. און דיזע געגענזייטיגע פארהעלט־ניש צווישען רעאקציע און פארשריט וועלען מיר דארפען גלייך פון אנפאנג זארגפעלטיג אין זינען האלטען.

ריידענדיג וועגען דעם גייסט פון דעם אכצענטען יארהונדערט איז עס געוויינליך וואלטעיר'ס נאמען וואס קומט אויף די ליפען; ער איז עס, וועלכער, ווי א ברענגלאז, זאמעלט, פארקערפערט און רעזומירט די גאנצע עפאכע; און אויף ווי ווייט די עמיגראנטען פירען א קאמפף געגען איהם קען מען זאגען אז זיי שטעלען מיט זיך פאר די רעאקציע געגען דעם פארגעהענדען יארהונדערט. אפילו די יעניגע צווישען זיי, וועלכע זיינען גייסטיג נאהנט פארוואנדט מיט איהם, רעאגירען על־פי נויט, ד. ה. געצוואונגען פון דעם גייסט פון דער צייט, געגען איהם, ווי צום ביישפיעל קאנסטאן אין זיין בוך „איבער רעליגיאן." אבער צווישען די שרייבער פון אכ־צענטען יארהונדערט איז פאראן איינער, וועלכער איז געווען וואל־טעיר'ס קאנקורענט, און אין גרויסקייט כמעט זיין גלייכען, ווע־

מעס ווערק, אין אַ פּיעל העכערען גראַד ווי וואָלטעיר'ס, בליקען אַריבער זייער אייגענע צייט. ער איז עס וואָס באַזעלט די עמי־גראַנטען־ליטעראַטור, וועלכע, טראָץ אַלע אויסלענדישע איינפלו־סען, לאָזט זיך אויף יעדען פּונקט צוריקפירען צו אים, און אויף אַזוי ווייט ווי זי שטאַמט אָב פון רוסאָ און איז אַ פאָרזעצונג פון אים קען מען זאָגען, אַז זי איז די פאָרזעצונג פון דעם פאָר־געהענדען יאָרהונדערט און פון דער רעוואָלוציאָן. צו רוסאָ געהען צוריק פאַקטיש אַלע גרויסע ליטעראַרישע באַוועגונגען פון דער ענ־דע פון אַכצעהנטען און דעם אָנפאַנג פון נייצעהנטען יאָרהונדערט. פון אים שטאַמען אָב אין פראַנקרייך אַזעלכע פאַרשיידענאַרטיגע מייסטער ווי סעינט־פּיער, ראָבעספּיער, דידעראָ, שאַטאָבריאַן, מאַ־דאַם דע־סטאַל און שפּעטער זשאָרזש סאַנד, און אין דייטשלאַנד הערדער, קאַנט, פיכטע, יאַקאָבי, געטהע, זשאַן פאָול, שילער און טיעק; פון אים שטאַמט אָפּ אין ענגלאַנד איינער, וועמעס נאָמען באַשטעהט פאַר הונדערטע: בייראָן. בשעת וואָלטעיר ווירקט אויף די גייסטער אין אַלגעמיין, ווירקט רוסאָ'ס איינפלוס אי־בערהויפּט אויף די שאַפענדע טאַלאַנטען, אויף די שרייבער. נאָך זייער טויט האָבען דיזע צוויי גרויסע מענער, זיך בייטענדיג איינער מיט'ן אַנדערען, דאָס איינער דאָס דער צווייטער, באַהערשט די וועלט כמעט ביז אונזער אייגענער צייט, ווען זיי זיינען ביידע פאַרדרענגט געוואָרען פון דידעראָ. ביים שלוס פון אַכצעהנטען יאָרהונדערט האָט וואָלטעיר אָבגעטראָטען דעם צעפּטער צו רוסאָ, דאָן, נאָך 1848, איז געקומען אַ פּעריאָדע ווען ער האָט צוריקגע־נומען ביי רוסאָ די הערשאַפט איבער די געמיטער, ווענינגסטענס אין פראַנקרייך, און ביי די וויכטיגסטע שרייבער פון דיזען לאַנד, ווי צ. ב. ביי ערנסט רענאַן, געפינט מען די דאָפּעלטע גייסטיגע שטרעמונג ענדליך פאַרשמאָלצען, רוסאָ'ס גייסט גע'כפל'ט אויף וואָלטעיר'ס. אָבער נאָר אין רוסאָ'ס שריפטען האָבען זייער אור־שפּרונג די אַלע גרויסע אויסלענדישע שטרעמונגען, וועלכע זיינען ביים אָנפאַנג פון נייצעהנטען יאָרהונדערט געקומען צו פליסען אי־בער פראַנקרייך פון דייטשלאַנד און ענגלאַנד, און אים אַליין איז עס צו פאַרדאַנקען וואָס די ליטעראַטור, וועלכע איז געשאַפען גע־וואָרען פון פראַנצויזען אין אויסלאַנד. האָט טראָץ איר גאַנצער

אָפּאָזיציאָן צו דעם גייסט, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט און גע־שטיצט די אַבסאָלוטע אימפּעריע, אויפגעהאַלטען אַ פאַרבינדונג מיט'ן יאָרהונדערט און האָט זיך געקענט שטיצען אויף אָריגינעל פראַנצויזישע ליטעראַרישע ערשיינונגען.

באַטראַכטען מיר צום ביישפּיעל איינס פון די הויפּטווערק פון דער רעאַקציאָנערער ליטעראַטור. וואָס דאָס 18טע יאָרהונ־דערט האָט געוואָלט פון גרונד אויס צושטערען איז געווען, מט איין וואָרט, דאָס מיטעלאַלטער. פאַר אים איז דאָס מיטעלאַלטער גע־ווען נאָר אַן אַנדער וואָרט פאַר באַרבאַריי און פאַנאַטיזם; אַלס ביישפּיל פון דאָס שרעקליכע האָט אים גערינגט אַן אויטאָ־דע־פע, אַלס ביישפּיל פון דאָס לעכערליכע — אַ קרייצצוג. דעריבער קומט עס וואָס מען האָט יעצט מיט דער גאַנצער רענעגאַטען־באַ־גייסטערונג פון דער רעאַקציאָן געוואָלט דאָס מיטעלאַלטערליכע ווידער איינפירען איבעראַל, אין שטאַט, אין דער קונסט, אין דער פּאָעזיע און רעליגיאָן. אין דעמזעלבען יאָר, אין וועלכען נאַפּאָ־לעאָן האָט געשלאָסען דאָס קאָנקאָרדאַט מיט דעם פּאַפּסט און האָט צוריק איינגעפירט דעם קריסטליכען קולט אין פראַנקרייך, האָט שאַטאָבריאָן פאַרעפענטליכט זיין גרויסעס ווערק: “Le ginie du christanisme” (דער גייסט פון קריסטענטום), איינע פון די ערשטע און ריינסטע שאַפונגען פון דער רעאַקציאָן, וועלכע, אין ווידערשפּרוך מיט דעם פּערפאַסער'ס אויסגעשפּראָכענע איבער־צייגונג אין זיין בוך איבער די רעוואָלוציאָנערען, זוכט צו באַווייזען די וואַרהייט פון קריסטענטום דאַדורך, וואָס דאָס קריסטענ־טום האָט אַרויסגעבראַכט די שעהנקייט און דורך דעם איר ווערט פאַר דער קונסט און פּאָעזיע. שאַטאָבריאָן מאַכט אַן אויספיר־ליכען פאַרגלייך צווישען די היידנישע און קריסטליכע שרייבער, שטעלט טאַססאָ איבער האָמער און מעינט־פיער איבער טהעאָקריט און באַווייזט, ווי מען האָט שפּאָטיש געזאָגט, ווי אַזוי רעליגיעזע אידעען קענען פאַרוואַנדט ווערען אויף באַלעטען און פאַנטאָמימען. ער איז פּונקט אַזוי אָרטאָדאָקסיש און ביבעל־טריי אין דער נאַטור פילאָזאָפיע ווי אין דער עסטעטיק. פונדעסטוועגען האָט זיך גראָ־דע אין דעם ווערק, אין זיינע באַרימטע און גלענצענדע עפּיזאָדען „אַטאַלאַ” און „רענעי”, דאָס נייע דורכגעבראָכען.

1.

# שאַטאָבריאַן, אַטאַלאַ.

דאָס יאָר 1800 האָט געבראַכט דאָס ערשטע דיכטער־ווערק, וועלכעס טראָגט דעם שטעמפּעל פון דער נייער צייט. דער אומפאַנג פון דעם ווערק איז געוועזן קליין, אָבער זיין באַדייטונג גרויס און זיין איינדרוק מעכטיג. „אַטאַלאַ” האָט געמאַכט אַן אויפזעהן און געהאַט אַן ערפאָלג ווי עס איז ניט אויסגעפאַלען אויפ'ן גורל פון קיין אַנדער פראַנצויזישער דיכטונג זינט די טעג פון „פּאול און ווירזשיני”. דאָס איז געווען אַ נאָוועלע פון די סטעפּעס און אורוועלדער פון נאָרד־אַמעריקע, מיט דעם שטאַרקען און אייגענטימליכען אַראָמאַט פון דעם יונגפרויליכען באָדען, פון וועלכען זי האָט אַרויסגעשפּראָצט. זי האָט אַנטהאַלטען די גליהענדע פאַרבען פון אַ פרעמדער נאַטור און נאָך אַ שטאַרקערע גלוט פון ליידענשאַפט. די ערצעהלונג האָט געגעבען אַ בילד פון דעם לעבען פון די ווילדע אינדיאַנער אַלס הינטערגרונד פאַר דער שילדערונג פון אַן אונטערדריקטער, אָבער גראַדע דערפאַר איבערוועלטיגענדער, טויטליכער ליבעס־ליידענשאַפט. דער עפעקט פון דאָס גאַנצע ווערט ערהאַבען געמאַכט דורך אַ באַפאַרבונג פון קאַטוילישע פרומקייט.

דיזע געשיכטע פון דעם לעבען און טויט פון אַ יונגער קריסטליכער אינדיאַנערין האָט געוואונען אַזאַ פּאָפּולאַריטעט, אַז אירע הויפּט העלדען האָבען באַלד אין דער פאָרמע פון קאָלירטע האָלצגראַוויורען באַפּוצט די ווענד פון פראַנצויזישע גאַסט־הייזער און זייערע וואַקסענע בילדער האָבען זיך פאַרקויפט אויף די פּאַריזער ברעג־קרעמלעך ווי מען פאַרקויפט אין קאַטוילישע לענדער די וואַקס־בילדער פון דער מאַדאָנאַ און קריסטוס. אין איין טעאַטער

אין אַ פּאַריזער פאָרשטאָדט איז די העלדין אויפגעטראַטען געקליידט אַלס אינדיאַנערין מיט הענערשע פעדערען אין אירע האָר, און דאָס „טעאַטר דעי וואַריעטעי” האָט אויפגעפירט אַ פאַרס, אין וועלכען אַ שול־אינגעל און אַ שול־מיידעל, וועלכע אַנטלויפען חתונה צו האָבען, האָבען גערעדט נאָר פון קראָקאָדילען, שטאָרכען און אַלטע וועלדער אין דעם סטיל פון „אַטאַלאַ”. עס איז אויך ערשינען אַ פּאַראָדיע „אַה! לאַ! לאַ!” אין וועלכער די לאַנגע און פּראַכטפולע באַשרייבונג פון די ברעגען פון דעם מיסיסיפּי ווערט נאָכגעאַהמט מיט פונקט אַזאַ לאַנגער און אויספירליכער באַשרייבונג פון אַ פעלד קאַרטאָפעל — אַזוי זאָנדערבאַר האָט עס דעמאָלט אויסגעזעהן אַז אַ שרייבער זאָל פאַרשווענדען עטליכע זייטען אויף נאַטור־שילדערונגען. אָבער אין דער צייט וואָס אַזעלכע פּאַראָדיען, שפּאַסען און קאַריקאַטורען האָבען גערעגענט אויפ'ן דיכטער איז ער ניט געווען צו באַדויערען, דען אַזעלכע זאַכען זיינען די סימפּטאָמען פון רוהם, און מיט איין קלאַפּ איז ער פון אַן אומבאַקאַנטען געוואָרען אַ באַרימטהייט פון ערשטען ראַנג. זיין נאָמען האָט געקלונגען אין אַלע זייטען און האָט געלויטעט: פראַנסואַ רענעי דע שאַטאָבריאַן (Chateaubriand).

געבאָרען געוואָרען איז ער דער אינגסטער פון צען קינדער אין אַן אַלטער אַדעליגער פאַמיליע אין סט. מאַלאָ (ברעטאַן). זיין פאָטער איז געווען אַ שטרענגער, טרוקענער מענש, אונגעזעליג און שטיל, און האָט אַרויסגעוויזען בלויז איין ליידענשאַפט — זיין אַדעל־שטאָלץ. זיין מוטער איז געווען אַ קליינע, העסליכע פרוי, אונרוהיג און אייביג אונצופרידען, אָבער אין העכסטען גראַד פרום, אַ קירך־געהערין און אַ באַשיצערין פון די פּריסטער. דער זוהן האָט גע'ירש'עט אַ געמיש פוןביידע נאַטורען.

שטרענג און האַרט איז געווען די ערציהונג וואָס ער האָט געקראָגען אין דיזער היים, וואו, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק, דער פאָטער איז געווען דער שרעק און די מוטער — דער בייטש פון דעם הויזגעזינד; ער איז אויפגעוואַקסען אַ פאַרשלאָסענער, שרעקעדיגער, איינגעשפּאַרטער, מעלאַנכאָלישער און נערוועזער אינגעל, וועלכער האָט פריה באַקאַנטשאַפט געשלאָסען מיט דער אומרוהיגקייט פון דעם ים און דער מוזיק פון דעם ווינד, אָבער האָט

ניט געקענט שלום מאַכען מיט דער קעלט און באַטריבטקייט פון זיין היים. זיין שוועסטער לוסיל, די נאָהנטסטע צו אים אין געבורט, וועלכע האָט זיך אויך, ווי ער, געפיהלט פארשלאָסען, איז געוואָרען זיין איינציגער פריינד און פאַרטרויטע. זי איז געוועזן ווי ער אַ קרענקליכע, ליידענשאַפטליכע נשמה, פון יאָר צו יאָר אַלץ מער גענייגט צו דער רוסאָ'ישער מאַניע צו זעהן אין אַלץ אַ פאַרשווערונג געגען זיך און צו באַטראַכטען זיך פאַר פאַרפאָלגט פון יעדען איינעם; אין איר יוגענד האָט זי אין איר ברודער, שפּעטער אין דער רעליגיאָן געזוכט שוץ געגען דיזע אַנגסטען און געפאַרען. פון אָנפאַנג איז זי געווען, ווי איר ברודער, ניט קיין שעהנע און אַ שרעקעדיגע, נאָר שפּעטער איז זי געוואָרען זעהר שעהן, בלייך מיט שוואַרצע האָר, — שעהן ווי דער מלאך פון טויט. אַ גרויסען טייל פון איר לעבען האָט זי פאַרבראַכט אין מאָנאַסטירען און איז געווען ליידענשאַפטליך אין איר שוועסטער־ליבע און אַ ליידענשאַפטליכע קאַטאָליקין. זי האָט געהאַט פּאָעטישע פעהיגקייטען, און אין איר שרעקעדיגקייט און באַגייסטערונג איז זי, ווי עס שיינט, געווען דאָס ווייבליכע נאָכבילד פון איר ברודער. איינע פון זיינע אַנדערע שוועסטער, זשוליע, וועלכע האָט אין איר יוגענד געלעבט אויסשליסליך אַלס וועלט־דאַמע, האָט געענדיגט אירע יאָרען אַלס הייליגע אין רעליגיעזער נזירות, אַזוי אַז עס שיינט אַז די קאַטוילישע טענדענץ איז געלעגען אין דעם בלוט פון דער משפּחה.

דער שטאַרקער צוואַנג, אין וועלכען דער יונגער שאַטאָבריאַן איז געהאַלטען געוואָרען, האָט באַשאַפען אין אים אַ ווילדען דראַנג צו זיין פריי און בעל־הבית איבער זיך אַליין; די שטענדיגע אויפזיכט אונטער וועלכער ער האָט געקרעכצט, האָט ארויסגערופען אין אים אַן אונבאַזיגבאַרען טריב צו מיזאַנטראָפּישער איינזאַמקייט. ווען ער פלעגט אַרונטערלויפען אַליין די שטיגען פון זיין פאָטער'ס שלאָס, אָדער געהן אַמאָל אַליין אויף דער יאַגד, פלעגט ער פיהלען ווי אַלע זיינע געפיהלען קאָכען און ברויזען אויף אין ווילדער אַנטציקונג וואָס ער קען, ענדליך, טרוימען און בענקען אונגעשטערט. אומגליקליך ווי ער פלעגט זיך ניט פיהלען אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע, פלעגט ער אָבער אין איינזאַמ־

קייט זיך פאַר'שכור'ען מיט חלומות פון גליק, מיט חלומות פון באַריהמטקייט, מיט פּאַטעטישע חלומות. אין זיינע האַלב־סענטי־מענטאַלע, האַלב־גייסטיגע טרוימערייען און בענקענישען האַט ער באַשאַפען פאַר זיך דאָס בילד פון אַן איבערנאַטירליך שעהנער פרוי, פון אַ יונגער קעניגין, באַצירט מיט דימענטען און בלומען, וועלכע ער ליבט, און פון וועלכער ער ווערט געליבט אין די שמעקעדיגע לבנה־נעכט פון נעאַפּעל אָדער סיציליען. און ווען ער פלעגט פון דיזע טרוימערייען ערוואַכען און זיך געפינען צוריק אַלס קליינעם, אונבאַדייטענדען ברעטאַנער, אומגעלומפּערט, אומבאַריהמט, אָרים און פיליכט אויך טאַלאַנטלאָז, דאַן פלעגט ער פאַר־צווייפלען. דער קאָנטראַסט צווישען דאָס וואָס ער איז געווען און דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זיין פלעגט אים דריקען ביז צו דער ערד.

מען האָט אים צוערשט באַשטימט פאַר דער פלאָטען־דינסט, אָבער זיין אונבאַזיגבאַרער האַס צו דיסציפּלין איז דאָ געשטאַנען אין וועג. דאַן איז ער באַשטימט געוואָרען פאַר'ן גייסטליכען שטאַנד, אָבער וויסענדיג אַז ער איז אונפעהיג צו פירען אַ לעבען פון זעלבסט־אַנטזאַגונג האָט ער דעם געדאַנק אויך אויפגעגעבען. אין זיין טיפער פאַרצווייפלונג האָט ער געמאַכט אַ פאַרזוך אויף זעלבסט־מאָרד. ענדליך האָט דער באַשלוס פון אַ פאַמיליען־באַראַטונג געמאַכט אַ סוף צו זיינע וואַקלונגען און ער איז געוואָרען אונטערלייטנאַנט אין דער אַרמיי, און דאָס דאָזיגע לעבען איז אים גראָד געפעלען. אַלס אַ מיטגליד פון אַ באַריהמטער אַריס־טאָקראַטישער פאַמיליע האָט ער אויך געהאַט צוטריט צום קעניג־ליכען הויף, איז פאָרגעשטעלט געוואָרען פאַר לואי דעם 16טען, און האָט נאָך געזעהן דעם לעצטען שימער פון דעם אַלטען פראַכט און דער עטיקעטע פון דעם קעניגטום. צוויי יאָר שפּעטער האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציאָן און אין יאָר 1790 איז דער אַדעל אָבגעשאַפט געוואָרען. ער איז אַרויס פון דינסט אַלס אָפיציר, און אַזוי ווי ביי דער נייער אָרדנונג, אָדער גיכער אונאָרדנונג אין לאַנד האָט ער פאַר זיך קיינע אויפגאַבען ניט געזעהן, האָט ער באַשלאָסען אויסצוטרעטען אַ וועג פאַר זיך אליין און האָט אָנ־גענומען אַ פאַנטאַסטישען פּלאַן, צו פאָרען קיין אַמעריקע צו אַנט־

דעקען דעם נאָרד־וועסטליכען דורכגאַנג. עס איז איבעריג צו זאָגען אז ניט האָבענדיג קיינע קענטנישען אין דיזער הינזיכט, קיינע פאַרבינדונגען, און קיין געלט איז ער גאָר שנעל געצוואונגען געוועזען דיזען געדאַנק צו פאַרוואַרפען. אָבער אויב ער האָט ניט געפונען דעם נאָרד־וועסטליכען דורכגאַנג האָט ער דערפאַר געפונען וועניגסטענס אַן אַנדער מענשען־ראַסע, נייע אומשטענדען און אַ נייע נאַטור. נאָך אין זיין פריהער יוגענד, איבערלעזענדיג רוסאָ, האָט ער זיך ארומגעטראָגען מיט דעם געדאַנק צו שרייבען דאָס „עפּאָס פון דעם נאַטור־מענשען", אַ שילדערונג פון די זיטען פון די ווילדע, פון וועלכע ער האָט ניט געהאַט קיין שום באַגריף. איצט איז ער געשטאַנען אויף זייער ערד און באָדען, און ווען אפילו ער האָט זיי ניט געפונען אינגאַנצען אונבאַרירט פון דער ציוויליזאַציאָן ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, איז עס אים דאָך ניט שווער געוועזען מיט דער הילף פון דער פאַנטאַזיע אויפצושטעלען צוריק זייער אורשפּרינגליכען צושטאַנד. דער ערשטער איינדרוק, וואָס ער האָט געקראָגען איז געוועזען העכסט זאָנדערבאַר. ווען ער איז מיט זיין פירער, אויפ'ן וועג פון אָלבאַני צו ניאַגאַרא, צום ערשטען מאָל אריינגעטראָטען אין דעם אוראַלטען וואַלד, האָט אים ארומגעכאַפּט אַ מין פריידענס־שכרות איבער זיין אונאַבהענגינקייט, וועלכע איז געוועזען גלייך צו דעם געפיהל פון זיין פריהער יוגענד ווען ער פלעגט איינזאַם אין די וועלדער פון ברעטאַן אויף יאַגד געהן. ער איז געגאַנגען לינקס און רעכטס, פון בוים צו בוים און גערעדט צו זיך אליין: דאָ איז ניטאָ מער קיין וועג, קיינע שטעדט, קיינע מאָנארכען, קיינע רעפּובליקען, קיינע מענשען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אז ער איז איינער אליין אין וואַלד, ווען פּלוצלונג שטויסט ער זיך אָן אויף אַ גרופּע האַלבנאַקעטע, געפאַרבטע ווילדע, מיט ראָבען־פעדערען אין די האָר און רינגען אין די נעזער, וועלכע — אָ, וואונדער! — האָבען געטאַנצט קאַדרילען צו דער מוזיק פון אַ פידעל, געשפּילט פון אַ קליינעם געפּודערטען און פריזירטען פראַנצויז, מיט מוסלינענע מאַנזשעטען אויף די הענד. דער פראַנצויז איז געוועזען אַ פריהעריגער קיכדינער ביי אַ פראַנצויזישען גענעראַל, וועלכען די אינדיאַנער האָבען געדונגען אלס טאַנץ־לערער פאַר אַ געוויסען לוין פון ביווער־

פעל און בערען־שינקען. פאַר אַ תלמיד פון רוסאָ איז דאָס גע־
ווען גאָר ניט קיין פאַסיגער אריינפיר אין דעם לעבען פון די וויל־
דע: צוצוזעהן דיזען טאַנץ פון די איראָקעזען אונטער דער מוזיק
פון אַ געוועזענעם קיך־דינער! גליקליכערווייז זיינען די שפּע־
טערע איינדריקען געווען ריינער און שעהנער ווי די ערשטע. שאַ־
טאָבריאַן האָט געקויפט ביי די אינדיאַנער קליידער און וואַפען
און האָט געפירט, וועניגסטענס עטליכע וואָכען, דאָס זעלבע לע־
בען ווי זיי. ער איז פאָרגעשטעלט געוואָרען פאַר'ן סעשעם, אָדער
הויפּט, פון די אָנאָנדאַגען (ווי בייראָן שפּעטער האָט זיך פאָרגע־
שטעלט פאַר אַלי פּאַשאַ), איז געפאָרען רייטענדיג איבער'ן לאַנד,
אָנגשטויסענדיג זיך דאָ און דאָרט אויף אַ קליינעם אייראָפּעאישען
הויז, מיט קלאַוויר און שפּיגעל, זייט ביי זייט מיט אַן אינדיאַנער
שטיבעל, האָט געזעהן דעם ניאַגאַראַ־פאַל, און האָט געפונען אין
צוויי שעהנע פלאָרידאַ'ר מיידלעך פון דעם שטאַם פון די מוסקאָ־
גולגען די מאָדעלען צו זיינע שפּעטערע באַריהמטע געשטאַלטען
אַטאַלאַ און סעלוטאַ.

אין אַמעריקאַ האָט שאַטאָבריאַן אויסגעאַרבייט דעם פּלאַן
פון זיינע צוויי וואונדערליכע און גלענצענדע ערצעהלונגען „אַטאַ־
לאַ" און „רענעי", ווי אויך פון דער ברייטער, סטיללאָזער אַרבייט,
פון וועלכער זיי בילדען אַ טייל, דעם פיעל שפּעטער אַרויסגעגע־
בענעם גרויסען ראָמאַן “Les Natchez” וועלכער שילדערט דעם
אונטערגאַנג פון אַן אינדיאַנער־שטאַם אין קאַמפף מיט די ווייסע.
„אַטאַלאַ" איז דאָס ערשטע ווערק, וועלכען שאַטאָבריאַן האָט גע־
וואָלט געבען אַ פאַרענדיגטע פאָרם. נאָך אַ קורצען ווײַלען אין
פראַנקרייך, וואוהין עס האָט אים געבראַכט די נאַכריכט וועגען
דעם פאַל פון דער מאָנאַרכיע און דער געפעהרליכער לאַגע פון לואי
דעם 16טען, און וואוהין ער איז אָנגעקומען אין יאַנואַר פון 1792,
האָט ער ווידער אַוועקגעוואַנדערט, איז געקומען קיין לאָנדאָן, און
דאָרט, אונטער די בוימער פון קענסינגטאָן פּאַרק, האָט ער גע־
מאַכט דעם ערשטען אַנטוואורף פון „אַטאַלאַ" און „רענעי"; דאַן
האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צו דער אַרמיי עמיגראַנטען אויפ'ן
רהיין, טראָגענדיג אין זיין רייזעטאַש מער מאַנוסקריפּטען ווי וועש.
ווען די אַרמיי פלעגט רוהען פון איר מאַרש פלעגט שאַטאָבריאַן

דורכזעהן „אַטאַלאַ“, און ביים נייעם מאַרש עס ווידער אין רייזע־טאַש פּאַקען, דערביי פּלעגען זיינע קאַמעראַדען אים רייצען רייז־סענדיג די בלעטער וואָס פּלעגען אַרויסשטעקען. נאָר ווען איינ־מאָל אין אַ שלאַכט איז שאַטאָבריאַן פאַרוואונדעט געוואָרען פון אַ שטיק גראַנאַט האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז „אַטאַלאַ“ האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבען, דען צוויי ערשטע קוילען זיינען געבלי־בען שטעקען אין דעם מאַנוסקריפּט אין דעם רייזעטאַש. פאַר־וואונדעט, קראַנק מיט פיבער, אויסגעצערט, איז ער אָנגעקומען קיין בריסעל נאָכדעם ווי די עמיגראַנטען־אַרמיי איז פאַרניכטעט געוואָרען. דערווייל איז זיין ברודער מיט ווייב און שוועהר אומ־געקומען אויפ'ן עשאַפאָט אין פּאַריז, זיין מוטער און צוויי שוועס־טער, איינע פון זיי לוסיל, זיינען אויף אַ צייט איינגעשפּאַרט גע־וואָרען אין געפענגנים צוליב זיין אויסוואַנדערונג. אין לאָנדאָן האָט ער, אין 1797, אַרויסגעגעבען זיין בוך “Essai historique sur les revolutions” געשריבען אין אַ פאַרהעלטניסמעסיג ליבעראַלען און אונצווייפעלהאַפט פריידענקערישען גייסט. אָבער דער טויט פון זיין מוטער, ווי ער זאָגט אַליין, האָט אים צוריקגעקערט צום קריסטענטום; אַן ענדערונג אין דעם גייסט פון דער צייט האָט אויך פּיליכט עטוואָס מיטגעהאָלפען צו ענדערען זיין שטימונג, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין פראַנקרייך אין 1800, נאָכדעם ווי באָנאַפּאַרט האָט געמאַכט אַ סוף צו דער רעוואָלוציע, האָט ער געבראַכט מיט זיך זיין גרויסעס ווערק „דער גייסט פון קריסטענטום“, אין וועלכען „רענעי“ איז אַריין אַלס טייל. דאָס בוך איז ערשינען אין דערזעלבער צייט ווען נאַפּאָלעאָן האָט איינגעפירט צוריק דאָס קריסטליכע גאָטעס־דינסט אין פראַנקרייך. דאָס דאָזיגע ווערק האָט צו גוט געשטימט מיט די פּלענער פון דעם ערשטען קאָנסול אום ניט צו געבען זיין פאַרפאַסער חן אין די אויגען פון דעם הערשער. דאָך האָט זיך שאַטאָבריאַן ווידער אָבגעקערט פון זיין רעגירונג נאָך דער ער־מאָרדונג פון דעם הערצאָג פון ענגהיען אין 1804.

דאָס זיינען די הויפּטשטריכען פון דער יוגענד־געשיכטע פון דעם מאַן, וועלכער האָט אין יאָר 1800 זיך געוואונען די באַ־ריהמטקייט פון אַ דיכטער אַלס דער פאַרפאַסער פון „אַטאַלאַ.“

זיין כאַראַקטער איז געווען נאָך מערקווירדיגער ווי זיין געשיכ־טע. ער איז געווען עהרגייציג ביז קרענקליכקייט, אַמביציעז, גאוה׳דיג, שעמעוודיג, אייביג צווייפלענד אין זיינע אייגענע פע־היגקייטען, דאָך ניט נאָר באַגאַבט מיט דעם זעלבסטגעפיהל פון זשעניאַליטעט נאָר אויך מיט אַן עגאָאיזם, וואָס האָט געוואָרפען אין אָבגרונד פון גלייכגילטיגקייט אַלץ וואָס האָט אים דירעקט קיין נוצען ניט געבראַכט. ער איז צו שפּעט אויף דער וועלט געקו־מען און איז אונטער צו אייגענאַרטיגע אומשטענדען ערצויגען גע־וואָרען אום צו קענען גלויבען אין דער רעוואָלוציאָן און אין דער אידעען סיסטעם פון דעם 18טען יאָרהונדערט, וואָס האָט זי ארויס־געבראַכט. ער איז געקומען צו פריה אויף דער וועלט אום אויפ־צונעהמען די וויסענשאַפטליכע שטרעמונגען פון דעם 19טען יאָר־הונדערט און דורך זייער הילף ערווערבען אַ נייעם גלויבען און אַ נייעם אָנהאַלטס־פּונקט. אויף אַזאַ אופן איז ער געוואָרען אַ מין ניהיליסט, אַ גייסט, וועלכער, ווי ער האָט זיך פיעל מאָל אויסגעדריקט, האָט אין גאָרניט געגלויבט. דערביי גיט ער אי־מער צו, ווען ער פאַרגעסט נאָר ניט: „אויסער רעליגיאָן״. אָבער אַ מענש איז נאָך זיין נאַטור אַנטוועדער אַ גלויביגער אָדער אַ צווייפלער, און עס איז נאָר אַן איינבילדונג וואָס קומט פון האַלב־בילדונג, אַז מען קען צווייפלען אין אַלץ און גלויבען אין רעלי־גיאָן אליין.

שאַטאָבריאַנ׳ס מעמוארען זיינען פול מיט אַזעלכע אויסברו־כען וועגען דער נישטיגקייט און פאַרגענגליכקייט פון נאָמען און רוהם ווי מען געפינט שפּעטער אַזוי פיעל ביי בייראָנ׳ען. אָהן אַ ספק ליגט אין דיזע אויסברוכען אַ רעכטע ביסעל געמאַכטקייט, דאָך איז אין זיי אויסגעדריקט אויך פיעל אמת׳עס ליידען און אַ שטאַרקע מעלאַנכאָליע. „אַזוי ווי איך גלויב ניט אין קיין זאַך, אויסער רעליגיאָן, פאַרהאַלט איך זיך צו אַלץ מיט חשד. . . די נישטיגע און לעכערליכע זייט פון זאַכען וואַרפט זיך מיר אימער אין די אויגען צוערשט; אין גרונד געגומען עקזיסטירען ניט פאַר מיר ניט קיין גרויסע זשעניען און ניט קיין גרויסע זאַכען. . . אין דער פּאָליטיק האָט די וואַרימקייט פון מיין איבערצייגונג זעל־טען לענגער געדויערט ווי מיין רעדע אָדער די פאַרענדיגונג פון

מיין בראָשורע. איך ווייס ניט אין דער גאַנצער וועלט-געשיכטע פון קיין איינציגען רוהם וואָס זאָל מיך קענען רייצען. ווען דער גרעסטער רוהם אין דער וועלט זאָל ליגען צו מיינע פיס און זאָל ווערען מיינער דורך איינבויגען זיך און אויפהויבען, וואָלט איך זיך ניט באַמיהט. ווען איך וואָלט געקענט באַשאַפען זיך אליין וואָלט איך מיך פיליכט באַשאַפען אלס פרוי, אויס ליבע צו פרויען; אָדער ווען איך וואָלט זיך געדאַרפט מאַכען פאַר אַ מאַן וואָלט איך מיר צוערשט געגעבען שעהנקייט; דאַן, אום צו שיצען זיך געגען מיין ערגסטען פיינד, די לאַנגווייליגקייט, וואָלט איך נאָך געוואָלט זיין אַ גרויסער קינסטלער, אָבער אַן אונבאַוואוסטער, וועלכער באַנוצט זיין טאַלאַנט נאָר פאַר זיך אליין. אויב מיר זאָלען אָבשעצען דאָס לעבען לויט זיין אמת'ן ווערט, באַפרייענדיג עס פון יעדער נאַרעריי, דאַן געפינען מיר נאָר צוויי זאַכען וואָס האָבען אַ ווערט, רעליגיאָן צוזאַמען מיט טאַלאַנט און ליבע צוזאַמען מיט דער יוגענד, ד. ה. צוקונפט און געגענוואַרט. . . וועגען אלדאָס איבעריגע איז ניט כדאי צו טראַכטען. . . אויסערהאַלב דער רעליגיאָן האָב איך קיין שום גלויבען ניט. ווען איך וואָלט געוועזען אַ קעניג אָדער פאַסטוך, וואָס וואָלט איך געטאָן מיט מיין צעפטער אָדער שטעקען? דער כבוד און דער זשעני, די אַרבייט און די רוה, דאָס גליק און דאָס אומגליק וואָלטען מיר אלע גלייך איבערדריסיג געוואָרען; אלעס מאַכט מיך מיד: מיט שווערקייט שלעפּ איך איבעראַל מיין לאַנגווײלע נאָך זיך, צוזאַמען מיט די טעג, און אַזוי פאַרגעה איך, אַוועקגענעצענדיג מיין לעבען. ("et je vais partout baillant ma vie."[1])

וויפיעל ליידענשאַפט האָט ער עס גענוזט פאַרשווענדען אויף פאַנטאַסטערייען און פּאָעטישע טרוימען איידער ער איז אַראָבגעקומען צו דיזער טיפער לאַנגווײלע! אין „אַטאַלאַ" שלאָגט נאָך די ליידענשאַפט ווי אַ וואַרימער קוואַל, אָבער די טראָפּען אירע זיינען ווי אַ ברענענדע, פאַרצערענדע פליסיגקייט.

דער אַלטער אינדיאַנער שאַקטאַס דערצעהלט אַ יונגען פראַנ-

[1] Memoisres d'Outre-Tombe, I. 207, 451: II.129.

צויז, וועמען שאטאבריאן האט געגעבען זיין אייגענעם נאמען, רע־
נעי, די געשיכטע פון זיין יוגענד. ער איז געפאנגען געווארען פון
א פיינדליכען אינדיאנער שבט און איז פאראורטיילט געווארען
צום טויט אויף א שייטערהויפען. נאר דעם הויפטלינג׳ס טאכ־
טער, אטאלא, קריגט אויף אים רחמנות און דערנעהנטערט זיך
צום פלאץ וואו ער שטעהט צוגעבונדען. ער נעהמט זי אן צו־
ערשט פאר דאס מיידעל וואס ווערט געשיקט דעם פאראורטיילטען
צו טרייסטען אים אין זיינע לעצטע שטונדען, אבער איר אבזיכט
איז ניט אים צו טרייסטען, נאר, אויב מעגליך, באפרייען. ער דער־
פיהלט א ליידענשאפטליכע ליבע צו איר און ער רעדט זי איין
מיט אים צו אנטלויפען און זיין ווייב ווערען, אבער זי וויל עס
ניט, און ווערענדיג אויפגעהאלטען דורך איר ווידערשטאנד, ווערט
ער צוריק געפאנגען. מען האט אים שוין באקראנצט מיט בלו־
מען, דאס געזיכט באמאלט בלוי און רויט, די אויערען באצירט
מיט פערל, פארטיג פאר די פלאמען, ווען אטאלא באפרייט אים
צום צווייטען מאל און אנטלויפט מיט אים. דער הויפט אינהאלט
פון דעם בוך איז די באשרייבונג פון דיזען אנטלויפען, שאקטאס׳עס
צודרינגליכקייט און אטאלא׳ס זאנדערבארער געמיש פון ליידענ־
שאפט און צוריקהאלטונג, וועלכע האלט איר אין אייביגען וויגען
זיך צווישען העפטיגען ווידערשטאנד און לויטערער הינרייסונג
צו איר געליבטען. אלץ קלערט זיך אויף ווען זי דערצעהלט שאק־
טאס׳ן, אז איר מוטער, וועלכע איז פארפירט געווארען פון א וויי־
סען, האט זי געמאכט פאר א קריסטין און האט גענומען ביי איר
א שבועה, אז זי וועט בלייבען א מיידעל ביז׳ן טויט. אין איר
פארצווייפלונג איבער דיזען נדר און אין מורא אז זי וועט אים
ניט קענען האלטען נעהמט אטאלא אין דער שטיל גיפט און הויכט
אויס איר נשמה אין די ארעמס פון איר געליבטען, אונטערגעהאל־
טען פון אן אלטען מיסיאנער, וועלכער האט אויפגענומען דאס יונ־
גע פאר אין זיין שטיבעל.

מען מוז, זעלבסטפארשטענדיליך, זיך ווענדען צו דער ער־
צעהלונג אליין אום צו באקומען דעם פולען איינדרוק פון איר
ברענענדער ליידענשאפט און לירישען שוואונג. פונקט אזוי ווע־
ניג קען מען דורך באשרייבונגען און ציטאטען געבען א פארשטע־

לונג פון דער קראַפט, מיט וועלכער די זעלטענע נאַטור־שילדערונ־
גען זיינען געמאָלען. נאָר דאָס איז לייכט אָנצעוויזען, אַז שאַ־
טאָבריאַן האָט הויפּטזעכליך און אינסטינקטיוו באַנוצט אַ געמיש
פון דאָס עראָטישע מיט דאָס שרעקליכע אום אַרויסצוברענגען דעם
געווינשטען עפעקט. אין דער וויכטיגסטער ליבעס־סצענע ברענגט
ער ניט נאָר אַריין אַלס אַקאָמפּאַנימענט דעם ליאַרם פון קלאַפּער־
שלאַנגען, דעם געהייל פון וועלף, דאָס ברילען פון בערען און קליי־
נע טיגערען, נאָר ער לאָזט אויך אַ שטורם זיך דורכטראָגען, וועל־
כער מאַכט די ביימער צו קראַכען, און אַ געדיכטע פינסטערניש
אַראָבזינקען, וועלכע ווערט אַלע ווייַלע דורכגעריסען פון בליצען,
וואָס צינדען ענדליך אָן אַ וואַלד־פייער. אַרום די ליבענדע שטע־
הען הויכע פיכטען־ביימער און ברענען ווי פאַקעלען צו זייער האָכ־
צייט, אַטאַלאַ האַלט ביי אונטערגעבען זיך, ווען פּלוצלונג גיט אַ
וואַרנענדער בליץ אַ קראַך צו אירע פיס. דאָ פּאַסירט עס וואָס
זי נעהמט גיפט, און אין אירע לעצטע ווערטער צו טשאַקטאַס׳ן
זעהט אויס דער פייער פון איר ליידענשאַפט ווי אַ פאָרזעצונג
פון דעם וואַלד־פייער אין דער נאַטור.

„וואָס פאַר אַ פּיין עס איז צו זעהן דיך אימער נעבען זיך,
ווייט פון מענשען, אין דער טיפער איינזאַמקייט פון דער סטעפּ,
און דאָך פיהלען צווישען מיר און דיר אַן אונאיבערשטייגליכע
וואַנד! עס וואָלט געווען מיין העכסטעס גליק צו פאַרברענגען מיין
גאַנץ לעבען צו דיינע פיס, צו דינען דיר ווי אַ שקלאַפין, אין אַן
אומבאַקאַנטען ווינקעל פון דער ערד דיר דיין מאָלצייט און דיין
געלעגער צוצוגרייטען; דאָס דאָזיגע גליק איז געשטאַנען פאַר
מיר און איך האָב עס ניט געקענט געניסען! וועלכע פּלענער
האָב איך ניט אויפגעטראַכט! וועלכע טרוימען האָבען אין דיזען
באַטריבטען הארצען ניט אויפגעטויכט! אָפטמאָל, קוקענדיג אויף
דיר, פלעג איך היינגעריסען ווערען פון פאַרלאַנגען וועלכע זיינען
געווען פונקט אַזוי וואַנזיניג ווי זינדיג: אָט פלעגט זיך מיר ווע־
לען אַז איך און דו זאָלען זיין די איינציגע באַשעפענישען אויף
דער ערד; און אָט ווידער, פיהלענדיג די גאָטהייט וועלכע פלעגט
אָבהאַקען דיזע שרעקליכע געדאַנקען, פלעג איך ווינשען אַז די
גאָטהייט אַליין זאָל פאַרניכטעט ווערען, כדי, אין דיינע אָרימס

איינגעדריקט, זאָל איך קענען פאַלען פון אָבגרונד צו אָבגרונד אין מיטען פון די רואינען פון נאָט און וועלט.״

ווי מערקווירדיג עס איז ניט דיזער אויסברוך פון אונבאַ־גרענצטער ליידענשאַפט, און ווי אָריגינאַל עס איז ניט די סצע־נערי, וועלכע דינט איר אַלס הינטערגרונד, פיהלט מען דאָך אַז אַזעלכע טענער, אַזעלכע שילדערונגען וואָלטען אונמעגליך געווען, ווען עס זאָל ניט געווען פריהער קומען רוסאָ, און ווען רוסאָ׳ס לי־טעראַרישע פאַרזוכען וואָלטען פון אַן אַנדערען, גרעסערען גייסט, אויסערהאַלב פראַנקרייך, ניט פאָרגעזעצט געוואָרען.

.2

# רוסאָ'ס „נייע העלאָיז".

דאָס באַדייטענדסטע ווערק, וואָס רוסאָ האָט געשאַפען אַלס דיכטער, איז „די נייע העלאָיז". עס איז דאָס דאָזיגע בוך, (וואָס האָט איבריגענס געהאַט פאָרלויפער, אַ ווייטען אין דער פאָרטרעפ־ליכער ערצעהלונג „מאַנאָן לעסקאָוט" פון אַבבעי פּרעוואָ (Abbe Prevost,) און אַ נעהנטערען אין די ענגלישע ראָ־מאַנען פון ריטשאַרדסאָן,) וועמעס אידעען האָבען, ווי פון ווינד געטראָגענע זאָמענקערנער, זיך אין דייטשלאַנד פאַרפלאַנצט און דאָרט אַרויסגעבראַכט „ווערטהער". די ווערטהער־געשטאַלט וואַקסט, מאַכט דורך אַן אומשאַפונג און ווערט שפּעטער „פאַוסט", און יענע געדאַנקען און געפיהלען שטראָמען דאַן אַריבער צוריק די גרעניץ פון פראַנקרייך, און אויף פראַנצויזישען באָדען הייסט דער שטראָם „רענעי".

וואָס איז געווען דאָס נייע אין רוסאָ'ס „העלאָיז"? זיינע לאָזונגען זיינען געווען נאַטור און געפיהל, נאַטור און טוגענד. דע־רין ליגט פאַר אונז קיין נייס ניט. דער שטאָף פון דעם בוך איז אַ ליבעס־געשיכטע, און דערפון האָט מען אין פראַנקרייך שוין אַ סך געשריבען. דאָס נייע באַשטעהט קודם־כל אין דעם, וואָס רו־סאָ'ס „העלאָיז" מאַכט אַן ענדע צו דער גאַלאַנטקייט, און דער־מיט — צו דער אויפפאַסונג פון די געפיהלען אין דער גאַנצער קלאַסיש־אַראַטאָרישער פּעריאָדע. דיזע אויפפאַסונג איז געווען, אַז אַלע איידעלע און צאַרטע געפיהלען, און פאַר אַלעמען די ליבע, זיינען פּראָדוקטען פון דער ציוויליזאַציאָן. עס איז קלאָר אויבען־אויף, אַז אַ געוויסע שטופע פון קולטור איז נויטיג, איידער עס קען אַנטשטעהן אַזאַ געפיהל ווי ליבע. כל זמן עס זיינען ניט גע־

ווען קיין פרויען קליידער זיינען ניט געווען קיין פרויען, נאר בלויז נקבות, און כל זמן עס זיינען ניט געווען קיין פרויען איז ניט געווען קיין ליבע. פון דיזען, אין זיך זעלבסט ריכטיגען געדאנק האט יענע פאר־רוסא'ישע עפאכע, וועלכע ווערט אנגערופען די עפאכע פון לואי דעם 14טען, געצויגען דעם שלום, אז פארדעקען די נאקעטע ליידענשאפט מאכט זי איידעלער און ווירדיגער. וואס מער פארשלייערט און א ר ו מ געשריבען זי איז, וואס זארגפעלטיגער פארשטעלט, וואס ווייטער אנגעוואונקען, אלץ ווייניגער ברוטאל ערשיינט זי. די זיטען און די ליטעראטור פון יענער צייט זיינען ווירקליך געווען א פראדוקט פון געזעלשאפטליכער קולטור, א קולטור וואס איז געווען באשרענקט בלויז צו די העכסטע קרייזען.

די מענער פון דער צייט פון לואי דעם 13טען פלעגען זיך אומטרייבען אין אייזערנע פאנצער, אויף געפאנצערטע פערד, אין רעגען און שניי איבער דורכגעווייקטע שטעגען פון בערג און טייכען. דעריבער, ווען זיי און זייערע זיהן האבען פארלאזען זייערע אלטע אפגעלעגענע ריטער־ און רויבער־שלעסער אום צו געהן נאך ווערסאיל, האבען זי ליבער פארגעצויגען א רעגעלמעסיגען גארטען איידער דעם ווילדען וואלד, אן אויסגעארבייטע עטיקעטע אנשטאט דער שפראך פון דעם סאלדאטען־־לעבען, און אין דער טראגעדיע, אין דעם ראמאן און אין דער לירישער פאעזיע — א געשליפענע פארם און ציוויליזירטע געפיהלען אנשטאט נאטור און געפיהל. אין דיזען שטרעבען איז מען געקומען צו אזא הויבען פונקט וואס איז ביז דאן נאך קיינמאל ניט געווען אין דער געשיכטע פון גייסט. אלס ביישפיל קען דינען א ראמאן ווי „די פרינצעסין פון קלעוו". עס איז אונמעגליך צו געפינען א צארטערען חוש און א ריינערען געפיהל פאר דער ראפינירטקייט פון דער מענשליכער נאטור און די פארמען אין וועלכע דיזע ראפינירטקייט האט אנגענומען פאר זיך, ווי אין דיזען ראמאן. אדער לאמיר נעהמען, אום צו האבען א פאלקאמענערען קאנטראסט צו דער „נייער העלאיז", מאריוואא'ס (Marivaux) פיעסען. בשעת ביי דעם אינגערען ערעבילאן (Erebillon) געפינט מען פריי און אונזשענירט אפגעמאלט די זשעניאלע און דום־שטאלצע פוסט־

קיים פון יענער געזעלשאַפט, גיט אונז מאַריוואָ אירע סאַמע פיינ־
סטע בלומען, איר מאַניערען־גראַציע אַ לאַ פּאַרמעגיאַנינאָ, איר
גאַנצע בילדונג און איר גאַנצען גייסט אַזוי פאַלשטענדיג און
טיפּיש, אַז מען דערקענט גלייך ווידער דעם כאַראַקטער ווען אַל־
פרעד דע מוסע (Musset) מיט יאָרען שפּעטער נעהמט ווידער אויף
די שילדערונג אין זיינע קליינע דראַמען. די געליבטע ביי מאַ־
ריוואָ זיינען צוויי וועזענס פון גלייכער ערציהונג, און וואָס נאָך
וויכטיגער, פון גלייכען שטאַנד. מיר באַגעגענען דאָ ניט, ווי
אין די דראַמען און ראָמאַנען פון דעם 19טען יאָרהונדערט, יענע
אַריסטאָקראַטישע דאַמען, די פּאַטריציערינס, וועלכע ליבען אַ
מאַן פון פּראָסטער אָבשטאַמונג, דעם פּלעבייער, אָדער געשטאַלטען
ווי דער לאַקיי רואי בלאַ, וועלכער געפינט חן אין די אויגען פון
אַ קעניגין. אויב עס פאַרקליידען זיך אַמאָל ביי מאַריוואָ דער
הער אַלס דינער און דאָס פרייליין אַלס קאַמער־מיידעל דערקענען
זיי זיך גלייך, טראָץ דער פאַרקליידונג. דיזע צוויי וועזענס זייי־
נען האַלב־נאַטירליך, האַלב־קינסטליך; זיי זיינען, ווי פּאָול דע
סעינט־וויקטאָר זאָגט, גלייך צו יענע בלומען, וועמעס זאַפטען
קומען אַרויס פון דעם שויס פון דער נאַטור, אָבער וועמעס
קעלכבלעטער האָט דעם גערטנער'ס קונסט פאַרשעהנערט דורך אַ מי־
שונג מיט געקליבענע מוסטערען. זיי טראָגען ניט קיין פּאַרוקען,
אָבער זייער האָר איז געפּודערט. זיי טראָגען פּאַראַדנע שווערדען
אָבער זיי פאַרשטעהען ניט ווי זיי צו געברויכען. זייער געשפּרעך
איז אַ באַשטענדיגעס זוכען און אַנטלויפען, אַ צוטרעטען און צור־
ריקטרעטען, לויטער אָנצוהערענישען און צווייזייטיגקייטען, טויי־
זענד אומוועגען, אונטערדריקטע זיפצען און פאַרשטעלטעס מודה
זיין; אַ סטיל פון זילבער און זייד. די אָפענע הסכמה שוועבט
אויף די ליפען פון דיזע יונגע מיידלעך און אַלמנות, אָבער זי
ווערט צוריקגעהאַלטען אין דעם מאָמענט ווען זי וויל אַרויספליהען.
דער בענקשאַפטס־פאַרלאַנג פון דעם ליבהאָבער פאַרלירט זיך אין
אַזאַ טיפען געפיהל פון רעספּעקט, אַז יעדען אויגענבליק בלייבט
ער שטעקען, ווערט פאַרלעגען און שווייגט. די פיינע דאַמע ביי
מאַריוואָ באַדאַרף גאַר קיין אויסגעשפּראָכענע ערקלערונג ניט. ווי
זי באַהערשט זיך אַליין און היט זיך ווי אַ שוישפּילערין איר לייי־

דענשאַפט ניט ארויסצושטעלען, אזוי פארשטעהט זי א האלב וואָרט אין יענעם, א ציטער פון דער שטימע, און קערט זיך אָב פון דער שטאַרקער ליידענשאַפט, פון איר אויסגעשריי און איר זעלבסטפערגעסענהייט ווי פון עפּיס אַן אָבשטויסענדען און בלוט־טיגען שוישפּיל. דאָס שטיק רוקט זיך דאריבער האלבע און גאַנ־צע שטונדען לאַנג ניט פון אָרט. דיזע נאַטורען זיינען פאר אונז צו צאַרט און עמפּפינדליך. זיי זעהען אונז אויס וואונדערליך און אבסורד, מיר קוקען זיי אָן אַלס קוריאָזיטעטען, ווי מען קוקט אָן די מימאָזען צווישען די פלאַנצען; די מימאָזען זיינען ניט אוננאַטירליך, נאָר אייגענאַרטיג, און יענע פערזאָנען זיינען, אמת, מאַנירליך, אָבער אָהן געמאַכטקייט, דען זייער וועזען איז פאר זיי נאַטירליך. דאָס פראַנצויזישע וואָרט „מאַריוואָדאַזש" (העכסט אויסגעפיינטער סטיל, סענטימענטאַליזם) באַווייזט אַז מאַריוואָ'ס מאַניער איז שטאַרק אָריגינעל. ניט יעדען מאַנירליכען קינסטלער געלינגט עס צו באַרייכערען די שפּראַך מיט א וואָרט, אין וועלכען ער לאָזט איר איבער זיין נאָמען.

מען האָט געמאַכט א סך פארשיידענע באַשולדיגונגען געגען דער קונסט און פּאָעזיע פון יענער צייט. מען האָט געזאָגט אַז זי איז ניט פּאָלקסטימליך, פּאָלגליך איז זי אונמאָראַליש; דען אין אונזערע טעג איז מען גענייגט דיזע ביידע באַגריפען צוזאַמענצו־שמעלצען. אָבער מען דאַרף ניט פארגעסען אַז ביז יעצט איז יע־דע גרויסע קונסט אין דער וועלט געוועזען פון אַריסטאָקראַטישען אורשפּרונג, די וועלכע איז אין אַטהען אַנטשטאַנען ניט וועניגער ווי די, וועלכע איז אין פלאָרענץ אַנטשטאַנען, בשעת די גרויסע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפטען, ווי אין נאָרד־אַמעריקא, האָבען נאָך קיינערליי קונסט ניט ארויסגעבראַכט. מען דאַרף ניט אריינ־פאַלען אין דער פּעדאַנטעריי צו פאראַכטען יענע גאַנצע פּאָעזיע, וואָס נאָר איר גענגנזאַץ מוז נויטווענדיגערוויז זיך פּאַסען דעם מענשען פון אונזער צייט און אונזער געזעלשאַפט. אַן אַנדער איינ־ווענדונג געגען דער קונסט פון דער צייט פון לואי דעם 15טען איז דאָס וואָס זי איז קאָנווענציאָנעל. אָבער דערפאַר דאַרף זי ניט גערינגגעשעצט ווערען. יעדע קונסט אין דער וועלט איז קאָנ־ווענציאָנעל; ווען דאָס קאָנווענציאָנעלע פארלעצט ניט אונז אליין

איז עס נאָר דערפאַר, ווייל עס שטעהט צו נאָהנט צו אונז אום אונז צו פאַרלעצען! דאָס קאָנוועציאָנעלע ביי מאַריוואָ איז אויסגעשפּרייט איבער זיין גאַנצער צייט.

יענער צייטגייסט דריקט אַרויף זיין שטעמפּעל אויף אַ גאַנצען יאָרהונדערט. מיר טרעפען אים ביי מאָצאַרט אין אַ פיגור ווי צערלינע, וועלכע איז בשום אופן ניט קיין דאָרפס־מיידעל אין הילצערנע שיך, אָדער פון דעם סאָרט ווי די געשטאַלטען פון אונזערע נאַרוועגישע דאָרף־געשיכטען, נאָר קאָקעט און „ליבליך", מיט הויכע שיך און רויטע אַפּזאַצען, דעם פּאַסטוכער־הוט אויפ'ן האַנד און אַ לייכטען וואָלקען פון פּודרע אויפ'ן קאָפּ. מיר טרעפען אים ניט ווייניגער אין וואַטאָ'ס (Watteau) גלענצענדע בילדער. דער מאַלער פון די דאָרפישע פעסטליכקייטען, ווי ער ווערט אָנגערופען, האָט מיט פּאַלשטענדיגער זשעניאַליטעט פאַרהערליכט און פאַראייביגט די שטיפערישע עראָטיק פון יענער צייט. אָבער נאָכדעם ווי מיר האָבען געהערט צערלינע'ס דועט, באַטראַכט אַ בילד פון וואַטאָ, אָדער געזעהן אַ שטיק פון מאַריוואָ, ווען מיר קערען זיך אום צו אונזער צימער און עפענען אויף „די נייע העלאָיז" וועלען מיר דערפיהלען אַן אַנדער אַטמאָספערע.

פאַר רוסאָ איז אַזאַ מאַניעריזם און גאַלאַנטקייט לעכערליך. אַזוי ווי אין אַלעם ציהט ער פאָר דעם נאַטור־צושטאַנד, אַזוי אויך אין דער עראָטיק, און ליבע אין איר נאַטור־צושטאַנד איז פאַר אים אַן אונווידערשטעהליכע, גוואַלטזאַמע ליידענשאַפט. ווי ווייט אָבגערוקט מיר זיינען דאָ פון יענע צאַרטע זעלען־שטימונגען און צירליכע זשעסטען פון מאַריוואָ, פון יענע סצענען אין וועלכע דער קניענדער ליבהאָבער פאַרגעסט ניט אין סאַמע קניען די פאַלקאָמענע פּאָזע בשעת ער דריקט צו זיינע ליפען דעם שפּיץ פון דער געליבטער'ס הענדשקע! רוסאָ'ס העלד סעין־פּרע, מיט זיין גאַנצער ריטערליכער און מאָראַלישער האַלטונג, איז דאָך אַן אמת'ע עלעקטריזיר־מאַשינע אָנגעלאָדען מיט ליידענשאַפט, גוואַלטזאַם, זעלבסטפאַרגעסען, און יענער ערשטער קוש אין דעם קלאַרענס־וועלדעל רופט אַרוים אַן אמת'ען טרייסעל, אַן ערדציטערניש, אַ פלאַם פייער ווי פון אַ בליץ, און ווען זשולי בויגט זיך אַרונטער צו סעין־פּרע און קושט אים און עס הויבט איר אָן שווינדלען אין

קאָפּ און זי פאַלט אין אָהנמאַכט איז עס ניט אַ קאָקעטעריי ווי אין דער צייט פון די פּאַרוקען, נאָר אַ רעזולטאַט פון דער איבער־וועלטיגענדער מאַכט פון דער ליידענשאַפט איבער דעם יונגען גע־זונדען נאַטור־קינד.

דער צווייטער נייער שטריך ביי רוסאָ איז דאָס, וואָס סעין־פּרע און זשולי זיינען ניט פון גלייכען שטאַנד. זי איז די טאָכ־טער פון אַן אַנגעזעהענעם מאַן, ער — אַן אָרימער הויזלערער, אַ פּלעבייער. ווי אין „ווערטהער'ס ליידען" איז דאָ מיט דעם ליבעס־געפיהל געפּאָרט דער ווילען פון דעם דעמאָקראַטישען פּלעבייער זיך דורכצושלאָגען אַ וועג אין לעבען. מען זעהט וויפיעל רעכט און אומרעכט נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט ווען ער האָט ביי זיין באַ־געגעניש מיט געטהע אים געמאַכט דעם פאָרוואורף אַז ער האָט אין „ווערטהער" קאָמבינירט די ליבעס־געשיכטע מיט'ן פּראָסטאָק און זיך דערמיט ארויסגעשטויסען פון דער אריסטאָקראַטישער גע־זעלשאַפט. מען פיהלט דעם זיכערען בליק פון דעם טאַקטיקער אין דיזען פאָרוואורף, אָבער פון דאָס אויבענגעבראַכטע קען מען דערקענען אין וואָס פאַר אַ נאָהנטער פאַרבינדונג די ליבע איז גלייך ביים אָנפאַנג פון איר אויפטרעטען אין דער ליטעראַ־טור געשטאַנען מיט דעם דעמאָקראַטישען עלעמענט. מיט איין וואָרט, דאָס געפיהל אַליין איז דעמאָקראַטיש, די אַריסטאָקראַ־טישע ליבע אַנטוויקעלט זיך גלייך אין גאַלאַנטקייט.

דער דריטער באַדייטונגספולער שטריך אין דיזען בוך איז דאָס, וואָס פּונקט ווי די ליבע טרעט אויף אַנשטאַט דער גאַלאַנטקייט און דער קלאַסען־אונטערשייד פאַרנעהמט דעם פּלאַץ פון דער אריסטאָקראַטישער קאַסטען־גלייכהייט, אַזוי טרעט אויך אויף דאָס מאָראַלישע געפיהל, — די פאַרהייליגונג פון דער היי־ראַט אויס מאָראַלישער איבערצייגונג — אַנשטאַט יענער עהרע, וועמעס איינציגע אורזאַכע איז געווען אַן אריסטאָקראַטישער שטאָלץ, אַ געוויסע זעלבסטאַכטונג, וועלכע האָט אין דער אריס־טאָקראַטישער ליטעראַטור געשפּילט די ראָלע פון דער טוגענד, ווען עס איז אין אמת'ן קיין טוגענד ניט געווען דערין צו געפי־נען. דאָס דאָזיגע וואָרט איז ביז איצט ניט געווען אין קורס. אָבער עס איז געוואָרען אַ לאָזונג פאַר רוסאָ און זיין שולע, אַ לאָ־

זונג וואָס שטעהט גאָרניט אין געגענזאַץ מיט דעם אַנדערען רוף „נאַטור", וואָרום די טוגענד איז פאַר רוסאָ אַ נאַטור־צושטאַנד. מען האָט געזאָגט אַז אין פראַנקרייך איז די פאַמיליען־אויסגעלאָסענקייט אונטער לואי דעם 13טען געווען אַ צייטפאַרטרייב, אונטער לואי דעם 14טען אַ מנהג, און אונטער דער רעגענטשאַפט אַ פליכט. רוסאָ אַלזאָ איז אַרויסגעטראָטען געגען דעם גייסט פון זיין צייט ווען ער האָט אָנגעשריבען אַ בוך אין וועלכען די הייראַט ווערט פאַרהערליכט. געוויס איז ער נאָך אויך אַזוי אָנגעשטעקט מיט דעם גייסט פון זיין צייט אַז די העלדין פון דעם בוך פאַלט; ווייטער אָבער האָט דאָס בוך יענע ענליכקייט מיט „ווערטהער", וואָס אויך דאָ פאַרלירט דער אמת'ער ליבהאָבער די געליבטע און די העלדין פאַרבינדט זיך מיט אַן „אַלבערט", וועלכער איז פונקט אַזוי אונטאַדעלהאַפט ווי אונאינטערעסאַנט. עס איז באַלערענד צו זעהן אַ טיף ווי וואָלמאַר אומגעשאַפען פון איין ליטעראַטור אין אַן אַנדערער ניט פאַרלירענדיג דערביי זיין שטעמפעל. נאָכדעם ווי ער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַלבערט אין „ווערטהער" שווימט ער אַרויף אין דער דענישער ליטעראַטור אַלס עדוואַרד אין דעם „טאַגעבוך פון אַ פאַרפירער" (קירקעגאַארד). דער מאָראַלישער עלעמענט וועלכער ווערט ביי רוסאָ אויפגעהויבען און פאַרהערליכט אַלס די טוגענד איז דער זעלבער וואָס טרעט אויף שפּעטער ביי שאַטאָבריאַן אונטער דעם איינפלוס פון דער רעליגיעזער רעאַקציע אַלס דער נדר.

און דאַן נאָך אַ שטריך, דער לעצטער: דער לאָזונג „נאַטור" דאַרף פאַרשטאַנען ווערען גאַנץ בוכשטעבליך. צום ערשטען מאָל טרעט אַרויס אויף'ן קאָנטינענט דאָס עכטע נאַטור־געפיהל אין דעם ראָמאַן און לאָזט די ליבהאָבעריי פאַר סאַלאָנען און גערטנער. וואָס פאַר אַ ווייטקייט פון דער סצענעריי ביי מאַריוואָ און וואַטאָ!

אין וועלכע אומגעבונגען שטעלט די פּאָעזיע און די מאַלעריי פון דער צייט פון לואי דעם 15טען אירע פּערזאָנען? דאָס נאָך וואָס מען האָט געשטרעבט אונטער לואי דעם 14טען אין דער אַרכיטעקטור איז געווען דאָס אימפּאָנירענדע. מען האָט געאָפּפערט יעדע ליכטקייט און באַקוועמליכקייט צו דעם קאַלטען פּאָמפּ

און דער שטייפער עטיקעטע. ווער עס האט געזעהען דאס שלאָס־ציממער פון לואי דעם 14טען אין ווערסאיל וועט צוגעבען אז אים איז זעלטען אויסגעקומען צו זעהען א מער אונערטרעגליכען געלע־גער. יעצט ווערען די אונבאוואוינבארע און מאיעסטעטישע זאלען אבגעטיילט פון די „קליינע שטיבער״ (“Petites maisons”) אבער דעמאָלט האט זיי יעדער וועלטליכער מענש באזעסען, און אין זיי האט זיך דער אויבערפלעכליכער געשפרעך און דער אויס־געלאסענער לייכטזין גוט געפיהלט. דאריבער פארשווינדען אין דער ארכיטעקטור די גרויסע, איינפאכע פארהעלטניסען, די ריי־נע און קלאָרע מאסען־ווירקונגען. דאס הארטע און שווערע פון דעם שטיין ווערט פארלייקענט, די שטרענגקייט פון דער ליניע געבראָכען, אלעס ווערט רונד און אויפגעבלאָזען, אלע ליניען ווע־רען משופע׳דיג און שטאָלץ. דיזער סטיל האט דערגרייכט זיין העכסטען פונקט אין דער ארכיטעקטור ווי אין דער סקולפטור. אי־בעראל שטויסט מען זיך אָן אויף אונענדליך ווידערהאָלטע קופיד־סטאטוען און גראציען, פונקט ווי אין די פערזען פון וואָלטעיר׳ס “Poesies Fugitives”. אין די גערטנער אומארמט דער באָק־פוסיגער פאן שלאנקע, ווייסע נימפען ביי קינסטליכע וואסער־פאלען. אין דער מאלעריי אנטשטעהען יענע לאנד־בילדער, צו וועלכע רובענס׳ ליבעסגארטען האט געדינט אלס פארבילד, אבער וועלכע, אנשטאט זיין ברייטער לעבענס־לוסטיגקייט און שווע־רע פיגורען, ווייזען אויפגעבלאָזענע און פיינע געשטאלטען אין קאָ־קעטע קליידער, און אנשטאט רובענס׳ שטארקען סענסואליזם — אן עראָטישעס שפיל, א ליבלען און פליסטערען, אויף א הינטער־גרונד פון שאָטענדיגע גאנגען מיט שטילע באהעלטענישען, מיט לייכטזיניגע סטאטוען און פרישע גראז־טעפיכען.

אונטער לואי דעם 14טען איז די גאנצע קליידונג געוועזען שטייף. מען האט געטראָגען גרויסע אָבשלאָגען און קראגענס, אפילו די פאָלעס פון ראק און וועסט זיינען געוועזען שטייף, די האלז־קראגען און מאנזשעטען שטארק, אזוי אז קיין איינציגער פאלט זאָל זיך ניט קענען פארענדערען. די אונבאקוועמע „אלאנזשע־פאריקען״ האָבען געמאכט נויטיג די ערנסטע, אָנגעצוויגענע האל־טונג. אונטער דער רעגענטשאפט איז אלעס געצילט געווען אויף

ליכטקייט און אונגעצוואונגענקייט. דאָס שטייפע פוטער איז פארשוואונדען, אויפ'ן אָרט פון די אַלאַנזשע־פאַריקען איז געקומען די געפּודרעטע האָר, שטייף פריזירט, אזוי אז קיין שום האסטיגע באוועגונג זאָל עס ניט קענען ברענגען אין אונ־אָרדנונג. איבעראַל, אין דער קליידונג און אין דער באַנעהמונג, האָט מען זיך איבערגעגעבען צו אַ געוויסער נאַכלעסיגקייט. מען פלעגט פארווײלען אין בודוארען. אזוי ווי עס איז אייגגעפירט געוואָרען טיי און קאָפע פון דעם אָריענט אזוי איז אויך אייגגעפירט געוואָרען די אָריענטאַלישע סאָפע, וועלכע האָט דעם אינגערען ערעביאַן געגעבען דעם טיטעל פאר זיין באַקאַנטעסטער ערצעהלונג. דער וויכער לענשטול האָט פאַרדרענגט דעם הויכען, אונבאַקוועמען ארעמשטול מיט דעם רוקען גלייך ווי אַ שנור. די אויסשטאַטונג פון די צימערען באַשטעהט פון שווערע זיידע־נע גאַרדינען, וועלכע מאַכען דאָס ליכט גלוסטיג־מאַטער, פון גרויסע שפּיגלען אין גאָלדענע ראַמען, פון רייך פאַרצירטע פערפּענ־דיקעל־זייגערס, פון צופיעל געצייכענטע מאַלערייען און גערדרעהטע, שפּיראַל־פערמיגע מעבעל. דאָס גאַנצע צימער הויכט מיט אַ גלוסטיגען פאַרפום.

פון דאַנען ווארפען מיר אַ בליק אויף דער סצענערי אין דער „נייער העלאָיז.”

רוסאָ'ס סטאַטוע שטעהט היינט צו טאָג אויף אַ קלייניקען אינזעל אין זשענעווער אָזיערע, וועלכער שפּאַרט זיך אָן מיט זיין זידליכען שפּיץ אין זשענעווא. דיזע געגענד איז איינע פון די שעהנסטע אין דער וועלט. ווען מען געהט עטוואָס אויף דער אַנדערער זייט פון דעם אינזעל איבער אַ בריק זעהט מען דייטליך דעם רהאָן ברוזענד און שוימענד ארויסשלאָגען פון דער אָזיערע. איינציגע שריט ווייטער און מען זעהט זיין ווייסען שטראָם זיך צו־זאַמענטרעפען מיט דעם גרויען שניי־וואַסער פון דער ארווע. ביי־דע טייכען פליסען זייט ביי זייט, יעדער אויפהיטענדיג זיין פארב. ווייט אוועק זעהט מען דעם שניי־ווייסען שפּיץ פון מאָנטבלאַנק ארויסשטעקען צווישען צוויי מעכטיגע אַלפּען־רוקענס. געגען אָוועגד ווערען דיזע בערג־רוקענס טונקעל און עס שימערט איבער זיי דער שניי פון מאָנטבלאַנק ווי בלייכע ראָזען. עס זעהט אויס

אַזוי ווי די נאַטור וואָלט דאָ פאַראייניגט אַלע אירע קאָנטראַסטען. אַפילו אין דער מילדסטער צייט פון יאָר שפירט מען אַן אייזיגע קעלט ווען מען קומט אונטער צו די ברויזענדע ווייסגרויע בערג־שטראָמען. אויף דעמזעלבען שפּאַצירגאַנג שפירט מען, אין אַ באַשיצטען אָרט, דעם הייסען זומער, און אייניגע טריט ווייטער — דעם רויהען הערבסט מיט שניידענדע ווינדען. מען קען זיך גאָר קיין פאָרשטעלונג ניט מאַכען פון דער קאַלטער, קרעפטיגער פרישקייט אויף דיזען אָרט. בלויז די זון און דאָס העלע פינקלען פון די שטערען אין דער נאַכט דערמאָנען אין דעם זיד. זיי זעהען ניט אויס ווי ליכטיגע פינטלעך אין הימעל, נאָר עס דוכט זיך ווי זיי וואָלטען געהאָנגען אין דער לופט. און די לופט אַליין מאַכט פיהלען אַזוי ווי מען וואָלט איינגעאָטעמט עפּיס אַ שווערען, שטאַרקען געגענשטאַנד.

פאָרען מיר איצטער אויפ'ן אָזיערע אַרויף נאָך וועווע. הינטער דער שטאָדט — די אַלפּען־בערג באַדעקט מיט זידליך־פריישע בוימער און וויינגערטנער. אויף דער זייט פון דעם אָזיערע — די טונקעל־בלויע ריזיגע פעלז־ווענד, וועלכע פאַרשטעלען דעם אויסזיכט אויף די ברעגען פון דער אָזיערע, ערנסט, שרעקעדיג, בשעת די זון שפּילט אַרונטער מיט ליכט און שאָטען אויף די בערגקאַנטען. קיין אָזיערע איז ניט אַזוי בלוי ווי דער זשענעווער. ווען מען פאָרט איבער אים אין אַ שעהנעם זומער־טאָג זעהט ער אויס ווי בלויער אַטלאַס דורכגעשפּרענקעלט מיט גאָלד. דאָס דאַזיגע לאַנד איז אַ פעען־לאַנד, אַ לאַנד פון טרוימען, וואו מעכטיגע בערג וואַרפען זייערע שוואַרץ־בלויע שאָטענס אין אַ הימעל־בלויען וואַסער, באַשטראַלט פון דעם פינקלענדען גלאַנץ פון אַ זון, וועלכע פילט אָן די לופט מיט אירע פאַרבען. פאָרען מיר דאַן ווייטער אויפ'ן אָזיערע ביז מאָנטרע. דאָס פעלזען־נעסט שילאָן, יענער קערקער, אין וועלכען די באַרבאַרישע גרויזאַמקייט פון דעם מיטעלאַלטער האָט אַלע אירע מאַרטער־שמערצען געזאַמעלט, ליגט דרויסען אין דעם וואַסער. דיזער עדות פון ווילדע, גוואַלטיגע, פורכטבאַרע ליידענשאַפטען ליגט אין אַ נאַטור וועלכע מען קען אָנרופען אַ פאַרצויבערטע. דאָ איז דער אָזיערע אָפען, דער אָנבליק וועניגער אייגענאַרטיג, דאָס קלימאַט זידלענדישער, ווי ביי

וועווע. מען זעהט אזוי ווי א געהיימניספולעס בלויעס ליכט, אין וועלכען דער הימעל, די אַלפּען און דער אָזיערע זיינען צוזאמענגע־שמאָלצען. נאָך א פּאָר שריט ווייטער נאָך קלאַרענס און מיר טרע־טען אריין אין יענעם קאשטאַנען־וועלדעל וועלכער הייסט ביז אויף היינטיגען טאָג Bosquet de Julie. ער ליגט הויך אוי־בען אויף א בארג; פון דאנען זעהען מיר מאָנטרע ליגען געשיצט און פארשטעקט אין דער בוכטע. ווארפען מיר א בליק ארום אונז און מיר וועלען באגרייפען פארוואָס פון דיזען פּלאַץ ארויס האָט זיך פארשפּרייט דאָס נאטור־געפיהל איבער איירָאפּא. דען דאָ שטעהען מיר אין רוסאָ'ס געבורטסלאנד און אויפ'ן הינטער־גרונד פון זיין „נייע העלאָיז". דאָס איז געוועזען די סצענערי וועלכע האָט פארדרענגט די סצענערי פון דער צייט פון דער רע־גענטשאפט.

ווען מיר נעהמען דאָס אַלץ אין באטראכט דאן וועלען מיר לייכט באגרייפען די פארהעלטניש פון שאטאָבריאנ'ס ערשטער דיכטונג צו רוסאָ'ס באריהמטעסטען ראָמאַן. פריהער פון אַלץ האָט שאטאָבריאן גע'ירש'עט פון רוסאָ די ליבע צו דער נאטור. די שטארק קאָלאָרירטע שילדערונגען פון דער נאָרד־אמעריקאני־שער נאטור האָבען אלס פאָרלויפער די שילדערונגען פון דער שווייצארישער נאטור. אָבער דער אונטערשייד צווישען רוסאָ'ס און שאטאָבריאנ'ס לאנדשאפטען איז דער, וואָס די לעצטע זיי־נען א סך סוביעקטיווער, גאנץ אנדערש אָבהענגיג אָן דער געמיטס־שטימונג פון דעם העלד און דער העלדין. אויב עס שטורמט אין זייערע הערצער, שטורמט עס אויך אין דרויסען. די פערזענליכ־קייט, דער איינצעלנער מענש פארשמעלצט זיך דאָ גאנץ אנדערש מיט דער ארומיגער נאטור ווי אין דער ליטעראטור פון דעם 18טען יאָרהונדערט און פילט זי אָן מיט זיין ליידענשאפט און זיין שטי־מונג. וואָס אָנבעלאנגט דעם העלד און דער העלדין, זיינען זיי, אלס ווילדע, נאָך פיעל מער דערוויטערט פון גאלאנטקייט און נאָך פיעל מער נאטור־מענשען ווי די פארליבטע ביי רוסאָ. און אויב דאָ און דאָרט קומען פּאָר אויסדרוקען, וועלכע זיינען אונמעגליך פּאָר אָן אינדיאנער, האָבען דערפאר א סך פון די עראָטישע אויס־דריקען עפּיס פון ווילדער פּאָעזיע אין זיך, וועלכע איז אין 18טען

יאָרהונדערט אין פראַנקרייך אינגאַנצען אונבאַקאַנט געווען. מיר לעזען, צ. ב. דעם ליבעס־געזאַנג פון דעם קריגער, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איך וועל זיך איילען אַזוי שטאַרק, אַז איידער דער טאָג וועט באַרירען די בערג וועל איך קומען צו מיין ווייסער טויב צווישען די אייכען אין וואַלד. איך האָב אַרומגעבונדען אַ האַלזבאַנד קאַרעלען אַרום איר האַלז: די דריי רויטע קאַרעלען ריידען פון מיין ליבע, די דריי וויאָלעטע — פון מיין מורא, די דריי בלויע — פון מיין האָפנונג" א. ז. וו.

דער אונטערשייד אין שטאַנד צווישען די געליבטע ביי רוסאָ וואָס האָט אַזוי גוט געשטימט מיט יענער רעוואָלוציאָנערער צייט, האָט זיין פאַראַלעל אין „אַטאַלאַ" אין דעם אונטערשייד פון רעליגיאָן, וועלכער באַקומט אין דעם נייעם יאָרהונדערט, ביי דער רעאַקציאָן געגען וואָלטעיר, אַ נייע באַדייטונג. און דערמיט ערקלערט זיך אויך, ווי שוין אָנגעדייט, דער פאַקט וואָס דאָ שפּילט אַ קאַטוילישער נדר דיזעלבע ראָלע וואָס ביי רוסאָ דאָס ריין זיטליכע געבאָט. דאָ איז פאַראַן אַ פאָרשריט אין קאָלאָריט, אין דער אַנטוויקלונג פון דער פערזענליכקייט, אין דער פאַרשטענדניש פאַר דעם גייסט און די ראַסען־איינגענטימליכקייט פון אַ פאָלק וואָס איז פרעמד צו דער ציוויליזאַציאָן; דאַגעגען אָבער האָבען מיר דאָ אַן אַבזיכטליכען ריקשריט אין דעם, וואָס די מאָראַל ווערט דאָ פאַרביטען אויף דער קאַטוילישער קלויסטער־רעליגיעזיטעט און אַן אונגאַטירליכען אַסקעטעציזם. די ליידענשאַפט ווערט, אַזוי צו זאָגען, געשאַרפט אויפ'ן מזבח פון דעם קאַטויליציזמוס, און זייענדיג אונגאַטירליך אונטערדריקט, רופט זי אַרויס יענע אונגאַטירליכע ווילדקייט און גלוט, וועלכע ברענגט אַטאַלאַ — די זאַנפטע, פרומע אַטאַלאַ, דיזע ליבליכע, יונגע קריסטליכע אינדיאַנער־מיידעל, וועלכע האַלט אַזוי לאַנג אין צאַם די מעכטיגע ליידענשאַפטען פון איר שטירמישען, היידנישען ליבהאָבער — צו שטאַרבען מיט דעם וואונש, אַז גאָט און וועלט זאָלען פאַרניכטעט ווערען אויב זי וועט נאָר דאַן קענען אויף אייביג בלייבען געפּרעסט אויף דער ברוסט פון איר געליבטען.

## .3

# געטהע'ס „ווערטהער".

„די נייע העלאָיז" איז ערשינען אין 1761. דרייצען יאָר שפּעטער, אין אַן אַנדער לאַנד, אונטער זעהר פאַרשיידענע אומשטענדען, האָט אַ יונגער זשעני, וועלכער האָט וועניג בשותפות'עס מיט רוסאָ אָבער איז באַאיינפלוסט פון זיין ראָמאַן און זיינע אידעען, געשריבען אַ קליין בוך, וואָס האָט באַזעסען אַלע מעלות פון „דער נייער העלאָיז" נעבען פיעלע אַנדערע, און קיינע פון זיינע חסרונות, אַ בוך וואָס האָט ניט טויזענדע, נאָר מיליאָנען געמיטער אויפגעשטורמט, האָט אַריינגעפלאָסען אין אַ גאַנצען דור אַ לעבעדיגע באַגייסטערונג און אַ ליידענשאַפטליכע בענקשאַפט נאָכ'ן טויט, און געטריבען אַ ניט קיין קליינע צאָל מענשען צו קרענקליכער עמפּפינדליכקייט, צו פאַרצווייפלונג, צו לעדיג־געהעריי און צו זעלבסטמאָרד און וואָס האָט געהאַט די עהרע פאַרבאָטען צו ווערען אַלס ניט־רעליגיעז פון דער דענישער פּאַטערליכער רעגירונג. דאָס דאָזיגע בוך איז „ווערטהער". סעינט־פּרע האָט אומגעביטען זיין קאָסטום און האָט אָנגעטאָן די באַריהמטע ווערטהער־קליידונג, דעם בלויען ראָק און די געלבע וועסט, און רוסאָ'ס belle ame איז אַריבער אין דער דייטשער ליטעראַטור אַלס „די שעהנע זעלע."

וואָס איז ווערטהער? דעפיניציאָנען קענען ניט אויסשעפּען דעם אונענדליכען רייכטום פון אַ דיכטערישען מייסטערווערק, אָבער מען קען מיט אַ פּאָר ווערטער זאָגען, אַז דיזע געשיכטע פון אַ ליידענשאַפטליכער און אומגליקליכער ליבע האָט איר באַדייטונג אין דעם, וואָס זי דריקט אויס ניט בלויז די צופעליגע ליידענשאַפט און דאָס צופעליגע אומגליק פון אַן איינצעלנעם אינ־

דיווידואום, נאָר איז אַזוי באַהאַנדעלט, אַז די ליידענשאַפטען, בענקענישען און קוואַלען פון אַ גאַנצער עפּאָכע האָבען אין אים זייער אויסדרוק געפונען. דער העלד פון דער ערצעהלונג איז אַ יונגער מאַן פון בירגערליכער אָבשטאַמונג, וועלכער איז מאַלע־ריש באַגאַבט און מאָלט פון נייגונג, אָבער לויט פּראָפעסיע איז ער אַ סעקרעטער אין אַ געזאַנדשאַפט. דיזען יונגענמאַן האָט געטהע ניט־ווילענדיג פאָרמירט לויט זיין אייגענעם יוגענד־בילד, ער זעהט, פיהלט און דענקט מיט זיין גאַנצער רייכער און שפּרודלענדער זשעניאַליטעט ווי דער יונגער געטהע, און דאַדורך פאַרוואַנדעלט זיך ווערטהער אין אַ גרויסער סימבאָלישער פיגור: ער איז מער ווי דער גייסט פון אַ נייער צייט. ער איז כמעט צו רייך און גרויס אויפגעפּאַסט פאַר זיין שיקזאַל. עס איז פיליייכט פאַראַן זאָגאַר אַ דיסאָנאַנס צווישען דעם ערשטען טייל פון דעם בוך, וואו ווער־טהער׳ס גייסט ווייזט זיך אַרויס אין זיין ענערגישער געזונדקייט און יוגענדליכער קראַפט, און דעם צווייטען טייל, וואו ער געהט אונטער. אין דער ערשטער העלפט האָט ווערטהער מער פון געטהע׳ן אליין, וועלכער האָט זיך דאָך דעם טויט ניט געמאַכט. אין דער צווייטער העלפט האָט ער מער פון דעם יונגען יערוסאַלעם, וועמעס אומגליקליכער טויט האָט געדינט אַלס טעמע פאַר׳ן בוך. אָבער אַזוי ווי ווערטהער איז, איז ער דאָך אַ טיפּוס. ווערטהער איז ניט נאָר דורך זיין ליידענשאַפטליכקייט אַ נאַטור־וועזען, ער איז נאַטור אין יענעם באַזונדערען זין אין וועלכען געניוס איז נאַטור. בעת ער פאַרלירט זיך אין דער נאַטור, פיהלט ער דאָס גאַנצע אונ־ענדליכע לעבען פון דער נאַטור אין זיך, און פיהלט זיך דאַדורך „געגעטערט". מיר לעזען, צ. ב., ווערטהער׳ס וואונדערליכע טאָ־געבוך־פאַרצייכנונגען פון 18טען אויגוסט 1771. זי איז מעכטיג און געניאַל ווי אַ מאָנאָלאָג פון פאַוסט. מיר לעזען די שילדערונג ווי „דאָס אינערע לעבען פון דער נאַטור" עפענט זיך פאַר אים, ווי ער זעהט „די אַלע אונערגרינדליכע קרעפטען אין דער טיפע־ניש פון דער ערד ווירקען און שאַפען", ווי ער שמאַכט דערנאָך „צו טרינקען די קוואַלענדע פרייד פון דעם שוימענדען בעכער פון דער אונענדליכקייט און בלויז איין אויגענבליק צו פיהלען אין דער איינגעשרענקטער קראַפט פון זיין בוזים אַ טראָפּען פון דער

זעליגקייט פון יענעם וועזען וואָס ברענגט ארוים אַלץ אין זיך און דורך זיך." ווען מען לעזט דאָס, דאַן פאַרשטעהט מען ווי אַזוי, ווען ער הויבט זיך אָן פיהלען ווי אַ פאַרשפּאַרטער וואָס זעהט קיין אויסוועג ניט, קען ער ארומגעכאַפּט ווערען פון אַ ברענענ־דען, אַזוי צו זאָגען פאַנטעאיסטישען פאַרלאַנג אַוועקצושליידערען פון זיך זיין מענשליכען זיין, אום „מיט די שטורמווינדען צו צו־רייסען די וואָלקענס און ערגרייפען די וועלען", — און דאַן פיהלט מען די באַרעכטיגונג אין דעם אויסרוף מיט וועלכען ער שטאַרבט: „נאַטור! דיין זוהן, דיין פריינד, דיין געליבטער דערנעהנט זיך צו זיין סוף."

עס איז אונמעגליך אַז אַ זעלע, וועלכע פאָדערט אַזאַ גרוי־סען פּלאַץ, זאָל זיך ניט אָנשטויסען אָן די ענגע ראַמען פון דער געזעלשאַפט, איבערהויפּט ווי זי איז געווען איינגעצאַמט אין פעס־טע רעגלען צו דער ענד פון דעם געזעלשאַפטסליכסטען פון אַלע יאָרהונדערטען. ווערטהער פאַראַכטעט רעגעלען אויף אַלע גע־ביטען. אין אַ צייט ווען די פּאָעזיע איז געווען געפּענטעט פון רע־געלען, פירט ער זיי אַלע צו צו איינס: „דערקען דאָס גרויסע און וואַג עס אויסצושפּרעכען." און זייענדיג אַ קינסטלער האָט ער פונקט אַזעלכע אפּיקורסישע אַנזיכטען אויף דער מאַלעריי ווי אויף דער פּאָעזי. ער באַגעגענט אַ חבר אין פּראָפעסיע, וואָס איז נאַר־וואָס ארוים פון דער אַקאַדעמיע, וועלכער פאַרשלאָגט אים דעם קאָפּ מיט די תורות פון אַלע באַריהמטע טעאָרעטיקער, צווי־שען זיי ווינקעלמאַן און סולצער. דיזער חברה־מאַן איז פאַר אים אַן אמת'ער שרעק: „די נאַטור אַליין", שרייבט ער, „בילדעט דעם גרויסען קינסטלער. מען קען אַ סך זאָגען צו גונסטען פון רע־געלען, אונגעפער דאָס וואָס מען קען זאָגען צו גונסטען פון די רעגעלען פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט. אַ מענש וואָס בילדעט זיך אויס אויף זיי וועט קיינמאָל ניט ארויסברענגען עטוואָס אינגאַנצען געשמאַקלאָזעס אָדער שלעכטעס, פונקט ווי איינער וואָס פירט זיך אויף לויט די געזעצען פון העפליכקייט וועט קיינמאָל ניט זיין אַן אונערטרעגליכער שכן אָדער אַן אויסערגעוויינליכער אויסוואורף; פונדעסטוועגען, מען מעג זיך זאָגען וואָס מען וויל,

די רעגעלען צושטערען פארט דאס אמת'ע געפיהל פון נאטור און זיין אמת'ן אויסדרוק."

אין דעם דאזיגען האס וואס ווערטהער האט געגען אלע פון דרויסען געגעבענע רעגעלען ליגט אויך זיין פאראכטונג פאר אלע געקינסטעלטע אויסדריקען סיי אויפ'ן געביט פון דער שעהנקייט סיי אויפ'ן סאציאלען געביט. דאריבער קריצט ער מיט די ציין פון פארביטערונג ווען דער פירשט, וועלכער פארמאגט א קנאפען זין פיר שעהנקייט, ענטפערט אין א געשפרעך מיט אים איבער קונסט, מיט פלאכע, פאטענטירטע טערמינען אויף ווערטהער'ס ווארימען אויסגוס. דאריבער ווערט ער אין דעם געשפרעך מיט אלבערט'ן אויפגעבראכט איבער דעם פארטיגען צעטעל פון אנגענומענע געזעלשאפטליכע מיינונגען, וועלכען דיזער האט אימער אויפ'ן שפיץ צונג: „איר מענשען," רופט ער אויס, „אום פון עטוואס צו ריידען, מוזט גלייך זאגען: דאס איז נאריש, דאס איז קלוג, דאס איז גוט, דאס איז שלעכט! וואס זאל דאס אלץ מיינען? האט איר אויסגעפארשט די אינערליכע באדייטונג פון א האנדלונג? קענט איר מיט באטשימטקייט אנטוויקלען די אורזאכע ווארום זי איז געשעהן, ווארום זי האט געמוזט געשעהן? ווען איר וואלט עס געקענט, וואלט איר ניט זיין אזוי איבעראיילט מיט אייערע אורטיילען." דאריבער רעגט אים אזוי אויף די פעדאנטעריי פון דעם געזאנדטען ווען ער גיט אים צוריק דעפעשען צו פארריכטען קלייניגקייטען פון סטיל, דאריבער ווינשט ער אלע אומגליקען אויף דעם טעאלאגישען „בלוי־זאק", וועלכער האט אויסגעהאקט די פראכטפולע נוסבוימער פון דעם פריסטערישען גארטען; דאריבער איז ער פארביטערט, מער ווי עס איז פארבינפטיג, איבער אלע פרעטענזיעס פון דער טויטער געלערזאמקייט, איבער אלע לעבלאזע און צערעמאניעלע פארמאליטעטען, אלע פאדערונגען אויף געהארכזאמקייט און אונטערטעניגקייט מצד א געוויסען קלאס פון דער געזעלשאפט.

ער אנטלויפט דאן צו זוכען רעטונג ביי קינדער, וועלכע „זיינען נעהנטער פון אלץ אויף דער ערד צו זיין הארצען", און ביי פראסטע מענשען, וועמעס אמת'ע געפיהלען און אמת'ע ליידענשאפטען פארמאגען א שעהנקייט, וואס קען אין זיינע אויגען פון

קיין זאַך ניט איבערטראָפּען ווערען. עס איז דאַריבער גענוג ער זאָל באָאבאַכטען די מיידלעך, וועלכע געהען צום ברונען נאָך וואַסער, אום זיך צו דערמאָנען אָן די טעג פון די פּאַטריאַרכען, אָן אַליעזר און רבקה; צו קאָכען אַליין זיינע צוקער־אַרבעס אום זיך אַריבערצוטראָגען אין זכרון אין יענער האָמערישער צייט, ווען פּעַ־נעלאָפּ'ס מוטיגע ליבהאָבער טויטען און בראָטען אַליין זייערע אָקסען און שווינען. די נאַטור באַצויבערט און ענטציקט אים. אויב ער איז ניט קיין קריסט, אויב, ווי ער דריקט זיך אויס, ער געהער ניט צו דיעניגע וועלכע זיינען געגעבען דעם זוהן, ווייל זיין האַרץ זאָגט אים, אַז דער פאָטער וויל אים פאַר זיך באַהאַלטען, איז עס דערפאַר וואָס דער פאָטער פאַר אים — איז די נאַטור, און דיזע איז זיין גאָט.

וואוהין ער ווענדט זיך, שטויסט ער זיך אָן איבעראַל אָן דער געזעלשאַפט ווי זי איז געאָרדענט דורך קאַלטע און שטייפע רעגעלען. ער ווערט אויף אַ באַליידיגענדען אופן אויסגעוויזען פון אַ חשוב'ער געזעלשאַפט נאָר דערפאַר וואָס ער, אַ בירגערליכער, אַ פּלעבייער, גאָרניט אויסען זייענדיג, איז געבליבען שטעהן אין זאַל פון זיין הער ווען אַריסטאָקראַטישע געסט זיינען אָנגעקומען. ליבענדיג אַליין היים און אומגליקליך, אינטערעסירט ער זיך מיט דער רעטונג פון אַן אומגליקליכען, וועלכער איז פון אַן אונבאַ־זיגבאַרער און ניט־אונערווידערטער ליבע געטריבען געוואָרען צו גוואַלט און צום מאָרד פון אַ קאָנקורענט. אָבער ניט בלויז ווערט ווערטהער'ס באַמיהונג צוריקגעוויזען פון די שטרענגע פאַרטרע־טער פון דער אָרדנונג, נאָר ער ווערט נאָך פון געזעץ פאַרפליכטעט צו זאָגען עדות געגען דעמיעניגען, וועמען ער וויל אַזוי גערן און האַרציג באַשיצען און רעטען.

און דאָס אַלץ זיינען נאָר נעבענזאַכען. די מיידעל וועלכע ער ליבט און וועלכע ער וואָלט געקענט לייכט געווינען ווען די גע־זעלשאַפטליכע אָרדנונג וואָלט ניט געשטאַנען צווישען, ווערט די ווייב פון אַן אַנדערען. אין דיזען לעצטען קאָנפליקט ווערט זיין האַרץ געבראָכען.

אָט אַזוי שילדערט דאָס דאָזיגע בוך דאָס רעכט און דאָס אונרעכט פון דעם פולען האַרצען געגען די נישטיגע און שטיי־

פע רעגעלען פון דעם אַלטעגליכען לעבען, וואָס איז געאָרדענט פון דעם פארשטאנד, זיין ציהען זיך צו דער אונענדליכקייט, זיין פרייהייטס־דראנג; דאָס הארץ וואָס פיהלט דאָס לעבען פאר א תפיסה, און אַלע שייד־ווענד פון דער געזעלשאפט פאר די תפיסה־ווענד. אַלץ וואָס די געזעלשאפט גיט איז, ווי ווערטהער זאָגט, די ערלויבניש צו באמאַלען זיך די ווענד, צווישען וועלכען מען זיצט געפאנגען, מיט פארבען־רייכע בילדער און ליכטיגע אויס־זיכטען. אָבער די ווענד אַליין ווערען דורכדעם ניט אומגעוואָר־פען. אָט דארום דאָס דאָזיגע שלאָגען מיט׳ן קאָפּ אין וואנד, דאָס דאָזיגע לאנגע יאָמערען, די דאָזיגע טיפע פארצווייפלונג, וועלכע נאָר א רעוואָלווער־שאָס אין הארצען קען לינדערען. ווען נאפּאָ־לעאָן האָט געהאט זיין באקאנטע באגעגעניש מיט געטהע׳ן האָט ער אים פאָרגעוואָרפען אז ער האָט די ליבעס־געשיכטע פארבונ־דען מיט אַן אויסדרוק פון אונצופרידענקייט געגען דער אריסטאָ־קראַטישער געזעלשאפט; אָבער ווי מען זעהט — מיט אומ־רעכט, וואָרום דיזע ביידע פארהעלטנישען זיינען ענג פארבונדען און צוזאמען דריקען זיי אויס די אידעע פון דעם בוך.

דאָ ווערט ניט, ווי אין „דער נייער העלאָיז״, פאָרגעשטעלט דער זיג פון דער טוגענד און דער געטליכער רעליגיעזיטעט איבער דעם נאַטור־טריב און דער ליידענשאפט, נאָר דער פאטאַליזם פון דער ליידענשאפט. מיט פאטאַליסטישער נויטווענדיגקייט געהט אין דיזער הארצענס־טראַגעדיע די ליידענשאפט, וואָס ווייס ניט פון קיינע רעגעלען און קיינע צאַמען, צו גרונד.

אין יאָהר 1774 אַלזאָ איז ערשינען דאָס דאָזיע בוך, ווע־מעס שלום־בלעטער זיינען, אגב, ניט ערפונדען פון געטהע׳ן. מיט דעם רעכט וואָס יעדער שאַפענדער גייסט באזיצט, צו נעהמען זיין אייגענטום וואו ער געפינט עס, האָט ער זיי ווערטליך אראָבגע־שריבען פון א מאנוסקריפּט, וועלכער האָט באהאנדעלט די ענדע פון דעם יונגען יערוסאלעם. דער מאנוסקריפּט איז אָבגעדרוקט אין קעסטנער׳ס בוך איבער געטהע און לאָטטע. בלויז איין איינ־ציג וואָרט האָט געטהע געענדערט אלס וואולגאר און שלעכט־קלינ־גענד. אין מאנוסקריפּט שטעהט: „באַרביערגעזעלען (שעהרער) טרוגען איהן״. דאָס בוך ענדיגט זיך אזוי: „האַנד־

ו ו ע ר ק ע ר טרוגען איהן, קיין גייסטליכער האַט איהן באַגלייטעט.״ אין זיין שניידענדער קורצקייט דריקט אויס דיזער זאַץ אַז אַ לעבען איז געענדיגט, אַז אין קאַמפּף מיט זיך זעלבסט און מיט דער געזעלשאַפט איז אַ מענש, טויטליך פאַרוואונדעט אין זיינע סימפּאַטיען און שטרעבונגען, אונטערגעגאַנגען. בעלי־מלאכות האָבען איהם געטראָגען, וואָרום די בירגערליכע געזעלשאַפט האָט זיך פאַריסעאיש צוריקגעהאַלטען. קיין גייסטליכער האָט אים ניט באַגלייט, דען ער איז געווען אַ זעלבסטמערדער און האָט געבראָכען יעדע קירכליכע און רעליגיעזע פליכט. אָבער ער האָט ליב געהאַט דעם פּראָסטען מענשען און האָט פאַרקערט מיט דעם אונגעבילדעטען, דאַרום האָבען אים די דאָזיגע באַגלייט צום קבר.

עס איז יעדען באַוואוסט וואָס פאַר אַ שטראָם פון סענטימענטאַלער ליטעראַטור עס האָט זיך אַ גאָס געטאָן נאָך דיזען בוך, ווי פיעלע טרערען־רייכע ראָמאַנען האָבען פון אים אַרויסגעשטאַמט, ווי זיין געפיהלס־ווייכקייט איז ביי איינינע — ווי ביי קלאַורען, לאַפאָנטעין, און דעם דענער ראַהבעק — פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שווערער, פּלומפּער סענטימענטאַליטעט, און ביי אַנדערע — ווי אין איננמאַנ׳ס פריהסטע דראַמען און ראָמאַנען — אין אַ פאַרפיינטער פּלאַטאָנישער טרוימעריי. מען פראַגלייכט איבערהויפּט די דירעקטע נאָכאַהמונג פון ווערטהער אין „וואַרנער׳ס וואַנדערונגען״. אָבער „ווערטהער״ אַליין איז אין דעם ניט שולדיג; וואָרום דאָס וואָס דאָס בוך איז פאַרטרונקען אין געפיהלס־ווייכקייט איז נאָר איין זייט פון אים. פון אינמיטען פון דיזער פאַרטרונקענקייט שלאָגט אַרויס אַזאַ געזונדעס געפיהל פון נאַטור און לעבען, אַזאַ קראַפטפולער און רעוואָלוציאָנערער צאָרן געגען דער קאָנווענציאָנעלער געזעלשאַפט, די אַריסטאָקראַטישע פאָראורטיילען און דער פּעדאַנטעריי פון דעם געשעפטס־לעבען, אַז דער הויפּט איינדרוק פון דעם בוך איז דער דראַנג נאָך נאַטירליכקייט און פּאָעזיע, וועלכען זי שילדערט, וועקט און באַפרידיגט.

וואָס פאַר אַ פראָגרעס מיר האָבען דאָ איבער „דער נייער העלאָיז״!

קודם כל האָבען מיר דאָ נאָך אַ ריינערעס, טיפערעס, גע־

ניאַלערעם געפיהל פאַר דער נאַטור־אומגעבונג און דער לאַנדשאַפט ווי ביי רוסאָ. דער אונטערשייד אין דער נאַטור־אויפפאַסונג ער־קלערט זיך דערמיט וואָס אַ גרויסע ליטעראַרישע געשעהעניש איז אין דער צווישענצייט פאָרגעקומען — די ארויסגאַבע פון „אָס־סיאַן", וועלכע האָט אַזאַ אונגעהויערען איינדרוק געמאַכט. עס איז באַוואוסט ווי דער שאַטלענדישער דיכטער האָט זאָגאַר דאָס הארטע הארץ פון נאַפּאָלעאָנ'ען צושמאָלצען, אַזוי אַז ער האָט אים געשטעלט הויך איבער האָמער'ן. דעמאָלט האָט מען נאָך געגלויבט אין דער עכטקייט פון „אָססיאַן" און די צייט איז נאָך ניט געוועזן געקומען וועז מען האָט זיך פון דיזע דיכטונגען אָבגע־קערט מיט דעם זעלבען ערגער און ווידערווילען, וועלכען עס דער־פיהלט אַ קאָמפּאַניע אין גאָרטען וועלכע טראָגט זיך אוועק אין טרוימעריי דורך די טענער פון אַ נאַכטיגאַל און דאַן געפינט זי פּלוצלינג אויס אַז זי איז נאָר געמאַכט געוואָרען צום נאַר פון עפּיס אַ שטיפער, וואָס האָט די נאַכטיגאַל נאָכגעאַהמט. עס איז גע־לונגען מאַקפערסאָן אָבצורוקען האָמער'ן אָן אַ זייט אין דעם האַר־צען פון זיינע צייט־מענשען. ער האָט באַאיינפלוסט אויך גע־טהע'ן. דאַריבער ווערט דאָ אין „ווערטהער" די געזונטע, האָ־מערישע נאַטור־אַנשויאונג, וועלכע הערשט אין דער ערשטער העלפט פון בוך, ביסלעכווייז פאַרדרענגט דורך די אונרוהיגע אָס־סיאַנישע נעבעל־בילדער, וועלכע פאַסען צו דער וואַקסענדער קרענקליכקייט, דער אונרוהיגקייט און דער ליריק פון דער ליי־דענשאַפט.

די הויפּט פרויען־פיגור אין רוסאָ'ס ראָמאַן איז ניט געצייכענט מיט אַ זיכערער האַנד. עס פעהלט דאָרט, ווי כמעט איבע־ראַל אין דער פראַנצויזישער פּאָעזיע, די נאַאיוויטעט פון דער וייב־ליכקייט. זשולי איז אַ קלאַסישע פאָרלויפערין פון די העלדי־נען אין באַלזאַק'ס ראָמאַנען. ווי אונענדליך ווייט זי שטעהט אין וואַהרער און עכטער ליידענשאַפט פון איר נאָמען־פאַרוואַנד־טער, דער ווירקליכער העלאָיז! ווי טיף דורכגעפיהלט עס איז יעדעס וואָרט ביי דיזער, די ליבעס־אויסגוסען פונקט ווי די אויס־גוסען פון רעליגיעזיטעט, און ווי קאַלט זיינען זשולי'ס געטאַקטע פראַזען! יעדען אויגענבליק פאַלט זי אריין אין דעקלאַמאַציאָנען

איבער דער טוגענד און איבער דעם העכסטען ווערזען, ווי זי רופט אָן פילאָזאָפיש דעם אורקוואַל פון לעבען. זי פאַרגעהט זיך אין זאצען ווי פאָלגענדע: „אַלע מענשליכע אנגעלעגענהייטען זיי־נען אזוי נישטיג, אַז אויסער דעם ווערזען, וועלכער עקזיסטירט דורך זיך זעלבסט, איז קיין שעהנעס ניטאָ, אויסער דאָס וואָס איז ניטאָ" — זי מיינט אונזערע אילוזיעס. זשולי רעזאַנירט און דע־קלאַמירט. ווי נאַיוו און נאַטירליך ערשיינט אין קאָנטראַסט צו איר די קרעפטיגע שאַרלאָטע, צ. ב. אין יענער ערשטער סיטואַ־ציאָן, וואו זי שניידט ברויט פאַר אירע קליינע ברידער און שוועס־טער! דאָרט וואו זי געהט עטוואָס אריבער די ליניע פון נאַטיר־ליכקייט, זינדיגט זי ניט דורך דעקלאַמאַציאָנען אויף שטעלצען, נאָר דורך אַן אָנלויף פון סענטימענטאַלער טרוימעריי, ווי אין דער סצענע וואו אירע און ווערטהער'ס געדאַנקען באַגעגנען זיך ווען זי שרייבט אָן שווייגענדיג מיט אירע פינגער אויף די באַטויטע שוי־בען דאָס וואָרט „קלאָפּשטאָק."

און פון סעינט־פּרע ביז ווערטהער איז דער פאָרשריט פּונקט אזוי גרויס. פּיליכט דערקענט זיך שוין וואָס פאַר א נייעם כאַ־ראַקטער־צוג די הויפּט־פיגור האָט געוואונען דורכדעם וואָס זי איז אריבערגעגאַנגען דעם רהיין. סעינט־פּרע איז געווען, ווי דער נאָ־מען אליין דייט אָן, דאָס ריטערליכע אידעאַל. געטהע דער דיכ־טער פון דער מאָדערנער צייט מאַכט פון דעם ריטערליכען אידעאַל א סוף. עס איז געוונג דאָ אָנצעווייזען אַז ביי זיינע העלדען זיי־נען אַלע מעלות פון דער ריטערצייט, איבערהויפּט דער מוט, וואָס פאַרפעהלט קיינמאָל ניט צו האָבען א ווירקונג אויף נאַיווע לעזער, אָבגערוקט, אפשר שוין צופיעל, אָן א זייט. אזוי איז אין „ווער־טהער", אין „ווילהעלם מייסטער", אין „פאַוסט". ווערטהער איז ניט קיין ריטער, נאָר א גריבלער, א פּאָעט, א פאַנטאַסט. לאָמיר פאַרווײלען נאָך אַן אויגענבליק ביי דיזער געשטאַלט. ווערטהער איז א קראַנקער; וואָס פעהלט אים אייגענטליך? ער איז אונ־רוהיג און פיבערהאַפט, אָבער אַז מיר פאַרשטעהען עס גוט זעהען מיר, אַז זיין אונרוה איז די אונרוה פון פאָרגעפיהל, פון אונ־געוויסהייט, פון אונבאַשטימטער און גרעניצלאָזער בענקשאַפט, אָבער ניט פון פאַרצווייפלונג און האָפנונגסלאָזיגקייט. ער געהער

צו אַ צייט וועלכע אהנט, פיהלט פאַראויס, ניט צו אַ צייט וועל־ כע ווערט אַבהענדיג און פארצווייפעלט. אַ קאָנטראַסט צו איִם וועלען מיר געפינען אין שאַטאָבריאַנ׳ס רענעי. די גרונד־קוועלע פון ווערטהער׳ס אומגליק איז דער צוזאַמענשטויס צווישען דער אונענדליכקייט פון דעם הארצען און די באַשרענקונגען פון דער געזעלשאַפט. צוערשט זיינען געוועזן די העלדען פון דער ליטעראַ־ טור פירשטען און קעניגע, זייערע לעבענס־אומשטענדען זיינען גע־ וועזן אין פאַלשטענדיגער האַרמאָניע מיט זייער גייסטיגער גרויס־ קייט. דער קאָנטראַסט צווישען דאָס אינערליכע און דאָס אויסער־ ליכע, צווישען פאַרלאַנג און מאַכט, איז געוועזן אונבאַקאַנט. און אפילו ווען די ליטעראַטור האָט שוין אויסגעברייט דעם קרייז פון אירע אויסדערוועהלטע האָט זי זיך נאָך אַלץ געהאַלטען אָן די, וועלכע זיינען דורך אַריסטאָקראַטישען געבורט אָדער דורך רייכ־ טום געשטעלט געוואָרען איבער די נידריגע מיה און שווערקייט פון לעבען. געטהע האָט אין „ווילהעלם מייסטער״ אָנגעגעבען די אורזאַכע: „דריי מאָל גליקליך״, זאָגט ער, „זיינען די, וועמען זייער געבורט הויבט אויף גלייך איבער די אונטערשטע שטופען פון דער מענשהייט, וועלכע דאַרפען ניט דורכגעהן, אפילו ניט פאַר־ ווײַלען אלס געסט, אין יענע פאַרהעלטנישען, אין וועלכע מאַנכע מענשען מוזען אָבפינסטערען זייער גאַנצען לעבען. זיי ווערען פון געבורט אָן באַלד געזעצט אין אַ שיף, כדי אַז ביי דער רייזע, וועלכע מיר מוזען אַלע מאַכען, זאָלען זיי מיט די גינסטיגע ווינ־ דען זיך באַדינען און די אונגינסטיגע — אָבוואַרטען, אָנשטאָט וואָס אַנדערע, וועלכע אַרבייטען מיט זייערע אייגענע קרעפטען, שווימען נאָך מיט מיה, געניסענדיג וועניג פון גינסטיגען ווינד, און, פאַרלירענדיג די כחות, געהען זיי אינגאַנצען אונטער.״ אין שעהנע ווערטער ווערט דאָ געלויבט איינע פון די פאָרצוגען פון לע־ בען, דאָס רייכטום; געטהע, וועלכער האָט אָפטמאָל אין זיינע ווערק, הויפּטזעכליך אין „ווילהעלם מייסטער״, צוליב דער ליבע צו דאָס שעהנע, געזוכט אַריינצודרינגען אין די העכסטע קרייזען פון דער געזעלשאַפט, האָט מיט שמערץ געפיהלט אַז דאָס לעבען פון דעם פלעבייער איז אַ קאַמפּף, און דער טרויעריגסטער פון אַלע, אַ קאַמפּף פאַר די עקזיסטענץ־מיטעל; אַז ער מוז נאָר טראַכ־

טען ווי צו קריגען געלד, שטענדיג זיך פליימען צו זיין שפּאָרזאַם, און זיין פרוי מוז זיין א גוטע הויזפרוי אפילו ווען זי איז א מוזע. דאריבער רעדט נעטהע אזוי פריי וועגען די מעלות פון רייכטום. און דאָס וואָס איז אמת וועגען רייכטום, דעם וואולגארסטען פון די אויסערליכע לעבענס-גיטער, דאָס איז נאָך מער אמת וועגען אלע אנדערע אויסערליכע פאָרמען פון גליק און מאכט.

יעצט, ביים איבערבייט פון יאָרהונדערט, שטויסען מיר זיך אָן צום ערשטען מאָל אָן דיזען ווידערשפּרוך: אַן אינדיווידואום וואָס שטעהט אין דער וועלט פון גייסט ווי א גאָט און א קעניג, וואָס איז צו אלעם סימפאטיש עמפפינדליך און דורך דעם געפיהל נעהמט ער אויף אין זיך דאָס גאנצע לעבען פון דעם אל, וואָס שטרעבט נאָך דער ווארהייט און קען ניט דערגרייכען, סיידען ער זאָל דערגרייכען צוגלייך די אלוויסענהייט, אין וועמעס הארצענס-פאָדערונגען עס ליגט אַן אָנצוהערעניש אויף אלמעכטיגקייט (דען ער מוז זיין אלמעכטיג אום צו קענען איבערשאפען די קאלטע, הארטע וועלט אין א וועלט נאָך זיין הארצען נאָך), אָבער וועלכער איז ביי אלעם דעם, ווי ווערטהער, בלויז א סעקרעטער אין א געזאנדשאפט מיט א פאָר הונדערט טהאלער יערליכען געהאלט, איז א העלפט פון דעם טאָג איינגעשפּארט אין זיין קאָנטאָר, אויסגעשלאָסען זאָגאר פון דער העכערער געזעלשאפט, און זעהט דאָס גאנצע גליק פון זיין לעבען אין דעם באזיץ פון א מיידעל, וואָס דער ערשטער בעסטער נאר נעהמט זי אוועק ביי אים פון אונטער דער נאָז, און נאָך אויף אזא אופן, אז ער אליין מוז, אין נאָמען פון רעכט, מאָראל און פארנונפט, צוגעבען אז דיזער אנדערער וועט זיין א בעסערער מאן און וועט שאַרלאָטע'ן גליקליכער מאכען איידער ער. וואָס מיינט דאָס אלעם? פּאסט ניט די ליבע פאָר דער הייראַט, דער אינדיווידואום פאָר דער געזעלשאפט, דאָס הארץ צום קאָפּ? הערשט א שרעקליכע מיספארהעלטניש אין דעם גרויסען מעכאניזם פון דעם זיין, און האָט זיך דיזער מעכאניזם פאנאנדערגעשרויפט? און באלד האָט זיך טאקע דערהערט זיין ברעכען און קראכען ווען עס איז געקומען די צייט ווען אלע מויערען זיינען אומגעוואָרפען געוואָרען און אלע פּאָרמען צעשמעטערט געוואָרען, ווען אלע קלאסען-אונטערשיידען זיי-

נען מיט איין קלאַפּ פאַרשוואונדען, ווען די לופט איז אָנגעפילט געוואָרען מיט פולווער־רויך און עס האָבען אויפגעקלונגען די ערשטע טענער פון דער מאַרסעליעזע, ווען הונדערטיעריגע גרעניצען פון מלוכות זיינען אָבער און ווידער איבערגערוקט געוואָרען, ווען קעניגע זיינען אַראָבגעזעצט און געקעפּט געוואָרען, ווען אַ טויזענדיאָר אַלטע רעליגיאָן איז אָבגעשאַפּט געוואָרען, טראָנען און אַלטאַרען זיינען צושפּליטערט געוואָרען, ווען אַ קאָרסיקאַנישער אַרטילעריע־לייטנאַנט האָט זיך אַליין פּראָקלאַמירט אַלס דעם יורש פון דער רעוואָלוציע און ערקלערט אַלע וועגען אָפען פאַר'ן טאַלאַנט, ווען דער זוהן פון אַ פראַנצויזישען שענקער איז אַרויף אויפ'ן טראָן פון נעאַפּעל און אַ געוועזענער גרענאַדיער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד צום סצעפּטער פון שוועדען און איז געוואָרען הערשער פון נאָרוועגען.

ווי געזאָגט, ווערטהער ווערט געטריבען פון בענקשאַפט און אונקלאָרער אונרוה. אונגעהויערע ענדערונגען ליגען צווישען אים און דעם נעכסטען מאָדערנעם טיפּוס, רענעי. אין רענעי איז די פּאָעזיע פון בענקשאַפט פאַרביטען דורך דער פּאָעזיע פון אַנטוישונג. אויף דעם אָרט פון דער אונצופרידענהייט בעפאָר די גרויסע קאַטאַסטראָפען קומט אָן די אונצופרידענהייט נאָך זיי. נאָך דעם אויפשוואונג — די נידערגעשלאָגענקייט. אַלע יענע גיגאַנטישע איבערקערענישען זיינען ניט געוועזען אימשטאַנד צו ברענגען אין האַרמאָניע די פאַרלאַנגען פון דעם מענשליכען האַרצען מיט די אויסערליכע אומשטענדען. אַלע שעהנע טרוימען פון פרייהייט און גלייכהייט זיינען אַוועקגעוואַשען געוואָרען פון אַ ים פון בלוט און שרעקען. דער קאַמפּף פאַר דאָס רעכט פון דעם אינדיווידואום האָט געפירט צו דער ברוטאַלסטער וועלט־דעספּאָטיע. און אַזוי באַגעגנען מיר ווידער אין דער ליטעראַטור דעם יונגען מאַן פון דעם יאָרהונדערט, אָבער ווי פאַרענדערט ער איז! יעדע פרישקייט און קינדישקייט איז פון אים פאַרשוואונדען. ער איז בלייך, זיין שטערן איז געקנייטשט, זיין לעבען פאַרגעהט אין פוסטקייט, זיין פויסט איז געבאַלט. אויסגעשלאָסען פון אַ געזעלשאַפט וועלכע ער וואַרפט אַריין אין חרם, ווייל ער קען אין איר זיין פּלאַץ ניט געפינען, זעהען מיר אים זיך אַרומטרייבען אַליין אין דער

נייער וועלט, אין אירע אור־וועלדער, צווישען אינדיאַנער־שטאַמען. א נייער עלעמענט איז אריינגעדרינגען אין זיין זעלע, וואָס איז ביי ווערטהער׳ן ניט פאַראַן: די מעלאַנכאָליע. אָבער און ווידער ערקלערט ווערטהער, אז קיין זאך איז ביי אים ניט אזוי שטארק פאַרהאַסט, ווי דערשלאָגענקייט און פאַרצווייפלונג; ווערטהער איז געוועזן אומגליקליך אָבער ניט מעלאַנכאָליש; רענעי׳ס לאַנגעווייל איז פאַרזונקען אין אַן אָבהענגיגען פיין, איבער וועלכען ער קען ניט באַקומען די קאָנטראָל, ער האַסט די מענשען און זיך זעלבסט. ער איז א מעלאַנכאָליקער און מיזאַנטראָפּ. ער בילדעט דעם איבערגאַנג פון געטהע׳ס ווערטהער צו בייראָנ׳ס גיאור און קאָרסעיר.

## 4.

# שאַטאָבריאַנ׳ס „רענעי.“

שאַטאָבריאַן געהער ניט ווי געטהע צו די מענער פון פרידען. איבער זיין וויגעל איז געשטאַנען אַ שטערען פון פאַרניכטונג; עס ליגט ניט קיין יאָר צווישען זיין און נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט׳ס געבורט, און מען שפּירט דעם פינסטערען און גרויזאַמען גייסט פון יענער צייט פון שווערד אין זיינע שריפטען, אין וועלכע ער האָט אַריינגעהויכט אַן אייגענאַרטיגע ווילדע פּאָעזיע.

אָבער — קען מען איינווענדען — באַזיצט ער דען אין דער ווירקליכקייט עטוואָס געמיינזאַמעס מיט רוסאָ און געטהע, האָט ער ווירקליך עטוואָס פון זיי געלערנט? איך האַלט עס פאַר דערוויזען אַז ניט נאָר ער, נאָר זיין גאַנצער דור האָט זיך אויף יענע ביכער געבילדעט, וועלכע מיר האָבען אויבען קריטיש באַטראַכט. מען קען דאַרויף ברענגען פאָלגענדע באַווייזע: אין איין שטעלע, וואו שאַטאָבריאַן וואַרפט־פאָר בייראָנ׳ען למאַי ער האָט זיין נאָמען קיינמאָל ניט דערמאָנט און האָט פאַרשוויגען דאָס וואָס „טשיילד האַראָלד“ איז שולדיג צו רענעי, אונטערשטרייכט ער אַז ער אַליין האָט ניט אַזוי געהאַנדעלט און האָט ניט געוואָלט פאַרשווייגען אַז אָססיאַן, ווערטהער, סעניט־פּיער האָבען געהאַט אַ ווירקונג אויף זיינע אידעען. אויף אַן אַנדער שטעלע, וואו ער שילדערט נאַפּאָלעאָנ׳ס צוג נאָך עגיפּטען, זאָגט ער: די ביבליאָטעק וועלכע ער האָט מיט זיך געפירט האָט ענטהאַלטען אָססיאַן, ווערטהער, די נייע העלאָיז און דאָס אַלטע טעסטאַמענט, אַ גענינענדער באַוויז אויפ׳ן כאַאָס אין נאַפּאָלעאָנ׳ס קאָפּ. ער האָט צוזאַמענ־

נעמישט מיטאיינאַנדער רעאַליסטישע געדאַנקען און ראָמאַנטישע געפיהלען, סיסטעמען און טרוימערייען, ערנסטע שטודיען און פאַנ־טאַזיען, וויזהייט און אונזין. פון אָט דיזע אונצוזאַמענהענגענדע פּראָדוקטען פון דעם יאָרהונדערט האָט ער געבילדעט די אימפּע־ריע." איך נעהם זיך ניט אונטער צו אורטיילען די באַדייטונג פון דיזער לעצטער פראַזע, אָבער אַזויפיעל איז קלאָר, אַז אויב רוסאָ'ס העלאָיז, געטהע'ס ווערטהער און אָססיאַנ'ס געדיכטע האָ־בען אַזוי ארומגעשוועבט אין דער לופט, אַז זיי האָבען מיטגעווירקט צו ברענגען צושטאַנד די אימפּעריע, האָבען זיי אָהן ספק געמוזט אויך האָבען אַ חלק אין די עפּאָכע־מאַכענדע ביכער, וועלכע זיינען ערשינען אין דערזעלבער צייט.

פאַרגלייכט מען שאַטאָבריאַנ'ס טאַלאַנט מיט דעם גלייכצייטיגען געניוס פון באָנאַפּאַרט, אַזוי דוכט זיך גלייך אַזוי ווי דאָס נייע יאָרהונדערט וואָלט זיין גאַנצע ענערגיע און זיין גאַנצען אונ־טערנעהמונגס־גייסט קאָנצענטרירט אין דיזען גרויסען קריגספירער און עראָבערער, אַזוי אַז פאַר דיעניגע יונגע מענער פון זיין איי־גענעם עלטער און דור, וועלכע האָבען אים ניט געוואָלט נאָכפאָל־גען אין זיינע קריגס־צוגען, איז מער גאָרנישט געבליבען. די פראַ־צעסיע פון יענע טוער און קעמפפער געהט זיי פאַרביי און לאָזט זיי הינטער זיך אונענטשלאָסענע און אונצופרידענע.

רענעי זאָל עס הייסען, האָט געלעבט אין דער צייט פון לואי דעם 15טען. אָבער דאָס וואָס ווערט דאָרט געזאָגט וועגען יענער צייט פּאַסט פונקט אַזוי גוט פאַר שאַטאָבריאַנ'ס יוגענד. עס איז, זאָגט רענעי, אַ צייט ווען דאָס פאָלק איז אַראָבגעזונקען פון דער פריהעריגער עהרפורכט פאַר דער רעליגיאָן און דער מאָראַלישער שטרענגקייט צו גאָטלאָזיגקייט און פאַרדאָרבענקייט, פון דער הויכקייט פון געניוס — צום געוויינליכען בויגיגען וויץ, אַ צייט ווען אַן ערנסטער און ערליכער גייסט האָט זיך געפיהלט אומ־גליקליך און פאַראיינזאַמט. אָבער גראָד דאָס פּאַסט זיך אויפ'ן שלוס פון 18טען יאָרהונדערט, ווי ער ווערט אויפגעפאַסט פון שאַ־טאָבריאַן.

רענעי דערצעהלט טשאַקטאַס'ן, אַטאַלאַ'ס געליבטען, זיין לע־בענס־געשיכטע, אַלס דאַנק דערפאַר וואָס דיזער האָט אים אי[illegible]

„אַטאַלאַ" דערצעהלט זיין אייגענע. ער שילדערט זיין יוגענד
אויפ'ן גוט אין דער אָבגעלעגענער פּראָווינץ, דערצעהלט, ווי ער
האָט זיך אימער געפיהלט געצוואונגען און געדריקט אין דער אָנ־
וועזענהייט פון זיין פאָטער און נאָר אין דער געזעלשאַפט פון
זיין שוועסטער אַמעליאַ האָט ער זיך געפיהלט צופרידען.ביידע
זיינען זיי געווען מעלאַנכאָלישע נאַטורען, ביידע פּאָעטיש באַ־
גאַבט, פריה זיינען זיי געוואָרען יתומים און געצוואונגען געווען
זייער היים צו פאַרלאָזען. רענעי האָט צומייסט געבענקט נאָך דער
שטילקייט פון דעם קלויסטער־לעבען, אָבער דאָס דאָזיגע אונבאַ־
שטענדיגע בענקען שליידערט אום און וועקסעלט זיין נשמה. ער
באַשליסט צו רייזען, געפינט אונטער די רואינען פון רוים און גרוי־
בענלאַנד נאַהרונג פאַר זיין מעלאַנכאָליע און אַנטדעקט צווישען די
לעבעדיגע פעלקער דיזעלבע פאַרגעסענקייט ווענען די געשטאָר־
בענע ווי אויף דעם באָדען פון די אונטערגעגאַנגענע נאַציאָנען.
די אַרבייטער וועלכע ער פרעגט אין די גאַסען פון לאָנדאָן ווייסען
גאָרניט פון טשאַרלס דעם צווייטען, ביי וועמעס סטאַטוע זיי שטע־
הען. וואָס איז דאַריבער דער ווערט פון רוהם און גרויסקייט?
ער רייזט נאָך סקאָטלאַנד, לעבט מיט די עראינערונגען פון די העל־
דען פון מאָרווען; אָבער דאָרט וואו אָססיאַן האָט געזונגען און
פינגאַל האָט געזיגט פאַשען זיך איצט טשערעדעס. ער פאָרט
ווידער קיין איטאַליען, שטודירט די מאָנומענטען פון דער קונסט,
אָבער ער געפינט אַז טראָץ זיין גאַנצער מיה האָט ער נאָך גאָרניט
געלערנט. פאַרגאַנגענהייט און געגענוואַרט זיינען צוויי אונפאָל־
שטענדיגע סטאַטוען: איינע איז אַ צושלאָגענע אויסגעגראָבען
געוואָרען פון דער ערד, די אַנדערע שטעהט נאָך ניט פאַרטיג און
קען ערשט פון דער צוקונפט פאַרענדיגט ווערען. און די נאַטור
באַרוהיגט זיין קראַנקע זעלע פונקט אַזוי וועניג ווי די געשיכטע.
איינמאָל איז ער אַרויפגעשטיגען אויפ'ן באַרג עטנאַ, האָט געזעהן
אויף איין זייט די זון אויפ'ן האָריזאָנט אויפגעהן, האָט געזעהן
אונטער זיך גאַנץ סיציליען אַרומגערינגעלט פון דעם אונענדליכען
ים און אויסזעהענדיג אַזוי קליין אַז אירע טייכען זיינען געווען
גלייך צו די ליניען אויף אַ געאָגראַפישער קאַרטע; אויף דער אַנ־
דערער זייט האָט ער אַרונטערגעקוקט אין דעם קראַטער פון דעם

וואולקאַן מיט זיין גליהענדען אינערן און שווארצע דאַמפּפען.
און אין דיזע פּאָזיציע געפינט ער א געטריי בילד פון זיין כאַראַק־
טער און זיין עקזיסטענץ: „פּונקט אזוי — זאָגט ער — האָב
איך מיין גאַנץ לעבען געהאַט פאַר מיינע אויגען צוגלייך אַן אונ־
געהויער ווייט־אויסגעשטרעקטע און אַן אונבאַדייטענד קליינע
וועלט, און אַן אָבגרונד ביי מיין זייט.”

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז דיזע וואולקאַנישע און פּאָדערנדע
נאַטור איז אין זיין פּאָטערלאַנד אומעדום איבעריג. אומזיסט
זוכט ער זיינע אויסדרוקס־פּאָרמען צו ברענגען אין איינקלאַנג מיט
דער געזעלשאַפט, איבער וועלכער ער שטעהט נאָך זיין מיינונג
גייסטיג פיעל העכער; ער ווערט איבעראַל באַהאַנדלעט און באַ־
צייכענט אַלס ר אָ מ אַ נ ט י ש ע ר גייסט (esprit romanesque),
פון וועלכען דאָס לעבען האָט קיין נוצען ניט. צום ערשטען מאָל
באַגעגענט אונז דאָ אַן אָנדייטונג אויף יענעם באַגריף וועלכער
וועט שפּעטער אין אַן עטוואָס פאַרענדערטער פאָרמע קומען צום
קונסט־אויסדרוק אין פראַנקרייך אַלס די ראָמאַנטישע שולע.

עס ליגט ווירקליך אין דיזען געהיימניספולען ליידען, וואָס
פיהלט זיך אליין אַלס „אינטערעסאַנט”, עטוואָס וואָס דייט אָן
אויף א ראָמאַנטיקער פאַר'ן ראָמאַנטיזם. פון אַלע יענע האלב־
פאַרגעסענע עראינערונגען וועגען א גרויסקייט וואָס איז פאַר־
שוואונדען יענע איינדריקע וועגען דער פאַרגענגליכקייט פון נאָ־
מען און רוהם, יענע ביטערע שטימונגען וועגען דער קליינליכקייט
און שלעכטקייט פון די מענשען, האָט זיך ביי רענעי סוף כל סוף
אויסקריסטאַליזירט א האַרטנעקיגע איבערצייגונג אין דער נישט
עקזיסטענץ פון גליק, א טיפע איבערדריסיגקייט מיט'ן לעבען און
א שטענדיגער געפיהל פון פוסטקייט און לאַנגוויילע, אין דער צייט
ווען ער האָט געפיהלט אין זיינע אָדערען דאָס פולסירען פון אַן
איבערפליסענדער לעבענס־קראַפט. זיינע ליבלינגס־ווערטער
זיינען: La follie de coire au bonheur, degout de la — vie -- profond sentiment d'ennui (די נאַרישקייט פון גלויבען
אין גליק—די איבערדריסיגקייט פון לעבען—א טיפער געפיהל פון
לאַנגוויילע—) אין דיזען ביטערען יאָמער ווענדט ער זיך שטענדיג
אין זיינע געדאַנקען צו זיין שוועסטער, אַלס זיין איינציגע טרויסט.

ביז ער באַמערקט צו זיין איבערראַשונג און שמערץ, אַז זי ווייכט אים אויס, אַז איינינע מאָל ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין פראַנקרייך האָט זי זיך ערקלערט אַלס ניט אימשטאַנד אים צו באַגעגנען, אַז זי האָט אַפּנים פאַרגעסען זיין צערטליכקייט פאַר איר. בלויז איין מאָל ווען איר דוכט זיך אַז ער איז נאָהנט צו זעלבסטמאָרד דערנעהנטערט זי זיך צו אים ווידער אויף איין אויגענבליק. ער האָט שוין די קאַלטקייט פון דיזער געליבטער שוועסטער געהאַט אַרויפגעשנורט אויף דער קייט פון זיינע ביטערע ערפאַהרונגען פון מענשליכער אונטרייהייט, ווען ער האָט באַקומען פּלוצלינג די נאַכריכט וועגען איר באַשלוס אַריינצוטרעטען אַלס נאָנע אין אַ קלויסטער. ער איילט אַוועק צו איר. ער קומט קוים אין צייט צו געפינען אַ פּלאַץ ביי דער אונהיימליכער צערעמאָניע, צו זעהן אַמעליע'ס האָר פאַלען אונטער דער שער און אַראָבצוזינקען ביי איר זייט בשעת זי ליגט, ווי עס פאָדערט די צערעמאָניע, ווי אַ לייכע אויסגעשטרעקט אויף דעם מאַרמאָר-באָדען פון דער קירכע. דאָ הערט ער זיין שוועסטער מורמלען אַ תפלה אום פאַרצייהונג „פאַר דער פאַרברעכערישער ליידענשאַפט וואָס זי האָט געפיהלט צו איר ברודער." מיט אַמאָל באַגרייפט ער דער שוועסטער'ס האַלטונג צו אים און פאַלט אין אָהנמאַכט. אַזוי שנעל ווי ער קומט צו זיך באַשליסט ער צו פאַרלאָזען אייראָפּאַ און געהן אין דער נייער וועלט. אין דער נאַכט ווען ער פאַרלאָזט די ברעגען פון פראַנקרייך בושעוועט אַ שרעקליכער שטורם. „וויל דאָס מיר דער הימעל וואָרנען — זאָגט ער — אַז שטורמווינדען וועלען אימער מיינע טריט באַגלייטען?" איינס איז זיכער, אַז אָהן דיזער באַגלייטונג פון בליץ און דונער האָט זיך שאַטאָבריאַן ניט געקענט באַגעהן סיי פאַר רענעי'ס לעבענס-געשיכטע, סיי פאַר אַטאַלאַ'ס ליבע.

דאָס זיינען, ווי מען זעהט, אונגעוויינליכע שיקזאַלען, וואָס טרעפען אַן אונגעוויינליכען כאַראַקטער. און פון דיזען כאַראַקטער קען מען זאָגען הויבט זיך אָן די מעלאַנכאָליע און דער מענשען-האַס אין דער נייערער ליטעראַטור. דיזע מעלאַנכאָליע און דיזע מיזאַנטראָפּיע זיינען פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט ווי זיי האָבען זיך ווען עס איז פריהער געציינט. איך וויל פון

פאַרגלייך וועגען ברעגנגען דאָ איינינע געשטאַלטען פון מאָליער און שעקספּיר. דער אונטערשייד צווישען דיזע און די פון דער מאָדערנער צייט וועט דאַן קלאָר ווערען.

איינער פון מאָליער׳ס אינטערעסאַנטסטע פיגורען, און, איך בין מודה, דער יעניגער פון אַלע זיינע כאַראַקטערען וואָס פאַר מיר פּערזענליך באַזיצט דעם גרעסטען רייץ, איז אַלסעסט, דער מיזאַנטראָפּ. דער יסוד פון אַלסעסט׳ס האַס און ביטערקייט איז יענע גאַנצע סיסטעם פון געמאַכטער פריינדליכקייט, פון בלומערשטע איינזעהעענישען און נאָכגעבליכקייטען, פון גרויסע און קליינע ליגענעס, אויף וועלכע עס רוהט דער זאָגענאַנטער „געזעלשאַפטליכער פאַרקער״. ער איז דערין געווים אומגערעכט. אָהן דיזער געמאַכטקייט, וועלכע די קאָנוועציאָנעלע העפליכקייט צייגט ארויס, וואָלט דאָס לעבען געווען נאָך מיאוס׳ער ווי עס איז. אַ קלוגער און ליבעס-ווירדיגער פילאָזאָף האָט געזאָגט: „ווייל די שעהנקייט עקזיסטירט ניט האָט מען ערפונדען די קונסט, און ווייל די פריינדליכקייט און האַרציגקייט זיינען ניטאָ האָט מען ערפונדען די העפליכקייט.״ און זיינען, ערנסט גערעדט, ניט פאַראַן געגוג אורזאַכען די מאַסקע פיעל-וועניג צו טראָגען? מאַנ-כע ווילען ליבער בלייבען איינגאַנצען ניט געקענט איידער איינ-גאַנצען געקענט, און זיינען ניט פאַראַן אַ סך אַזעלכע, ביי וועמען עס וואָלט געווען, שוין אוים עסטעטישע אורזאַכען אַליין, אַ זינד און אַ שאַנדע ארונטערצונעהמען די מאַסקע, ווייל זייער מאַסקע איז אַזוי פיעל שעהנער ווי זייער געזיכט? אָבער איך רעד אַליין ווי פּילענט אין דער פּיעסע און איך טאָר אַליין ניט פאַרגעסען די שעהנע און גלענצענדע אַנטוואָרטען וואָס אַלסעסט גיט. אַלסעסט האַסט די מענשען, ווייל ער טיילט זיי איין אין צוויי קלאַסען: איינע באַשטעהט פון געמיינע און בייזע, און די אַנדערע — פון יענע וואָס זיינען אַרטיג און אויפמערקזאַם צו די בייזע און געמיינע אום צו קענען זיי דורכדעם טרייבען. ער שטעלט די פּיינע ליבעסווירדינקייט, די פאַלשקייט וואָס קומט פון מורא אויף איין ליניע מיט די ערגסטע און שלימסטע זינד. ער איז אַזוי אויפגעבראַכט איבער דער פּחדנות, וואָס וויל ניט זעהן דאָס פאַרעכטליכע, אַז ער פאַרגעסט דורכאוים די צווייטע

גרויסע וועלט־מאַכט, די דומהייט, וואָס זעהט עס ניט. ער ברענט פון צאָרן זעהענדיג ווי דער לומפּ, מיט וועלכען ער פּראָצעסירט זיך, און וועמעס נישטווירדיגקייט די גאַנצע וועלט ווייס, ווערט איבעראַל באַגריסט מיט רעספּעקט, שעהן אויפגענומען און אפילו באַשיצט. ער זאָגט אָרנאָט אין געזיכט אַריין אז זיינע לידער זיינען שלעכט. אום צו שטעלען דעם כאַראַקטער אין ריכטיגען רעליעף לאָזט דער דיכטער אַלסעסט'ן זיין שטערבליך פאַרליבט אין אַ יונגער קאָקעטקע פון פיינסטען, און דורך אירע ליבעסווירדיגקייטען פון געפעהרליכסטען מין. זי שפּילט מיט אים ווי מיט אַ קינד, לאַכט אים און רייצט אים אויף אַלערליי אופנים; יעדעס וואָרט פון איר איז אַ דאָרן וואָס שטעכט אים, און יעדע האַנדלונג אירע שניידט אים אין האַרצען. עס איז זיין קללה וואָס ער מוז אין דער זעלבער צייט זי ליבען און פאַרצווייפלען. קען מען זיך פאָרשטעלען אַן ערגערע צרה פאַר אַ מיזאַנטראָפּ ווי צו פאַרגעטערען אַזאַ פרוי און צו זיין דער שפּילכעל פון אַלע אירע קאַפּריזען? געוויס ניט. אָבער צו קען מען ניט אפשר די גאַנצע אנשויאונג אומקערען?

אַ מענש, וואָס פאַרשטעהט זיך אויף שוישפּיל און טעאַטער בעסער ווי יעדער אַנדערער, העער עדמאָנד טהיעררי, דירעקטאָר פון Theatre francais, האָט איינמאָל, נאָך אַן אויפפירונג פון „מיזאַנטראָפּ“ מיר געענטפערט אויף מיינער אַ באַמערקונג, אַז דער שוישפּילער האָט די ראָלע געשפּילט צו געשליפען: „דענקט איר, אויפריכטיג גערעדט, אַז אַלסעסט איז אַ מיזאַנטראָפּ און אַז דער נאָמען פאַסט זיך? איך פון מיין זייט גלויב אַז ווען סאָלימען זאָל ניט זיין קיין קאָקעטקע וואָלט אַלסעסט ניט געווען מער מיזאַנטראָפּיש ווי איך“. דאָס איז געווען אַ וויץ, אָבער ער פאַרבאָרגט אין זיך אַ וואַרהייט. עס זיינען די אומשטענדען און פאַרהעלטנישען, די שטעלונג אינמיטען פון אַ פאַרדאָרבענעם הויף, אַ רייצבאַרע און עהרגייציגע נאַטור, אַ וואַרהייטס־ליבענדער כאַראַקטער, צוזאַמען מיט צופעליגע פערזענליכע אומגליקספאַלען וואָס באַשאַפען אַלסעסט'ס מיזאַנטראָפּיע אַלס רעזולטאַט. ער איז אַ מיזאַנטראָפּ פון שכל, ניט פון טעמפּעראַמענט, און ער טראָגט ניט קינ'ס צייכען אויפ'ן שטערען. און

טאַקע דורכדעם איז ער אַזאַ עכט פראַנצויזישע באַשאַפונג. ביי א דייטשען מעלאַנכאָליקער אי זדי גרונדלאַגע דאָס רעזאָנירען, ד. ה. דער אַנאַליזירענדער פאַרשטאַנד. אַלסעסט איז אַ פּראָדוקט פון יענער קלאַסיש־אַראַטאָרישער צייט אין פראַנקרייך, פון וועל־כער מען איז אַרויס ערשט צום שלוס פון 18טען יאָרהונדערט. דאָ זעהען מיר אַ ביישפּיל פון דער איבערוועלטיגענדער מאַכט פון דעם צייט־ און פאָלקס־גייסט איבער דעם יחיד. ווען מען רעדט פון דער צייט פון באָליע און דער טראַגעדיע פון פאַר־שטאַנד אין פראַנקרייך קען עס אויפ׳ן ערשטען בליק אויסזעהן ווי אַ ווידערשפּרוך אַז מאָליער, באָליע׳ס געגען־פּאָל, ראַסינ׳ס אַנטיפּאָד, געהערט צו דערזעלבער צייט. מען וואָלט געקענט ווייניגסטענס מיינען אַז זיינע טיפּסטע און בעסטע געשטאַלטען, די נאַיווע אַגנעס אין דער „שולע פון פרויען" און דער מעלאַנ־כאָלישער אַלסעסט אין דעם „מיזאַנטראָפּ" זיינען אַן אויסנאַמע. אָבער עס זיינען פאַראַן געזעצען פון גייסט וואָס לאָזען זיך פונקט אַזוי נים ברעכען ווי די געזעצען פון נאַטור. איך האָב אויף אַן אַנדער פּלאַץ *) אָנגעוויזען ביז וואָס פאַר אַ גראַד אַגנעס׳עס נאַיוויטעט איז פון דעם דיכטער אַ דערקלינגעלטע דורכ׳ן פאַר־שטאַנד; דאָס זעלבע לאָזט זיך באַווייזען פון אַלסעסט׳ס מע־לאַנכאָליע. איצט לאָמיר נעהמען אַלס קאָנטראַסט איינעם פון שעקספּיער׳ס מיזאַנטראָפּען, זשאַק אין „ווי עס געפעלט אייך". דאָ האָבען מיר דעם מיזאַנטראָפּ פון טעמפּעראַמענט. זשאַק איז אַ פּאָעטישע נאַטור, טרויעריג און ווייך. הערען מיר ווי ער ווערט געשילדערט:

הײנט האָט לאָרד אַמיענס און איך זעלבסט
זיך צוגעשלייכט צו אים ווי ער איז אין דער לענג
אין שאָטען פון אַ דעמב געלעגען, וואָס זיין וואָרצעל
אַריבער דעם קליין טייכעל הענגט אין דיזען וואַלד.
צו דיזען פּלאַץ געקומען איז אַ הירש
אַן אָרימער פון יעגער׳ס פייל געטראָפען,

---

*) עסטעטישע שטודיען, פון ג. בראַנדעס.

זיין לעבען אויסצוהויבען. און ווירקליך, לאָרד,
דאָס אָרמע טיער האָט ׳זעלבע זיפצען אויסגעשטויסען
דאָס זיי זיין לעדערן פעל צוציגען האָבען
שיער ביז צום פּלאַצען, און די גרויסע רונדע טרעהרען
געלאָפען זיינען האַסטיג איבער זיין געזיכט.
אַזוי געשטאַנען איז דער נאַר, גענוי באַטראַכט
פון מעלאַנכאָל׳שען זשאַק, ביים ברעג פון טייכעל,
מיט טרערען אים פאַרמערענדיג. און זשאַק?
וואָסער מאָראַל האָט ער פון דיזען בילד געצויגען?
אין טויזענד גלייכענישען. בעת דער הירש
האָט אין דעם פולען טייכעל אריינגעוויינט, זאָגט ער:
דו אָרעמער הירש, דו מאַכסט דאָ דיין צוואה
ווי מענשען טיילען, געבענדיג נאָך מער צו די
וואָס האָבען שוין צופיל. דאַן, ווייל, דאָס טיער
געוועזען איז אַליין, פון זיינע פריינד פאַרלאָזען,
זאָגט זשאַק: ס׳איז רעכט, דאָס אומגליק אימער טרייבט
די מענגע ווייט אַוועק. דאַן פליט אַ סטאַדע
פריש פון דעם גראָז, פאַרביי אָהן אַבהאַלט און גערוס.
„נון יאָ”, זאָגט זשאַק, „פליט ווייטער פעטע, זאַטע בירגער;
עס איז אַזוי די מאָדע: צו וואָס דען קוקען
אויף דעם געפאַל׳נעם באַנקראָטירטען דאָ?”
מיט ׳זעלבע שטאָכווערטער האָט ער געטראָפען אַלעס,
דאָס לאַנד, די שטאָדט, דעם הויף, און ס׳גאַנצע לעבען.
מיר זיינען נור טיראַנען, שווערט ער, רויבער,
און ערגערס נאָך, ווייל מיר פאַרטרייבען דאָס געווילד
פון זיין אייגענעם זיץ. אַזוי האָט ער געקלאָגט.

מיר זעהען אים גערירט ביז טרערען איבער די ליידען פון דער פאַרוואונדעטער חיה. ניט דורך רעזאָנירען, ניט דורך אַ רעפלעקסיע פון דעם פאַרשטאַנד ווערט ער אויפגעבראַכט אי־בער דער שלעכטקייט און גרויזאַמער רויקייט פון די מענשען, נאָר ער פיהלט אונמיטעלבאַר אַז זיין זעלע איז פון דערזעלבער נאַטור ווי די זעלע פון דעם הירש. דער הירש איז פאַר אים

א קינד פון דערזועלבער מוטער ווי ער אליין. ער איז אין זיינע געפיהלען א פאַנטהעאיסט. וואָס פאַר א שטרעקע פון דער אנ־שויאונג פון יענער קלאַסישער צייט אין פראַנקרייך, וואו אפילו קאַרטעזיוס האָט באַטראַכט די חיה אלס א מאַשין און זיין שמערץ־געשריי פאַר א ריין מעכאַנישע ווירקונג פון דעם קלאַפּ, פּונקט ווי די שריי־פּופּע קוויטשעט ביים דרוק מיט'ן פינגער!

להיפך דערצו איז זשאַק דער פאָרלויפער פון דער נאַטור־באַטראַכטונג פון די אם פיינסטען־פיהלענדע מאָדערנע פּאָעטען, צ. ב. שעלי'ס נאַטור־אַנשויאונג. מען עראינערט זיך אַז שעלי האָט אין דער יוגענד געגרינדעט א פאַראיין פון יונגע מענשען וועלכע, ארויסגעהענדיג פון דעם שטאַנדפּונקט אַז עס איז אַן אונערלויבטע און פאַרברעכערישע באַרבאַריי פון די מענשען צו עסען חיות, האָבען זיך פאַרפליכטעט צו לעבען אויסשליסליך אויף פלאַנצען.

פונדעסטוועגען איז זשאַק פּונקט אזוי וועניג ווי אלסעסט א טיפּוס פון דער מאָדערנער מעלאַנכאָליע. יעדער פון זיי פאַרקער־פּערט בלויז אַן אלגעמיינע מענשליכע אונצופרידענקייט אין דער פאָרמע וועלכע איז יעדען פון זיי נאַטירליך לויט זיין באַזונדע־רער נאַציאָנאַליטעט. דער סאָרט מעלאַנכאָליע וואָס איז אנשמיא־נען אין אָנפאַנג פון 19טען יאָרהונדערט טראָגט ניט דעם כאַראַק־טער פון א ריין פערזענליכער קראַנקהייט, זי איז אויך ניט בלויז נאַציאָנאַל; עס איז א קאָסמאָפּאָליטישע עפּידעמיע, וועלכע איז אין איר וועזען פאַרוואַנדט מיט די רעליגיעזע קראַנקהייטס־פאָר־מען, וואָס האָבען אין מיטעלאַלטער זיך אזוי אָפט פאַרשפּרייט איבער אייראָפּא, און רענעי איז נאָר די יעניגע געשטאַלט, וועל־כע שטעלט פאַר צום ערשטען און אם קרעפטיגסטען די סימנים פון דיזער קראַנקהייט ביי די באַגאַטעסטע גייסטער.

רענעי טראָגט קינ'ס צייכען, וועלכער איז שוין אויבען דער־מאָנט געוואָרען; אָבער דיזער סימן איז צו דערזועלבער צייט דער זיגעל פון הערשאַפט. אונזיכטבאַר פאַר אים אליין איז דיזער זיגעל פון געניוס ארויפגעדרוקט געוואָרען אויף זיין שטע־רען. הינטער די טרויעריגע זעלבסט־באַשולדיגונגען פון וועלכע עס באַשטעהט רענעי'ס ודוי, שפּירט זיך דאָס שטאָלצע געפיהל

פון סופּיריאָריטעט, פון אויבערשאַפט וועלכעס האָט אָנגעפילט דעם דיכטער'ס אייגענע ברוסט. ווען מען לעזט שאַטאָבריאַנ'ס מעמוארען זאָרגפעלטיג קען מען ניט פאַרטרייבען פון זיך דעם געדאַנק אז הינטער די באַציהונגען פון רענעי צו אַמעליע פאַר־באָרגט זיך אַ מין ודוי אויף דער ליידענשאַפטליכער ליבע, וועלכע זיין שוועסטער לוסיל האָט געפיהלט צו איר באַוואונדערטען ברו־דער. וועלכען גרויסען ודוי ענטהאַלט ניט דעריבער דער איב־ריגער אינהאַלט פון דער ערצעהלונג!

רענעי'ס ליידען זיינען די געבורטס־וועהען פון דעם געניוס אין דער זעלע פון דער מאָדערנער פערזענליכקייט. רענעי איז דער מאָמענט אין וועלכען די אויסגעוועהלטע נאַטור, אויפ'ן זעלבען אופן ווי דער נביא ביי די פאַרצייטיגע אידען, פאַרנעהמט צום ערשטען מאָל די שטימע וואָס רופט זי, און זי ציהט זיך צוריק אין שרעק, קאָרטשעט זיך אין פאַרצווייפלונג און זוכט אַן אויסוועג צו אַנטלויפען, ענטפערענדיג אַזוי ווי דער פּראָפעט: האַר, נעהם ניט מיך, נאָר אַן אַנדערען, מיין ברודער. איך בין צו שוואַך און קען רעכט ניט ריידען.״ רענעי איז די ערשטע שטופּע, די שטו־פּע פון אונרוה, פון אויסדערוועהלונג. דער אויסדערוועהלטער צעגערט און האָפט צו זעהן אַן אַנדערען אויספאָלגען דעם רוף, ער קוקט זיך אום אָבער קיינער הויבט זיך ניט אויף, און די שטימע הערט ניט אויף צו אים צו רעדען. איבעראַל זעהט ער זיגען דאָס וואָס ער פאַר'מיאוס'ט און פאַראַכטעט, און אונטערגעהן דאָס, פאַרוואָס ער איז גרייט אַלץ צו אָפּפערען, ווען נאָר אַן אַנ־דערער זאָל אים וועלען צום אָפּפער פירען. אָבער מיט שרעק און שטוינען זעהט ער אז קיין אַנדערער פיהלט ניט אַזוי ווי ער, ער לויפט אין אַלע זייטען צו געפינען זיין מייסטער, וואָרום ווי סעינט קריסטאָף וויל ער נאָר דעם שטאַרקסטען דינען, אָבער ער געפינט אים ניט. און דאָ כאַפּט אים אָן דער געדאַנק: ווען קיין אַנדערער דערהויבט זיך ניט, ווען ער געפינט ניט קיין שטיצע און קיין פירער, דאַן מוז ער אַליין זיין דער מאַן און דער פירער און די שטיצע פאַר אַנדערע שוואַכערע גייסטער. יעצט פאָלגט ער דעם רוף, ער זעהט אז די צייט פון טרוימען און צווייפלען איז פאַראיבער און די צייט פון האַנדלען איז געקומען.

די לאַנגע שטונדען פון צווייפלען און זעלבסט־מיסטרויען ליגען הינטער אים, מיט איין קלאַפּ איז ער פאַרוואַנדעלט. עס האָט אים געטראָפען דער זונען שטראַל, וואָס האָט זיין געזיכט אויף אימער אַ ברען געטאָן, אין וועלכען קיין רויטקייט ערשיינט און פאַרגעהט ניט מער. ער געהט דורך דעם קריזיס, ניט ווי ווערטהער, דורך זעלבסטמאָרד, נאָר דורך אַן אנטשלוס און מיט אַ דערהויבענערען זעלבסט־געפיהל. ער צעגערט און שוואַנקט ניט מער. ער באַפעלט און וויל. אָבער געניוס איז פּונקט אַזוי אַ קללה ווי אַ ברכה. אפילו די גרעסטע, די האַרמאָנישסטע נאַטורען האָבען אין וועלכער עס איז עפּאָכע אין זייער לעבען דערשפּירט די קללה וועלכע ער אנטהאַלט און טראָגט מיט זיך. אין רענעי האָט שאַטאָבריאַן נאָר יענע קללה פאַרגעשטעלט; זיין אייגענע נאַטור און זיין שטעלונג צו די אידעען פון זיין צייט האָבען צוזאַמען געווירקט אַז די געניאַליטעט ווי ע ר האָט זי געקענט, איז פאַר אים געווען נאָר אַ קוועלע פון איינזאַמע ליידען און פון ווילדען עגאָיסטישען גענוס, וואָס ברענגט שטענדיג מיט זיך אַ געפיהל פון זיין אייגענער לערקייט און נישטיגקייט.

שאַטאָבריאַן, וועלכער האָט איינגעלייטעט די רעליגיעזע רעאַקציע פון 19טען יאָרהונדערט, האָט ניט באַזעסען קיין גלויבען, קיין ענטהוזיאַזם און קיין הינרייסונג פאַר קיין אידעע. די געדאַנקען פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבען גראַדע דעמאָלט אָנגעהויבען פאַרדונקעלט צו ווערען, זיך ארויסצעווייזען אַלס טעות'ן, די גרויסע אידעען פון 19טען יאָרהונדערט האָבען נאָך ניט געהאַט באַקומען קיין וויסענשאַפטליכען יסוד, און שאַטאָבריאַן, באַגאַבט ווי ער איז ניט געווען, האָט דאָך ניט געקענט מיט דעם בליק פון אַ זעהער זיי פאָראויס באַנעהמען. דעריבער איז ער געוואָרען דער פירער פון דער רעאַקציע, דער ריי־טער פון קאַטאָליציזמוס און די בורבאָנען. מיט דעם כח, וואָס ליגט אין דער געניאַליטעט אויפצונעהמען די היסטאָרישע אידעען פון דער צייט, אָבער אָהן דער זיכערער פאַרשטענדניס פון דעם געניוס פאַר זייער וועזען און אָהן גלויבען אין זייער זיג, האָט ער אויפגעכאַפּט די געדאַנקען וואָס אַ צייטווייליגע ענדערונג

אין די סימפאטיען און שטימונגען האט ארויסגעבראכט און האט געקעמפפט פאר זיי מיט גרויס עקשנות, מיט פרעכטיגער אבער אפטמאל אויך לעדיגער עלאקווענץ, מיט גרויס טאלאנט אבער אהן ווארימקייט און אהן יענער איבערצייגונג, וועלכע דרינגט דורך די גאנצע פערזענליכקייט און מאכט זי פאר'ן באגייסטערטען און אונערמידליכען ארגאן פון דער אידעע. אין דער צייט וואס וואלטעיר, מיט זיין גאנצער אונרוהיגקייט און מיט אלע זיינע פעלערען, האט געפירט זיין לעבענס-קאמפף פריש, אונערמידליך און אונבאזיגבאר ביז צו-לעצט, ווייל ער האט קיין מינוט זיך ניט געוואקעלט אין זיין גלויבען אין דער ווארהייט פון זיינע אידעען, ווערט שאטאבריאן פארצערט פון זיין אונאויפהערליכער איבערדריסיגקייט מיט'ן לעבען, פון זיין אונגלויבען און מענשען-האס. בלויז אויף איין פונקט איז ער געוועזען א פיאנער: אלס דיכטער, איבערהויפט אלס פאעטישער קאלאריסט, און דעריבער פיהלט ער זיך טאקע נאר אין דעם דיכטערישען לעבען פון זיין יוגענד צופרידען און אינערליך באלוינט. אבער אלס פאעט איז אים קיין אנדער געשטאלט אזוי געלונגען ווי רענעי'ס, ד. ה. ווי די שילדערונג פון יענעם גייסטיגען טיפוס, צו וועלכען ער האט אליין געהערט.

אזוי ווי א געניאלער מענש פון רענעי'ס ארט, טראץ זיין רעליגיעזער פראזעאלאגיע, הויבט זיך קיינמאל ניט אויף אין עפּיס א העכערע מאכט, ווערט דא די מעלאנכאליע אין איר עצם נאר דער אונבאפרידיגטער דורשט נאך עגאיסטישען גענוס. רענעי, אלס געניאלע פערזענליכקייט, ווייס אז גאט איז מיט אים און אין אים, און ער קען קוים אונטערשיידען צווישען זיך און גאט. ער פארגעטערט זיך זעלבסט פארגעטערענדיג גאט. ער ווייס אז זיינע געדאנקען און זיינע רייד זיינען אינספּירירט, און וואו איז די גרעניץ צווישען דעם, וואס שטאמט פון אים און דעם, וואס שאמט ניט פון אים? ער ליבט אפילו מער די טעות'ן ווי די אמת'ן וואס ער רעדט ארויס, ווארום יענע געהערען אים אליין מער און ער פיהלט זיך אין א העכערען גראד פאר זייער באשעפער. דער ווייהרויך פון דער מאסע באטויבט זיין זינען. זיינע פיינד זיינען ניט זיינע, נאר די פיינד פון דער זאך, פון דאס גוטע, און אלע מיטעל

נענען זיי זיינען גוט און רעכט. פאַר זיך זעלבסט פאָדערט ער אַלץ, די באַוואונדערונג פון פאָלק, די ליבע פון די פרויען, אַלע לאָרבערען און רויזען פון לעבען, און עס פאַלט אים גאָר ניט איין אַז ער פון זיין זייט איז פאַרפּליכטעט צו לייסטען עפּיס דערפאַר. ער לאָזט זיך ליבען ניט ליבענדיג צוריק. איז ער דען ניט קיין פּריווילעגירטע נאַטור, אַן אַפּאָסטאָל, וועלכער איילט דורכ'ן לעבען ווי אַ פליכטלינג, אַן אויפלאַקערענדער פייער, וואָס לייכט, פאַרצערט און פאַרשווינדט?

אין דיזע שטריכען האָט דער דיכטער נאָר זיין אייגען בילד געצייכענט. שאַטאָבריאַנ'ס עראינערונגען אַנטהאַלטען און איבערהויפּט דורך דאָס וואָס זיי פאַרשווייגען, גענוג באַווייזע פאַר יענער געקינסטעלטער קאַלטקייט מיט וועלכער ער האָט גענומען צערטליכקייט און באַוואונדערונג. אייניגע פאַרטרויטע בריף פון אים, וועלכע סעינט־בעוו האָט געהאַט אין זיינע הענד, צייגען מיט וואָס פאַר אַן אייז־קאַלטען עגאָיזם ער פלעגט אַמאָל זוכען צו נאַרען מיט פאַרשפּרעכונגען פון אַ ברענענדער ליידענשאַפט. נאָך צו 64 יאָר שרייבט ער צו אַ יונגער דאַמע, וועלכע ער בעט אים צו געבען אַ ראַנדע־וואו אין דער שווייץ: „מיין לעבען איז נאָר אַ צופאַל; פון דיזען צופאַל נעהמט איר די ליידענשאַפט, דעם ווירבעל און דאָס אומגליק. איך וועל אייך אין א י י ן טאָג מער דערפון געבען ווי אַנדערע אין לאַנגע יאָרען".

אַזוי האָט נאָך גערעדט דער ערשטער רענעי, ווען ער איז שוין פיר־און־זעכציג יאָר אַלט געווען. און מערקט אייך, דער מאַן וועלכער רעדט אַזוי, איז אין פולער אויפריכטיגקייט און אָהן צביעות דערזעלבער וואָס איז אויפגעטראָטען אַלס דער ריטער פון גלויבען און באַגייסטערטער פאַרטיידיגער פון קריסטענטום; דען אים איז אַלץ ערלויבט; ער איז דער אויסדערוועהלטער, און ווי די פּיטהישע פּריסטערין, האַלב וואַנזיניג אין דעם געפיהל פון זיין בארוף.

אין אים וואוינט צוגלייך עטוואָס געטליכעס און עטוואָס סאַטאַנישעס, אַן איינגעבאָרענע צושטערונגס־לוסט. די פאָרמע אונטער וועלכער ער ליבט, איז די, צו פאַרווירען און צו פאַרצערען. ער פאַרפירט דורך איבערנאַטירליכע, דורך גייסטיגע מיטעל, ער

פליסט איין צוויבערגעטראַנקען. ער פאַרפירט ניט מיט דער כשופ׳־דיגער מאַכט פון דעם יונגען, אָפענעם הארצען, פון דער יונגער פרישער ליבע. רענעי שרייבט ווערטער ווי די פאָלגענדע צו זיין אינדיאַנישער פרוי: „יע, סעלוטאַ, ווען דו ווערסט מיך פאַרלירען ווערסטו לעבען אַלס אַלמנה; דען ווער קען דיך אַרומוויקלען אין יענער פלאַם וועלכע איך שטראַל ארויס אפילו ווען איך ליב ניט?" און אויף אַן אַנדער אָרט: „פון דיזען הארצען שטראָמען אַרויס פלאַמען, וועלכע קענען די גאַנצע בריאה פאַרצערען." איך מאַך ניט פאַראַנטוואָרטליך שאַטאָבריאַן פאַר די ווערטער וועלכע ער לעגט אין מויל פון רענעי, אָבער קוקט מען אויף צוריק געפינט מען יענעם לוציפער פון אַכצענטען יאָרהונדערט, וואָלטעיר, אין פאַרגלייך מיט אים, אונשולדיג ווי אַ קינד. וואָס פאַר אַ רירענדע צערטליכקייט ער האָט ארויסגעוויזען זיינע געליבטע, אַ צערט־ליכקייט וואָס האָט אויף דאָס מינדסטע ניט פאַרלאָרען אפילו אין יענע פאַלען וואו ער איז שענדליך פאַרראַטען געוואָרען. און אַז מען בליקט פאָראויס געפינט מען אין טיעק׳ס „וויליאַם לאָוועל" אָדער אין קירקעגאַארד׳ס „פאַרפירער" נאָר אַ ברייטערע אויס־פירונג פון דאָס, וואָס דאָ ווערט געגעבען אין קאָנטורען. גיט מען נאָך איצט צו צו דער עגאָאיסטישער צושטערונגס־לוסט די גלייכ־גילטיגקייט צו אַלץ וואָס געהט־פאָר אויסערהאַלב דעם העלד, דעם טיפען עקעל צו דעם לעבען און דעם אונפאַרמיידליכען עקעל צו דעם אייגענעם איך, וואָס אפילו די אויפריכטיגע זעלבסט־באַ־וואונדערונג קען ניט פאַרטרייבען, און מען האָט די גרונד־שטרי־כען פון דעם טיפּוס. דערקענט איר דאָס בילד, איז עס ענליך צום אָריגינאַל? אָדער געפינט זיך איינער וואָס האָט ניט באַגעגענט איינע פון די אונצעהליגע קאָפּיעס פון אים? ביי איינעם טרעט איין שטריך, ביי דעם אַנדערען אַן אַנדערער מער אַרויס. איינער דערהויבט זיך אין איבערנאַטירליכען שטאָלץ, ווי יענער ענגלישער לאָרד וועלכער האָט דער וועלט געגעבען איר שפּיגעל־בילד אין „קין" און „מאַנפרעד"; דער אַנדערער טראָגט אַרויס פון זיינע שטודיען נאָך ד ע ם רעזולטאַט, אַז ער איז אַ גאָט, ווי יענער דייטשער דיכטער, וואָס האָט געשריבען „דאָס בוך דער ליעדער", האָט אַזוי אָפט מודה געווען. דער דריטער נעהמט אויף זיך די

ראָלע צו זיין דער נביא פון גאָט, לאָזט זיך אָבגעבען כבוד ווי אַ פּאַפּסט, און לאָזט נאָך אַלס זקן יונגע פרויען צו זיך קומען כדי זיי זאָלען אים די ציטערנדע הענד קושען. פאַר אַ פירטען ווערט דער אומעט דאָס אַבסאָלוט באַשטימענדע, דער יסוד פון זיין באַרוף, דער קוואַל פון זיין לעבענס־פירונג און זיין גאַנצער שריפטשטעלערישער טעטיגקייט. און דיזע מעלאַנכאָליע באַרויבט אים פון יעדען פּראַקטישען בליק אין אורטיילען די ווירקליכקייט. די גרינגסטע פּאַסירונג וואָס באַגעגענט אים וואַקסט־אויס אין עטוואָס באַדייטונגספולעס, עטוואָס אַנטשיידענעס און פאָראויס־באַשטימטעס, און ער קערט זיך דערצו אום אָבער און ווידער, בשעת ווען פאַר אַ וועניגער מעלאַנכאָלישען בליק וואָלט עס איינגעשרומפּען אין אַ קלייניגקייט. מען קען זיי אַלע, דיזע נאָהנטע אָדער ווייטע, עכטע אָדער דעגענירירטע ברידער און זיהן פון רענעי. דער טיפּוס נעהמט אַרום אַ קורצען שפּאַן פון יאָרען און מען דאַרף אים פאַר אַלעמען ניט פאַרבייטען מיט אַן אַנדער טיפּוס, וועלכער קומט נאָך אים און וועלכער איז אונז אַלעמען באַקאַנט. רענעי פּערזאָניפיצירט אַ דור וועלכער האָט געזאָגט צו זיך זעלבסט: פאַר מיין פינף־און־צוואַנציגסטען יאָר וויל איך האָבען דיזע מיידעל, זיין אַ גרויסער דיכטער, זיין אַ גרויסער קינסטלער אָדער שטאַרבען. ביים נעקסטען דור האָט דיזער זאַץ געלויטעט: פאַר מיין פינף־און־צוואַנציגסטען יאָר וויל איך האָבען אַן אַמט, פאַר מיין דרייסיגסטען וויל איך זיין מיניסטער. די בענקשאַפט נאָך געזיכערטער הכנסה און נאָך אַ געזיכערטען איינפלוס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון יענער אונבאַשטימטער און אידעאַלער בענקשאַפט ביי אַ דור אין וועלכען דער אינדיווידיאום שטעלט זיך אָהן טרוימערייען און אָהן צווייפלען זיין באַשרענקטען ציל און דערגרייכט אים. אויב די ערשטע זיינען ערשינען הארט און קאַלט, איז עס שוין געווען אין אַ צווייטער שטופע, נאָכדעם ווי זיי האָבען דעם צווייפלער און דעם טרוימער אין זייער הארצען דערשטיקט; אָבער די לעצטע זיינען געווען אַזוי פון געבורט און האָבען קיין קריזים ניט דורכגעמאַכט.

נאָך דעם אַלעמען וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרען קלינגט עס ממש וואונדערליך ווען מען באַטאָנט, אַז רענעי איז, אין

ריין רעאַקציאָנערע און קאַטוילישע אינטערעסען, איינגעוויקעלט געוואָרען אין דעם „גייסט פון קריסטענטום”, אום צו באַווייזען ווי נויטיג עס איז דער טרויסט פון דער קריסטליכער רעליגיאָן פאַר געוויסע ליידען און ווי נויטיג עס איז צוריק איינצופירען די נאָנען־קלויסטערס, וואָרום נור דער קלויסטער קען געבען רעטונג און שוץ פאַר געוויסע פאַראירונגען. רענעי׳ס הויפּט־אומגליק איז נעמליך, ווי געזאָגט, די ליידענשאַפטליכע ליבע פון זיין שוועסטער צו אים, וועלכע, כדי איר ליידענשאַפט בייצוקומען, טוט אָן דעם שלייער און שטאַרבט אין קלויסטער. ווי שעהן דאָס קלינגט! אָבער פיהלט מען ניט די ביטרעקייט? אזוי פאַרפירעריש, אזוי אונווידערשטעהליך איז יענער רענעי, אז ער רוהט ניט זאָגאַר, אָדער בעסער, דער דיכטער רוהט ניט ביז ער האָט רענעי׳ס איי־גענער שוועסטער איינגעפלאָסען אַן אונגאַטירליכע ליבע צו איר ברודער. ווידער צייגט זיך דאָ ווי די רעאַקציאָנערע טענדענץ ווערט אַריינגעווירבעלט אין דעם שטראָם פון דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג, וואָרום אויב׳ עס איז געווען עפּיס, אויף וואָס די אזוי גערופענע „סאַטאַנישע שולע” האָט שפּעטער געשיינט צו האָבען אַ טראַדיציאָנעלען רעכט, איז עס געווען דאָס, וואָס נאָכ־דעם ווי זי האָט די ליידענשאַפט פאַרהערליכט אַלס נאַטור, זאָל זי זי שילדערען מיט סימפּאַטיע אַפילו דאָרט וואו זי לויפט געגען דער נאַטור. איך וויל אָנווייזען אויף אַ פּאָר שטריכען וואָס האָבען אַ שייכות דערצו.

ביי דער יונגער רעוואָלוציאָנערער שולע איז עס געווען אַ באַ־ליבטע טעמע, אז דער אָבשיי פאַר דעם געשלעכטליכען פאַרקער צווישען ברודער און שוועסטער באַרוהט נאָר אויף פאָראורטייל. דאָס איז געווען אַ ליבלינגס־אויסדרוק ביי מערימעי און זיין יוגענד. מען האָט זיך אויסערדעם געשטעלט אויף דער אויטאָריטעט פון דער ביבעל, וואו די מענשהייט האָט זיך לויט דער ביבלישער טראַדיציע פון אָנפאַנג פאַרמערט דורך בלוט־שאַנדע. בייראָנ׳ס קין איז דער מאַן פון זיין אייגענער שוועסטער. אויסערדעם איז עס דעמאָלט געווען אין דער מאָדע זיך צו שילדערען אביסעל אַלס טייפעל. שאַטאָבריאַן, וועלכער האָט אין רענעי געשילדערט זיך אַליין און וועמעס פאַרהעלטניש צו זיין שוועסטער איז אויסערליך

געווען ענליך צו רענעי׳ס, איז אין אמת׳ן נעליבט געוואָרען פון איר בשום אופן ניט אנדערש ווי נאָר אלס ברודער, און עס איז מער ווי ווארשיינליך, אז דאָ ליגט אויך דער שליסעל צו דער אויפ־קלערונג פון איינער פון די אונהיימליכסטע און פיינליכסטע ליטעראַרישע געשעהענישען פון דער אינגסטער צייט. אלע גע־דענקען נאָך די שווערע אנקלאַגע, דורך וועלכער מרס. ביטשער־סטאָו האָט מיט איינינע יאָר צוריק באשומפּפט דעם אָנדענקען פון בייראָן. אַ פארברעכערישע פארהעלטניש צווישען אים און זיין שטיף־שוועסטער זאָל האָבען געווען די אורזאַכע פון דער שיידונג צווישען אים און זיין פרוי. צו דערגעהן דעם אמת אין דיזער זאַך איז אונמעגליך; טהאַמאַס מור האָט בייראָנ׳ס נאָ־טיצען פארברענט. אָבער אפילו ווען מען הערט אוים מרס. סטאָו מיט פאַלקאָמענער רוה, און ווען מען נעהמט שוין אָן אז זי אזוי גוט ווי לײדי בייראָן ריידען דעם ריינעם אמת, וואָס האָבען מיר דאָן פאר אונז? אָן אויסדרוק פון בייראָנ׳ען צו זיין פרוי, אז אזא פארהעלטניש איז געווען. נון, ווי עס איז אלעמען באוואוסט, אין לײדי בייראָן געווען אַ העכסט פרומע און איינפאַכע פּורי־טאַנעריז, וואָס האָט געזעהן איר מאַן באַגעהן אלץ וואָס איז נאָך איר מיינונג געווען דאָס ערגסטע אויף דער וועלט. זי האָט גע־וואוסט אז ער האָט געטרונקען און פלעגט זיך באטייליגען אין הוליאַנקעס, אז ער פלעגט גאַנצע נעכט פארברענגען ערגיץ אין דרויסען, אז ער האָט ניט געשווינט ניט זיין נאָמען און ניט זיין ראַנג, אז ער האָט געמוזט געהן אין פארלאַמענט אליין, ווייל ער האָט ניט געקענט באוועגען אַ איינציגען פון זיינע שטאַנד־קאָ־לעגען אים אהין צו פירען, אז ער האָט באַשפּאָט אין זיינע שריפטען די איין היילינע אנגליקאַנישע קירכע, און געשילדערט די שוואַר־צעסטע פארברעכען אין דער שעהנסטער באלייכטונג. יאָ, איר מאַן האָט עס געבראַכט אזוי וויים, אז אָפטמאָל האָט מען ביי דעם יונגען פאר געלעגט אַן ארעסט אויפ׳ן הויזליכען פארמעגען, אפילו אויף איר חתונה־בעט. וואָס איז דריבער דער וואונדער וואָס זי האָט איר מאַן גענומען אויפ׳ן וואָרט ווען ער האָט איינמאָל, זייענדיג מער ווי געוויינליך אויפגערעגט דורך איר פראַסטקייט און אירע דרשות, אויסגעבראָכען מיט צאָרן: יע, איך בין דער

טייפעל, מיין קרומע פוס איז ווירקליך א געשפאלטענע פוס און איך לעב אין שענדליכסטער פארהעלטניש מיט מיין אייגענער שוועסטער!

מיר זעהען אז שאטאבריאן האט אין רענעי געגעבען ביי־ראנ׳ען דעם ביישפיל. מיר זעהען ווי דיזער פראדוקט פון דער רעוואלוציאנס־פאעזיע שפראצט ארויס אין דעם רעאקציאנערען ווערק, אין וועלכען ער געפינט זיך, און איז פארמישט אין דיזעביידע גרויסע שטרעמונגען. אבער עס איז כדאי צו באמערקען, אז דער אונטערשטראם איז ניט קריסטליך און ניט רעליגיעז. דער גרונד־געפיהל איז איבעראל א מאדנער ווילדער עגאאיזמוס, א מין תאוה פון אונהיימליכסטען סארט, וועלכע באשטעהט אין דעם, צו פארבינדען דעם געדאנק פון טויט און פארניכטונג, א געוויסען סאטאנישען צארן מיט דעם זאנסט אזוי זאנפטען און נאטירליכען געפיהל פון לוסט און גליק. רענעי שרייבט צו סעלוטא: „איך האב דיר אין מיטען פון דער וויסטעניש צו מיין הארצען געדריקט, איך וואלט דיך אין יענעם אויגענבליק גערן גע־וועט דורכשטעכען מיט א שווערד אום צו באפעסטיגען דאס גליק אין דיין בוזים און זיך אליין צו שטראפען דערפאר וואס איך האב דיר אזא גליק געשענקט".

## 5.

# דער נייער זעלען-צושטאנד.

פונקט ווי אין דער קערפערליכער וועלט אנטשטעהען צו געוויסע צייטען קראנקהייטען וואס זיינען ביז אהער געווען אונבאקאנט, אזוי איז אויך אין דעם גייסטיגען לעבען. וואס איך וויל דא שילדערען איז דער טראגישער און אומגעזונטער גייסטיגער צושטאנד, דער אריגינעלער אויפשוויאונג און די אריגינעלע געמיטס-קראנקהייט וואס באצייכענען דעם אנפאנג פון 19טען יארהונדערט. דער גרונד-שטריך פון דיזען זעלען-צושטאנד איז געקומען פון דער גרויסער רעוואלוציאן פון דעם מענשליכען גייסט. אלע געמיטס-קראנקהייטען וועלכע ברעכען אויס אלס רעזולטאט דערפון, לאזען זיך אויפפאסען אלס סימפטאמען פון צוויי גרויסע געשעהענישען: פון דער עמאנציפאציאן פון דעם אינדיווידואום און פון דער באפרייאונג פון דעם גייסט.

דאס אינדיווידואום ווערט עמאנציפירט. ניט מער צופרידען צו בלייבען אויף דעם פלאץ וואס ווערט אים אנגעוויזען אדער וואו ער איז געבארען, ניט באנוגענדיג זיך מער מיט אקערען דעם פאטער'ס פעלד, נאך מער, באפרייט פון אמאליגער קנעכטשאפט, פיהלט דער מענש צום ערשטען מאל אין בוכשטעבליכען זין פוןווארט די וועלט ליגען אפען פאר אים. וואס פאר א פארשריט אין פארגלייך מיט אלע פריהערע צייטען! עס דוכט אים מיט איין מאל אזוי ווי אלץ איז מעגליך געווארען און אזוי ווי דאס ווארט אונמעגליך וואלט פארלארען זיין זין, אזוי ווי עס וואלט געקענט, צ. ב. דער פויק-שטעקעל אין דער האנד פון סאלדאט דורך א רייהע שנעלע מעטאמארפאזען זיך פארוואנדלען אין דעם שטאב פון דעם מארשאל אדער אין א צעפטער, אבער צו דער־

זעלבער צייט, דאָרט וואו ס'איז געוואָרען אזא מעגליכקייט איז די קראַפט בשום אופן ניט אויסגעוואַקסען אין דערזעלבער מאָס, און צו וועניגסטען פון אַלץ די קראַפט פון זעלבסט־באַהערשונג. פון די הונדערטע טויזענדע פאַר וועלכע דער וועג איז געעפענט געוואָרען, קען נאָר איינער דאָס געווינשטע ציל דערגרייכען, און וואו נעהמט דער אינדיווידיאום די זיכערקייט אז ער וועט גראָדע זיין דער איינער? און דערפון קומט דער אונגעצאַמטער פאַרלאַנג און די אונגעצאַמטע מעלאַנכאָליע. און צום גרויסען רעש'יגען וועט־לויף האָט אויך ניט יעדערער אָהן אויסנאָם קיין צוטריט. אַלע יענע, וועלכע פיהלען זיך, צוליב אזא אָדער אַנדער אורזאַכע געקניפּט צו דער אַלטער אָרדנונג פון זאכען, ווי אויך די פיינערע, וועניגער גראָב־הויטיגע נאַטורען, וועלכע טרוימען ליבער איידער האַנדלען, פיהלען זיך ארויסגעשפּאַרט, טרעטען אָב אָן אַ זייט אָדער וואַנדערען אויס, און אַזוי ווי זיי ווערען אָנגעוויזען אויף זיך אַליין ערוואַכט אין זיי מיט דער זעלבסט־פּאַרטיפונג אַ שטאַרקערער זעלבסטבאַוואוסטזיין, און דערמיט אַ גרעסערע פעהיגקייט צו ליידען. דער העכסט ענטוויקעלטער אָרגאַניזם ליידט אימער אַם מערסטען.

דערצו קומט נאָך אויך צו דאָס, וואָס בשעת די אַלטע אָרדנונג צופאַלט אין שטיקער, ווערט אויך אָבגעשוואַכט דער נוצליכער דרוק אויפ'ן אינדיווידואום, וואָס האַלט אים אין געוויסע סאָציאַלע צאַמען און לאָזט אים ניט צושרייבען זיך אונבאַגרעניצטען ווערט און אונבאַגרעניצטע באַדייטונג. אויף אַזאַ אופן ווערט די זעלבסט־פאַרגעטערונג מעגליך איבעראַל וואו די קראַפט פון זעלבסט־באַהערשונג איז ניט אַזוי שטאַרק ווי עס איז געוועזן פריהער די רעגולירענדע מאַכט פון דער געזעלשאַפט.

און אין דערזעלבער צייט ווען אַלץ איז מעגליך געוואָרען, דוכט זיך אַזוי ווי אַלץ וואָלט אויך ערלויבט געוואָרען. יעדע מאַכט, וועלכע דער אינדיווידיאום האָט פריהער ארויסגעלאָזען פון די הענד און פרייוויליג איבערגעגעבען צו זיינע געטער און זיינע קעניגע, נעהמט ער יעצט צוריק. פּונקט אַזוי ווי ער נעהמט מער ניט אַראָב דאָס היטעל פאַר'ן באַגילדעטען וואָגען, פאַר וועמעס באַגילדונג ער האָט אַליין באַצאָלט, אזוי בויגט ער זיך

אויך מער ניט פאַר קיינע פאַרבאָטען, וועמעס ריין מענשליכען
אורשפּרונג ער קען יעצט באַטראַכטען. אויף יעדען פאַרבאָט
האָט ער גרייט אַן ענטפער, אַן ענטפער וואָס איז אַ פראַגע, אַ
שרעקליכע פראַגע, דער אָנהויב פון יעדער מענשליכער קענטניש
און יעדער מענשליכער פרייהייט, די פראַגע: „וואָרום". און
אַזוי זיינען יענע פאַרבלאָנדזשעטען פון דער פאַנטאַזיע, פון
וועלכע עס איז דאָ אויבען געוועזען די רייד, די צו שטאַרקע אויפ־
מערקזאַם וואָס איז געווענדט געוואָרען אויף דעם פאַרברע־
כען אַפילו וואָס איז אונגאַטירליך, בלויז איין שטריך, נאָר איין
פאַרבלענדונג פון יענעם אַזוי גוואַלטיגען און אַזוי באַדייטונגס־
פולען אַרייננטרעטען פון דעם אינדיווידואום אין זיין רעכט.
און דער געדאַנק ווערט באַפרייט. דער עמאַנציפּירטער יחיד
פיהלט זיך ניט אַלס גליד אָדער טייל פון אַ גרעסערען גאַנצען,
נאָר אַלס מיקראָקאָסמוס, ד. ה. אַלס אַ וועזען, וואָס, אַבוואָל עס
איז איינציג, באַגרייפט דאָך אין זיך אַ קליינע וועלט, וואָס שפּי־
געלט אין זיך אָב אין אַ קליינעם מאַסשטאַב די גאַנצע גרויסע.
וויפיעל אינדיווידוען אַזוי פיעל שפּיגלען וואָס כאַפּען־אויף דעם
וועלט־אַל. אָבער אין דער זעלבער צייט ווען דער געדאַנק האָט
געפאַסט דעם מוט צו ערקענען ניט שטיקלעכווייז, נאָר אויף אַן
אַל־אומפאַסענדען אופן, איז די מעגליכקייט ניט געוואָקסען אין
דערזעלבער מאָס מיט'ן מוט, און יעצט פונקט אַזוי ווי פריהער
טאַפּט די מענשהייט אין אונענדליכען טונקעל און באַגרייפט גאָר־
ניט פון די געהיימניסען פון איר עקזיסטענץ. פאַרוואָס ווערען
מיר געבאָרען, צו וואָס לעבען מיר, וואָס איז דער צוועק פון אַלץ?
דער ענטפער אויף די אַלטע פראַגען איז ניט נעהנטער ווי
געוועזען, און אויף אַזוי ווייט ווי מען פאַרטיפט זיך אין אים,
שיינט ער צו זיין אונבאַפרידיגענד, נידערשלאָגענד, פּעס־
סימיסטיש. פריהער איז דער מענש געבאָרען געוואָרען
אין אַ באַשטימטען אונבאַרירבאַרען גלויבען, וועלכער האָט אים
געגעבען באַשטימטע, אויף אַן איבערנאַטירליכען אופן ערוואָרבע־
נע, טרייסטענדע און האָפנונגספולע אַנטוואָרטען. אין 18טען
יאָרהונדערט ווען די אמונות האָבען פאַרלאָרען זייער באַדייטונג,
זיינען די גייסטער געבאָרען געוואָרען אין פונקט אַזאַ דאָגמאַטי־

שען און יעדענפאלס פונקט אזא באגייסטערענדען גלויבען אין די דעמאָלט הערשענדע אידעען פון דער ציוויליזאציאָן, אין דער באפרייענדער מאכט פון דער אויפקלערונג, און מען האָט געלעבט אין ערווארטונג פון דעם גליק און דער הארמאָניע, וועלכע וועלען זיך אויסברייטען איבער דער ערד, אזוי שנעל ווי זי וועט דורכגעדרונגען ווערען פון די פילאָזאָפישע אידעען. יעצט, אין אָנפאנג פון 19טען יאָרהונדערט, איז דיזער גלויבען אויך געווען אונטערגעגראָבען; די געשיכטע האָט געשיינט צו לערנען אז אויך דער וועג פירט צו נישט, און די צומישונג פון די געמיטער איז געווען פונקט אזוי גרויס ווי אין א מחנה וועלכע אין מיטען פון דער שלאכט ערהאלט פלוצלינג די קאָמאנדע צוריקצוטרעטען. די יעניגע גייסטער וועלכע האָבען אוועקגעפירט די באוועגונג אין דעם אלטען רעליגיעזען וועג, זיינען אלע מער ניט געשטאנען אויפ'ן שטאנדפונקט פון דער אלטער גלויבענס-געזעלשאפט, זיי זיינען אליין מיט וועניגע יאָרען צוריק געווען וואָלטעריאנער אָדער אָנהענגער פון רוסאָ'ס דעאיזם; ביי זיי אלע איז די נייע רעליגיעזיטעט ענטוועדער אויסגעקעמפפט געוואָרען אָדער דערטראכט געוואָרען מיט'ן פארשטאנד. דערין ליגט די אורזאכע וואָס די גייסטיגע באוועגונג ביי יענע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען איינגעלייטעט דאָס נייע יאָרהונדערט, איז געווען אזוי שטארק געצוואונגען און געדריקט. נאָר דאָס געפיהל פון דעם פארלוסט, נאָר די אונגעדולד איבער דער באגרעניצטקייט פון אונזער וויסען איז געשטיגען. מען פיהלט דעריבער וויפיעל אמת עס ליגט אין פאָלגענדען בילד פון מוססע: „די אייביגקייט איז גלייך צו אן אָדלערנעסט, פון וועלכען אלע יאָרהונדערטען פליהען ארויס ווי יונגע אָדלער אום ארומצופליהען דעם אוניווערזום. איצט איז דער אונזעריגער געקומען צום ראנד פון דעם נעסט; ער בליקט ארויס, אָבער מען האָט אים זיינע פליגעל ארומגעשניטען, ער ערווארטעט דעם טויט, אראָבקוקענדיג אין דעם אונענדליכען רוים, אין וועלכען ער איז ניט אומשטאנד זיך ארויסצושווינגען.”

## .6

# סעינאַנקור'ס „אָבערמאַן."

אין שאַרפסטען קאָנטראַסט צו רענעי, וועלכער איז זאָגאַר אין דער פאַרצווייפלונג און דעם עקעל פאַר'ן לעבען אַזוי שטאָלץ און געביטעריש, שטעהט די נעכסטע וויכטיגע וואַריאַציאָן פון דעם טיפּוס פון דער צייט, אָ ב ע ר מ אַ ן.

„אָבערמאַן", אַ ווערק וואָס איז געשריבען געוואָרען אין זעלבען יאָר ווי רענעי, איז פּונקט אַזוי ווי דיזעם בוך פאַרפאַסט געוואָרען אין גלות, אין איינזאַמקייט, פון אַ ליידענשאַפטליכען אַנזעאיסט, אַ טיף־פיהלענדען סטאָיקער, עטיענן דע סעינאַנקור Senancourt)

עטיענן פיערר דע סעינאַנקור איז געבאָרען געוואָרען אין פּאַריז אין יאָר 1770, אָבער נאָך די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציאָן, האָט ער אויסגעוואַנדערט אין דער שווייץ, וואו אַ פאַרצויגענע קראַנקהייט און פאַרשיידענע אומשטענדען האָבען אים געצוואונגען צו בלייבען. אַלס עמיגראַנט איז ער געווען אויסגעוויזען פון פראַנקרייך און בלויז אין געהיים פלעגט ער וואַגען איבערצוגעהן די גרעניץ אום צו באַזוכען זיין מוטער. אונטער'ן קאָנסולאַט האָט ער זיך דאָך, אָהן ערלויבניש, אומגעקערט צוריק, אין האָט די ערשטע דריי יאָר געלעבט ווי אַ פּאָלשטענדיגער נזיר אין פּאַריז אום ניט צו ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער רעגירונג. שפּעטער האָט ער געפונען אַ מעסיגע פּרנסה אַלס מיטאַרבייטער פון ליבעראַלע צייטונגען און אַלס אַרויסגעבער פון היסטאָרישע האַנד ביכער. זיין לעבען איז געווען איינזאַם און אָהן גלאַנץ — דאָס לעבען פון אַ טיף־עמפּפינדליכען סטאָיקער.

סעינאַנקור'ס ערשטע שריפט, „טרוימערייען איבער דער־

אורשפרינגליכער נאטור פון דעם מענשען", וועמעס טיטעל אליין פארראט שוין דעם תלמיד פון רוסא, איז ערשינען אין 1799. אין אנפאנג פון יאר 1804 האט ער ארויסגעגעבען זיין פסיכאלא־גישען ראמאן „אבערמאן", וועלכער האט ביי זיין ערשיינען קיין באזונדערען אויפזעהן ניט געמאכט. פונדעסטוועגען איז שפע־טער דאס דאזיגע ווערק ארויסגעגעבען געווארען אין אימער נייע אויפלאגען; דער נעכסטער דור האט זיך אימער אויף דאס ניי געקערט צו אים, און זיין נאמען איז אין פראנקרייך א לאנגע צייט געגאנגען צוזאמען מיט די נעמען פון אססיאן און ווערטהער. נאדיע און באלאנש האבען עס פריה שטודירט. סעינט־בעוו האט עס אויסגעקליבען פאר זיין ליבלינגס־בוך, און ער און זשארזש סאנד האבען פיעל בייגעטראגען צו ציהען די אלגעמיינע אויפ־מערקזאמקייט אויף אים.

מען קען „אבערמאן" אנרופען דער פראנצויזישער „ווערטהער". וואס אנבאטרעפט דער זעלבסטמארד־עפידעמיע האט ער געשפילט אין פראנקרייך דיזעלבע ראלע וואס „ווערטהער" אין דייטשלאנד; אבער דער אויסדרוק איז ניט אינגאנצען ריכ־טיג, ווארום „אבערמאן" אנטהאלט ניט קיין ליבעס־געשיכטע. דאס ווערק איז געוועזן אין די הענד פון דעם אומגליקליכען ראבבע, וויקטאר הוגא'ס פרייקד, באקאנט דורך דעם לעצטענס ביא־גראפיע און געדיכטע, און איז שטארק פארעהרט געוועזן פון א גרופע יונגע לייט, ווי סאטלע, באסטיד, אמפער, שטאפפער, פון וועלכע דער ערשטער האט זיך אליין דאס לעבען גענומען. אויב רענעי איז דער אויסדערוועלטער, איז אבערמאן דער פארוואר־פענער. זיין גייסט איז פונקט אזוי פיעלזייטיג, זיין געמיט פונקט אזוי טיף ווי רענעי'ס, אבער דער מלאך וואס האט דיזען לעצ־טען זיין בארוף געגעבען איז אים פארבייגעגאנגען. אין רענעי האט א ט י י ל פון די הערשענדע גייסטער פון דעם יארהונדערט דערקענט זיך זעלבסט, אבערמאן איז די געשיכטע פון דער מער־הייט, ד. ה. ניט דער וואולגארער, נאר דער פיין־פיהלענדער און באנאבטער מחנה, וואס בילדען צוזאמען דעם כאר פון די אויס־דערוועהלטע גייסטער. דאס בוך הויבט זיך אן מיט די ווערטער: „אין דיזע בריף וועט מען געפינען דעם אויסדרוק פון א גייסט וואס

פיהלט, ניט פון אַ גייסט וואָס אַרבייט." דערין ליגט אַלץ. פאַר־וואָס אַרבייט ער ניט? דאָס איז שווער צו ערקלערען. דער קירצסטער ענטפער איז: ווייל ער איז אומגליקליך. וואָרום איז ער אומגליקליך? ווייל ער איז צו עמפּפינדליך, צו אָפען פאַר שטימונגען און איינדריקען. ער איז ליטער הארץ, און דאָס הארץ אַרבייט ניט. עס איז געווען די צייט פון רעגעלען, דיסציפּלין, פון מיליטערישען דעספּאָטיזם. עס איז געווען יענע עפּאָכע ווען די מאַטעמאַטיק איז געשטאַנען אין העכסטען אַנזעהן צווישען די וויסענשאַפטען, און ענערגיע, צוזאַמען מיט דער פעהיגקייט זיך אַבסאָלוט צו אונטערוואַרפען, איז געווען די העכסטע צווישען די טוגענדען. אָבערמאַן געהערט ניט מיט אַן איינציגען פיבר פון זיין הארצען צו דער דאָזיגער צייט, וואָרום ער האָט פאַראַכטעט סיי די דיסציפּלין סיי די מאַטעמאַטיק אַזוי שטאַרק ווי וועלכער עס איז שפּעטערער ראָמאַנטיקער האָט עס געקענט. ער שפּאָט איבער די קליינבירגער וועלכע מאַכען יעדען טאָג דעמזעלבען אָב־געמאָסטענעם שפּאַציר און קערען זיך אום אימער פון דעמזעלבען אָרט. אים קימערט ניט צו וויסען פאָראויס פון וואָס זיין געפיהל וועט באַאיינפלוסט ווערען. זאָל דער גייסט, זאָגט ער, שטרעבען דערצו, צו געבען זיינע שעפּפונגען אַ געוויסע סימעטריע; דאָס הארץ אַרבייט ניט און קען נאָר דעמאָלט עטוואָס שאַפען ווען מען „בילדעט" עס ניט. מען געפינט דיזען קולטור־פיינדליכען פּרינ־ציפּ אין זיינע בריף: זיי שטעלען מיט זיך פאָר אַ שווערן, ברייטען, ערנסטען, שלעכט־געשריבענעם בוך, וואָס מאַכט דעם איינ־דרוק פון אַ רייהע אימפּראָוויזאַציעס, צו וועלכע דער פאַרפאַסער, באַטראַכטענדיג זיי אַלס די קינדער פון זיין הארצען, האָט ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט צוגעבען אַן אָנציהענדערע פאָרמע. געוויס געפינט מען אָרום דעם שווערען ערץ פון דעם ווערק גאָלד־קערנער, אָבער מען מוז זיי מיט פיינליכער מיה אויפזוכען.

דער העלד פון דעם בוך געהערט צו יענע אומגליקליכע וועל־כע שיינען צו זיין באַשאַפען פאַר דער שאָטענדיגער זייט פון לעבען און דערגרייכען קיינמאָל ניט דערצו, צו וואוינען אין זיין זונען־ליכט. דאָס גליק געהט זיי פאַרביי, און דעם פאַרגעסליכען פּאָמאַ, וועמעס זכרון איז אַזוי איבערפילט מיט נעמען, קומט עס

אימער אָן אזוי שווער זייער נאָמען אויסצורײדען, אז זיי שיינען צו זיין טויט נאָך ביי זייער לעבען. מייסטענס דערגרייכען זיי אפילו גאָרניט צו דער סצענע פון דער עפענטליכקייט. עס איז ביי זיי פאראַן, ווי האַמלעט זאָגט, צוזאַמען מיט אַ סך גלענצענדע מעלות עפּים אַן איינציגער פ ע ל ע ר אין זייער נאַטור, וועלכער שטערט דעם האַרמאָנישען צוזאַמענשפּיל פון די באַזונדערע טיילען. אין דעם אזוי פיין־קאָמפּליצירטען זייגער ברעכט דאָ אַ פעדער, דאָ אַ קליין רעדעל און די מאַשינעריע שטעהט אַ לאַנגע צייט שטיל. אָבערמאַן האָט ניט קיין פעסטע באַשעפטיגונג, קיין ווירקונגס־קרייז, קיין פאַך, און ערשט אויף די לעצטע זייטען פון דעם בוך קומט ער צום פאַרלאַנג אויפצוטרעטען אַלס שריפטשטעלער. אָבער דער לעזער גלויבט ניט שטאַרק אז דאָס גליק ער וואַרט אים אויף דיזען וועג. דער וואָס האָט אַפילו דאָס קלענסטע ווערק אויף דער וועלט געבראַכט ווייס, ווען ער לאָזט זיינע געדאַנקען געהן אויף צוריק, וואָס פאַר אַ כמעט אונגלויבליכע רייהע פון גינסטיגע אומשטענדען זיינען אים ביינעשטאַנען, וואָס פאַר אַן אונגלויבליכע צאָל פון קליינע און גרויסע שטערונגען ער האָט געמוזט בייקומען, ווי גענוי ער האָט געדאַרפט היטען די צייט, ווי אייפריג ער האָט אָנגעכאַפּט די געלעגענהייט און דעם אויגענבליק, ווי אָפט ער האָט געהאַלטען ביי אויפגעבען אינגאַנצען, וויפיעל אָנפאַלען פון האָפנונגסלאָזיקייט און ענטמוטיגונג ער האָט באַזיגט, נאָר כדי דאָס נישטיגע ציל צו דערגרייכען. דאָס קלענסטע ווערק וואָס ווערט געבאָרען לעבעדיג זאָגט עדות אויף טויזענד טריאומפען. און וואָס פאַר אַ קאָמבינאַציאָן פון אומשטענדען פאָדערט זיך כדי עס זאָל דאַן גלייך נאָך דער געבורט ניט שטאַרבען! פונקט אזוי פיעל ווי פאַר אַ לעבעדיגען אָרגאַניזם. דאָס ווערק מוז באַלד אַ ליידיגען פלאַץ, אַן עפענונג געפינען, אין וועלכען עס זאָל זיך אַריינפּאַסען. דער אינטערעס פאַר אים דאַרף ניט דורכגעקרייצט ווערען פון אַן אַנדער שטאַרקערען אינטערעס, דער שטראָם דאַרף ניט געהן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, דער טאַלאַנט דאַרף ניט איבערגעשטראַלט ווערען פון אַ גרעסערען. עס דאַרף ניט עראינערען אָן קיין שום פריהערען ווערק, עס דאַרף ניט צופעליגערוויז זיין ענליך צו אַן אַנדערען, אָבער צו

דערזעלבער צייט מוז עס אויף אזא אָדער אַן אַנדער אופן זיך אַנקניפּען אַן עטוואָס שוין באַקאַנטעס און געהן אין אַ וועג, וואָס איז שוין אויסגעלעגט. ענדליך מוז עס קומען אין דער רעכטער באַלייכטונג. עס זיינען פאַראַן ווערק וואָס זיינען דוקא ניט שוואַך, אָבער אין דער באַלייכטונג וואָס זיי קריגען צוליב עפּיס אַ גלייכצייטיגער פּאַסירונג אָדער אַ גלייכצייטיגען ליטעראַטור־פּראָדוקט, ערשיינען זיי שוואַך. עס זיינען פאַראַן ווערק וואָס גיבען זיך אויס אַלטמאָדיש, אָרים, פאַרבלאַסט.

מען קען זאָגען אַז דאָס געהיימניס פון ליטעראַרישען ער־פאָלג איז כאַראַקטעריסטיש צו געוויסע נאַטורען ווי אַ כשוף.

מען זעהט צ. ב. צוויי גלייכע נאַטורען; עכטע זילבער־נאַטורען קען מען זיי אָנרופען, און יעדער פון זיי האָט אויסער־דעם אַלס צוגאָב זיין קליינעם קערנדל גאָלד. אָבער איינער פאַר־באָרגט זיין גאָלד־קערן אַלס אַן אונזיכטבאַרע פּינטעל אין דער זילבער־מאַסע, דער אַנדערער ציט איבער דערמיט די גאַנצע זיל־בער־קויל. צו פאַרשטעהן ווי עס צו באַנוצען הייסט טאַלאַנט, און טאַלאַנט איז אַן אַנדער וואָרט פאַר גליק.

אָדער מען באַגעגענט צוויי נאַטורען פון כמעט גלייך איי־דעלע מעטאַלען. אָבער איינע ווי עס שיינט, געהערט צו די אויס־דערוועהלטע אין די אויגען פון דער וועלט, די אַנדערע — צו דער מאַסע, און אַז מען קוקט זיך צו גענויער דאַן אַנטדעקט מען מיט פאַרוואונדערונג, אַז די ריינערע, די איידעלערע פון די צוויי נאַטורען איז די יעניגע וועלכע מוז שטעהן אין שאָטען און ווערט געשטויסען אַן דער זייט. אָבער אַז מען פאַרטראַכט זיך טיפער באַגרייפט מען אַז אביסעל פּראָסטערער מעטאַל, אביסעל קופּער אָדער ערץ, אַנשטאָט צו שאַדען דער ריינער זילבער־מינץ אָדער איר גלאַנץ אָבצושוואַכען, גיט איר גאָר צו פעסטקייט און האַפטיג־קייט, און מאַכט איר אומגאַנג מעגליך. דאָס ריינע זילבער איז טאַקע דורך דער ריינקייט און ווייכקייט אונבאַנוצבאַר.

מען וועט אַלזאָ לייכט באַגרייפען אַז די אויבענאָנגעוויזענע וואַריאַציעס פון דער מענשליכער נאַטור — דאָ אַ צו־צאַרטער און צוזאַמענגעזעצטער כאַראַקטער, דאָ אַ צו איינפאָרמיגער; דאָ איינער וואָס צוברעכט זיך אַליין, און דאָ איינער וואָס ווערט פון

זיין אומריינגלענדער וועלט צובראכען — בילדען א גרופע פאר זיך זעלבסט. דא זיינען עס זייערע חסרונות, דא זיינען עס זייערע מעלות וואס ווערען פאר זיי פארדערבליך. קען מען זיך פארשטעלען נאך עטוואס אומגליקליכערעס דערפון? און דאך קען מען אין אמת'ן זאגען אז אפילו דיזע צוריקגעשטויסענע האבען זייער גליק.

זיי פארען אוועק, מיט זיך אליין, צו זיין זיי זעלבסט, און אין דיזער איינזאמקייט אויפצוהאלטען זייער גאנצען אינטערעס. קיין ווייהרויך שטייגט ניט אויף צו באטויבען זייער קאפ, קיין רוהם דענערווירט זיי ניט. אויב זייער בליהונגס־צייט פעלען די קרעפטיגע, די גליהענדע פארבען, וועלכע נאר דער שמייכלענדער שטראל פון דער זון רופט ארויס, באהאלט דערפאר דער שטאם לענגער זיין פרישקייט און זיינע זאנפטען. די רויהע שטרענגקייט פון דעם לעבען שטארקט זייער נאטור. זיי געניסען דאס גליק צו לעבען אונבאקאנט. זיי האבען די בארוהיגונג קיינמאל ניט צו ווערען איבערשעצט, נאריש פארגעטערט און דאן גלייך נאכער, ווי עס פאסירט דאס רוב, צו ווערען פארלאזען און גאר פארשפאט. ווארום אזוי רעכענען זיך די מענשען אב מיט דעם, וואס האט ארויסגעצוואונגען פון דער וועלט אן אויגענבליק פון באוואונדערונג. זיי דארפען קיינמאל ניט שמייכלען צו די קאמפלימענטען פון א נארישען המון, זיך קיינמאל ניט לאזען באשפייען פון א אינגעל, ווי די יעניגע וועלכע שטעהען אימער אלס ציל־ברעט פאר דער אנערקענונג און דעם האס. עס בלייבט זיי זאגאר דאס רעכט צו פיהלען זיך אלס די אויסדערוועהלטע, און צו זיין שטאלץ אויף דעם אונטערשייד צווישען זייער ווערט און דער אנערקענונג, וואס זיי קריגען. א שעהנער שיקזאל איז זיי באשערט אויב זיי פארשטעהען צו ציהען נוצען פון זייער לאגע, און דאס וואס סטראשעט זיי נידערצושלאגען — צו פארוואנדלען אין אן אנקער פון קראפט און ערמוטיגונג. אונטערשעצונג איז א ביטערער אבער שטארקענדער טראנק. פון דער אנדערער זייט ליגט דא אויך דער יסוד פון אלע יענע אפפער פון ניט־אנערקענונג וועלכע זיינען אונז אלעמען באקאנט — די גאנצע ארמיי פון קאליקעס און בעלי־קנאה, די גרויסע מחנה פון נאראנים אוים

אונבאַפרידיגטען שטאָלץ, פּונקט אַזוי אונערטרעגליך ווי די וואָס שווימען אין זאַטען שטאָלץ.

אָבער ווער קען, טראָץ די אַלע קאַריקאַטורען, באַטראַכטען אָהן טיפען געפיהל יענע שאַרען אידעלע גייסטער, וועלכע האָבען געלעבט אָן אַ זייט פון דער וועלט און האָבען קיינמאָל ניט געגלענצט, ליבענדע הערצער וועלכע זיינען קיינמאָל צוריק ניט געליבט געוואָרען, יענע ערוועהלטע, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט באַזוכט געוואָרען פון די געטינס פון גליקליכקייט, גליק און רוהם; אָבערמאַן וועט אַלס שריפשטעלער געהערען קוים צו אַן אַנדער קלאַס ווי סעינאַנקור, צו יענע נעמליך פאַר וועלכע דאָס געהיימניס פון ערפאָלג איז אַ מין כשוף. זיינע בריף אַנטהאַלטען אַן אַלזייטיגע שילדערונג פון זיין זעלען-לעבען און זיין זעלען-געשיכטע. די לעצטע איז אין דיזע ווערטער אַריינגעפּרעסט:

„אַך, ווי גרויס איז דער מענש אַזוי לאַנג ווי ער איז אונערפאַרען, ווי רייך און פרוכטבאַר וואָלט ער געווען ווען דער קאַלטער בליק פון זיינע חברים און דער טרוקענער ווינד פון דער אונגערעכטיגקייט וואָלט אונזער האַרץ ניט אויפגעקאַרטשעט! איך האָב באַדאַרפט גליק, בין איך געבאָרען געוואָרען צו ליידען. ווער קען ניט יענע דונקעלע טעג אין דער קאַלטסטער צייט פון יאָר ווען אַפילו דער פרימאָרגען ברענגט נאָר געדיכטע נעבעל און דאָס ליכט הויבט זיך אָן צו פאַברייטען נאָר דורך אַ פּאָר דונקעלע שטרייפען פון ברענענדער פאַרב אויף דעם צוזאַמענגעוויקעלטען וואָלקען? דערמאָנט אייך יענע נעבעל-שלייער, יענע בייזע ווינדען, יענעם בלייכען שימער, דאָס פייפען אין די ביימער וועלכע בויגען זיך ציטערענד, יענעם שניידיגען געהייל וואָס איז ענליך צו פורכטבאַרע קלאַגען; דאָס איז געווען מיין לעבענס-פרימאָרגען. צו מיטאָג צייט נאָך קעלטערע, באַשטענדיגערע שטורמען, געגען אָווענד געדיכטערע פינסטערניש און דעם מענשען'ס טאָג איז צו ענדע."

פאַר אַזאַ מעלאַנכאָלישער נאַטור איז דאָס גאַנצע איינגעאָרדענטע לעבען אונערטרעגליך. דעם שווערסטען און פּייניגליכסטען מאָמענט, ווען דער יונגער מענש מוז זיך אויסקלייבען זיין לעבענס-באַרוף, קען ער ניט בייקומען. דען אויסקלייבען זיך

אַ שטעלונג אין לעבען הייסט אַבזאָגען זיך פון דער אונענדליכער פרייהייט, פון דער גאַנצער מענשהייט און זיך איינשפּאַרען אין אַ שטאַל אַזוי ווי אַ חיה. דער שטעמפּעל פון אַ שטאַנד איז אַ באַשרענקונג, אַן ענדליכקייט, אַ לעכערליכקייט. אַ טייל פון זייער שעהנקייט און פון דער פּאָעזיע פון זייער געשלעכט האָבען די פרויען צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט וואָס זיי זיינען פריי פון יעדען שטעמפּעל פון אַ פּראָפעסיאָן. ווי אַזוי אַלזאָ קען אַזאַ נאַטור ווי אָבערמאַנ'ס זיך אויסקלייבען אַ פּראָפעסיאָן? גלייכצייטיג צו טיף און צו שוואַך פאַר דער ווירקליכקייט, האָסט ער קיין זאַך ניט אַזוי שטאַרק ווי די אָבהענגיגקייט. „אַזוי פיעל איז זיכער, זאָגט ער, איך וועל זיך ניט שלעפּען אין דער הויך פון איין שטאַפּעל צום אַנדערען איינצונעהמען זיך אַ פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט, האָבען עלטסטע און זיין געצוואונגען זיי אַרויסצעווייזען רעספּעקט פאַר דער פּריווילעגיע צו האָבען אונטערגעוואָרפענע, וועלכע איך מעג פאַראַכטען. קיין זאַך איז ניט אַזוי נאַריש ווי דיזער שטופּען־לייטער פון גרינגשעצונג וועלכער שטרעקט זיך דורך דער גאַנצער געזעלשאַפט, פון דעם פירסט, וועלכער זאָגט אַז ער איז נאָר צו גאָט אונטערוואָרפען, ביז צום אָרימסטען שמאַטע־קלייבער וועלכער מוז אונטערוואָרפען זיין צום יעניגען וואָס פאַר־דינגט אים אַ שטרויענעם מאַטראַץ אויף איבער נאַכט.” ער וויל זיך ניט קויפען דאָס רעכט צו באַפעלען פאַר דער פליכט צו געהאָרכען. די קווינט־עסענץ פון גאָר דעם ליידען אויף דער ערד איז פאַר אים סימבאָליזירט אין דעם זייגער. צו דאַרפען צורייסען זיינע שטימונגען לויט דעם שלאָגען פון דעם זייגער, ווי עס מוז דער אַרבייטער, דער געשעפטסמאַן, דער בעאַמטער, הייסט צו באַרויבען זיך פון דעם איינציגען גוט וואָס דאָס לעבען פאַרמאָגט: די אונאַבהענגיגקייט, די פרייהייט. ער פיהלט זיך פרעמד צווישען זיינע מיטמענשען, זיי פיהלען ניט ווי ער און ער גלויבט ניט ווי זיי. זיי זעהען אים אוים צו זיין שטאַרק אָנ־געשטעקט פון אָבערגלויבען, פאָראורטיילען, צביעות און סאָציאַ־לער פאַלשקייט אַז ער שוידערט אַריינצוטרעטען מיט זיי אין גע־זעלשאַפטליכע באַציהונגען. דאָס 18טע יאָרהונדערט האָט ניט געבראַכט צו רעליגיעזיטעט, אָבער עס האָט זיך אין פראַנקרייך

ניט באַפרייט פֿון אַ געטליכער רעליגיעזיטעט אין פֿאַרבינדונג מיט דעם גלויבען אין אַ לעבען נאָכ׳ן טויט. סעינאַנקור טיילט ניט דיזען גלויבען, ער איז אַ גאַנץ אַנדער גייסט; מען געפֿינט שוין ביי אים די וויסענשאַפֿטליכע וועלט־אַנשויאונג פֿון דעם 19טען יאָרהונדערט. ער איז אַ וואַרימער איבערצייגטער הומאַ־ניסט און גלויבט פּונקט אזוי ווייניג אין אַ שפּעטערער בעסערער עקזיסטענץ ווי אין אַ פּערזענליכען גאָט.

דאָס רעליגיעזע פּראָבלעם ווערט אין זיינע בריף באַטראַכט פֿון פֿאַרשיידענע זייטען. מען געפֿינט שוין דאָ דאָס ביטערע באַקעמפּפֿען פֿון דער טעאָריע אַז דער אַטעאיזם שפּרינגט אַרויס פֿון פֿאַרדאָרבענקייט און שלעכטע ליידענשאַפֿטען, אַ טעאָריע וועל־כע ווערט שפּעטער אין דער אויפֿוואַקסענדער ליטעראַטור פֿון דעם יאָרהונדערט וואַריאירט אויף אזוי פֿיעל פֿאַרשיידענע אופנים. ער ערקלערט שאַרף אַז מיט דעמזעלבען רעכט מיט וועלכען די אָר־טאָדאָקסען באַהויפּטען, אַז נאָר די שלעכטע ליידענשאַפֿטען שטערען צו זיין אַ קריסט, קענען די אַטעאיסטען באַהויפּטען אַז נאָר דער שלעכטער איז אַ קריסט, ווייל ער מוז אימער האַלטען פֿאַר די אויגען שרעקליכע בילדער כדי ניט צו גנב׳ענען, צו פֿעלשען אָדער מאָרדען, און ווען ער זאָל נאָר קענען גלויבען אַז עס איז קיין גיהנם ניטאָ וואָלט ער ניט געהאַלטען פֿאַר כדאי צו זיין אַן ערליכער מענש. ער פּרובט צו ערקלערען פּסיכאָלאָגיש דעם גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פֿון דעם אינדיווידואום. אונרוהיג און אומגליקליך ווי די מייסטע מענשען זיינען, האָפֿען זיי שטענדיג אַז די נעכסטע שטונדע, דער פֿאָלגענדער טאָג און ענדליך דאָס צוקונפֿטיגע לעבען וועט זיי ברענגען דאָס גליק און די זעליגקייט צו וועלכע זיי שטרעבען, אָבער, ווענדט ער איין אין זיין אייגענעם געדאַנק, דיזער גלויבען איז דאָך פֿאָרט אַ טרייסט פֿאַר׳ן מענשען, און ער ענטפֿערט דאַרויף, אויב דאָס איז יאָ אַ טרויסט פֿאַר׳ן אומגליקליכען דאַן איז פֿאַר מיר נאָך איין אורזאַכע מער וואָרום דיזע וואַרהייט זאָל באַטראַכט ווערען מיט׳ן גרעסטען פֿאַרדאַכט. די מענשען גלויבען אזוי גערן דאָס וואָס זיי ווינשען. ווען אַ סאָפֿיסט פֿון אַלטערטום זאָל געוועזן איינבילדען אַ מענשען אַז ווען ער וועט צעהן טעג אָבהיטען זיין

לערע וועט ער ווערען אונפארוואונדבאר, און דאס גלייכען, וואלט דיזער געדאנק אויך געווים געשמייכעלט דער איינבילדונגסקראפט פון דעם באטרעפענדען, אבער ער וואלט דערפאר ניט געווארען אמת׳ער. מען טענה׳ט: אבער וואו בלייבט די באוועגונג, דער גייסט, די זעלע, וועלכע קענען דאך ניט צופוילט ווערען? און ער ענטפערט: ווען דיין פייער אין דיין קאמין געהט אויס פארלאזט אים זיין ליכט, זיין ווארימקייט, זיין באוועגונג און געהט איבער אין אן אנדער וועלט, וואו ער וועט אייביג באלוינט זיין אויב ער האט דיינע פיס אנגעווארימט, און אייביג באשטראפט אויב ער האט דיינע פאנטאפעל פארברענט.

שליסליך קומט ער צו דער טענה, וועלכע ווערט שפעטער אויך אזוי אפט באהאנדעלט, אז דער וועלכער גלויבט ניט אין די דאגמען פון דער רעליגיאן מוז שווייגען כדי ניט אוועקצורויבען ביים אנדערן זיין אנהאלט אין לעבען. מיט היץ און ליידענשאפט ענטפערט ער דערויף אז וואס אנבאלאנגט די געבילדעטע קלאסען פון די שטעדט געפינט זיך דא מער קיינער ניט וואס גלויבט אין דאגמען — עס איז צו באמערקען אז ער האט דאס געשריבען אין 1801 ביז 1802 — און וואס אנבאלאנגט די נידריגע קלאסען שטעלט ער די זאך אזוי: אנגענומען אפילו אז די גרויסע מאסע וועט און דארף קיינמאל פון אירע טעות׳ן ניט ארויסגעצויגען ווערען, דאן מוז צוערשט ענשידען ווערען אויב די אויסזיכט אויף געזעלשאפטליכער ניצליכקייט גיט דאס רעכט צו נארען, און אויב עס איז א פארברעכען צו זאגען די ווארהייט ווען אפילו עס קען ווירקליך ארויסקומען א רעה דערפון וואס די ווארהייט ווערט געזאגט. אבער עס ציינגט זיך יעצט גראד פארקערט, אז דאס פאלק הויבט אן איבעראל צו וועלען לערנען די ווירקליכקייט און אז דער גלויבען איז איבעראל אונטערגעגראבען. עס האנדעלט זיך אלזא אום דעם וואס אם שנעלסטען צו באווייזען די מענשען ווי די פליכט צו טאן רעכט איז אונאבהענגיג פון דעם גלויבען אין א צוקונפטיגען לעבען, און צו צייגען זיי אז די מאראלישע געזעצען זיינען איבערהויפט נאטירליכע און ניט קיין איבערנאטירליכע געזעצען, און זיי בלייבען אונבארירט אפילו ווען די רעליגיאן ברעכט צוזאמען.

ער ווייזט ווייטער אָן אין אַ סך שטעלען די שלעכטע רעזול־טאַטען פון דיזער סיסטעם פון שוויינען אין רעליגיעזע אַנגעלעגנ־הייטען. דאָס דאָזיגע שווייגען, זאָגט ער, איז שולדיג אין דעם וואָס די ערציהונג פון דער פרוי נעהט אויפ׳ן אַלטען שטייגער, און די פרוי ווערט געהאַלטען אין אונוויסענהייט, און דאָס מאַכט זי פאַר דעם פיינד פון יעדען פּראָגרעס און גיט זי אַזוי אַפּט איבער, פיזיש און מאָראַליש, אין דער מאַכט פון דעם בייך־פאָ־טער. אַ פאַרגלייך צווישען דער ליבע אַלס גליק־געבענדע קראַפט מיט דער ראָלע וואָס זי שפּילט אין דער הייראַט ברענגט איהם אויסצודריקען מאַנכע זעהר ווייטגעהענדע געדאַנקען געגען דער הערשענדער עפענטליכער מיינונג בנוגע די באַציהונגען צווישען די געשלעכטער און געגען דער ריכטעס־שנור לויט וועלכער די אויפפירונג פון אַ פרוי אין דער ציוויליזירטע געזעלשאַפט ווערט געלויבט אָדער געטאַדעלט.

אין דיזע פּונקטען איז אָבערמאַן גאַנץ מאָדערן. ער פאָלגט נאָך אין גראַדער ליניע דעם געדאַנקען־גאַנג וואָס דאָס פאָריגע יאָרהונדערט האָט גענעבען. דאַנעגען, אין זיין געפיהלס־לעבען שטעהט ער ווייט פון דער מאָדערנער גייסטינער ריכטונג, אָבוואָל אפילו דאָ זאָגט ער שוין אָן מאַנכעס נייעס און קומענדעס; אין זיין געפיהלס־לעבען איז ער גאַנץ ר אָ מ אַ נ ט י ש. ער באַשעפטיגט זיך זאָגאַר מיט דעם באַגריף פון ראָמאַנטיזמוס. אַ טייל פון דעם בוך טראָגט די באַדייטונגספולע איבערשריפט: „איבער דעם ראָמאַנטישען אויסדרוק און די קוהרייגען (אַן אַל־פּישע מעלאָדיע אויף אַ האָרן) פון די שווייצער.” ער פאַסט אויף דיזען באַגריף אונגעפער ווי די דייטשע ראָמאַנטיקער פון יענער צייט, אָבוואָל ער איז ווייט פון אויפצושטעלען, ווי זיי, זיינע אַנשויאונגען אין אַ סיסטעם. דאָס ראָמאַנטישע איז פאַר איהם „דאָס איינציגע וואָס שטימט מיט די טיפע נשמות, מיט דער אמת׳ער עמפּפינדליכקייט.” אין אַלע לאַנד־שטרעקען, וואָס זיינען אונבאַרירט פון קולטור, ווי די שווייץ, איז די נאַטור פול מיט ראָמאַנטיק; אָבער די ראָמאַנטיק ווערט איבעראַל פאַרטריבען וואו מען דערשפּירט דעם מענשענ׳ס האַנד. די ראָמאַנטישע וויר־קונגען זיינען ווי אויסנעריסענע ווערטער פון דער אורשפּרונג־

ליכער שפּראַך פון דעם מענשען, וואָס קיינער געדענקט זיי מער ניט, א. ז. וו. די נאַטור איז ראָמאַנטישער אין אירע קלאַנגען און טענער ווי אין אירע בילדער; דאָס ראָמאַנטישע ווענדט זיך מער אָן דעם אויער ווי אָן דעם אויג. די שטימע פון דער געליב־טער פרוי ווירקט ראָמאַנטישער ווי איר געזיכט, די מעלאָדיען פון דעם אַלפּען־האָרן גיבען אַ קרעפטיגערען איינדרוק פון דער ראָ־מאַנטיק פון די אַלפּען ווי וועלכער עס איז געמעל; וואָרום מען באַוואונדערט וואָס מען זעהט, אָבער מען פיהלט וואָס מען הערט.

עס איז אינטערעסאַנט צו באָאָבאַכטען ווי סעינאַנקור טרעפט זיך ניט־ווילענדיג צוזאַמען מיט די דייטשע ראָמאַנטיקער, וועל־כע ער האָט קיינמאָל ניט געלעזען. אויך זיי שעצען שטענדיג די מוזיק אַלס די קונסט פון אַלע קונסטען. ערגעץ רופט סעינאַנ־קור זאָגאַר אויס, אַז ער האָט פּונקט אַזוי ליב די לידער, וועמעס טעקסט ער פאַרשטעהט ניט, ווי די אין וועלכע ער קען אי די ווערטער אי די מעלאָדיע נאָכפּאָלגען. ער זאָגט עס בנוגע די דייטשע לידער, וועלכע ער האָט געהערט אין דער שווייץ און גיט נאָך צו: „אויסערדעם האָט די דייטשע באַטאָנונג עטוואָס ראָ־מאַנטישערעס.” עס איז איבעראַשענד, אַז אפילו דיזער שטריך: אויפצופאַסען די שפּראַך אויסשליסליך אַלס קלאַנגען־מוזיק, אַ שטריך וועלכער איז ביי די דייטשע ראָמאַנטיקער אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטען, איז שוין אָנגעדייט ביי סעינאַנקור. אָבער ער באַזיצט פונדעסטוועגען אַ צו פאַרפיינערטע עמפּפינדליכקייט אום צו בלייבען שטעהן ביי דער מוזיק אַלס דעם בעסטען פאַרמיטלער צווישען דעם איינצעלנעם מענשען און דער נאַטור. אין צוויי פאַרשיידענע שטעלען אין זיין בוך ערקלערט ער, אַז אַ רייהע פאַרשיידענאַרטיגע געשמאַקע ריחות אַנטהאַלטען פּונקט אַזאַ ריי־כע מעלאָדיע ווי אירגענד וועלכע רייהע טענער, און קענען, ווי די מוזיק, אַרויסרופען בילדער פון אויסערגעוויינליכע געגענדען און געגענשטאַנדען. מען מוז זיכער אין דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיק געהן אַזש ביז באָדלעיר איידער מען געפינט אַזאַ פאַרפיינערטען חוש הריח. בשעת ביי באָדלעיר איז דיזע פאַרפיינערונג אַ סימפּ־טאָם פון אַ פאַרפיינערטער עמפּפינדליכקייט איז זי ביי סעינאַנ־קור נאָר דער סימפּטאָם פון דעם ריין ראָמאַנטישען סוביעקטיוויזם.

זי איז איין עלעמענט אין דער געפיהלס־טרויםמעריי; וואָרום דורך דעם חוש־הריח און דעם חוש־השמיעה מיינט סעינאַנקור אז מען קען אויפכאַפּען די פאַרבאָרגענע האַרמאָניען פון דער עקזיסטענץ; זי באַצייכענט ווייטער דעם שרעק פאַר דער ווירקליכקייט און אַן ענטשפּרעכענדע פאַרטיפונג אין זיך זעלבסט; וואָרום דורך טע־נער און ריחות פאַרנעהמט מען נאָר די אויסגעוועבטע עסענץ פון דער ווירקליכקייט.

אין זיין שרעק פאַר דער ווירקליכקייט קען אָבערמאַן ניט לעבען געגוג איינזאַם. ער וואוינט אַליין, ער מיידט אויס די שטאָדט אַזוי גוט ווי דעם דאָרף. עס לעבט אין אים דאָס וואונ־דערליכע געמיש פון אַלגעמיינער מענשענליבע און פאַלשטענדיגער גלייכגילטיגקייט צו אַלע ווירקליכע לעבענס־פאַרהעלטנישען. ער איז אַזוי עמפּפינדליך אַז, ליבענדיג טיי מער פון יעדען אַנדער געטראַנק, מאַכט ער זיך פאָרווירפע פאַר זיין נייגונג צו טיי־טרינ־קען אַלס אַ מיטעל אויפצואוועקען שטימונגען. ער באַגרייפט אַז דער טיי באַרוהיגט זיין שלעכטע שטימונג אָבער ער פאַראַכטעט יעדען אויסערליכען רייץ־מיטעל. ער ווייס אַליין אַז ער איז אין דיזען פּונקט זעהר ווענין פראַנצויזיש: „וואָרום — זאָגט ער זעהר טרעפליך — ווען די פראַנצויזען זאָלען באַזיצען נעאַפּעל, וואָלטען זיי אויסגעבויט אַ בעלער־זאַל אין דעם קראַטער פון וועזוּאוויוס. ער לעבט פאָלקאָמען נאָר ווען ער איז איינער אַליין אין נעבעל־פאַרהילטע וועלדער, וואו עס דערמאָנט זיך אים אָן דעם דעמאָלט אונפאַרמיידליכען אָססיאַן, אָדער אין דער טונקעלקייט פון דער נאַכט, ביי אַ שטילען אָזערע אין דער שווייץ. ער פיהלט, ווי זיין צייט־גענאָססע נאָוואַליס, אַז די טונקעלקייט, פאַרבאָרגענדיג די זיכטבאַרע נאַטור פאַר דעם מענשען, צווינגט אים זיך צו פאַרטיפען אין זיך אַליין.

ער דערצעהלט פון אַ נאַכט, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אַליין אין דער נאַטור. „אין דיזער איין נאַכט, זאָגט ער, האָב איך דורכגעפיהלט און דורכגעלעבט אַלץ וואָס אַ שטערבליך האַרץ קען אַנטהאַלטען פון טיפען בענקען און טיפען טרויער. איך האָב אין דיזער נאַכט פאַרצערט צעהן יאָר פון מיין לעבען.” דאָך נאָך טיפער ווי אין טונקעל דערקענט ער זיך אַליין אין די אייז־

געגענדען פון די אַלפּען, וואו דאָס לעבען אַרום אים איז ניט נאָר, ווי ביי נאַכט, פאַרשלייערט, נאָר אויך פאַרגליווערט און שיינט איינגאַנצען שטיל צו שטעהן.

איינגאַנצען ער אַליין איז ער נאָר ווען ער פאַרלאָזט דעם שוויי־צאַרישען טאָל אין וועלכען ער וואוינט און שטייגט אַרויף אַליין, אָהן פירער, אויף די העכסטע בערג, צו די „שפּיצען“, און פאַר־געסט מענשען און צייט.

ווילען מיר אים זעהן אין דיזער אומגעבונג?

„דער טאָג איז געווען הייס, דער האָריזאָנט נעבעלדיג און די טאָלען פול מיט פאַרע. דאָס פינקלען פון די גלעטשער האָט אָנגעפילט די נידריגערע אַטמאָספערע מיט לייכטענדען אָבשיין, אָבער עפּיס אַן אומבאַקאַנטע ריינקייט האָט געשיינט צו זיין אין דער לופט, וועלכע איך האָב איינגעאָטעמט. אין דיזער הויכ־קייט האָט קיין פאַרע פון די נידריגערע ערטער, קיין פונק ליכט ניט געשטערט אָדער אונטערבראָכען די אונענדליכע און טונ־קעלע טיפקייט פון דעם הימעל. די פאַרב פון דעם הימעל איז ניט געווען מער דאָס בלאַסע און העלע בלוי, דער זאַנפטער גע־וועלב וועלכער זעהט זיך פון טאָל, ניין, דער עטהער האָט ער־לויבט דעם בליק זיך צו פאַרלירען אין אַן אונענדליכקייט אָהן א גרעניץ און איינמיטען דעם גלאַנץ פון דער זון און די גלעטשער צו זוכען אַנדערע וועלטען און אַנדערע זונען אַזוי ווי ביינאַכט. אונבאַמערקט האָבען די פאַרעס פון די גלעטשער אויפגעשטיגען און האָבען געבילדעט וואָלקען צו מיינע פיס. דער גלאַנץ פון דעם שניי האָט מער ניט געבלענדט מיינע אויגען און דער הי־מעל איז געוואָרען טונקעלער און טיפער. די שניי־קופּע פון מאָנטבלאַן האָט דערהויבען איר אונבאַוועגליכע מאַסע איבער דיזען גרויסען און שטעהענדיגען ים, איבער דיזע צונויפגעקנויל־טע נעבעלען, אין וועלכע דער ווינד פלעגט זיך איינרייסען און אויפהויבען אין פאָרמלאָזע וועלען. א שוואַרצע פינטעל האָט זיך באַוויזען אין דיזען תהום; זי האָט זיך שנעל געהויבען און איז געגאַנגען גראָדע אויף מיר. דאָס איז געווען דער מעכ־טיגער אָדלער פון די אַלפּען. זיינע גוואַלדיגע פליגעל זיינען גע־ווען פייכט און זיינע אויגען ווילד; ער האָט געזוכט רויב, אָבער

ביים אָנבליק פון א מענשען איז ער אַנטלאָפען מיט אַן אונ־היימליכען געשריי און האָט זיך א וואָרף געטאָן אין די וואָלקען. דיזער געשריי האָט זיך ווידערהאָלט צוואַנציג מאָל, אָבער מיט א טרוקענעם קלאַנג, אָהן א ווידער־קול, פונקט אזוי ווי א גאַנצע רייה באַזונדערע געשרייען אין דער אַלגעמיינער שטילקייט. דערנאָך איז אַלץ צוריק פאַרזונקען אין אבסאָלוטען שווייגען, אזוי ווי דער קלאַנג זעלבסט וואָלט אויפגעהערט צו עקזיסטירען און אזוי ווי די אייגענשאַפט פון די קערפּער ארויסצוגעבען טענער און קלאַנגען וואָלט פון דעם אוניווערזום פאַרטיליגט גע־וואָרען. מען קען קיינמאָל די שטילקייט ניט קענען אין די ליאַרמדיגע טאָלען; בלויז אויף די קאַלטע הויכען הערשט די רעגונגסלאָזיגקייט, יענעם דויערענדע פייערליכע שווייגען וואָס קיין צונג פאַרמאָגט ניט אויסצודריקען און קיין פאַנטאַזיע — זיך פאָרצושטעלען. אָהן די עראינערונגען וואָס דער מענש ברענגט־מיט פון די טאָלען וואָלט ער דאָ אויבען ניט געקענט גלויבען אַז ערגיץ ארום אים אין דער נאַטור איז פאַראַן באַוועג־גונג; אפילו די באַוועגונג פון די וואָלקען דוכט זיך אים צו זיין אונערקלערליך; אפילו די פאַרענדערונגען פון די פאַרבען זעהען אים אויס אין מיטען דער פאַרענדערונג זעלבסט ווי שטעהענדיג. אזוי ווי יעדער געגענווערטיגער מאָמענט שיידט זיך מיט גאַרניט אָב פון דעם פאָריגען, האָט ער נאָר די זיכער־קייט, אָבער דורכאויס ניט דאָס געפיהל, אז אַלע זאַכען פאָלגען איינע די אַנדערע. אַלץ זעהט אים אויס אויף אייביג פאַרגלי־ווערט. איך וואָלט געוואָלט אויפבאַוואָרען אין מיין זכרון זי־בערערע שפּורען פון מיינע געפיהלען אין יענע שטומע ספערען; אָבער אין אַזעלכע ענערגישע מאָמענטען איז מען ניט אומשטאַנד זיך צו באַשעפטיגען מיט דער צוקונפט אָדער מיט אַנדערע מענ־שען און אויפצוצייכענען נאָטיצען פאַר דער און פאַר יענע. מען דענקט ניט וועגען דער עהרע וואָס מען וועט זיך איינשאַפען פאַר די געדאַנקען, און אפילו ניט וועגען דעם אַלגעמיינעם וואויל־זיין. מען איז נאַטירליכער, מען דענקט ניט וועגען אויסנוצען דעם געגענווערטיגען אויגענבליק, מען באַפעלט ניט די אידעען, מען פאַרלאַנגט ניט פון דעם גייסט ער זאָל זיך פאַרטיפען, פאַר־

בארגנגע זאכען אנפלעקען, ער זאל זאגען עטוואס וואס איז נאך ביז אהער ניט געזאגט געווארען. דער געדאנק איז ניט מער אק־טיוו און געבונדען אן רעגעלען, נאר פאסיוו און פריי. מען טרוימט, מען גיט זיך אב, מען איז טיף אהן א שארפזין, גרוים אהן באגייסטערונג, ענערגיש אהן ווילען."

אזוי זיצט ער, דיזער תלמיד פון זשאן זשאק, דיזער „ענער־גישער אהן ווילען", (ווארום דאס ווארט פאסט אויף אבערמאן), איינזאם אין זשאן זשאק'ס נאטור. „רענעי" האט דעם קרייז פון נאטור־איינדריקען ברייטער געמאכט. אנשטאט אן אזערע צווי־שען די שווייצארישע בערג, איינגע וועלדלעך און בוקעטען פון וואלד־בלומען מיט וועלכע מיר האבען אנגעהויבען אין דער „נייער העלאיז" האבען „רענעי" און „אטאלא" אונז געגעבען די אונגעהויערע אור־וועלדער, דעם ריזען־טייך מיסיסיפי און זיינע צווייגען, די טראפישע נאטור אין איר גאנצער לויכטענדער און העלער פארבען־שפראך, איר גאנצער בלענדענדער און דופטענדער רייכקייט. דיזע נאטור שטימט צו א געשטאלט ווי רענעי. אין דיזער נאטור האט שאטאבריאן געוואנדערט אלס עמיגראנט און איר אבדרוק האט ער גענומען מיט זיך. אין דער מדבר־שטילקייט פון דער בערג־נאטור איז אבערמאן אין זיין פלאץ. אויסער־האלב דאס לעבען, דא וואו דאס לעבען הערט אויף, פיהלט ער זיך היימיש. נאר קען ער דאס לעבען פארטראגען? אדער וועט עס אים דערגעהן ווי ווערטהער'ן, און ער וועט עס איין שעהנעם טאג אוועקווארפען?

ער טוט דאס ניט, ער זוכט זיין קראפט אין א גרויסען אנט־שלוס: איינמאל פאר אלע מאל זיך אבצוזאגען פון גענוס און גליק. „לאמיר, זאגט ער, באטראכטען פאר אונוויכטיג אלץ וואס פארשווינדט און פארגעהט, לאמיר אין דער גרויסער דראמא פון דער וועלט זוכען א בעסערע ראלע. פון אונזער קרעפטיגען אנטשליסען אליין וועט פיליכט אזא אדער אן אנדער רעזולטאט ארויסקומען." ער וויל אלזא לעבען, אבער ווען ער באשליסט ניט צו לעגען אויף זיך אליין די האנד איז עס ניט פון אונטערגע־ווארפענקייט, נאר פון נאך א העכערער טראציגקייט.

„דער מענש, זאגט ער, איז פארגענגליך, דאס קען זיין, אבער

לאָמיר געהן צו גרונד מיט ווידערשטאַנד. און אויב דאָס גרויסע נישט איז אונז באַשערט, דאַן לאָמיר ניט האַנדלען אַזוי אַז דאָס זאָל נאָך קענען ערשיינען ווי אַ גערעכטיגקייט.״

אָבער עס דויערט דאָך לאַנג איידער אָבערמאַן דערגרייכט צו דיזער רוהיגקייט. פיעל און פייערליך זיינען זיינע אַרגומענטען פאַר זעלבסטמאָרד, און מען דאַרף זיך ניט וואונדערען איבער דעם, וואָרום די זעלבסטמאָרד־עפּידעמיע אין דער ליטעראַטור שטעלט מיט זיך פאַר איינעם פון די סימפּטאָמען פון דער עמאַנציפּאַציאָן פון דער אינדיווידואַליטעט. עס איז איינע פון די פאָרמען, די נעגאַטיווסטע און ראַדיקאַלסטע, פאַר דער באַפרייאונג און דער לויזרייסונג פון דעם אינדיווידואום פון דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, אין וועלכער ער ווערט אַרויסגעשטעלט פון געבורט אָן. און ווי אַזוי האָבען יענע צייטען, אין וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט יעדען יאָר געבראַכט טויזענדע בלוט־אָפּפער אויפ׳ן מזבח פון זיין אַמביציע, געקענט דערוועקען אַכטונג פאַר דאָס מענשליכע לעבען?

„איך הער איבעראַל — זאָגט אָבערמאַן — אַז עס איז אַ פאַרברעכען זיך צו שיידען פון דעם לעבען; אָבער דיזעלבע סאָפיסטען, וועלכע פאַרוועהרען מיר דעם טויט, שטעלען מיך אַרויס צום טויט אָדער שיקען מיך צו אים. עס איז אַ כבוד זיך אָבצוזאָגען פון דעם לעבען ווען דאָס לעבען איז שעהן, עס איז רעכט און ערלויבט צו טויטען דעם וועלכער וויל לעבען; און דעמזעלבען טויט, וועלכען עס איז אַ פליכט צו זוכען ווען מען האָט מורא פאַר אים, איז אַ פאַרברעכען צו נעהמען ווען מען ווינשט אים! אונטער טויזענד אויסריידען, אַמאָל קלוגע אַמאָל לעכערליכע, שפּילט איר זיך מיט מיין עקזיסטענץ, און איך אַליין זאָל איבער זיך קיין רעכט ניט האָבען! ווען איך ליב דאָס לעבען — זאָל איך עס פאַראַכטען; ווען איך בין גליקליך שיקט איר מיך צום טויט, און ווען איך וויל שטאַרבען פאַרבאָט איר עס מיר און באַלעסטיגט מיך מיט אַ לעבען וואָס איך פאַראַכט.

„אויב איך טאָר זיך ניט באַרויבען פון לעבען, דאַן טאָר

> איך זיך ניט אויסזועצען צו אַ מעגליכען טויט, און אויב אַזוי, דאַן זיינען אַלע אייערע העלדען נאָר פאַרברעכער. דער באַפעל וואָס איהר גיט זיי רעכטפערטיגט זיי ניט. איהר האָט ניט קיין רעכט זיי צום טויט צו שיקען אויב זיי האָבען ניט געהאַט קיין רעכט צו געבען דאַרויף זייער הסכמה. אויב איך האָב ניט דאָס רעכט אויפ'ן טויט איבער מיר אַליין, דאַן ווער האָט עס דער געזעלשאַפט געגעבען? וואָס פאַר אַ משוגענעם געזעלשאַפטליכען פּרינציפּ האָט איהר ערפונדען לויט וועלכען איך האָב אָבגעטראָטען דער געזעלשאַפט פאַר מיין אייגענער אונטערדריקונג, אַ רעכט, וואָס איך האָב ניט געהאַט, אום צו אַנטלויפען פון אונטערדריקונג?"

איך האָב מיט יאָרען צוריק אין אַן אָבהאַנדלונג איבער דעם טראַגישען שיקזאַל אַריינגעלעגט ענליכע ווערטער אין מויל פון דעם זעלבסט-מערדער: „דער וואָס זיפצט אונטער דער לאַסט פון לעבען מעג זיך שטעלען געגען זיין שיקזאַל מיט אַ קלאַגע און זאָגען: וואָרום בין איך געבאָרען געוואָרען, מיט וועלכען רעכט, וואָרום בין איך ניט געפרעגט געוואָרען? ווען איך וואָלט געפרעגט געוואָרען, און ווען איך וואָלט געוואוסט וואָס עס מיינט צו לעבען וואָלט איך קיינמאָל מיין צושטימונג דערצו ניט געגעבען. מיר זיינען אַלע ווי מענשען וועלכע זיינען געגען זייער ווילען געצוואונגען געוואָרען צו זיין מאַטראָזען; אָבער דער מאַטראָז, וועלכער איז געגען זיין ווילען אַרויפגעשלעפּט געוואָרען אויפ'ן שיף האַלט זיך ניט פאַרפּליכטעט אויף אים צו בלייבען. ווען ער קען קריגען די געגעלעגנהייט וועט ער דעזערטירען. אויב מען וועט ענטפערען אַז איך האָב גענאָסען דאָס גוטע פון לעבען און דעריבער מוז איך איצט אַריבערטראָגען דאָס שלעכטע, ענטפער איך: די גיטער פון לעבען, דאָס קינדהייטס-גליק, צ. ב., וועלכע איך האָב גענאָסען און דורך דאָס אָננעהמען פון וועלכע איך זאָל האָבען אויסגעדריקט מיין צושטימונג צו לעבען, — דיזע גיטער האָב איך אָנגענומען ניט האָבענדיג די מינדסטע אהנונג אַז דאָס איז געוועזען האַנדעלט; דעריבער בינדט מיך ניט דאָס דאָזיגע האַנדעלט. איך וויל ניט צושטערען די דיסציפּלין פון דעם שיף, ערמאָרדען מיינע קאַמעראַדען אָדער דאָסגלייכען, איך וויל נאָר

דאָס איינע, אויף וואָס איך האָב רעכט — די פרייהייט, וואָרום איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרפליכטעט צו לעבען.״

עס פאַרשטעהט זיך אַז דאָ איז קיין פּלאַץ ניט זיך אריינצולאָזען אין די איינצעלהייטען פון דער פראַגע. אָבוואָל איך גלויב ניט, אַז מען קען געגען דער באַרעכטיגונג פון זעלבסטמאָרד ארויסשטעלען עטוואָס אַנדערש ווי די פליכטען צו אַנדערע מענשען, דאָך צווייפעל איך ניט אַז דיזער אַרגומענט איז פאַלשטענדיג צופרידענשטעלענד. איבריגענס לאָז איך איבער די פאַרענטפערונג פון דיזער פראַגע צו די מאָראַליסטען. איך שילדער דאָ נאָר ריין היסטאָריש און נאַטור־וויסענשאַפטליך אַ זעלען־צושטאַנד וועלכער האָט זיך געשיכטליך געצייגט און האָט אוועקגעלעגט אין דער ליטעראַטור זיינע דאָקומענטען. וואָרום „אָבערמאַן״ און „ווערטהער״ זיינען ניט די איינציגע ביכער פון יענער צייט אין וועלכע דער זעלבסטמאָרד ווערט גערעכטפערטיגט. אַטאַלאַ טויט זיך אַליין. אויך רענעי, וועלכער ווערט נאָר פון זיין שוועסטער אַמעליע אָבגעהאַלטען דערפון, שרייבט צו זיין פרוי: „סעלוטאַ, עס זיינען פאַראַן ליידען, וואָס זיינען אַזוי שווער, אַז זיי זיינען אַן אַנקלאַגע געגען דער השגחה און זיי היילען פון דער מאַניע צו וועלען לעבען.״ סעינט־בעוו באַמערקט דערצו: „מען דאַרף באַמערקען אַז דיזער אונגלויבליכער אויסדרוק: „די מאַניע צו וועלען לעבען״, ווערט געברויכט אום די ליבע אין טיפסטען האַרצען צו באַליידיגען.״ אויפ׳ן זעלבען אופן ערקלערט שפּעטער אַרטהור שאָפּענהויער אַלס העכסטע טוגענד דאָס באַזיגען פון דאָס וואָס ער רופט אָן דעם „ווילען צו לעבען״.

דער פאַרפאַסער פון „אָבערמאַן״ האָט באַשאַפען זיין טיפּ נאָך זיך זעלבסט און נאָך זיין טאַלאַנט, זיין העלד ענדיגט מיט דעם באַשלוס צו ווערען אַ שריפטשטעלער. „וועלכע אויססיכט אויף ערפאָלג האָב איך? — פרעגט ער. — ווען צו זאָגען דעם אמת און זיך באַמיהען אום אַרויסצוזאָגען אויף אַן איבערציי־גענדען אופן איז ניט גענוג, ראַן וויים איך געוויס אַז איך וועל קיין ערפאָלג ניט האָבען. געהט פאָראויס — רופט ער אויס — איר וועלכע פאַרלאַנגט דעם רוהם פון מאָמענט, די באַוואונדערונג פון דער געזעלשאַפט, געהט פאָראויס, איר אַלע, וועלכע זייט רייך

אין אידעען וואָס דויערען אַ טאָג, אין ביכער וואָס דינען אַ פּאַרטיי, אין קונסט־שטיק וואָס מאַכען עפעקט. געהט פאָראויס, איר פאַרפירערישע און פאַרפירטע מענשען, וואָרום עס קימערט מיך קיין זאַך ניט, איר לויפט שנעל פאָראיבער, און עס איז גוט וואָס איר האָט אייער צייט. איך פון מיין זייט גלויב ניט אַז עס איז נויטיג ביים לעבען אַנערקענט צו ווערען.״

סעינאַנקור האָט מיט דיזע ווערטער זיין ליטעראַרישען אני־מאמין אויסגעדריקט אין זיין אייגענעם שיקזאַל פאָראויס געזאָגט. זיין אייגענער דור האָט אים פאָלשטענדיג פאַרקוקט און ער איז אין זיין לעבענס־צייט ניט געווירדיגט געוואָרען, אָבוואָל ער איז, צו זיין אומגליק, געצוואונגען געוועזען צו לעבען איינציג און אַליין פון זיין פעדער. ווען אָבער די ראָמאַנטישע שולע אין פראַנקרייך איז אויפגעטראָטען איז ער גלייך דערהויבען געוואָרען. זיינע איינפאַכע פעלד־בלומען זיינען פון דער ראָמאַנטישער קריטיק צוזאַמען געבונדען געוואָרען אין איין בוקעט מיט די ליידען־בלומען און ראָזען פון שאַטאָבריאַן און מאַדאַם דע סטאַל. און ער האָט פאַרדינט די אויפמערקזאַמקייט וועלכע ער האָט יעצט ארויסגערופען. דען ער איז איינער פון די אָריגינעלסטע גייסטער פון דער עמיגראַנטען־ליטעראַטור, אַ נאַטור־פאַרעהרער אַלס אמת׳ער תלמיד פון רוסאָ, אַ מעלאַנכאָליקער אַלס אמת׳ער באַוואונדערער פון אָססיאַן, פול מיט לעבענס־איבערדריסיגקייט אַלס אמת׳ער צייטגענאָסע פון שאַטאָבריאַן. ער איז גאַנץ מאָדערן אין אַלע זיינע אַנשויאונגען איבער רעליגיאָן, מאָראַל, ערציהונג און דער געזעשאַפטליכער שטעלונג פון דער פרוי, ער איז דייטש־ראָמאַנטיש אין זיין סענטימענטאַליטעט, זיין אונטעטיגקייט און זיין אונבאַשרייבליכער מורא צו קומען אין באַרירונג מיט דער ווירקליכקייט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דאַרויף אָבגעברענט. ער איז ענדליך פראַנצויזיש־ראָמאַנטיש דורכ׳ן זעלבען געמיש פון פריוואָליגקייט און העכסטער געפיהלפולקייט, טרוימעריי און פאַ־פיינערטען סענסואַליזם, וועלכען מען געפינט מיט צוואַנציג יאָר שפּעטער אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור ביי סעינט־בעוו אונטער׳ן פסעוודאָנים „זשאָזעף דעלאָרם״. ער איז אין זיין גאַנצען וועזען אַ פאָרלויפער פון דער לאַנגער רייהע

גרעסערע גייסטער, וועלכע הויבען אַן, פון דעם מאָמענט פון זיין אויפטריט, זייער צוג דורכ'ן יאָרהונדערט, וועלכע ער זאָגט אַן מיט זיין שוואַכער שטימע, און פאַר וועלכע ער לעגט אויס דעם וועג.

## 7.

# נאָדיע.

אין איין צייט מיט „אָבערמאַן" איז אויפ'ן פראַנצויזישען ביכערמאַרק ערשינען אַ קליינער ראָמאַן, וואָס האָט געהאַט זיין אורשפּרונג אין אַ גייסטיגער טענדענץ וואָס איז געווען פאַרוואַנדט מיט סעינאַנקור, און וואָס זיין פאַרפאַסער איז אויך געווען אַ פאָרלויפער פון גרעסערע גייסטער ווי ער אַליין. ער האָט באַזעסען אַרייכען, בויגזאַמען טאַלאַנט, אַ נייגונג צום פאַנטאַסטישען אין דער פּאָעזיע אין אַ גראַד וואָס איז העכסט אונגעוויינליך אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, און אַ מוט נייע וועגען אויסצוטרעטען, אַזוי אַז ער איז ניט נאָר אַ פאָרלויפער נאָר אויך אַ פּיאָנער. דיזער שריפטשטעלער איז געווען שאַרל נאָדיע (Nodier) און דער נאָמען פון דעם קליינעם ביכעל „דער מאַלער פון זאַלצבורג".

שאַרל נאָדיע, וועלכער געהער צו דער עמיגראַנטען־ליטעראַטור בלויז מיט אַ פּאָר פון זיינע יוגענד־שריפטען און זאָנסט האָט ער זיין פּלאַץ אין דער ראָמאַנטישער שולע אין פראַנקרייך, איז געבאָרען געוואָרען אין בעזאַנסאָן אין 1780. זיין פאָטער איז געווען אַ באַגאַבטער און ערליכער מענש, שטרענג אַלס רעגירונגס־בעאַמטער ליבליך אין דערהיים, אַן אָפּענער אָנהענגער פון דער פילאָזאָפיע פון 18טען יאָרהונדערט, וועלכער האָט ערצויגען זיין זוהן נאָך די פּרינציפּען פון רוסאָ'ס „עמיל". שאַרל האָט פריה אַרויסגעוויזען אַן ערשטוינליכע באַגאַבטקייט צום לערנען, און פילזייטיגע אויסערגעוויינליכע פעהיגקייטען. שוין צו זיין 17טען יאָר איז ער געווען אַזאַ טיכטיגער פילאָלאָג, אַז האָט אָנגע־

שריבען „אַ לעקסיקאָן איבער די פראַנצויזישע אָנאָמאַטאָפּעאישע ווערטער", וועלכען דאָס בילדונגס־מיניסטעריום האָט אָנערקענט פאַר ווירדיג אריינגענומען צו ווערען אין די שול־ביבליאָטעקען, און צו 18 יאָר איז ער געווען אַזאַ טיכטיגער נאַטור־פאָרשער, אַז ער האָט ארויסגעבראַכט אַ ווערק איבער די פיהל־הערנער און די געהער־אָרגאַנען פון אינזעקטען. אין דער אייגענער צייט איז זיין ערשטער ראָמאַן געווען אין דרוק.

זיין קינדהייט און ערשטע יוגענד זיינען געווען זעהר שטיר־מישע. צו דרייצען יאָר האָט ער איבערגעלעבט די טעראָר־הערשאַפט און האָט געזעהן די שרעקען פון דער נאָהנט, דען זיין פאָטער איז געווען פרעזידענט פון דעם רעוואָלוציאָנערען גע־ריכט אין בעזאַנסאָן. אין 1793 האָט דער קליינער, הייס־פיהלענדער און ענערגישער אינגעל גערעטעט אַ פרויען־לעבען. אַ דאַמע אין דער שטאָדט איז פאַרקלאָגט געוואָרען אין שיקען געלט־שטיצע צו אַ קרוב, אַן עמיגראַנט ביי דער רהיין־ארמיי. איר שולד איז געווען קלאָר, די ווערטער פון געזעץ גאַנץ דייטליך, קיין רעטונג האָט זיך ניט געזעהן. אָבער ווען אַ פריינד פון דער פאַמיליע און דער דאַמע האָט די אָנגעלעגענהייט ערקלערט צו שאַרל נאָדיע און דיזער האָט אומזיסט געבעטען ביי זיין פאָטער פאַר'ן לעבען פון דער אַנגעקלאָגטער, איז ער געפאַלען אויפ'ן פלאַן צו שרעקען זיין פאָטער אז ער וועט זיך אַליין טויטען אויב דער טויט־אורטייל אויף דער דאַמע וועט אויסגעפירט ווערען. ער האָט אין זיין סטראַשונעק אַזוי פיל ערנסט אריינגעלעגט און ארויסגעוויזען אַזאַ פעסטען אַנטשלוס, אַז דער פאָטער האָט אין דעם אַנטשיידענדען מאָמענט נאָכגעגעבען. פאַר מורא צו פאַר־לירען זיין זוהן האָט ער דערשטיקט זיין רוימישע טוגענד און האָט די שולדיגע פריי̆געשפּראָכען.

אין זעלבען יאָר איז ער אוועקגעשיקט געוואָרען קיין שטראַס־בורג, וואָרום דער אונטעררינכט אין בעזאַנסאָן איז ניט מער גענוג געווען פאַר אים, און דער צופאַל האָט געוואָלט ער זאָל אריינגע־בראַכט ווערען אין דעם הויז פון דעם טרויעריג־בארימטען יולאָזשיוס שניידער, דער תליון־רעגענט פון אַלזאַס, וועלכער האָט באַלד דערויף געענדיגט זיין לעבען אויפ'ן עשאַפאָט אין פאַריז.

די סצענען וועלכע ער האָט איבערגעלעבט אין שטראסבורג זיינען געווען אזוי ווי געשאפען אום צו באפרוכטען די איינבילדונגס־קראפט פון דעם צוקונפטיגען ראָמאַן־שרייבער. אלס יונגער אינ־געל איז ער דאן באלד אין פאריז געוואָרען א צושויער פון דער לייכטזיניגקייט און פארגעניגענס־געיעג וואס האָט געהערשט אונטער דעם דירעקטאָריום און ווען ער האָט אין 1798 זיך אומגע־קערט קיין בעזאנסאן האָט ער זיך שטארק אינטערעסירט מיט די פּאָליטישע געפאנגענע און פארדעכטיגטע אין דער שטאָדט. ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרען אלס געפערליך פאר דער געזעלשאפט; איין נאכט איז זיין טיר אויפגעבראָכען און זיינע פּאפּירען אונ־טערזוכט געוואָרען; מען האָט בלויז געפונען זיינע ארבייטען איבער די וואָרצלען פון ווערטער און די פיהל־הערנערדיגע פלי־געלעך. אָבער דאס רייצענדע אין דער סיטואציאָן האָט אויפגע־וועקט זיין פּאָעטישע ליבע צו אוואנטורען; עס איז אים געפעלען ארייגצוטרעטען אין קריג מיט די מאכט־באזיצער, זיך שטעלען אין געפאהרען, צו פיהלען זיך פארפאָלגט. ער האָט ניט געהאָט און האָט אויך שפּעטער ניט ערוואָרבען קיין פּאָליטישע איבער־צייגונגען, אָבער ער האָט געקעמפפט פאר דער פרייהייט, און אונ־טער אלע זיך וועקסלענדע רעגירונגען אין פראנקרייך האָט ער שטענדיג געהערט צו דער אָפּאָזיציאָן, איז געווען רעליגיעז אונ־טער דער רעפּובליק, פרייזיניג אונטער דער אימפעריע, א. א. וו. דער דעספּאָטיזם פון דעם ערשטען קאָנסול האָט אים אזוי אויפ־געבראכט אז אין עלטער פון צוואנציג יאָר האָט ער ארויסגעלאָזט געגען אים זיין אָדע „לא נאפּאָלעאָן". אזוי ווי אין דעם געיעג צו אנטדעקען דעם פארפאסער זיינען ארעסטירט געוואָרען א מאסע אונשולדיגע פּערזאָנען, דארונטער אויך דער דרוקער, האָט נאָדיע זיך אליין ארויסגעגעבען אלס דער פארפאסער און האָט פארבראכט עטליכע מאָנאטען אין געפענגניס אין פאריז און שפּע־טער איז ער ארויסגעשיקט געוואָרען אין זיין געבורטס־שטאָדט, וואו ער איז געשטאנען אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי.

פון דיזען אויגענבליק האָט זיך פאר נאָדיע אָנגעפאנגען א לאנגע רייהע פון פארפאָלגונגען און אונטערדריקונגען מצד דער רעגירונג, וועלכע זיינען דעם יונגען פּאָעט אָפּט געווים העכסט

פיינדליך געווען, אָבער וועלכע זיינען אויך געווים פון זיין לע־בעדיגער און אימער טעטיגער פאַנטאַזיע איבערטריבען געוואָ־רען. זיכער איז עס יעדענפאַל, אַז אום פון די פאַרפאָלגונגען צו אַנטלויפען פלעגט ער פליהען פון איין באַהעלטניש אין די יוראַ־בערג אין דער אַנדערער, האָט געלעבט און געשריבען אין אונבאַ־זוכטע און איינזאַמע דערפער און איז קיינמאָל ניט געבליבען אויף איין אָרט לאַנג גענוג אום דאָס אָנגעהויבענע מאַנוסקריפט צו ענדיגען. אַזוי האָט ער, אין זעהר יונגען עלטער, אויסער די איינדריקע פון דער עפּאָכע וואָס ער האָט שוין פריהער ערהאַל־טען, קענען געלערנט פאַלשטענדיג די געפיהלען און שטימונגען פון די פאַרטריבענע און עמיגראַנטען. און דיזע געפיהלען און שטימונגען בילדען דעם הינטערגרונד פון זיין ערשטען דיכטע־רישען פאַרזוך. „דער מאַלער פון זאַלצבורג" איז געשריבען גע־וואָרען אין די בערג אין שטענדיגען בייטען פון פּלאַץ.

„דער מאַלער פון זאַלצבערג, טאַגעבוך פון די געפיהלען פון אַ ליידענדען הארצען, מיט אַ ביילאַגע פון מאָנאַסטיר גערדאַנקען" — אָט דאָס איז דער טיטעל פון דער ערשטער אויסגאַבע, פּאַריז 1803. די מאָנאַסטיר־געדאַנקען, וועלכע זיינען דאָ דער צוגאָב צום ראָמאַן, האָבען אַ געוויסען אינטערעס אַלס אויסדרוק פון דער שטימונג וואָס האָט דעמאָלט געהערשט ביים יונגען דור. זיי האָבען דעם זעלבען צוועק ווי ביי רענעי — צו זאָגען אַ קרעפטיג וואָרט פאַר דער ווידער־איינפירונג פון די מאָנאַסטירען. דאָס גאַנצע איז אַ מאָנאָלאָג, געהאַלטען פון איינעם וואָס איז נאָך זיין מיינונג העכסט אונגליקליך, און ער קלאָגט דארויף וואָס עס איז ניטאָ קיין מאָנאַסטיר וואו ער וואָלט געקענט געפינען אַנטרינונג; אין יאָמערנדע ווערטער וויל ער, ווי עס שיינט, רעכטפערטיגען זיין אַריינטריט אין דעם טראַפּיסטען־אָרדען.*)

„איך, נאָך אַזוי יונג און שוין אומגליקליך: אַ דאַנק מיי־

*) טראַפּיסטען — אַן אַסקעטישער מאָנאַכען־אָרדען וועלכער האָט זיך געגרינדעט אין פראַנקרייך און זיך פאַרשפּרייט אין אַנדערע לענ־דער. די טראַפּיסטען פלעגען געהן אָהן העמדער, פלעגען זיך ערנערען בלויז מיט רייז און קאַרטאָפעל און פלעגען שטענדיג אָבהיטען דעם נדר פון שווייגען.

גע פריהע ערפארונגען האב איך פאראכטעט דאס לעבען און די געזעלשאפט, און איצט בין איך פאלשטענדיג פארפרעמדט פון די מענשען וואס האבען פארוואונדעט מיין הארץ. יעדע האפנונג פארלארען, אין לעבען ענטוישט, זוך איך אין מיין אומליק א רעטונג און געפין עס אין ערגיץ ניט."

דאן פאלגט א לאנגע לויב־רעדע אויף מאנאכען און מאנאשקעס, „דיזע מלאכים פון פרידען, וועלכע אימער נאר בעטען, טרייסטען, ערציהען, פפלעגען קראנקע, טוען צדקה, באגלייטען פאראורטיילטע צום עשאפאט און בינדען די וואונדען פון העלדען", ווי אזוי האבען עס אזעלכע געטליכע מענער און פרויען געקענט ברענגען אויף זיך פארפאלגונגען וואס האבען קיין גלייכען צו זיך אין דער געשיכטע פון פאנאטיזמוס? ווי אזוי האבען עס די געזעצגעבער פון 18טען יאהרהונדערט געקענט וויסען אזוי שלעכט דאס מענשליכע הארץ, אז זיי האבען ענטוועדער ניט פארשטאנען אדער ניט געפיהלט קיין איינציגען פון די אומשטענדען, צוליב וועלכע די רעליגיאן האט באשאפען דעם מאנאסטיר!

„דא שטעהט פאר אייך א גאנצער דור, וועמען די פאליטישע געשעהענישען האבען געגעבען אן ערציהונג ווי די וואס אכילעס האט אמאל געקראגען. מען האט אונז גענערט מיט לויבען־מארך און לויבען־בלוט; און יעצט ווען א רעגירונג וועלכע לאזט קיין זאך ניט פאר'ן צופאל און וועלכע באשטימט זאגאר די צוקונפט (דאס מיינט ער נאפאלעאנ'ס רעגירונג, געגען וועלכער אזעלכע אויסדריקען זיינען געוואגט) שטעלט א צאם צו דער געפערליכער אנטוויקלונג פון די יוגענדקרעפטען און זאגט צו זיי: ביז דאנען און ווייטער ניט! — פארשטעהען זיי יעצט וועלכע טרויעריגע פאלגען קענען ארויסקומען פון אזוי פיעל אונטערדריקטער ליידענשאפט און אונבאנוצטער קראפט, וויפיעל נסיונות צו זינד עס עקזיסטירען אין א ליידענשאפטליכען, מעלאנכאלישען, וועלט־מידען הארצען? מיט ביטערקייט, מיט שרעק ערקלער איך: ווערטהער'ס רעוואלווער און דעם תליונ'ס האק האבען שוין שיטער געמאכט אונזערע רייהען. דיזער דור הויבט זיך אויף און פאדערט מאנאסטירען פון אייך!"

גאנץ געווים א באשיידענער און סענטימענטאלער פארלאנג פון א דור וואס ערקלערט זיך אלס ערצויגען אויף ליבען־מארך! אבער מען פיהלט א געוויסע טראציגקייט הינטער דיזער באשיידענער, דאך ניט בוכשטעבליך געמיינטער פאדערונג. די אונגעדולדיגע מעלאנכאליע כאפט זיך אן אבי־וואס אלס מיטעל צו שטילען דעם שמערץ.

אין א פארערדע וואס נאדיע האט אין 1840 צוגעגעבען צו א נייער אויפלאגע פון דעם בוך שפרעכט ער זיך אוים איבער די צייט־אומשטענדען וואס האבען עס ארויסגערופען: די רעגירונג פון דעם דירעקטאריום, זאגט ער, איז געווען אלץ אין דער וועלט, אבער ניט סענטימענטאל. די שפראך פון טרוימעריי און ליידענשאפט, פיר וועלכער רוסא האט מיט דרייסיג יאר פריהער באשאפען א פאראיבערגעהענדע מאדע, איז צום שלום פון יארהונדערט באטראכט געווארען אלס לעכערליך. אנדערש אבער איז עס געווען אין דייטשלאנד, „דיזען וואונדערבארען דייטשלאנד, דאס לעצטע פאטערלאנד פון דער אייראפעאישער דיכטונג, די צוקונפטיגע וויג פון א קומענדער קרעפטיגער געזעלשאפט, אויב א געזעלשאפט איז נאך איבערהויפט מעגליך אין אייראפא, און דייטשלאנד׳ס איינפלוס האט דעמאלט אנגעהויבען ביי אונז צו גילטען. — מיר האבען געלעזען ווערטהער, געץ פאן בערליכינגען און די רויבער״...

דער העלד אין נאדיע׳ס בוך איז געשאפען נאך דעם טיפ פון ווערטהער, ער איז צוואנציג יאר אלט, א מאלער, א פאעט, און פריהער פון אלץ א דייטש — אבער ער איז א בלאסע, מאטע נאכאהמונג וועלכע שטעהט אונענדליך ווייט הינטער דעם אריגינאל. ער טראגט נאדיע׳ס אייגענעם נאמען — איז אן עמיגראנט. צוליעב פאליטישע אורזאכען איז ער אויסגעוויזען פון בייערן. צוויי יאר לאנג האט ער זיך געוואלגערט איבער אייראפא אלס א פליכטלינג וואס קען קיין רוה ניט געפינען, צוויי יאר לאנג האט ער נאדיע׳ס אייגענעם לעבען געלעבט. בלויז איין געפיהל האט אים אויפגעהאלטען, די ליבע צו א מיידעל, וועלכע טראגט דעם פאעטישען נאמען יולאליא; ער קומט צוריק און —

אָ, הערט איר הימלען! — יולאַליאַ איז אומטריי, יולאַליאַ האָט אַן אַנדערען געהייראַט.

דער פאַרראַטענער ליבהאָבער קען ניט ביישטעהן דעם פאַרלאַנג אומצוטרייבען זיך אַרום דעם אָרט וואו זי וואוינט. איינמאָל באַגעגענט ער זי און — אָה, הימעל! — יולאַליאַ, וועלכע האָט די גאַנצע צייט פון אים גאָרניט געהערט און האָט ערהאַלטען אַ פאַלשע נאַכריכט אַז ער איז טויט, האָט נאָר מיט טרערען, נאָר אויס געהאָרזאַמקייט צו איר מוטער, און ענדליך צוליב אַ שוואַכער ענליכקייט פון דעם יונגענמאַן צו שאַרל'ן, געהייראַט מיט איינעם אַ הער שפרנק, וועלכער, ווי עס צייגט זיך, איז איינער פון די איידעלסטע מענשען. דאַן קומען ווערטהער־קלאַגען, ווערטהערשטימונגען א. ז. וו. דאָס אַלץ אָבער אין זעהר אַן אָבגעשוואַכטען טאָן אין פאַרגלייך צו ווערטהער. שאַרל לאָזט זיך אַריין אין וועהמוטיגע שטימונגען: דאָ האָט ער זי געזעהן צום ערשטען מאָל, דאָרט האָט ער געפיהלט די ערשטע טונקעלע פאָרגעפיהלען איבער דער צוקונפט; דאָ, אין ענטציקונג פון איר, האָט ער פאַרגעסען זיין פאַפיר, זיינע בליישטיפטען, זיי אָססיאַן; דאָרט, וואו די בוימער זיינען שוין איצט אויסגעהאַקט, האָט ער באַשלאָסען צו באַגראָבען זיין באַליבטען ווערטהער, און יעצט שפירט ער לוסט זיין אייגענעם קבר צו גראָבען. ווערטהער איז געווען שאַרל'ס פריינד, און מען זעהט אַז ער האָט אים גענומען פאַר אַ מוסטער. נאָר אין איין פונקט איז שאַרל קרעפטיגער און מענשליכער ווי ווערטהער, נעמליך אין זיין צאָרן־אויסברוך איבער די שטערונגען וואָס שטעלען זיך צווישען אים און זיין געליבטער:

„וואָרום האָב איך ניט געוואַגט צו שליסען זי אין מיינע אָרעמס, צו כאַפּען זי אַזוי ווי מיין רויב, אַוועקפירען זי ווייט פון מענשען און אין אָנגעזיכט פון דעם הימעל ערקלערען זי אַלס מיין ווייב! אָבער אויב אַפילו נאָר אַזאַ פאַרלאַנג איז שוין אַ פאַרברעכען, טאָ וואָרום איז עס אַזוי טיף פאַרבונדען מיט מיין וועזען און זיין, אַז איך קען עס ניט אויפגעבען און ניט שטאַרבען? אַ פאַרברעכען האָב איך געזאָגט! אין די צייטען פון באַרבאַריי, אין די טעג פון אונוויסענהייט און קנעכטשאַפט איז איינעם אָדער אַנאַנדערען פון דער סטאַדע איינגע־

פאַלען זיינע פאַראורטיילען ארונטערצושרייבען און האָט דאַן געזאָגט: „דאָ האָט איר געזעצען." וואָס פאַר אַ פאַרבלענדעניש פון דער מענשהייט! וואָס פאַר אַ פאַרעכטליכער שפּיל עס איז צו זעהן אזוי פיעל דורות געלייטעט פון די פאָראורטיילען און קאפּריזען פון אַ לאַנג פאַרשטאָרבענעם דור!"

העכסט קאָמיש קלינגט גלייך נאָכדעם אַ פייערליכער לויבגעזאַנג אויף קלאָפּשטאָק'ס „משיח", ארויסגערופען, ווי עס איז קלאָר, פון אנדערע, אָבער זעהר פאַרשיידענאַרטיגע עראינערונגען וועגען ווערטהער.

„אָה, געטליכער קלאָפּשטאָק! — ברעכט שאַרל אויס — מט וואָס פאַר אַ פּראַכט דו פירסט־פאָר פאַר אונזערע אויגען אַלע וואונדער פון דער פּאָעזיע און די ברענגסט אונז אריין אין דער געטליכער פאַרזאַמלונג וואו די ערשטגעבאָרענע פון צווישען די מלאכים זינגען די מיסטעריען פון די הימלען, אָדער וואו די כרובים אין היילינגען ציטער פאַרדעקען זייערע געזיכטער מיט גאָלדענע פליגעל!"

דיזער שפּרונג איז אַביסעל צו גרויס; אָבער גראַדע דיזער געמיש פון רעוואָלוציאָנערע אינסטינקטען און ראָמאַנטישען עקסטאַז, וועלכער וואָלט אויסגעזעהן נאַריש אין יעדער אַנדער צייט, איז ווייט פון איבערראַשענד אין דער עמיגראַנטען־ליטעראַטור; ער באַגעגענט זיך ביי אַלע שרייבער. ביי שאַטאָבריאַן טרעט ער אויף אַלס סאַטאַנישער קאַטאָליציזם, ביי סעינאַנקור אַלס סענטימענטאַלער און ראָמאַנטישער אַטעאיזם, ביי נאָדיע אַלס פּראָטעסט געגען דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, וואָס פאַראייניגט זיך מיט דער משיח־טרוימעריי. דער כאַראַקטער פון דעם געמיש איז פאַרשיידען, אָבער דער גרונד־שטריך איז איבעראַל דערזעלבער.

עס ווייזט זיך ארויס אין דעם ראָמאַן אַז יולאַליאַ'ס מאַן איז ניט וועניגער אומגליקליך ווי איר אומגליקליכער ליבהאָבער. ער האָט זיין יוגענד־געליבטע פאַרלאָרען דורכ'ן טויט און קען דיזען פאַרלוסט קיינמאָל ניט פאַרגעסען, אַפילו ניט ביי יולאַליאַ'ס זייט; ער זעהט יולאַליאַ'ס און שאַרל'ס ליבע, און אום זיי ניט צו שטעהן אין וועג נעהמט ער איין גיפט און שטאַרבט, נאָכדעם ווי ער בעט ביי די ליבענדע פאַרצייהונג פאַר די ליידען וואָס ער

האָט זיי, ניט ווילענדיג, „דורך זיין אונגליקליכען לעבען", פאַר־שאַפט. עס איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען א מער סימפּאַטי־שען מאַן. אָבער די ליבענדע צייגען זיך ארויס ניט וועניגער איידעל ווי ער; איבערהויפּט איז יולאַליא צו הויכמוטיג אום צו ציהען נוצען פון אזא טרויעריגען טויט. זי געהט אין מאָנאַסטיר און שאַרל דערטרינקט זיך אין דער דאָנוי. צוויי זעלבסטמאָרדען און איין פרייוויליגע איינשפּאַרונג אין א נאָנען־קלויסטער — דאָס איז צו יענער צייט געווען די געוויינליכע ענדע פון ראָמאַנען.

ווי וועניג באַדייטענד דיזער ראָמאַן איז אַלס גייסטיגער פּראָ־דוקט, אזוי אינטערעסאַנט איז ער אַלס היסטאָרישער דאָקומענט. עס האָט געדויערט בלויז 10 קורצע יאָר און נאָריע האָט זיך דערהויבען איבער דיזער אָנפאַנגס־שטופע פון זיין אנטוויקלונג און מיר וועלען אים, ווי שוין אָנגעדייטעט, ווידער באַגעגענען אויף א העכערער אנטוויקלונגס־מדרגה פון דער פראַנצויזישער ליטעראַ־טור*); קיינער האָט אזוי אָפט ניט געביטען זיין געשטאַלט ווי ער — און דער שמעטערלינג איז שעהנער ווי די לאַרווע.**)

---

*) זעה, באַנד, „די ראָמאַנטישע שולע אין פראַנקרייך", נאָדיע.

**) דאָס ווערטעל פון וועלכען עס קומט אַרויס אַ פליגעלע אָדער אַ זשוק.

8.

## קאָנסטאַן.

דער ליטעראַטור־היסטאָריקער וועלכער געהט איבער פון איין וואריאַציע פון א טיפּ פון א באַשטימטער צייט צו א צווייטער, איז אין א געוויסען זין גלייך צום נאַטור־פאָרשער וועלכער פאַר־פאָלגט די ענדערונגען פון איינער און דערזעלבער גרונד־פאָרם, צ. ב. די האַנד, די פוס, די לאַפּע, דאָס פליגעל און די פלים־פּעדע־רען, דורך דעם גאַנצען טיער־רייך. די נעכסטע וואריאַציע פון דעם גרונד טיפּוס, אויף וועלכען איך וויל אויפמערקזאַם מאַכען איז „אדאָלף", פון בענדזשאַמין קאָנסטאַן (Constant) דער העלד פון דעם איינציגען פּאָעטישען ווערק פון דיזען בעריהמטען פּאָלי־טישען שרייבער. אדאָלף איז וועניגער גלענצענד ווי רענעי, וועני־גער זעלבסט־פאַרניכטענד ווי אָבערמאַן, אָבער ער שטעלט מיט זיך פאָר דעם זעלבען אונענטשלאָסענעם דור. אויך ער איז א שפּראָצונג פון דער ווערטהער־פאַמיליע, אָבער ער איז א קינד פון דער עפּאָכע פון ענטוישונג, אזוי ווי רענעי.

„אדאָלף" איז ערשינען ערשט נאָך דעם פאַלען פון דער אימ־פּעריע, אָבער ער איז שוין געשריבען געווען, אָדער צום מינדסטען פאַרטראַכט געוואָרען אין די ערשטע יאָרען פון דעם יאָרהונדערט. ער שטעהט אין שאַרפסטען געגענזאַץ צום הערשענדען גייסט אין פראַנקרייך, אזוי ווי די אַלע ביכער וואָס געהען אין דער געפיהלס־ריכטונג אין די שפּורען פון רוסאָ. וואָס אין פּאַריז הערשט איז די שפּאָרען און דער שווערד, אין דער ליטעראַטור — דער קלאַסי־שער אָרדען־סטיל און די עקזאַקטע וויסענשאַפטליכקייט. דאָ פאַר־

קערט, זעהען מיר געפיהלען און באטראכטונגען וועגען געפיהלס־לעבען.

בענדזשאמין קאנסטאן דע רעבעק איז געבארען געווארען אין יאר 1767 אין לאזאן ביי פראטעסטאנטישע עלטערען. זיין געבורט האט געקאסט דער מוטער דאס לעבען; זיין פאטער איז געוועזן א קאלטער און וועלטליכער מענש, פון דעמזעלבען מין וואס דער פאטער אין „אדאלף". ער איז פון קינדוויז אן געוועזן גאנץ אונגעוויינליך באגאבט. אויב אין „אדאלף" פארשטעהען מיר ניט גאנץ גוט די אונגעוויינליכע אנציהונגס־קראפט וואס דער העלד איבט אוים, דאן קומט עס דערפון וואס קאנסטאן, וועלכער האט דאס בוך פארפאסט אויפ'ן גרונד פון אייגענע עראינערונגען, איז פון א געוויסער שעמעוודיגקייט אבגעהאלטען געווארען פון ארויס־צוברענגען צו שטארק די אנציהענדע אייגענשאפטען פון זיין העלד. אבער אדאלף איז אין אזא הויכען גראד קאנסטאן אליין, אז מען באגרייפט אייגענטליך ערשט רעכט די אנטשטעהונג פון דיזען טיפ ווען מען שטודירט די יוגענד־געשיכטע פון דעם פארפאסער. עס איז מיט אדאלף ווי מיט רענעי, צו דער פארשטענדניש פון וועלכען, שאטאבריאנ'ס שילדערונגען פון זיך אליין גיבען אונז דעם שליסעל.

קאנסטאן איז באזעסען חן און שעהנקייט, א פריה־אנטוויקעלטע, שלאגענדע זעלבסט־איראניע, ווי אויך א שטירמיש־פולסירענדע עמפפינדליכקייט פאר איינדריקען, אן עמפפינדליכקייט וועלכע איז נאך מערקווירדיגער, דערפאר ווייל זי איז ביי איהם געוועזן פאראייניגט מיט אן אנפאנג פון איבערזעטיגונג. א בענקשאפט נאך שטארקע געמיטס־באוועגונגען האט זיך ביי אים פאראייניגט מיט דער פעהיגקייט זיך צו שטעלען אויסערהאלב זיי. נאך אלס איינגעל האט ער אנטוויקעלט די פעהיגקייט זיך צו שפאלטען אין טיילען, זיך צו פארדאפלען און צו שפאטען איבער זיך אליין. ער האט געקענט אויסרופען: „איך אמוזיר זיך איבער די אלע פארלעגענהייטען אין וועלכע איך געפין זיך, אזוי ווי זיי וואלטען געוועזן אן אנדערענ'ס", און ווען ער פלעגט זיין אויפגעבראכט פלעגען זיינע ליבלינגס־פראזען זיין: איך בין אין כעס,

איך פאַרליר דעם פאַרשטאַנד פאַר כעס, אָבער אין גרונד איז מיר די גאַנצע זאַך העכסט גלייכגילטיג."

עס איז קיין מיה ניט געשפּאָרט געוואָרען צו געבען דיזען גייסטרייכען און אויפגעוועקטען איינגל אַן ערציהונג לויט זיינע נייגונגען און פעהיגקייטען. ער איז צוערשט געשיקט געוואָרען אין דער עדינבורגער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט אָנגעקניפּט פריינדשאַפטס־באַציהונגען מיט אַ קרייז יונגע אָנגעזעהענע ענגלענדער און סקאָטלענדער, אַלע פון וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרען באַריהמטע אָדער באַוואוסטע מענער. פון דאָרט איז ער אריבער אין דער שטילער און פרידליכער אוניווערזיטעט פון ערלאַנגען, וואו ער האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר זיינע קענטנישען אין דייטשע אָנגעלעגענהייטען און דייטשער ליטעראַטור און וואו ער האָט פאַרפאָלקאָמט זיין קלאַסישע בילדונג. די שטאַטליכע אָנגעלעגענהייטען פון די אַלטע גריכישע רעפּובליקען האָבען אים דאָ, ווי אין עדינבורג, נאָך מער אינטערעסירט ווי זייער פּאָעזיע.

די בעסטע קוועלע פאַר אַ באַקאַנטשאַפט מיט דעם גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג און זיינע שטימונגען אין דער ערשטער יוגענד געפינט זיך אין זיינע בריעף צו מאַדאַם דע שאַרריער, אַ פּרייזינגע, פיין באַגאַבטע שווייצאַרישע שריפטשטעלערין פון האָלענדישער געבורט, אָבער פאָלשטענדיג פראַנצויזיפיצירט, וועלכע איז איבער פערציג יאָר אַלט געווען ווען דער צוואַנציג־יאָריגער קאָנסטאַן איז אריינגעטראָטען מיט איר אין אַ פאַרהעלטניש.

אין איר הויז, ביים זעלבען טיש אויף וועלכען זי האָט געשריבען, האָט ער אָנגעפאַנגען זיין גרויס ווערק איבער רעליגיאָן, וועלכעס האָט געדאַרפט ווידער אייפירען אין פראַנקרייך דעם רעליגיעזען גייסט. כמעט זיין גאַנץ לעבען לאַנג האָט ער זיך באַשעפטיגט מיט דיזען ווערק, וועלכעס ער האָט, נאָכדעם ווי זיינע אַנשויאונגען האָבען זיך געביטען און אָנגענומען אַ באַשטימטערע פאָרם, אונאויפהערליך באַארבייט. דרייסיג יאָר שפּעטער האָט ער עס געענדיגט אין דער קאַרגער צייט וואָס די רעדנער־בינע אין פּאַרלאַמענט און די שפּיל־הייזער פון פּאַריז האָבען אים איבערגעלאָזט פאַר אַנדערע ארבייטען. אָבער אָנגעהויבען געוואָרען איז

דאס ווערק ביי מאדאם שארריער. און סימבאליש און כאראקטע־ריסטיש איז, וואס דעם ערשטען טייל האט ער אנגעשריבען אויף דער לינקער זייט פון א פעשיל קארטען, און אזוי שנעל ווי ער פלעגט פארשרייבען א קארט, פלעגט ער זי אוועקשארען צו זיין ראטנעבערין.

אין זיינע בריף צו דיזער געטרייער און איבערגעבענער פריינ־דין שפרעכט זיך דער יונגער קאנסטאן אויס מיט פאלשטענדיגער אפענקייט און מען קען דא זיך באקאנען מיט זיין געפיהלס־און געדאנקען־לעבען אין זייער ערשטער פארמע און מיט זייער ערש־טען שטעמפעל. דיזער שטעמפעל איז דער שטעמפעל פון אב־צענטען יארהונדערט, נאר אהן דער באגייסטערונג פאר געוויסע אידעען, און מיט א רעכטער ביסעל צוגעקומענעם סקעפטיציזם. ער שרייבט:

„איך פיהל מער ווי אימער די נישטיגקייט פון אלע זא־כען, ווי אלץ זאגט זיך צו און קיין זאך גיט זיך ניט, איך פיהל ווי פיעל העכער אונזערע קרעפטען שטעהען איבער אונזערע מעגליכקייטען, און ווי אונגליקליך דיזער דיסאנאנס מוז אונז מאכען. איז עס מעגליך אז גאט, דער באשעפער פון אונז אליין און אונזערע אומשטענדען, איז געשטארבען איידער ער האט זיין ווערק געענדיגט, אזוי אז די וועלט איז אייגענטליך אן opus posthumum? ער האט געהאט די שעהנסטע און גרעסטע וועלט־פראיעקטען און די גרעסטע מיטעל זיי אויסצו־פירען. ער האט שוין מערערע פון דיזע מיטעל געזעצט אין באַ־וועגונג, פונקט ווי מען מאכט א געשטעל צו בויען, און אין מי־טען פון דיזער ארבייט איז ער געשטארבען. יעצט געהט אן די ארבייט פון בויען, אבער פאר א צוועק וואס עקזיסטירט מער ניט, און מיר פיהלען זיך צו עטוואס באשטימט, אבער מיר קענען זיך דערפון קיין שום באגריף ניט מאכען. מיר זיינען ווי זייגער, וועמען עס פעהלט די ציפערבלאט אדער דער ווייזער, און וועמעס רעדער, וועלכע זיינען ניט בארויבט פון פארשטאנד, דרעהען זיך ביז זיי ווערען אבגענוצט, ניט וויסענדיג צו־וואס אבער אימער זאגענדיג: „איך דרעה זיך, פאלגליך האב איך א צוועק. אדיע, ליבער און גייסטרייכער ראד, וואס האסט דאס

אומגליק צו שטעהן אזוי הויך איבערן זייגער־מעכאַניזם, פון וועלכען דו ביסט אַ טייל און וועלכען דו ברענגסט נאָר צורור־דערונג. ניט צו לויבען זיך אליין — דאָס איז אויך מיין שיק־זאַל."

אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט ער:

„אַה, ווי איידעל און ברייטהערציג די פירשטען זיינען: זיי האָבען ווידער געגעבען אַן אַמנעסטיע, פון וועלכער קיינער איז ניט אויסגעשלאָסען אויסער די וואָס האָבען רעבעלירט גע־גען זיי. דאָס דערמאָנט מיר אַ קאַפּיטעל תהלים, וועלכער פאַר־הערליכט די מעשים פון אידישען גאָט. ער האָט געטויט דעם און דעם, דען זיין גנאָד דויערט אייביג; ער האָט דערטרונ־קען פּרעה און זיין גאַנצען חיל, דען זיין גנאָד דויערט אייביג; ער האָט אַלע בכורים פון מצרים דערשלאָגען, דען זיין גנאָד דויערט אייביג, א. ז. וו., א. ז. וו.

„איר ווייזט מיר נישט אוים צו זיין דעמאָקראַטיש. איך גלויב, ווי איר, אַז אויפ'ן גרונד פון דער נשמה פון די רעוואָ־לוציאָנען לויערט פאַלשקייט און משוגעת. אָבער איך וויל בע־סער די פאַלשקייט און משוגעת, וועלכע רייסט אַרונטער פעס־טונגען און שאַפט אָב טיטלען און אַנדערע אַזעלכע דומהייטען, און וועלכע שטעלט אַלע רעליגיעזע טרוימערייען אויף אַ גלייך־כען פוס, איידער יענע פאַלשקייט און משוגעת, וועלכע וויל אויפהאַלטען און פאַרהייליגען יענע עלענדע פאַרזעהעניש: די באַרבאַרישע דומהייט פון די אידען אַרויפגעפלאַנצט אויף דער באַרבאַרישער אונוויסענהייט פון די וואַנדאַלען."

„וואָס מער מען דענקט דערפון אַלץ מער הערט מען אויף צו פאַרשטעהן דעם **cui bono?** („און צו וועלכע נוצען") אין דיזער דומהייט, וואָס רופט זיך וועלט. איך פאַרשטעה ניט, ניט דעם צוועק, ניט דעם אַרכיטעקט, ניט דעם מאַלער, ניט די פיגורען אין דיזען צויבער־לאַמטערן, פון וועלכען איך האָב די עהרע צו זיין אַ טייל. וועל איך עס בעסער פאַרשטעהן ווען איך וועל פאַרשווינדען פון דיזען ענגען און פינסטערן קור־נעל, אויף וועלכען איך ווייס ניט וועלכע אונזיכטבאַרע מאַכט האָט זיך דעם שפּאַס פאַרגונען מיך, מיט אָדער נעגען מיין ווי־

לען, צו לאָזען טאַנצען? דאָס ווייס איך ניט. אָבער איך האָב מורא אז מיט דיזער געהיימנים איז דאָסזעלבע וואָס מיט דער געהיימנים פון די פריימויערער: עס האָט אַ ווערט בלויז אין די אויגען פון דעם ניט־אריינגענומענעם."

ווען מען לייענט דיזע אויסצוגען וואונדערט מען זיך ניט וואָס דאָס בוך „וועגען רעליגיאָן", וועלכעס איז אָנגעהויבען געוואָרען ביים ווענדפונקט פון דעם יאָרהונדערט און וועלכעס האָט געדאַרפט פון דעם פּראָטעסטאַנטישען שטאַנדפּונקט דערגרייכען דעמזעלבען צוועק וואָס שאַטאָבריאַן פון דעם קאַטוילישען, נעמליך, ווידער איינצופירען אין פראַנקרייך דעם רעליגיעזען גייסט, האָט לכתחילה געהאַט אַ גאַנץ אַנדער שטעמפּעל ווי עס האָט שפּעטער געטראָגען. דער ערשטער טייל, געשריבען אין גייסט פון 18טען יאָרהונדערט, ווען ער וואָלט געווען אָבגעדרוקט ווערען, וואָלט באַצייכענט אין קאָנסטאַנ׳ס לעבען גענוי דיזעלבע אנטוויקלונגס־שטופּע, וואָס דאָס בוך איבער די רעוואָלוציאָנען אין דעם לעבען פון שאַטאָבריאַן. אָבער אין יענער פאַרענדיגטער געשטאַלט אין וועלכער דאָס בוך האָט ענדליך פאַרנומען זיין פּלאַץ אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, צייכענט עס זיך אויס מיט אַ רוהיגען, ליידענשאַפטסלאָזען סטיל, מיט אַ בליק פריי פון פּאָראורטיילען, און מיט אַ געלערזאַמקייט וואָס איז אונגעוויינליך פאַר יענער צייט. נאָר דערפאַר ליידט דאָס ווערק פון אַ פאָלשטענדיגען מאַנגעל אין וואַרימקייט און פון אַן איבערראַשענדער געשפּאָלטענקייט אין זיינע פּרינציפּען.

זיין גרונד־געדאַנק איז פאָלגענדער: אַלע פריהעריגע אויפפאַסונגען וועגען דעם וועזען פון רעליגיאָן זיינען ניט געווען פאָלקאָם. איין שולע פון שרייבער, וועלכע באַטראַכט די רעליגיאָן אלס אונצוגענגליך פאַר׳ן מענשען דורכ׳ן וועג פון פאַרשטאַנד, נאָר האַלט אַז זי איז מיטגעטיילט געוואָרען איין מאָל פאַר אַלע מאָל דורך דער געטליכער אַנטפּלעקונג, זוכט נאָר צוריקצופירען די רעליגיאָן צו איר ערשטער פאָרם. אַן אַנדער שולע, וועלכע איז אויפגעבראַכט, און מיט רעכט, געגען די איבעל וואָס אונטאָלעראַנץ און פאַנאַטיזם ברענגען מיט זיך, זעהט אין דער רעליגיאָן בלויז אַ פאַרפירונג, און שטרעבט צו באַגרינדען די מאָראַל

אויף ריין ערדישע יסודות. א דריטע שולע גלויבט אז ס'איז מעג־ליך צו געפינען א מיטעלוועג, דורך אָננעהמען אן אזוי־גערופענע נאַטירליכע אָדער פערנינפטיגע רעליגיאָן, וועלכע זאָל באַשטעהן נאָר פון די ריינסטע דאָגמען און איינפאַכסטע גרונד־באַגריפען. נאָר אויך די שולע, אזוי ווי די צוויי אנדערע, האָט געגלויבט, אז דער מענש קען דערגרייכען דעם אבסאָלוטען אמת, און אז עס איז, פאָלגליך, פאַראַן נאָר איינער און אונפאַרענדערליכער אמת; ווער עס האָט געגלויבט וועניגער, האָט דיזע שולע געשטעמפעלט אלס אַטעאיסטיש; ווער עס האָט געגלויבט מער האָט זי גע־שטעמפעלט אלס אָרטאָדאָקס און אבערגלויביגער. קאָנסטאַן, להיפך צו דיזע דריי שולען, באַטראַכט רעליגיאָן אלס א וואַקסענ־דע זאַך, און ער געהט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אז דאָס רע־ליגיעזע געפיהל איז איינגעוואָרצעלט אין דער מענשליכער נשמה און נאָר זיינע פאָרמען זיינען פאַרשיידען און זיינען פעהיג צו אַלץ גרעסערער און גרעסערער פאָלקאָמענהייט. מען מערקט, אז ער האָט געלעזען לעסינג'ס „ערציהונג דעם מענשענגעשלעכטעס"; נאָר נאָך נעהנטער ווי מיט לעסינג פיהלט ער זיך פאַרוואַנדט מיט זיינע צייטגענאָסען קרויצער און גאָררעס. ער פאַרשטעהט ניט אָדער נעהמט ניט דורך לעסינג'ס פיינע און דאָך אזוי טיפע אי־ראָניע. דאַגעגען, די ראָמאַנטיש פּראָטעסטאַנטישע שטרעבונגען אויפצולעבען די רעליגיאָן פאַנגען זיין געדאַנק מיט דער גאַנצער מאַכט פון דער לעבעדיגער צייט און ער נעהמט זיך פון זיי אַלץ וואָס ער קען געברויכען אלס ליבעראַלער פראַנצויזישער פּאָליטי־קער און באַקערטער וואָלטעריאַנער. ער וויל אבסאָלוט ניט ווי־סען פון דער אונטאָלעראַנץ און פאַרפאָלגונגס־ליידענשאַפט, וועלכע ברעכען אזוי גוואַלטזאַם אַרויס ביי לאַמעננעי (אין זיין אַבהאַנדלונג איבער „גלייכגילטיגקייט אין פראַגען פון רעליגיאָן"); ער וויל ניט הערען פון א וועלטליכער פּאַפּסט־מאַכט, און פון קיין שום פאַראייניגונג פון גייסטליכער און וועלטליכער אויטאָריטעט (ווי דע־מאַיסטרע אָדער שאַטאָבריאַן), נאָר אים דוכט, אז אין דעם „רעליגיעזען געפיהל" האָט ער געפונען א מין גייסטיג־פסי־כאָלאָגישען גרונד־עלעמענט, וואָס לאָזט זיך ניט מער פאַנאַנדער־לעזען, ער מיינט, וואָס איז אונפאַרענדערליך און אוניווערזאַל,

ד. ה. פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד און דערהויבען איבער אַלע פאַרענדערונגען פון צייט — אַן אַנשויאונג וואָס איז שווער צו ברענגען אין איינקלאַנג מיט די טיפערע שטודיען אין דער פּסיכאָלאָגיע — און אויף דיזען געפיהל בויט ער זיין גאַנצע קאָנסערוואַטיווע סיסטעם.

די קיצעלדיגע פראַגען געהט ער, ווי ווייט ס'איז אים מעג־ליך, פאַרביי. ער וויל, צום ביישפּיעל, ניט פאַרענטפערען די פראַ־גע צי די מענשהייט האָט אָנגעפאַנגען מיט א ווילדען אָדער פאָל־קאָמענעם גן־עדן צושטאַנד, און ער ערקלערט אויסדריקליך, אַז אויב ער האָט אָנגעהויבען זיין ווערק מיט דער שילדערונג פון דעם נידריגסטען פעטישיזם איז עס נאָר פון אָרדנונג וועגען, און ער וויל דאדורך ניט לייקענען אַז דיזע אונפאָלקאָמענע מדרגה קען זיין דער רעזולטאַט פון דעם מענשענ'ס „פאַלען.” פאַרקערט, אַזא השערה קומט אים פאָר גאַנץ וואַרשיינליך. ווענינער ביכער זיי־נען שנעלער פאַרעלטערט געוואָרען ווי דיזע שריפט, וועלכע באַ־זיצט איצט נאָר א היסטאָרישען אינטערעס דורך דער ניט־זיכער־קייט און האַלבקייט וואָס איז טיפּיש פאַר איר צייט.

אין די ערשטע יאָרען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז קאָנסטאַן אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס קאַמער־יונקער פון דער רעגירענדער הערצאָגין אין בראָנשוויג. דאָ פלעגט ער הערען ריי־דען פון דער רעוואָלוציאָן מיט יענעם געמיש פון שרעק און אָבשיי, וועלכער ווערט אויסגעדריקט, צום ביישפּיעל, אין געטהע'ס אונ־געלונגענער דראַמע „דער בירגער־גענעראַל”; דאָך איז אים ניט שווער געווען אויסצואַרבייטען זיך א זעלבסטשטענדיגע מיינונג, פריי פון פאָראורטיילען, וועגען דער באַדייטונג פון דער רעוואָלו־ציאָן. איבריגענס זעהט עס אויס. אַז זיין צייט דאָ, אַזוי ווי שפּע־טער, איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט ליבעס־פאַרהעלטנישען, וועלכע פלעגען זיך שנעל בייטען. ער האָט געקראָגען פון די דאַ־מען דעם נאָמען „ל'אינקאָנסטאַן” (דער אונבאַשטענדיגער) און ער אַליין האָט אין שפּאַס אָנגענומען אַלס זיין מאָטאָ „סאָלאָ אינקאָנסטאַנטאַ קאָנסטאַנס (באַשטענדיג איז בלויז די אונבאַ־שטענדיגקייט). ער האָט חתונה געהאַט — מער ווי אַלץ פון לאַנג־ווײַלע — מאָקע דאָרט, אין בראָנשוויג, און האָט זיך גלייך נאָכ'ן

האָניג־מאָנאַט געשיידט מיט זיין ווייב. באַלד נאָכדעם האָט ער זיך פארליבט אין אַ דאַמע, וועלכע איז געווען געשיידט פון איר מאַן און ער האָט זיך שפּעטער צוליעב איר אומגעקערט קיין בראַנ־שווייג. איר מיידעלשער נאָמען איז געווען שאַרלאָטע פאָן האַר־דענבערג און אַ סך יאָרען שפּעטער איז זי געוואָרען קאָנסטאַנ׳ס צווייטע ווייב. אין בריף פון דער צייט צו פרוי פאָן שאַרריער ציינט ער זיך אַרויס פּונקט אַזוי לעבענס־מיד און צוועקלאָז ווי שאַרפזיניג און גייסטרייך. ער מאַכט זיך לוסטיג איבער זיין דור־מער און קליינליכער אומגעבונג, איבער זיך זעלבסט, אַ צייט לאַנג אַפילו איבער דעם געפיהל פאַר זיין געליבטער דאַמע, ביז אין איין שעהנעם טאָג טיילט ער מיט, אַז ער וויל אויפהערען זיינע שפּאָטערייען איבער דעם, ווייל ער האַלט אַזאַ מין שפּאָטעריי פאַר ניט אַרטיג. אַן אָנהאַלטס־פּונקט, אַ צענטער פון לעבען האָט ער נאָך ביז דיזער צייט ניט געפונען.

אָבער צו ענדע פון יאָר 1794 איז אין קאָנסטאַנ׳ס לעבען געקומען אַן אַנטשיידענדע ווענדונג. ער האָט זיך באַקאַנט מיט מאַדאַם דע סטאַל און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז קיין איי־נער פון די ביידע גייסטער איז ניט געווען אימשטאַנד אַרויסצו־ברענגען זיין העכסטעס אָהן דער באַפרוכטונג פון דעם אַנדערען. בענזשאַמין קאָנסטאַן איז דאַן זיבען־און־צוואַנציג יאָר אַלט גע־ווען, פרוי פאָן סטאַל אַכט־און־צוואַנציג. ער איז געווען נאָר וואָס אַנגעקומען קיין פּאַריז, וואוהין זיין אַמביציע האָט איהם שוין לאַנג גערופען אָבער וועלכעס ער האָט איצט געזעהן צום ערשטען מאָל און וואו ער איז באַלד אַריינגעפירט געוואָרען אין די העכסטע קרייזען, ביי מאַדאַם טאַליען, מאַדאַם באָהאַרנע און מאַדאַם סטאַל. ער האָט שנעל געצווינגען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט סיי מיט זיין פּערזענליכער שעהנקייט, סיי מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען. מיט דער פרישער פאַרב פון זיין הויט און זיינע לאַנגע בלאָנדע האָר האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ יונגער נאָרדלענדער. אָבער אין פאַר־שטאַנד איז ער געווען עכט פראַנצויזיש און אין זיין בילדונג — קאָסמאָפּאָליטיש. אויף דער באַגאַבטעסטער פרוי אין יענער צייט אין פראַנקרייך האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק, וואָס איז קיינמאָל ניט פאַרווישט געוואָרען, אַפילו דעמאָלט ווען די לעבענס־באַדינ־

גונגען האבען זיי דערוווייטערט פון איינאנדער, און באלד איז עס מער קיין געהיימניס ניט געווען אז מאדאם דע סטאל׳ס באוואונ־דערונג האט זיך פארוואנדעלט אין א ליידענשאפטליכער ליבע. זי האט אריינגעפלאסען אין דעם יונגען צוקונפטיגען שטאטסמאן איר גלויבען אין פאליטישער פרייהייט, איר באגייסטערונג פאר די רעכט פון דעם אינדיווידואום און פאר א קאנסטיטוציאן וואס זאל די דאזיגע רעכט פארזיכערען, און דורך א פלאמענדיגען הויך פון איר פייערדיגער נשמה איז ער באזעלט געווארען פון איר אונטערנעהמונגס־גייסט און איר גלויבען אין דער מאכט פון ווארט און טאט, אין דער מעגליכקייט צו להכעים אלע פאטאלישע טעאריען אנצוגרייפען די ווירקליכקייט און זי אומגעשטאלטען. וואס אנבאלאנגט מאדאם דע סטאל, האט איר די באציהונג צו קאנסטאן געגעבען דאס, וואס האט זי געבראכט אין קאמפף מיט דער געזעלשאפט, און האט זי באוייכערט מיט יענעם סכום פון ליידענשאפטליכע געפיהלען און רעוואלוציאנערע געדאנקען, וועלכע בילדען דעם קערן אין אירע דיכטערישע שעפפונגען.

אין הויז פון מאדאם דע סטאל האט קאנסטאן זיך באקענט מיט א גאנצער ארמיי אויסלענדישע דיפלאמאטען, אונצופרידענע זשורנאליסטען און אינטריגירענדע פרויען וועלכע האבען אים אין ערשטען אויגענבליק באאיינפלוס געגען דעם קאנווענט. באלד אבער האט ער זיך אויסגעבילדעט זיין אייגענע איבערצייגונג וועגען דעם, האט אליין אבגערופען זיינע ערשטע צייטונגס־ארטיקלען און, נאך מער ראדיקאל ווי זיין פריינדין, האט זיך אנגעשלאסען אן דער פארטיי פון די „פאטריאטען", געגען די זאגענאנטע „גע־מעסיגטע", ביי וועלכע, לויט זיין מיינונג, עס איז קיין געמע־סיגטקייט ניט געווען. דאס יאר 1795 האט ער פארבראכט, אויף דער איינלאדונג פון מאדאם דע סטאל, אין איר שלאס אין קאפפע אין דער שווייץ; מיט א יאר שפעטער האט זי זיך געשיידט פון איר מאן.

ווען אין 1799 האט באנאפארט אלס ערשטער קאנסול געגע־בען פראנקרייך א קאנסטיטוציע, אין וועלכער א שוואכער שיין פון פרייהייט האט געדארפט פארדעקען די אליינהערשאפט, האט ער באשטימט קאנסטאן, וועלכער האט פריהער געהערט צו זיינע

וואַרימסטע באַוואונדערער, אַלס מיטגליד פון טריבונאַט. אין דעם דאָזיגען אַמט האָט קאָנסטאַן מיט עטליכע געצעהלטע געזינונגס־גענאָסען געפירט יענעם עהרענהאַפטען קאַמפף געגען באָנאַפּאַרט׳ס אַבסאָלוטיסטישע פּלענער, וועלכער האָט געצווינגען די אויגען פון גאַנץ אייראָפּאַ אויף אים און דערוועקט די שטאַרקסטע ביטערקייט ביים ערשטען קאָנסול. אין 1802 האָט דיזער געזאָגט וועגען קאָנ־סטאַן און זיינע פריינד דאָס באַריהמטע וואָרט וועגען די פינף אָדער זעקס מעטאַפיזיקער אין דעם טריבונאַט, וועלכע האָבען פאַר־דינט אריינגעוואָרפען צו ווערען אין וואַסער, און קורץ נאָכדעם האָט ער דאָך אָן אונטערטעניגער מאַיאָריטעטס־אַבשטימונג זיי דערוויטערט פון טריבונאַט. ווען מאַדאַם דע סטאַל האָט אין דער־זעלבער צייט אָנגעהויבען איר קאַמפף געגען באָנאַפּאַרט׳ס שטרע־בונג צו אַליינהערשאַפט, און איר פאָטער, דער באַריהמטער נעקער האָט אָנגעהויבען שטאַרק וואָרנען געגען זיין פּאָליטיק, האָט ער זי אויסגעוויזען פון פראַנקרייך. ווען קאָנסטאַן איז געגאַנגען מיט איר נאָך קאָפּפּע האָט ער אים אויך פארבאָטען זיך צוריקצוקערען אין פראַנקרייך.

אין מאַי 1802 איז מאַדאַם דע סטאַל געוואָרען אַן אַלמנה. צו־זאַמען מיט קאָנסטאַן האָט זי אין די יאָרען 1803 און 1804 באַ־רייזט דייטשלאַנד און עס שיינט אַז זי האָט אין איר טרוימערישער ליבע געהאָפט אַז קאָנסטאַן וועט מיט איר הייראַטען. ער האָט אָבער ווי עס שיינט אירע געפיהלען ניט געטיילט, אויס מיטלייד און שוואַכקייט האָט ער זי גענאַרט און האָט פאַרבאָרגען פון איר אַז ער איז געשטאַנען אין באַשטענדיגען בריף־וועקסעל מיט שאַר־לאָטע פאָן האַרדענבערג. אונטער אַן אויסרייד מסתמא האָט ער זי פאַרלאָזען און איז אַליין אַוועק נאָך ווייַמאַר, וואו ער האָט אין 1804 איבערזעצט שילער׳ס „וואַלענשטיין" אין פראַנצויזיש. עס איז געוועזען ניט קאָנסטאַן, נאָר א. וו. שלעגעל, וועלכער האָט אַלס הויזלערער פון אירע קינדער, באַגלייט מאַדאַם דע סטאַל אויף יענער רייזע קיין איטאַליען, אין 1805, וועלכע איז באַריהמט גע־וואָרען דורך איר ווערק „קאָרינגאַ." אין זומער פון 1808 האָט קאָנסטאַן אין געהיים חתונה געהאַט מיט זיין שאַרלאָטע, נאָר מאַ־דאַם דע סטאַל האָט אפילו ניט געטראַכט פון אויפגעבען אים,

אזוי אַז עס איז געקומען צו שטאַרקע סצענען ווען זי האָט איינמאָל אומגעריכט באַגעגענט דאָס ניי־פאַרהייראַטע פּאָר אין דער אומגעגענד פון זשענעווא. זי האָט איר אייפערזוכט אויסגעדריקט מיט אזוי פיעל שטורם, אַז שאַרלאָטע האָט איינמאָל, אין פאַרצווייפלונג, געמאכט, גליקליכערווייז אָן אונגעלונגענעם פאַרזוך זיך צו פאַרגיפטען.

יעצט זיינען געקומען איינינע יאָר וואָס קאָנסטאַן האָט פאַרבראַכט אין שטילער צוריקגעצויגענקייט אין געטינגען, פאַרנעהמענדיג זיך מיט אויספאָרשונגען פאַר זיין ווערק איבער דער אַנטשטעהונג און אַנטוויקלונג פון רעליגיאָן. דאָן האָבען נאַפּאָלעאָנ׳ס מפּלות אים ווידער צוזאַמענגעבראַכט מיט מאַדאַם דע סטאַל אין דעם פּאָליטישען געדאַנקען־שטרייט, און דורך אירע פאַרבינדונגען אין דעם רוסישען, פּרייסישען און שוועדישען הויף האָט ער געקראָגען אַ שטימע אין דער פּראָצעדורע געגען דעם באַזיגטען דעספּאָט. ער איז געקומען קיין פּאַריז אין בערנאַדאָטע׳ס קאָמפּאַניע, און אָבוואָל ער איז געשטאַנען פאַר דער צוריק־אויפריכטונג פון דעם קעניגטום, האָט ער דאָך געאַרבייט מיט אַלע קרעפטען צו רעטען וואָס איז נאָר מעגליך געווען פון די קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטען. ער האָט געדרוקט מייסטערהאַפטע בראָשורען איבער פּרעס־פרייהייט, פאַראַנטוואָרטליכקייט פון מיניסטאָרען א. ז. וו. און איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס פאָלקס־פאַרטרעטער. עס איז באַוואוסט, ווי גלייך נאָכדעם האָט זיין בלינדע פאַרליבטקייט אין מאַדאַם רעקאַמיע אים געצוואונגען אַרויסצוטרעטען מיט אַזאַ שאַרפקייט געגען נאַפּאָלעאָנ׳ען נאָך זיין צוריקקער פון עלבא, אַז זיין באַשטימונג אין די הונדערט טעג אַלס מיטגליד פון קייזערליכען ראַט און די שטיצע וואָס ער האָט געגעבען דעם לעצטען פאַרזוך פון דעם אימפּעראַטאָר צו געבען פראַנקרייך אַ נאָכאַמונג פון אַ קאָנסטיטוציע, האָבען אויפגעוועקט אין דעם פאָלק אַ חשד פון פאַרראַט. דאָך דאַרף מען קאָנסטאַן אַלס פּאָליטיקער ניט פאַראורטיילען אויפ׳ן גרונד פון דעם דאָזיגען אומגליקליכען עפּיזאָד. אונטער דער הערשאַפט פון די בורבאָנען, און אפילו אין די ערשטע יאָרען פון דער יוני־מאָנאַרכיע, איז ער געווען, ווי באַוואוסט, דער פאַר׳עקשנ׳טער פירער פון דער פריי־

זיינער פּאַרלאַמענטאַרישער אָפּאָזיציע. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעצייכענט מיט כאַראַקטער־ריינקייט, אָבער ער האָט גע־האַט נאָבעלע אימפּולסען. ווען ער האָט אין 1830 דערהאַלטען אַ בריעף פון איינעם פון זיינע פריינד, אין וועלכען עס איז גע־שטאַנען: „דאָ געהט אָן אַ שרעקליכע שפּיל, אונזערע קעפּ זיי־נען אין געפאַר, קומט און ברענגט אויך אייערן", האָט ער קיין אויגענבליק ניט געצעגערט, נאָר איז געקומען און האָט זיך מוטיג געשטעלט אויף דער זייט פון דער פּאַרטיי פון דער יולי־רעוואָלו־ציאָן. און איניגע מאָנאַטען אַרום, ווען ער איז שוין געווען פי־רער פון דער אָפּאָזיציע, האָט ער אָנגענומען 100,000 פראַנק פון לואי פיליפּ, אום צו דעקען זיינע קאָרטען חובות. קאָנסטאַן איז געווען אַ גרויסער דיאַלעקטיקער; קיין וואַרהייט, פלעגט ער זאָ־גען, איז פאָלקאָמען סיידען זי נעהמט אין זיך אַריין איר היפך. עס האָט אים געגליקט איניגע וואַרהייטען ווירקליך צו פאַרפאָל־קאָמען. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָרען דעם שטעמפּעל, וואָס זיין דור, אין וועלכען זיין פריהע יוגענד איז אויסגעפאַלען, האָט אויף אים אַרויפגעדריקט. דיזעלבע דאָפּעלקייט, וואָס האָט זיך געפונען ביי דיזער גאַנצער גענעראַציאָן, נאָר וואָס ביי אַנדערע איז זי געווען בלויז אַן איינגעשאַפּט, האָט זיין כאַראַקטער צונעגע־בען אַן אייגענאַרטיגען גרונדשטריך, וואָס האָט איבעראַל אַריינ־געטראָגען אַ צעשפּאַלטענקייט.

דאָס באַדייטענדסטע יוגענד־ווערק פון דיזען מענשען פאַר־דינט באַטראַכט צו ווערען. אין „אַדאָלף" געפינען מיר פאָלגענדען געדאַנק אַנטוויקעלט:

„וואָס מיך איבערראַשט, איז ניט וואָס דער מענש דאַרף אַ רעליגיאָן; מיך וואונדערט, פאַרקערט, וואָס ער פיהלט זיך אַמאָל אַזוי שטאַרק און אַזוי געשיצט געגען אומגליק, אַז ער וואַגט זיך אָבצוזאָגען פון א י ר ג ע נ ד  ו ו ע ל כ ע ר רעלי־גיאָן; מיר דוכט אַז אין זיין שוואַכקייט האָט ער געדאַרפט זיין געניינט צו רופען די הילף פון א ל ע רעליגיאָנען. וואָרום איז דען פאַראַן אין דער געדיכטער פינסטערניש איין ליכט־שטראַל וועלכען מיר קענען צוריקשטויסען? איז אין מיטען פון דעם

וואסער־שטראָם, וואָס טראָגט אונז מיט, פאַראַן איין צווייג וואָס מיר זאָלען וואַגען צו צעגערען אַנצוכאַפּען?"

מען פיהלט אַז דער פּראָפעסער איז דאָ שטאַרקער איבערצייגט אַז דער שטראָם איז פאַראַן איידער דער צווייג. די פאָרמע אין וועלכער די רעליגיאָן ווערט דאָ רעקאָמענדירט איז אַזאַ, אונטער וועלכער מען זעהט ארויסשיינען די רעליגיאָנסלאָזיגקייט, און הינטער איר אַן אָבגרונד פון מעלאַנכאָליע.

די ערקלערונג ליגט אויבען אויף. אין יענער צייט האָט זיך געטראָגען אין דער לופט אַ רעאַקציע געגען וואָלטעיר'ן, אַ רעאַקציע וואָס איז נאָך אָנגעפּאַנגען געוואָרען פון רוסאָ — אַן אָבשלאַג פון דעם איבעריג פערשטיקטען, קיינמאָל ניט געפּרעגטען, אימער איגנאָרירטען געפיהל. עס האָט זיך געשפּירט אין די מוחות אַ האַלב־באַוואוסטזיניגע שטרעבונג איינצושטעלען צוריק דעם גלייכגעוויכט צווישען די פאָדערונגען און די מעגליכקייטען פון דער מענשליכער נשמה, וואָס איז צעשטערט געוואָרען דורך דער אַבסאָלוטער אַליינהערשאַפט פון דעם קריטישען פאַרשטאַנד. און די דאָזיגע האַלב־אונבאַוואוסטע טענדענץ שפּירט מען אַלס אינוועניגסטע טרייב־קראַפט אַפילו ביי אַזעלכע נאַטורען, וואָס זיינען לויט אַלע זייערע אייגענשאַפטען איינענטליך ענליך געווען צו וואָלטעיר'ן, און וועלכע, ווען זיי וואָלטען געווען געבאָרען ווערען מיט דרייסיג יאָר פריהער, וואָלטען געוועזען זיינע אונבאַדינגטעסטע אָנהענגער און אַרבייטס־חברים. וואָרום וואָלטעיר איז ניט געווען בלויז קריטיש, נאָר, געצוואונגען דורך די אונגינסטיגע באַדינגונגען פון דער צייט און דורך זיין אונבאַהערשבאַרען ווייז, אויך אָנגרייפענד. ער האָט געוואָלט, באַנוצענדיג אַלע וואַפען, אַפילו פאַרגיפטעטע, פאַרניכטען די ריין אויסערליכע, ריין ברוטאַלע אויטאָריטעט, וועלכע האָט צו יענער צייט גערשטערט דעם גייסטיגען און מאַטעריעלען פאָרשרייט, ניין, האָט אים אינגאַנצען אונמעגליך געמאַכט. איצט זיינען יענע אַלע אויטאָריטעטען געווען אומגעוואָרפען, און דער דור האָט געבענקט נאָך אַן אויטאָריטעט. עס זיינען פאַראַן אַנדערע אויטאָריטעטען. דאָס אמת'ע, דאָס רעכטע, דאָס גוטע זיינען אַזעלכע אויטאָריטעטען. אָבער די באַגייסטערטע פאַרזוכען צו שאַפען און באַ־

פעסטיגען אַזעלכע פרייע אינסטיטוציאָנען וואָס זאָלען די דאָזיגע אידעאַלען פאַרווירקליכען, ניט באַרופענדיג זיך אויף אַ מאַכט וואָס איז דעם פאַרשטאַנד ניט קלאָר, האָבען זיך אויסגעלאָזט מיט די ברוטאַליטעטען פון אַנאַרכיע. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס ניט נאָר מאַנכע איינצעלנע פון דער מאַסע האָבען אויס־געשטרעקט די האַנד טאַפּענדיג נאָך אַ פּלאַנק צווישען די רואי־נען פון דעם אַמאָל אַזוי קרעפטיגען פּאָליטישען און רעליגיעזען בנין, נאָר אויך די מערסטע פון די גייסטרייכסטע זיינען אויפגעטראָ־טען אַלס פּאַרקעמפּפער פאַר אויטאָריטעטען, טיילווייז גייסטליכע, טיילווייז וועלטליכע, וועלכע זיי אַליין האָבען אונטערשטיצט בלויז אויס פּרינציפּ, אָבער מיט האַלבען אָדער גאָר אָהן שום גלויבען און מיט אייביג וואַקעלדיגען צוטרוי.

וואַקעלדיג איז געווען דער צוטרוי צוליב דעם איינפאַכען גרונד, וואָס פאַר זיי, די עכטע און פעהיגע זיהן פון דעם יונגען 19טען יאָרהונדערט, איז געווען אונמעגליך מיט אויפריכטיגען גלויבען זיך אָנצושפּאַרען אָן אַ שטאַט, וואָס זייערע פאָטערס האָ־בען אונטערגעזעגט. פון דאַנען קומט עס וואָס שאַטאָבריאַן'ס גלויבען אין דער לעגיטימיטעט איז געווען פּונקט אַזוי וואַקעלדיג ווי קאָנסטאַנ'ס גלויבען אין רעליגיאָן אין אַלגעמיין. די מענשען האָבען זיך געפיהלט שלעכט צו מוט. דאָס אַלטע הויז איז געווען פאַרברענט. דאָס נייע האָט מען נאָך ניט אָנגעהויבען. דער פעלער איז געווען וואָס אַנשטאַט זיך צו נעהמען צו בויען ניי, איז מען געפלוינגען אין די חורבות פון דעם אַלטען בנין, צונויפגעשאַרט דאָס שלעכטע האַלב פאַרברענטע מאַטעריאַל און זיך גענומען דאָס צוריק אויפצובויען. ביי דער דאָזיגער ארבייט האָט מען זיך די גאַנצע צייט געפיהלט געלאָקט צו מאַכען עקספּערימענטען, וועלכע זיינען געלעגען אינגאַנצען אויסערהאַלב דעם פּלאַן. וואָרום אָט האָט מען זיך געכאַפּט צו גאַנץ נייעם מאַטעריאַל, וועלכען מען האָט צונעמישט צום אַלטען כדי צוצונעבען דעם בנין מער שטאַר־קייט, און אָט האָט מען בדעה געהאַט די אונדאַנקבאַרע ארבייט אינגאַנצען אויפצוגעבען, און אין פאַרצווייפלונג געגעבען די שאָ־קעלדיגע ווענד אַזאַ שטויס אַז די שטיינער זיינען זיך צופלויגען אין אַלע זייטען. קיינמאָל האָט אַ גרופּע פון קאָנסערוואַטיווע

שריפטשטעלער ניט געפירט א מער ליידענשאַפטליכע פּאָלעמיק געגען דער געזעלשאַפט ווי זיי האָבען זי איבערגענומען פון זייערע פאָטערס, ווי די שריפטשטעלער פון דער עמיגראַנטען־ליטעראַטור. אָט אזא סאָרט קאמפף, אזא מין אָנקלאַגע געגען דער געזעלשאַפט איז אויך די לעבענס־אַנשויאונג וואָס איז פארקערפערט אין קאָנסטאַנ׳ס ראָמאַן „אדאָלף״.

„אדאָלף״ איז א ליבעס־געשיכטע, וואָס מיט איר שילדערונג פון דער באַציהונג צווישען דער געזעלשאַפט און דעם אינדיווידואום, שטעלט זי מיט זיך פאָר דעם פאָלשטענדיגען היפך פון „ווערטהער״. אין „ווערטהער״ שטעלען זיך אויסערליכע און דאדורך אויך אינערליכע שטערונגען געגען דער פאַראייניגונג פון א פּאָר וואָס געהערען צוזאמען. אין „אדאָלף״ צווינגען אויסערליכע און דאדורך אויך אינערליכע סבות צוויי וועזענס, וועלכע זיינען פאַראייניגט, זיך פאַנאַנדערצוגעהן. „ווערטהער״ ווייזט ווי אזוי די מאַכט פון דער געזעלשאַפט און פון די געזעלשאַפטליכע פליכטען שטערען א ליבעס־פאַראייניגונג. „אדאָלף״ שילדערט ווי די מאַכט פון דער געזעלשאַפט און דער געזעלשאַפטליכער מיינונג לייזען אויף פּערזענליכע פארפליכטונגען און צורייסען א ליבעס־פארהעלטניש וואָס האָט לאַנג עקזיסטירט. ביידע ביכער צוזאמען גיבען א דאָפּעל־זייטיגעס בילד פון דער פאַפּסטליכער מאַכט פון דער געזעלשאַפט צו בינדען און צו שיידען. אָבער בשעת „ווערטהער״ איז טיפּיש פאַר יענעם פאָר־רעוואָלוציאָנערען, קרעפטיגען און שטורמישען דור צו וועלכען ער געהער, איז „אדאָלף״ כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ערשטען פראַנצויזישען דור פון דעם נייעם יאָרהונדערט.

„אדאָלף״ שילדערט ניט, ווי פריהערע ליבעס־געשיכטען, די ליבע נאָר אין איר ערשטען ערוואַכען אין דעם מאָרגען־שיין פון אילוזיעס, נאָר ער גיט, אזוי צו זאָגען, איהר גאַנצע ביאָגראַפיע, ער מאָלט איר וואַקסען, איר וועלקען, איר טויט, יע, ער פאָלגט זי נאָך אפילו אויף יענער זייט קבר און ציינט אין וואָס פאַר א געפיהלען זי פארוואַנדעלט זיך.

אויף אזא אופן איז „אדאָלף״, נאָך מער ווי „רענעי״, די געשיכטע פון די אַנטוישונגען און זעלבסט־נאַרעריי פון דעם אינדרי־

ווידואום. עס איז די סאַמע בלום פון לעבען וואָס ווערט דאָ פון אירע בלעטער, איינע נאָך דער אַנדערער, באַרויבט און אויפ'ן זאָרגפעלטיגסטען אופן אַנאַליזירט. אין דעם פּרט איז דאָס בוך דער שאַרפסטער קאָנטראַסט צו „ווערטהער". אין פאַרגלייך מיט „אַדאָלף" זעהט „ווערטהער" אויס אינגאַנצען נאַאיוו. יענע בלום, וואָס איר דופט ווערט פאַר ווערטהער'ן אַ טויטליכער גיפט, פליקט אַדאָלף גלייכגילטיג פאַנאַנדער.

דאָס קאָסטום ווערט נאָך אַמאָל געביטען; דער בלויער ראָק און די געלבע וועסט פאַרשווינדען און מאַכען פּלאַץ פאַר דער אומעטיגער, פאַרבלאָזער שוואַרצער קליידונג מיט איר קאָליר פון טרויער.

אָבער דער פּלאַס, וואָס דאָ פאַרלאָזט דעם מאַן, בלייבט ביי דער פרוי. „ „אַדאָלף" איז דער „ווערטהער" פון די פרויען. די קראַנקהייט פון דעם יאָרהונדערט, די מעלאַנכאָליע, האָט דאָ אַ נייעם שריט געמאַכט. זי האָט זיך אויסגעברייט פון דעם מאַן אויף דער פרוי. אין „ווערטהער" אין דער מאַן דעריעניגער, וואָס ליבט, פיהלט, ווערט אויפגעבראַכט און פאַרצווייפעלט. אָבער זי, שאַרלאָטע, שטעהט געזונד, פעסט און אונבאַשעדיגט, פיליכט עט־וואָס קאַלט און אונבאַדייטענד. יעצט איז די ריי צו איר געקור־מען, יעצט איז זי דיעניגע וואָס לידט און פאַרצווייפעלט. דער זעלבער קאַמפף וואָס ווערטהער פירט געגען דער געזעלשאַפט אין נאָמען פון זיין ליבע, ווערט דאָ אין „אַדאָלף" געקעמפפט פון עלעאָנאָר. און דער רעזולטאַט איז פּונקט אַזוי טראַגיש.

מען קען אַלזאָ דיזען ראָמאַן אָהן איבערטרייבונג באַצייכ־נענען אַלס דער ערשטער ביישפּיל פון אַ גאַנצער ליטעראַטור פון פּסיכאָלאָגישע שטודיען, וואָס איז גלייך נאָך אים געקומען. ניי איז דאָ אייגענטליך די אַרט ווי עס ווערט באַהאַנדעלט דער עלע־מענט פון ליבע. ווייט הינטער אונז ליגט איצט די צייט ווען אַמאָר פלעגט, ווי אין וואָלטעיר'ס דיכטונגען, פאַרגעשטעלט ווע־רען ווי אַ ליבענסווירדיג קינד, וואָס מיר אַלע קענען פון טהאָר־וואַלדסען'ס באַרעליעפען. פאַר וואָלטעיר איז אַמאָר געווען דער גאָט פון פאַרגעניגען; זיינע באַגלייטער זיינען געווען “le ris, les jeux et les plaisirs” (די געלעכטער, די פריידען

און די פארגעניגענס). פאר רוסא איז ער געוועזן דער נאָט פון ליבע. ביי געטהע ווערט ער געשילדערט נאָך פיל ווענינער ווי א גוטער טייפעל. ווען מען לעזט געטהע פארשטעהט מען ערשט גוט וואס שאַפּענהויער האָט געמיינט ווען ער האָט געשריבען, אז אמאָר פאָלגט אויס איבעראל זיין אייגענעם ווילען, און רעכענט זיך גאָרניט מיט'ן אומגליק פון דעם אינדיווידואום. אין „פאוסט", דאָס ערשטע געדיכט פון דער נייער צייט, איז אמאָר פארוואנדעלט פון א שטיפערישען קינד אין א גרויסען פארברעכער. פאוסט און מארגארעטע ליבען זיך, דאָס הייסט: פאוסט פארפירט מארגארעטע'ן און נאָכער פארלאָזט ער זי; גרעטכענ'ס ליבעס־געשיכטע ברענגט איר מוטער, איר ברודער, איר קינד און זי אליין צום טויט. ווארום זי, דאָס אונשולדיגע און ליבענסווירדיגע מיידעל, טויט איר מוטער דורך דעם שלאָף־טרונק וואס זי גיט איר איין, כדי פאוסט זאָל זי קענען באזוכען ביינאכט; פאוסט און מעפיסטאָפעל צוזאמען הרג'ענען איר ברודער ווען ער וויל נקמה נעהמען פאר דער עהרע פון זיין שוועסטער. אויס מורא פאר דער חרפה טויט גרעטכען איר נייגעבארען קינד, דאן ווערט זי אריינגעוואָרפען אין געפענגניס און הינגעריכטעט.

געטהע'ס ליבשאפט צום אמת האָט אים געפירט צו געבען אן אנדער בילד פון אמאָר ווי דאָס יעניגע וואס שטעלט אים פאָר אלס אינגעל אין א רויזען־קראנץ. און ניט נאָר אין אירע פאָלגען, נאָר אויך אין איר וועזען איז די ליבע ביי געטהע פאטאל. אין די „וואהל פארוואנדשאפטען" האָט ער שטודירט די געהיימניספולע און אונבאהערשבארע סימפאטיען און אנטיפאטיען, פון וועלכע עס ווערט באשטימט די געגענזייטיגע אנציהונג פון זעלע צו זעלע, אזוי ווי די שטאָפען אין כעמיע. דאָס דאָזיגע בוך אנטהאלט א מין נאטור־פילאָזאָפישע באטראכטונג פון דער ליבע; געטהע וויזט איר אנטשטעהונג, איר צוויבערליכע געוואלד אלס דונקעלע נאטורקראפט, איר יסוד אין דער אונבאוואוסטזיניגער טיפעניש פון אונזער נשמה.

געטהע האָט אלזאָ געמאכט די פראגע צו פארשטעהן די צוציהונג וואס מיר רופען ליבע, אלס ענליכעס צו דער צוציהונגסקראפט וואס מיר געפינען אויסערהאלב דער מענשליכער וועלט;

אָבער נאָך איין שריט האָט געדאַרפט געמאַכט ווערען. מען האָט די ליבע ביז איצט געזעהן נאָר אַלס גראַנדיעזע, גאַנצע איינהייט; דער נעכסטער שריט איז געווען, זי צו אַנאַליזירען. די דאָזיגע אויפגאַבע איז אויסגעפאַלען אויפ'ן חלק פון דעם גריבלענדען, אונרוהיגען, אין אַלע זייטען זוכענדען דור. ווי פאַרשיידען מען האָט ניט ביז אַהער אויפגעפאַסט די ליבע, אירע אורזאַכען און אירע פאָלגען — אין איינם זיינען אַלע איינים געווען, אַז ליבע איז עטוואַס קאָנקרעטעס, ד. ה. עטוואָס וואָס איז באַקאַנט, איינפאַך. ערשט יעצט האָט מען זי אָנגעהויבען צו באַטראַכטען אַלס עטוואָס צוזאַמענגעזעצטעס, און מען האָט גענומען מאַכען דעם פאַרזוך זי פאַרנאַנדערצונעהמען אויף אירע באַזונדערע עלעמענטען.

אין „אַדאָלף", און אין דער גאַנצער ליטעראַטור וואָס האָט זיך אין דיזען בוך אָנגעשלאָסען, ווערט געניי אויסגערעכענט וויפיל טייל, וויפיל גראַן פריינדשאַפט, איבערגעבענהייט, גאווה, אַמביציע, באַוואונדערונג, אַכטונג, ליידענשאַפטליכע צוציהונג, אילוזיע, איינבילדונג, טוישונג, האַס, איבערדרוס, ענטהוזיאַזמוס, פאַרשטענדיגע אויסרעכענונג עס איז אַנטהאַלטען, א. ז. וו. ביי יעדען פון די באַטרעפענדע אין דעם **mixtum compositum**, וואָס זיי רופען ליבע. דורך אַזאַ אַנאַליז האָט זי פאַרלאָרען איר איבערנאַטירליכען כאַראַקטער און האָט אויפגעהערט פאַרגעטערט צו ווערען. אַנשטאַט איר פּאָעזיע האָט מען דאָ געקראָגען איר פּסיכאָלאָגיע. עס איז דאָ געשעהן דאָס וואָס פּאַסירט ווען מען קוקט דורך אַ טעלעסקאָפּ אויף אַ שטערן: זיינע שטראַלען פאַרשווינדען און מען זעהט נאָר דעם אַסטראָנאָמישען קערפּער; אָבער וואו פריהער האָט מען אין דער לבנה-ליכט געזעהן נאָ אַ העלען און געלנצענדען דיסק מיט אַן אייביג אונפאַרענדעליכער פלעכע, האָט מען איצט דערזעהן אַ גאַנצע רייהע בערג און טאָלען. אין דעם מאָמענט ווען עס איז געקומען דער פאַרלאַנג דאָס געפיהל פון ליבע צו פאַרשטעהן, איז די אויפמערקזאַמקייט נאַטירליכערווייז געריכט געוואָרען פיעל וועניגער אויף איר ערשטען ערוואַכען, וואָס אַלע דיכטער פון דער וועלט פון די עלטסטע צייטען אָן האָבען אַזוי באַזונגען און פאַרהערליכט, ווי אויף דאָס וואָס עס געשעהט שפּעטער, איר דויער, איר אויפהערען. אין די טראַגעדיעס, וואָס ביי

די פארשיידענע פעלקער זיינען זיי צו דער זעלבער צייט אויך די הימנען אויף דער ליבע, קומט דער טויט פון די ליבענדע שנעל נאך דאס ערשטע אויפבליהען פון דער ליבע. ראמעא דערזעהט יוליא'ן, זיי פארגעטערען איינס דאס אנדערע, און נאכדעם ווי זיי האבען איינציגע טעג און נעכט פארבראכט אין זיבעטען הימעל, ליגען זיי ביידע טויט. די פראגע פון באשטענדיגער טריישאפט אין דער ליבע טרעט נאך ניט ארויס אפען. אין דער דענישער ליבעס-טראגעדיע „אקסעל און וואלבארג" שיינט אפילו אז די רייד געהט דא פון קיין אנדער זאך נאר פון טריישאפט. דאס שטיק איז געבויט אויף דער לאנגער פארלאבונג פון די ליבענדע, און איז דאדורך עכט נאציאנאל. אבער אהלענשלעגער'ס „אקסעל און וואלבארג" באהאנדעלט די טריישאפט אין דער צייט פון צושיי־דונג, ניט די טריישאפט אין דעם צוזאמענלעבען. די טריישאפט איז דא אן אויסערע, דאס קלעפען פון דעם ליבענדען הארצען אן זיין געגענשטאנד; אבער וועגען דאס אינערע, וועגען דעם קלע־פען פון דעם הארצען אן דער ליבע, ווערט גארניט פארהאנדעלט. די ערשטע איז פאר'ן הארצען נאטירליך, ניין, זאגאר נויטיג, אבער די אנדערע איז דאס הארץ ניט אימשטאנד אויפצוהיטען דורך א באשלוס; זי ווערט אהן דעם ווילען אויפגעהערט און אויפגעגע־בען. אין „אקסעל און וואלבארג" ווערט די טריישאפט פארהער־ליכט אלס א טוגענד, ניט ערקלערט אלס פראדוקט; ווארום די דראמע איז א לירישע טראגעדיע, ניט קיין פסיכאלאגישע אונ־טערזוכונג.

און אט דיזע פראגע, די פראגע וועגען די באדינגונגען פון טריישאפט, ווערט עס אין „אדאלף" באהאנדעלט, די פראגע אונ־טער וועלכע באדינגונגען איז די ליידענשאפט דויערהאפט און אונטער וועלכע ניט. און דא איז דער ענטפער פארמולירט ווי אן אנקלאגע געגען דער געזעלשאפט; די געזעלשאפט, וועלכע ביל־דעט די עפענטליכע מיינונג, און שטיצט די אומשטענדען וואס זי אליין באשאפט, ארבייט אבער אין דערזעלבער צייט מיט די ערגס־טע מיטעל צו צושטערען די באדינגונגען פון דער טריישאפט אין יעדער פארבינדונג וואס זי האט ניט סאנקציאנירט, מעג אפילו אזא פארבינדונג זיין פונקט אזוי איידעל, פונקט אזוי אונעגאאיס־

טיש, און געטראָגען פון פּונקט אַזעלכע ערהאבענע נאַטורען, ווי די וואָס די געזעלשאַפט באַהיט און באַשיצט אויף אַלערליי אופנים.

קאָנסטאַן האָט דיזען ענטפּער געגעבען דורך אַ ראָמאַן, וואָס קען ניט זיין מער באַשיידען. ער האָט איינגאַנצען צוויי פּערזאָנען, מאַכט ניט דעם מינדסטען פּארזוך אויף סצענעריי און האָט ניט קיין איינציגען צופאַל אין דעם גאַנג פון דער האַנדלונג. אַלץ קומט פאָר לויט אינערליכע געזעצען, און דער לעזער באַאָבאַכטעט דיזע געשיכטע פון צוויי זעלען ביז צו איר ענדע אויף דעמזעלבען אופן ווי דער צושויער ביי אַ נאַטור־וויסענשאַפטליכען עקספּערימענט פאַרפאָלגט די איהרונג פון די שטאָפען וואָס זיינען איינגעשלאָסען אין דער כלי און די רעזולטאַטען פון דיזער איהרונג.

ווער זיינען, נון, דיזע ביידע פּערזאָנען?

צוערשט ווער איז ע ר? ער איז נאָך זעהר יונג, אין די ערשטע יוגענד־יאָרען; נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט אַ קליינעם דייטשען אוניווערזיטעט האָט מען אים (ווי דעם אויטאָר פון ראָמאַן אליין) אָנגעשטעלט אין אַ קליינעם דייטשען הויף. ער האָט דורכגעלעבט אַ רייהע פון צערשטרייאונגען אָבער האָט אויך דורכגעמאַכט אַ קורס פון אָנגעשטרענגטער און ערנסטער גייסטיגער ארבייט. די באַציהונג צו זיין פאָטער, אַ קאַלטער און איראָנישער מאַן וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר די בילדונג פון אַכצענטען יאָרהונדערט, האָט אויפגעוועקט אין זיין נשמה די ליבשאַפט פון דער יוגענד צו שטאַרקע, ליידענשאַפטליכע איינדריקען, ווי אויך די נייגונג צו זוכען דאָס אויסערגעוויינליכע, דאָס איבערנאַטירליכע, דער צוואַנג, אין וועלכען זיין פאָטער האָט אים געהאַלטען, האָט אין אים געבאָרען אַן אונגעדולדיגע בענקשאַפט נאָך באַפרייאונג פון די דריקענדע בענדער, ווי אויך אַ גרויסע מורא ארויפצולעגען אויף זיך נייע קייטען.

אַזוי ענטוויקעלט, קומט ער אָן אין אַ הויף, וואו אַלץ האָט געאַטעמט מיט איינפאָרמיגקייט און שטרענגע רעגעלען פון עטיקעט. ער ליידט אונטער די אַלע פלאַכקייטען וואָס ער מוז אויסהערען, ער, וועלכער האָט פון זיין פריסטער יוגענד געהאַט אַ שרעקליכען אָבשיי צו אַלע דאָגמאַטישע פראַזען און פאָרמאַליטעטען:

„ווען איך פלעג הערען ווי די זעלבסט־צופרידענע מיטעל־

מעסיגקייט פארברייט זיך וועגען אבסאלוט אונצווייפעלהאפטע, אונצוטרייסעלבארע פרינציפען פון מאראל, פון מנהגים אדער רעליגיאן, פלעג איך פיהלען א שטארקען דראנג צו ווידער־שפרעכען, ניט אזוי דערפאר ווייל איך בין געווען פון א פאר־קערטער מיינונג, נאר דערפאר ווייל איך פלעג די געדולד פאר־לירען צו זיין געצוואונגען צו הערען אזא מאסיווע און פלאטשיגע חכמה. ניט ווילענדיג האב איך זיך געשטעלט געגען אזעלכע אלגעמיינע כללים, וועלכע מוזען גילטען אהן שום באַ־שרענקונג, אהן שום פאדערונג. די דומקעפ האבען זייער מאַ־ראל אויסגעקנאטען אין א פעסטער, אונטיילבארער מאסע, אזוי אז זי איז אינגאנצען ניט אימשטאנד דורכצודרינגען זייערע האנדלונגען אין אלגעמיין, און גיט זיי פולע פרייהייט אין באזונדערע פעלען.״

פאר דיזער לאנגווייליגקייט וואס ער ליידט נעהמט ער נקמה דאדורך וואס ער מאכט זיך לוסטיג איבער זיין אומגעבונג און אירע רעגעלען, און קריגט דערפאר שנעל דעם נאמען פון א לייכט־זיניגען, בייזען שפאטער. דעם ערצעהלער אליין איז ניט ליב דיזע לוסט צו שפאט און צו טראציגקייט.

„אבער — זאגט ער — איך קען פאר מיין ענטשולדיגונג טענה'ן, אז עס נעהמט צייט ביז מען געוויינט זיך צו צו מענשען ווי זיי זיינען, און צו דאס וואס עגאאיזמוס, געמאכטקייט, גאוה און פייגהייט האבען פון זיי געמאכט. די פארוואונדערונג וואס מען פיהלט אין דער ערשטער יוגענד איבער אזא קינסטליכער און ווילקירליך איינגעארדענטער געזעלשאפט, ווייזט גיכער אויף א נאַ־טירליכען געדאנקען־גאנג, איידער אויף א בייזען געמיט. אויסער־דעם, האט די געזעלשאפט גארניט וואס מורא צו האבען פון אונז: זי דריקט אויף אונז אזוי שטארק, איר טעמפער איינפלוס איז אזוי מעכטיג, אז עס דארף ניט נעהמען לאנג אונז אומצו־שאפען לויט דעם אלגעמיינעם שניט. מיר וואונדערען זיך דאן נאר איבער אונזער ערשטער פארוואונדערונג, פונקט ווי מען הויבט סוף כל סוף אן צו אטעמען פריי אין א צימער געפיהלט מיט מענ־שען, וואס צוערשט האט זיך געדוכט אז די לופט קען מען קוים ציהען.״

אָבער די דאָזיגע קליינע צוזאַמענשטויסען מיט אַ באַשרענקטער אומגעבונג קענען דאָך ניט אויספילען די צייט פון דעם באַגאַבטען יונגענמאַן.

עס דריקט אויף אים אַן אונצופרידענקייט, וועלכע ער שלעפּט נאָך זיך ווי אַ קויל אויף די פיס. ווי רענעי און אָבערמאַן געהערט ער צו יענעם סאָרט זיהן, וועמען די פאָטערס האָבען, ווי עס שיינט, קיין שום ארבייט ניט איבערגעלאָזט צו טאָן. אָבוואָל ער איז קיינמאָל גייסטיג ניט גענעטיגט געוואָרען, איז ער דאָך ניט הונגעריג. דאָס צוקונפטיגע האָט פאַר אים קיין אינטערעס ניט, דען ער האָט מיט זיין פאַנטאַזיע ווייט אַהין אריינגעדרונגען, און דאָס פאַרגאַנגענע האָט אים אַלט געמאַכט, דען ער האָט אין זיינע געדאַנקען מערערע יאָרהונדערטען דורכגעלעבט. ער האָט אַלעס מעגליכע באַגערט, אָבער ער האָט קיין זאַך ערנסט ניט געוואָלט; וואָס אָהנמעכטיגער ער פיהלט זיך, אַלץ ברייטער צעוואַקסט זיך זיין גאווה, וואָרום גאוה איז שטענדיג דאָס מאַטעריאַל, מיט וועלכען די שוואַכע און ווילענסלאָזע זוכען אומזיסט אויסצופילען די שפּאַלטען אין זייער ווילען אָדער טאַלאַנט. ער וויל ליבען און געליבט ווערען, וואָרום ער וויל די ליבע באַנוצען אַלס אַ שטאַרקונגס־טראַנק פאַר זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין. ער וויל קריגען אַ מער אינטענסיווען געפיהל פון זיין אייגענעם ווערט. ער וויל שטייגען אין זיינע אייגענע אויגען און אין די אויגען פון אַנדערע. ער שטרעבט ניט נאָך אַ פאַרבאָרגענעם אָדער פאַרשטעלטען גליק; ער זוכט צו מאַכען זיך אַזאַ עראָבערונג, אַז ער זאָל אַנגע־רופען ווערען דער גליקליכער, אויפצוועקען אויפזעהן און רייד דורך אַ טריאומף אָדער סקאַנדאַל וואָס זאָל אויפרייסען די אויגען. אויף אַזאַ אופן קריגט ער צום ערשטען מאָל אַ פאַרווענדונג פאַר זיינע קרעפטען, און דאָס גליק פון דער ליבע ווערט פאַר אים דאָס גליק פון צו פיהלען ענדליך איינמאָל זיין ווילען, דערמיט וואָס ער בויגט אַן אַנדער ווילען אונטער זיינעם. ער איז פון דער נאַטור ניט מער אומטריי ווי אַנדערע מענער. ער וועט קענען ליבען נאָך צערטליכער, האַנדלען נאָך אויפּאָפּפערענדער ווי אַ סך אַנדערע. אָבער כדי צו קענען ליבען טריי, מוזען אַ סך אומשטענדען אַנדערש זיין. ער איז צו יונג ניט צו פיהלען צו אַ פרוי מער

נייגעריגקייט און אַוואַנטוריזם ווי ליבע, ער איז צו שוואַך און אונמעגליך צו קענען, אַפילו ווען ער ליבט טיף, דיזען געפיהל אויפהיטען אונבאַשעדיגט אין פאַל די געזעלשאַפט קוקט אונגינסטיג דאַרויף, און, וואָס נאָך מער, טראָץ זיין גאַנצער פאַרשיידענקייט פון זיין פאָטער, איז ער צו פיעל זיין זוהן צו שטעלען, אָהן זעלבסט־צושפּאָלטענקייט אָדער זעלבסט־איראָניע, זיין גאַנץ לעבען אויף איין קאָרט. ער איז אונענליך און ענליך צו זיין פאָטער, פּונקט ווי דער 19טער יאָרהונדערט איז געווען דער געגנער און דער זוהן פון דעם 18טען.

און ווער איז ז י ? זי איז פון דעם דיכטער בכיוון אַזוי געצייכענט, אַז אַדאָלפ׳ס ליבע צו איר, ווי שטאַרק זי זאָל ניט זיין, מוז סוף כל סוף זיך אונטערגעבען צו די אומשטענדען און דער געזעלשאַפט. ערשטענס איז אַדאָלף ניט דער ערשטער מאַן וואָס זי האָט געליבט, און דער אורטייל פון דער וועלט האָט זי שוין געבראַנדמאַרקט נאָך איידער זי באַקענט זיך מיט אים; אין געזעלשאַפטליכער שטעלונג איז זי ניט זיין גלייכען, אָבוואָל זי איז עם לויט איר געבורט. צווייטענס איז זי באַדייטענד עלטער פון אים, אַלזאָ אויך אין יאָרען ניט גלייך. דריטענס באַזיצט זי אַ ליידענשאַפטליכען, ענערגיש ליבענדען כאַראַקטער וועלכער וואָלט געקענט זיך פאַרשמעלצען מיט זיינעם ווען די געזעלשאַפט זאָל צו דיזער פאַרשמעלצונג מיטווירקען, אָבער וועלכער מוז אי אים, אי איר, אומגליקליך מאַכען, ווען די געזעלשאַפט פאַרהאַרטעוועט אים געגען איר.

עלעאָנאָר איז אין דעם אויגענבליק, ווען אַדאָלף דערקענט זי, ניט קיין יונג און אונערפאַרען מיידעל, וואָס ווערט פון דער ערשטער ליבע ערגריפען. זי איז אַ פרוי, ביי וועלכער יעדער אויפקומענדער געפיהל צייכענט זיך אָב אויף אַ הינטערגרונד פון ערפאַרונג, פון ערנסטער און שמערצליכער ערפאַרונג, וואָס האָט איר זעלע שטאַרק צופליקט. דיזער סכום פון ערפאַרונגען איז דער ערשטער נייער שטריך אין איר פערזענליכקייט. עלעאָנאָר האָט זיך אָבגעזאָגט פון אַלע גיטער און פריידען פון אַ רוהיגען, באַשיצטען לעבען. געבאָרען פון הויכער אָבשטאַמונג און רייכטום, האָט זי דאָך פאַמיליע און היים פאַרלאָזען, אום צו געהן אַלס געליבטע מיט

דעם ווענען זי האט אויסגעוועהלט. זי האט אויסגעקליבען צווישען דער גאנצער וועלט און אים; זי האט איר אויפפירונג ערהאבען געמאכט דאדורך וואס זי האט זיך פאלשטענדיג אבגעזאגט פון אלץ און אלעמען אום צו קענען זיך אינגאנצען אפפערען פון זיינעטוועגען און זי האט אנגעהויבען דערמיט, וואס זי האט גערעטעט זיין פארמעגען. זי האט באלד געזעהן די גאנצע וועלט טייטלען אויף איר ווי אויף עפּיס א פארעכטליכע זאך, ביי יעדען שריט וואס זי האט געטאן האט זי זיך געזעהן באגלייט פון באלייריגענדע, אונפארשעמטע בליקען. איין פרוי האט דער אנדערער אויף איר מיט די פינגער געוויזען. יעדער, אפילו דער אומווירדיגסטער, האט זיך געפיהלט בארעכטיגט מיט א בליק אדער ווארט אבצודריקען דעם צייכען פון שאנדע אויף איר שטערען. איין הויז נאך דעם אנדערען, אין דעם ארט וואו זי האט געוואוינט, האט זיך פאר איר פארשלאסען; אין גיכען האט זי זיך געפונען צוריקגעווארפען אויסשליסליך אויף דער געזעלשאפט פון מענער, די פריינד פון איר געליבטען, און דער טאן פון דיזע, ווי עהרווירדיג ער איז ניט געווען, פלעגט איר דאך אפטמאל קלינגען צווייפעלהאפט. אבער זי, וועלכע האט איין מאל פאר אלע מאל איר לעבען אויף אן איינציגער קארט געשטעלט, האט פון ערשטען טאג צונויפגעזאמעלט אלע קרעפטען פון איר נשמה צום ווידערשטאנד; זי האט געזאגט צו זיך אליין: „אויב איך האב געמאכט א פעלער וואס איך האב זיך צו דיזען מאן צוגעבונדען ,דאן וויל איך זיך דערהויבען און מיט דער שטרענגסטער טרייקייט דעם פעלער גוטמאכען. זאל א גליהענדע באגייסטערונג, אן איבערגעבענקייט וואס ווייס קיין גרעניץ ניט אין איר אויפאפפערונג, ניט גענוג זיין אויפצוהאלטען דעם, וועלכער שיינט צו מוזען צוזאמענברעכען אונטער דער פאראכטונג פון דער וועלט? מעגען זיי זיך שפאטען און וויזען מיט די פינגער אויף מיר, אז די פארב זאל מיר קומען אין געזיכט, איך וועל מיין נאקען ניט בויגען און מיינע אויגען ניט ארא‍בלאזען. מעג איך אפילו אלץ פארלירען, זייער גאסטפריינדליכקייט און זייערע פעסטליכקייטען, זייער אכטונג און די חניפה מיט וועלכער די געזעלשאפט איז צוזאמענגעקלעפּט — מיין לעבען האט אין איין איינציגען געפיהל א גרעסערען רייכטום

ווי דאָס זייעריגע אין זיין גאנצען פאַלשען גלאַנץ.״ דיזער עלע־מענט פון ווילען איז דער צווייטער נייער שטריך.

אויף דיזען פונקט האָט זי זיך צוזאמענגעהאַלטען פיעל יאָרען, אַזוי שטארק האָט זי געגלויבט אין אים און אין דער ליבע. דאַן כאַפּט זי אַרום דער ערשטער צווייפעל אין זיין באשטענדיגקייט, און איר גאַנצער געביי פאַלט צוזאַמען. שעצט ער נאָך אַלץ אזוי פיעל איבערגעבענהייט, פאַרשטעהט ער וואָס זי ליידט, און וועט ער זי דערפאַר ניט באַ׳עולה׳ן? ליבט ער זי אָדער ער האנדעלט נאָר ווי אַן עהרענמאַן? איז ער טריי אָדער איז ער נאָר צו שטאָלץ און וואויל־ערצויגען זיך ארויסצעווייזען אונדאנקבאר און גלייכגיל־טיג?

ניט אָהן טרערען שטעלט זי זיך די דאָזיגע פראגען, און ניט אָהן טיפען שמערץ גיט זי זיך אַליין דעם ענטפער. פון יעצט אָן איז עס אויס מיט איר, זי איז צומאָלען און פארניכטעט; ווארום דער גלויבען אין דער ליבע, וואָס איז איר איינציגע שטיצע געווען, איז מיט׳ן ווינד אוועק, און די טרייקייט, אין וועלכער זי האָט איר עהרע ארייננעשטעלט, איז אַ פּוסטעס וואָרט געוואָרען. אויב זי זאָל ניט יונגערהייד פארעלטערט און פארוועלקט אין קבר געהן, מוז זי דאָס לעבען צוריקגעווינען, צוריקגעווינענדיג איר גלויבען אין דער אַלמעכטיגקייט פון דער ליבע אַזוי, אַז די אַלגעמיינע וועלט־קלוגשאַפט און דער עגאָאיזם, וועלכע שטעלען זיך ארויס אַלס טוגענד אין רעליגיאָן, זאָלען ניט זיין די שטארקסטע און בלייבען די גערעכטע. און אין דיזען אויגענבליק באַגעגענט איר אַראָלף. ער טרעט צו צו איר מיט אַ פארלאַנגען, אין וועלכען עס איז קאָנצענטרירט דער גאַנצער דורשט צום לעבען און זיין איינ־האַלט, ער ווערט צו איר געצויגען ווי צו אַ וועזען, אין וועלכען, ווי ער פיהלט, אוצרות פון ליידענשאַפט, פון צערטליכקייט און באַ־גייסטערונג זיינען איינגעזאַמעלט און צו דערזעלבער צייט באַגראַ־בען. און זיין בענקשאַפט און איר באַדערפניש, זיין שטאָלץ און איר פארצווייפלונג, זיין יוגענד און אירע ענטוישונגען גרייפען איין איינס אין אַנדערען, ווי צוויי רעדער אין איינעם און דעמ־זעלבען זייגער־מעכאַניזם.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען דעם ענטהוזיאַזמוס מיט

וועלכען די ליידענשאַפט וועט אויפפלאַקערען אין דעם ערשטען אויגענבליק, דעם פולען און מעכטיגען אַקאָרד, וואָס וועט אויפקלינגען, די יובעלנדע סימפּאַטיע, וואָס וועט ערשאַלען, אַזוי ווי רעטונג און זיג וואָלטען אויף אימער פאַרביידען געוואונען געוואָרען. ווען מיר אַנאַליזירען עלעאָנאָר'ס געפיהל געפינען מיר אין איהם אַ נייע און גאַנץ אייגענאַרטיגע מישונג: אַ באַגייסטערונג וואָס איז כמעט פאַנטאַסטיש, וואָרום זי מוז אין יעדען אויגענבליק טויטען די צוריקבליקענדע אויפערזוכט וואָס ברעכט אויס אימער אויף דאָס ניי; אַ גלויבען וואָס איז כמעט קאָנוואולסיוו, וואָרום ער איז ניט באַגרינדעט אויף דעם געזונדען נאַטירליכען צוטרוי, נאָר אויף דעם ווילען צו גלויבען, צו גלויבען טראָץ אַלעמען, טראָץ דעם באַוואוסטזיין אַז זי איז שוין איינמאָל אָבגענאַרט געוואָרען; אַ טרייקייט, ענדליך, וואָס שמאַכט אונטער דער נויטווענדיגקייט צו דאַרפען שטענדיג באַווייזען איהר עקזיסטענץ, וואָרום זי איז אַרויסגעקומען פון אַן אונטרייקייט אין דער פאַרגאַנגענהייט. דיזע פאַרשטאַרקטע ליידענשאַפטליכקייט איז עלעאָנאָר'ס דריטער מערקבאַרער כאַראַקטער־שטריך. „מען פלעגט זי באַטראַכטען — זאָגט אַדאָלף — מיט דעמזעלבען אינטערעס און דערזעלבער באַוואונדערונג ווי אַ שעהנעם שטורם."

מיט דיזע נייע שטריכען טרעט דאָ אויף אין דער ליטעראַטור אַ גאַנץ נייער ווייבליכער טיפּוס, אַ טיפּוס וועלכען דער גרויסער ראָמאַניסט באַלזאַק מאַכט שפּעטער פאַר זיין אייגען און וואַריאירט איהם מיט אַזאַ באַוואוסטזיין פון זיין אָריגינאַליטעט און מיט אַזאַ געניאַליטעט, דאָס ער קען אָנגערופען ווערען זיין שעפּפער — אַ טיפּוס, וועלכער ווערט אָם בעסטען אָנגערופען מיט דעם נאָמען וואָס ער האָט געקראָגען ביי באַלזאַק: „די דרייסיג־יעריגע פרוי."

אין איין צייט מיט איהם דריקט זשאָרזש סאַנד אויך אויס דיזען טיפּ און אידעאַליזירט איהם אין אַ גאַנצער רייהע פון אירע ראָמאַנען. אונטער דער פעדער פון דיזע צוויי שריפטשטעלער האָט ער זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַ וועלט וואָס איז ביז דאַן גאַנץ אונבאַקאַנט געווען, אַ וועלט אין וועלכער אַלע געפיהלען, ליידענשאַפטען און געדאַנקען טראָגען אַ קרעפטיגען כאַראַקטער ווי אין דעם גאַנץ יונגען האַרצען. פון דעם ראָמאַן געהט דיזער טיפּ אַרי־

בער אין דער דראַמאַטישער פּאָעזיע און באַהערשט לאַנג דאָס פראַנצויזישע טעאַטער — עס איז אַ טיפּ, אין וועלכען, קורץ געזאָגט, די באַגינענדע ליטעראַטור פון דעם יאָרהונדערט האָט געפּונען איר קעניגין, אַזוי ווי זי האָט אין רענעי געפונען איר קעניג.

איך האָב ליב ביי יעדען טיפּוס צו שילדערען צוגלייך זיין קאַריקאַטור. איך האָב אָנגעוויזען די נאָכגעקרימטע פאָרם פון דער זעלבסט־פאַרגעטערונג ביי רענעי, פון דער געפיהלפולקייט ביי „ווערטהער", פון דער פאַרוואָרפענקייט ביי „אָבערמאַן". די קאַריקאַטור פון דער דרייסיג יעריגער פרוי ביי באַלזאַק איז די פערציג יעריגע פרוי ביי זיינע נאָכאַהמער. עס איז געקומען אַ טאָג ווען די קריטיק האָט זיך ביטער באַקלאָגט וואָס די ליבע און שעהנקייט זיינען אין דער ליטעראַטור אַראָבגעזעצט געוואָרען פון טראָן. זשול זשאַנען דריקט אויס אויף זיין לייכטען שטייגער דיזע קלאַגע אין דער פאָרם פון אַן אַנקלאַגע געגען באַלזאַק, וועמען ער באַשולדיגט אַז ער איז דער ערפינדער פון יענע אַלע ליידענשאַפטען אין וועלכע די פרויען פאַלען אריין נאָך זייער דרייסיגטען יאָר. ער רופט אים אָן דער קריסטאָפער קאָלומבוס פון דער פערציג־יעריגער פרוי. „די פרוי פון דרייסיג ביז פערציג יאָר — זאָגט ער — איז פריהער געווען אַ געביט וואָס איז געווען פאַרלאָרען פאַר דער ליבע, ד. ה .פאַר'ן ראָמאַן און דער דראַמע. אָבער היינט צו טאָג, אַ דאַנק דער אַנטדעקונג פון דיזען שמייכלענדען פעלד, הערשט די פערציג־יעריגע פרוי אַליין אין דראַמע און ראָמאַן. דיזען מאָל האָט די נייע וועלט איינגאַנצען אונטערדריקט די אַלטע, און די פרוי פון פערציג יאָר האָט באַזיגט דאָס יונגע מיידעל פון זעכצען.

„ווער קלאַפּט?" רופט אויס די דראַמע מיט איר טיפער שטימע. „ווער איז?" שרייט דער ראָמאַן מיט זיין דינעם קול. „איך בין עס", ענטפערט ציטערענדיג דאָס זעכצענטע יאָר מיט זיינע פערלדיגע ציין, זיין בוזים פון שניי, מיט זיינע ווייכע ליניען, זיין פרישען שמייכעל, און זיין זאַנפטען בליק. „איך בין עס, איך אין דעמזעלבען עלטער וואָס יוליאַ ביי ראַסין, דעסדעמאָנאַ ביי שעקספּיער, אַגנעס ביי מאָליער, זאַירא ביי וואָלטעיר, מאַנאָ לעסקאָ ביי אַבבעי פּרעוואָ, ווירזשיני ביי סעינט־פּיער. איך

בין עס, איך האָב רעמזועלבען ליבליכען, פליהענדען, באַצויבע־רענדען עלטער ווי אַלע יונגע מיידלעך ביי אַריאָסטאָ, לעסאַזש, בייראָן און וואַלטער סקאָט. איך בין עס, איך בין די יוגענד, וועלכע האָפט, וועלכע איז אונשולדיג, וועלכע וואַרפט איר הימעל־שעהנעם בליק אין דער צוקונפט אָהן מורא. איך בין דער אַלטער פון אַלע ריינע פאַרלאַנגען, אַלע איידעלע אינסטינקטען, דער אַל־טער פון שטאָלץ און אונשולד. ווייזט מיר אָן מיין פּלאַץ, ליבער הער! אַזוי רעדט דער זעכצען־יעריגער אַלטער צו די ראָמאַ־ניסטען און דראַמאַטורגען. אָבער דיזע ענטפערען: מיר זיינען באַשעפטיגט מיט דיין מוטער, קינד; קום ווידער אין צוואַנציג יאָר אַרום און מיר וועלען זעהן אויב מיר קענען עפּיס פון דיר מאַכען.

„אין דער דראַמע און דעם ראָמאַן איז יעצט קיין אַנדער זאַך ניטאָ ווי נאָר די פרוי פון דרייסיג יאָר, וועלכע וועט מאָרגען פער־ציג יאָר אַלט ווערען. בלויז זי קען ליבען, בלויז זי קען ליידען. זי איז שוין דערמיט אַליין מער דראַמאַטיש, ווייל זי האָט מער קיין צייט ניט צו וואַרטען. וואָס קענען מיר מאַכען פון אַ קליין מיידעל וואָס ווייס ניט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר וויינען, לי־בען, זיפצען, שמייכלען, האָפען און ציטערען? די פרוי פון דריי־סיג יאָר וויינט ניט, זי שלוכצט; זי שמייכעלט ניט, זי לאַכט אויפ'ן קול; זי טרוימט ניט, זי טוט! דאָס איז די דראַמע, דאָס איז דער ראָמאַן, דאָס איז דאָס לעבען.״ אַזוי ריידען, האַנדלען און ענטפערען אונזערע גרויסע דראַמאַטיקער און אונ־זערע באַריהמטע נאָוועליסטען.

איינע פון די באַגאַבטעסטע און גייסטרייכסטע פרויען פון דער נייער צייט, מאַדאַם עמיל דע זשיראַרדען, האָט פאַרטיידיגט באַלזאַק און געזאָגט זעהר ריכטיג: „איז עס באַלזאַק'ס שולד וואָס דער אַלטער פון דרייסיג יאָר איז היינט צו טאָג דער אַלטער פון ליבע? באַלזאַק איז געצוואונגען צו מאָלען די ליבע אַזוי ווי ער געפינט זי, און היינט צו טאָג געפינט מען זי ניט אין אַ זעכ־צען־יעריגען הארצען.״

דער קרעפטיגער פראָמעטעאישער דור, צו וועלכען געטהע האָט געהערט, האָט זיין קרעפטיגען טיפּוס אַרויסגעבראַכט אין

„פאוסט," דעם אנטוויקעלטען מאן, דעם הויך־באגאבטען גייסט, דער, וואס נאכדעם ווי ער האט אלע שטודיען אויסגעשעפט, אלע וויסענשאפטען דורכגעפארשט האט אויף דער הויך פון דעם מענ־ליכען אלטער דערפיהלט א פוסטקייט אין זיין הארצען, א דורשט נאך יוגענד, פרישקייט און נאאיוויטעט, און ער האט זיך אריינ־געווארפען אין לעבען און זיך פארליבט אין א קינד. עס איז איר איינפאכקייט און אונשולד וואס באזיגט און בארוישט אים, און וואס ער וויל ציהען נאך זיך.

דער אומגליקליכער דור פון פארבלאנדזשעטע און פארטרי־בענע, היימאטסלאזע און עמיגראנטען, צו וועלכען קאנסטאן גע־הערט, פארקערפערט זיין אידעאלע פערזענליכקייט אין א טיפ ווי אדאלף, וועלכער, זייענדיג אלט פון דער וויג אן, מיט א קאל־טען און טרוקענעם הארצען, ביי זיין גאנצער פארצווייפלונג — באנערליך און שטאלץ, אין יארען און ערפארונג ניט מער ווי א קינד, זוכט ער אין דער ליבע שטארקע סענסועלע אויפרעגונ־גען און אויפטרייסלענדע איינדריקען, לעבענס־קענטניש, די קענט־ניש פון ליידענשאפטען און פון דעם פרויען־הארץ, פון קעמפפען און געפארען, מיט אייןווארט — ער זוכט העכערקייט, סופיריא־ריטעט אין דער פרוי. אזא העכערקייט אבער געפינט מען ניט ביי דער גאנץ יונגער מיידעל, וואס איז אויסגעוואקסען אונטער די אויגען פון איר מוטער אין א קליין־בירגערליכען הויז. דער טריאומף זי צו באזיגען פארשאפט ניט קיין באפרידיגונג. אבער מיט דער העכערקייט פון דער פרוי אין אלטער און ערפארונג ענדערט זיך דער כאראקטער פון דעם גאנצען געפיהל און פון דער גאנצער פארהעלטניש. אין דער פריהעריגער שילדערונג פלעגט עס אימער אנגענומען ווערען, אז די פרוי איז מיט איינינע יאר אינגער ווי דער מאן. די קינדישע און נאאיווע אויפפאסונג איז געווען, אז די ליבע האט נאר פאראייניגט צוויי וועזענס וועל־כע זיינען אין דרויסען געווען אזוי באשטימט איינס פאר'ן אנ־דערן, אז ער האט דערפיהלט די ליבע גלייך ווי ער האט זי דער־זעהן, און זי, גלייך ווי זי האט אים דערזעהן. ווען דיזער אויגענ־בליק איז נאר ערשינען, דאן האבען זיי זיך געליבט גליקליך און אונגעשטערט דאס גאנצע לעבען. און עס האט זיך פארשטאנען

פון זיך זעלבסט אז די השגחה, וועלכע האָט זיי געשאַפען אויס־
שליסליך איינס פאַר'ן אנדערן און געזאָרגט אז זיי זאָלען זיך באַ־
געגנען אין דער רעכטער שעה, האָט געזאָרגט אויך דערפאַר, אז די
אַלע קליינע זייטיגע אומשטענדען זאָלען אויך זיין זיין עסטעטיש
און אין אָרדנונג, ווי צום ביישפיל, דער אַלטער זאָל זיין גוט און
הארמאָניש, ד. ה. די כלה א פּאָר יאָר אינגער ווי דער חתן, קורץ,
אַלץ איז געווען געגוי לויט דער פאָרשריפט. פון דעם אויגענ־
בליק אָן ווען איינער פון די הויפּט טיפען אין דער ליטעראַטור
ווערט א ליבהאָבערין וואָס איז מיט איניגע יאָר עלטער פון איר
ליבהאָבער, הויבט זיך אָן א רעוואָלוציאָן אין דער גאַנצער אויפפאַ־
סונג פון דעם געפיהל. מיר געפינען דעם גרויסען קאָנטראַסט
איבעראַל: אין באַלזאַק'ס ראָמאַנען, צ. ב. „לאַ פאַם דע טראַנט
אַן," אין „לאַ פאַם אבאַנדאָנע," אין „לע מעזאַדזש," ביי זשאָרזש
סאַנד אין אַזעלכע פארשיידע'ע ווערק ווי „פראַנסואַ לע שאַמפּי,"
און „לוקרעסיאַ פלאָריאַני," און די פאַרהעלטניש פון אַלטער איז
געווען אויפ'ן זעלבען שטייגער ביי דער בארימטסטער שריפט־
שטעלער־פּאָר אין דער נייערער פראַנצויזישער ליטעראַטור,
זשאָרזש סאַנד און אַלפרעד דע מוססע. דער דאָזיגער אונטערשייד
אין אַלטער צווישען די צוויי געליבטע ווארפט אום די אויפפאַסונג
פון דער ליבע אַלס געזעלשאַפטליכע מאַכט. וואָרום ווען די לי־
בע פאַרקניפּט צוויי וועזענס וועלכע זיינען אַזוי ניט גלייך איינס
צום אַנדערען, דאַן שיינט זי צו זיין עטוואָס וועניגער שטאַנד־
האַפטיגעס, וועניגער רעגעלמעסיגעס און וועניגער גליקליכעס,
נאָר שנעלער פאָראיבערגעהענדעס, ווי די ליבע וואָלט געדאַרפט
זיין אום צו זיין א געזעלשאַפטליכע מאַכט. עס ווערט קלאָר אַז
זי איז ניט דאָסזעלבע וואָס דער פּאָרשפּיל צו א בירגערליכער
חתונה. זי איז א גאַנץ אַנדער זאַך. זי שיינט צו אַנשטעהן אונ־
טער געוויסע באַדינגונגען, ווען די וועגען פון צוויי וועזענס פון
א געוויסען כאַראַקטער קרייצען אָדער שניידען זיך דורך, און זי
זעהט ניט אויס צו זיין א בילד פון גרויסער הארמאָניע אין לע־
בען.

וויבאַלד, נון, פון דיזען מאָמענט הויבט די פרוי אָן געשיל־
דערט צו ווערען אין קאַמפּף געגען דער עקזיסטירענדער געזעל־

שאפט, און וויבאלד זי קען דיזען קאמפף אין גאַנץ יונגע יאָרען ניט פירען, דעריבער ווערט, ווי געזאָגט, די יונגע מיידעל אלס העלדין אָבגערוקט אין אַ זייט דורך דער אַנטוויקעלטער פרוי. מיט'ן פולען ערנסט נעהמט די ליטעראַטור אויף דיזען ווייבליכען טיפּ ערשט ביי באַלזאַק. דריי גרויסע פּאַסירונגען האָבען פריהער גע־מוזט געשעהן: דער סעינט־סימאָניזמוס מיט זיינע עמאַנציפּאַ־טאָרישע און הומאַניסטישע טענדענצען, די יולי־רעוואָלוציע, וועל־כע האָט אויף שטענדיג צוטרייסעלט אַ געוויסע עטיקעטע אין דער לאַגע און שטעלונג פון די פרויען, און זשאָרזש סאַנד'ס אויפטריט; וואָרום די געשיכטליכע ראָלע פון זשאָרזש סאַנד באַשטעהט דע־רין, וואָס זי האָט איינע אליין געשטרעבט צו פירען פאַר דער פרוי דעמזעלבען פרייהייטס־קאַמפּף, צו וועלכען די רעוואָלוציע פון 1789 האָט געגעבען דעם אָנשטויס דעם מאַן. די רעוואָלוציע האָט געשאַפען אַ געזעץ־בוך, וועמעס ערשטער פּאַראַגראַף לויטעט: „אַלע פראַנצויזען זיינען גלייך פאַר'ן געזעץ,‟ אָבער דיזער פּאַראַ־גראַף פאַרגעסט איינגאַנצען די פראַנצויזינס. דער קאַמפּף פון די פרויען איז געקומען צום וואָרט אין דער ליטעראַטור. אויב אָבער דיזער פרויען־טיפּוס, און מיט איהם דער קאַמפּף פון דער פרוי גע־גען דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, האָט דאָ אויפגעטויכט אין דער ליטעראַטור אַזוי לאַנג פאַר זשאָרזש סאַנד, איז עס דערפאַר, וואָס לעאָנאָר איז געשילדערט נאָך דער באַדייטענדסטער פרויען־געשטאַלט פון יענער צייט, יע, נאָך אַ פרוי, וואָס האָט זאָגאַר גע־גען אַ נאַפּאָלעאָן געוואַגט אַרויסצוטרעטען אַלס געגנערין.

דיזער נייער פרויען־טיפּ שטעהט אין שאַרפען קאָנטראַסט צו די פרויען־געשטאַלטען, אין וועלכע די דייטשע פּאָעזיע אונ־טער געטהע דערגרייכט איהר העכסטע פאָקאָמענהייט און אין וועל־כע דאָס אייגענאַרטיגע גערמאַנישע געמיטס־לעבען האָט זיך אַם ריינסטען אויסגעדריקט. לאָמיר נאָר איין אויגענבליק באַטראַכ־טען גרעטכען און קלאַרכען. דאָס זיינען צוויי קאָנטראַסטען, איי־נע אַ זאַנפטערע און פרימערע נאַטור, די אַנדערע אַ מוטיגערע און פייערדיגערע. אָבער דער גרונד־שטעמפּעל פון זייערע נשמות איז דערזעלבער. דאָס זיינען צוויי קינדער. ביידע גיבען זיך פאָל־שטענדיג איבער אַן איינציגען געפיהל, זייער כאַראַקטער איז איינ־

גאַנצען ניט קיין אויפגעלעגטער, איינפאַך, ריין־הערציג, נאַאיוו. זיי ליבען ביידע צום ערשטען מאָל, און נאָר דאָס איינע מאָל. זיי גיבען זיך ביידע אָב, אָהן חתונה, מיט פולען פאַרטרויען, אָהן שום ווידערשטאַנד, ניין, אָהן דעם מינדסטען ווילען צו ווידערשטעהן דעם געליבטען, איינע אוים טיפער וויבליכער צוגעבונדענקייט, די אַנדערע אוים הויכער וויבליכער באַגייסטערונג. זיי פאַלט גאָרניט איין אַז זיי טוען אַן אומרעכט, זיי דענקען ניט. זייער גאַנצער וועזען, זייער ווילען און זייערע געדאַנקען שטאָמען ניט ווילענדיג פון זיי אוועק, זיי ווייסען אַליין ניט ווי אַזוי זייערע הערצער נעהמען אויף אַן איינדרוק אַזוי ווייך ווי וואַקס, אָבער איינמאָל אויפגענומען, ווערט דער איינדרוק מער ניט אויסגעלאָשען און בלייבט שטעהן אויסגעקריצט ווי אין גאָלד. קיין זאַך קען זיך ניט פאַרגלייכען צו דער ריינקייט, אונשולד און ערליכקייט פון זייערע נשמות. זיי זיינען טריי פון אינסטינקט, זיי באַגרייפען ניט אַז מען קען אַנדערש זיין. זיי האָבען ניט קיין מאָראַל אָבער זיי האָבען אַלע טוגענדען; וואָרום מאָראַליש איז מען מיט באַוואוסטזיין, אָבער גוט איז מען פון נאַטור. זיי באַטראַכטען זיך ניט אַלס גלייכען צו זייער געליבטען. זיי קוקען צו אים אַרויף. פאַר זיי איז עס, אַזוי ווי עס וואָלט פאַרווירקליכט געוואָרען די אַלטע לעגענדע, אַז די זיהן פו די געטער זיינען אַראָבגעשטיגען צו די טעכטער פון די מענשען. גרעטכען איז ערשטוינט איבער פאַוסט'ס טיפען וויסען, און קלאַרכען שטעלט זיך אויף די קניה פאַר עגמאָנט'ן ווען ער ערשיינט אין זיין פולער פראַכט! זיי פאַרלירען זיך אינגאַנצען אין דעם געליבטען, געהען אין אים אויף און פאַרשווינדען אין אים. דאָס זיינען ניט קיין צוויי גלייכע פערזענליכקייטען, וועלכע גיבען איינער דעם אַנדערען די האַנד און פאַרפליכטען זיך צו איינאַנדער, עס איז אַ פאַרווירטעס, באַוואונדערנדעס קינד, וואָס קלאַמערט זיך אָן אַ מאַן. ער איז איר גאַנץ לעבען, אָבער אין זיין לעבען איז זי נאָר אַן עפּיזאָד. זיין בליק כאַפּט אַרום און דרינגט דורך איר גאַנצען וועזען, אָבער זי קען אים פון קיין זייט ניט אַרומכאַפּען, און נאָך ווענינער אים דורכדרינגען און באַאורטיילען, זי איז ניט אימשטאַנד צו באַנעהמען, ניט זיינע באַגרענצונגען ניט זיינע חסרונות. וואוהין זי

קוקט זעהט זי אים אלס עטוואָס קאָלאָסאַלעס און גיגאַנטישעס, וואָס רוקט זיך איר אַנטקעגען פון אַלע זייטען. דאריבער איז אין דיזער ליבע ניטאָ קיין קריטיק, קיין באַפרייאונג פאַר דעם גייסט, קיין געברויך פון דעם פאַרשטאַנד. ער איז דער גרויסער, דער ערליכער, וואָס, קען פון אַלץ ריידען און האָט אַן ענטפער אויף אַלע פראַגען, אַזוי ווי פאַוסט, אָדער זיין נאָמען איז אויף אַלע ליפען אַלס העלד און באַפרייער און וועמען די גאַנצע שטאָדט קען, אַזוי ווי עגמאָנט. דאָ, זאָג איך, איז ניטאָ קיין באַפרייאונג פון דעם גייסט; וואָרום דיזע יונגע מיידעל האָט ניט קיין גייסט אין דעם זין פון פאַרשטאַנד, זי איז לויטער נשמה. ווען זי טוט עטוואָס וואָס פאָדערט ווילענס-קראַפט אָדער אַ געוויסע מענליכע אַנטשלאָסענהייט, ווען, צום ביישפּיל, קלאַרכען — ערשטווינט און אויפגעבראַכט איבער דעם וואָס די ברוסעלער בירגער קוקען צו אַזוי קאַלט און שרעקעדיג ווי מען שלעפּט איר העלד עגמאָנט אין תפיסה און פיליכט צום טויט — טרעט־אויף אויפ׳ן מארק־פּלאַץ און זוכט אומזיסט אויפצורייצען זייערע טעמפּע זעלען מיט פייער־דיגע ווערטער, איז עס דערפאַר וואָס הינטער דיזער האַנדלונג ליגט דער נאַאיווער גלויבען פון דער יונגער מיידעל אַז דאָס לעבען פון איר געליבטען מוז פאַר די אַנדערע זיין פּונקט אַזוי וויכטיג ווי פאַר איר אַליין; אַזוי ווי אין דער גאַנצער וועלט זעהט זי נאָר אים איינעם, באַגרייפט זי קוים, אַז אַנדערע קענען דענקען וועגען עפּיס אַנדערש. דיזע יונגע מיידלעך זיינען עכטע פּראָדוקטען פון זייער מין אין דערזעלבער גרויסער פאַמיליע, צו וועלכע עס געהע־רען אָפעליאַ און דעסדעמאָנאַ.

אין שאַרפען היפך צו זיי שטעהט נון דער נייער פראַנצויזישער פרויען־טיפּ. דער קערן פון דעם וועזען איז דאָ — אינערליכקייט, געמיט, נ א ט ו ר. ביי דיזען מין פרויען איז אַלעס באַוואוסט־זיין, ג י י ס ט, ליידענשאַפט און ווילען, אַקטיווער כאַראַקטער. אָט אין דער צייט איז עס געווען וואָס די גייסטרייכסטע און באַדיי־טענדסטע פרוי אין פראַנקרייך האָט ליבער אויסגעקליבען צו פאַר־לאָזען איר פאָטערלאַנד, רוה און וואוילזיין, איידער צו אונטער־וואַרפען זיך צו די קוואַלען וואָס באָנאַפּאַרט׳ס ברוטאַלער דעס־

פאָטיזמוס האָט אָנגעווענדט געגען זיינע געגנער, און איר האָט עס קאָנסטאַן גענומען אַלס טיפ פון דער נייער פרוי.

דאָס אויפטרעטען פון דער פרוי אין דער ליטעראַטור אַלס גייסט, אַלס באַוואוסטזיין, איז נאָר דער ערשטער שריט צו איר אויפטרעטען אַלס זשעני. שוין זעהט מען דעם טורבאַן פון מאַדאַם דע סטאַל זיך באַווייזען אויפ'ן האָריזאָנט. דיזעלבע פרוי וועלכע נעהמט צוערשט אַנטייל אין דעם מאַנ'ס ליבעס און קעמפפען, הויבט באַלד אָן טיילצונעהמען אויך אין זיין געניוס און רוהם. נאָך איין קורצע ווײלע, און נאָכ'ן קאַמפף קומט דער טריאומף, און יענע זעלבע פרוי, וועלכע גיט זיך אונטער אַלס עלעאָנאָר, וועט געקרוינט ווערען אין דעם קאַפיטאָל אַלס קאָרינגא.

עס בלייבט אונז בלויז נאָך צו ריידען וועגען דער פיינקייט פון דעם פסיכלאָגישען אַנאַליז אין „אַדאָלף" און צו ווייזען צו וועלכען רעזולטאַט ער פירט. אַדאָלף הויבט אָן, ווי מיר האָבען שוין אָנגעדייט, מיט פאָלגענדען איינדרוק פון עלעאָנאָר: דאָס איז אַן עראָבערונג, פאַר וועלכער עס איז כדאי זיך צו פאַרמעסטען, און ער רעדט זיך איין, אַז ער קען ווי אַ קאַלטער באַאָבאַכטער שטודירען עלעאָנאָר'ס כאַראַקטער און דערנאָך אויסאַרבייטען זיין שלאַכט־פּלאַן. אָבער ער, וועמעס געפיהלפולקייט איז פונקט אַזוי שטאַרק ווי זיין עגאָאיזמוס, פאַלט באַלד אַרונטער אונטער אַ צווייבער וואָס נעהמט אים אינגאַנצען געפאַנגען, און זיין נאַטירליכע שעהמעוודיגקייט ווערט אַזוי פאַרשטאַרקט אַז עס איז אים אונמעגליך צו געפינען גענוג מוט צו מאַכען איר די ליבעס־ערקלערונג וואָס זיין שטאָלץ האָט אים איינגערעדט אַז ער וועט קענען אַזוי לייכט טאָן. ער שרייבט צו איר. אָבער עלעאָנאָר אַנטזאַגט אים און מיידט אים אויס. איר ווידערשטאַנד און איר קאַלטקייט רופען ביי אים אַרויס אַן אונטערטעניגקייט און איבערגעבענקייט וועלכע געהען באַלד אַריבער אין אַ מין פאַרגעטערונג. אַזוי איז עלאָנאָר קיינמאָל ניט געליבט געוואָרען, וואָרום וויפיעל אמת'ע איבערגעבענקייט איר פריהעריגער באַשיצער האָט איר ניט אַרויסגעוויזען, דאָך איז געוועזען צו מערקען עפּיס אַ מין ניואַנס פון העכערקייט אין זיין האַלטונג צו איר. ער וואָלט געקענט אַן אָנגעזעהענערען שידוך טאָן. ער זאָגט עס אַפילו ניט, אָבער דאָס וואָס ווערט

ניט ארויסגעזאָגט, עקזיסטירט ניט דעריבער וועניגער. אין אדאָלפ׳ן אָבער באַצויבערט איר די עהרפורכט וואָס ער טראָגט צו איר. זי גיט זיך אים איבער, און ער ווערט ווי פאַר׳שכור׳ט פון ענטציקען און גליק. די ערשטע שטערונג פון דיזען ענטציקען ווערט פאַראורזאַכט דאַדורך, וואָס ווען דער גראַף פאַרלאָזט די שטאָדט אויף אַ שטיקעל צייט, לאָזט אים עלעאָנאָר ניט אָב פון זיך אפילו אויף אייניגע שטונדען. וויל ער אוועקגעהן זוכט זי אים צוריק־צוהאַלטען; געהט ער אַוועק, פרעגט זי ווען וועט ער קומען צו־ריק. צוערשט פיהלט ער זיך געשמייכעלט און גליקליך פון אַזאַ גרעניצלאָזער איבערגעבענקייט, אָבער באַלד זעהט ער זיך ארום אַז ער קען קיין פרייע שטונדע פאַר זיך אַליין ניט האָבען. ער מוז זיך אָבזאָגען פון אַלע געזעלשאַפטליכע איינלאַדונגען, ער מוז אַלע זיינע באַקאַנטשאַפטען אָבברעכען. ער פיהלט אפילו אין דעם קיין פאַרלוסט ניט, אָבער ער וואָלט פונדעסטוועגען בעסער געוואָלט ער זאָל ניט מוזען ערשיינען פונקט צום שלאָגען פון זייגער, נאָר קענען קומען ווען די צייט און לוסט וועלען אים ברענגען. זי, וועלכע איז פריהער געווען אַ ציל, איז איצט געוואָרען אַ קייט.

וואו זייט איר אַהינגעקומען, איר אַלע שעהנע ראָמאַנען, אין וועלכע דער ליבהאָבער האָט קיין אַנדער זאַך ניט צו טהאָן גע־האַט ווי נאָר צו ליבען, אין וועלכע ער האָט געליבט פון פרימאָר־גען ביז אָוועגד, פלעגט אויפשטעהן אין דער פריה אום צו ליבען, געליבט דעם גאַנצען טאָג, און פאַרבראַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט פון ליבע! עס איז אַ קרעפטיגער און רעאַליסטישער שטריך אין „אדאָלף", וואָס דער ליבהאָבער פיהלט דעם פאַרלוסט פון צייט אַלס — פאַרלוסט.

און עס העלפט ניט וואָס ער קעמפפט אוים צוריק זיין פרייע צייט, ווען ער פאַרלירט דאָך זיין געמיטס־רוהיגקייט אוים מיט־געפיהל פאַר איר. וואָרום דער געדאַנק אַז זי ליידט שמערצען ווען ער איז מיט איר ניטאָ פאַרשטערט אים די צייט וואָס ער האָט גע־וואונען פאַר זיך, און אין דערזעלבער צייט ערגערט אים דער גע־דאַנק צו זיין אַזוי אונטערוואָרפען צו דער הערשאַפט פון אַן אַנ־דער מענשען. און ווען ער קומט דאַן צו איר, געקוועלט פון דעם באַוואוסטזיין אַז ער איז צוריקגעקומען פיל שנעלער ווי עס איז

געוועזן פאַרנינפטיג פאַר איר נאָמען אָדער פאַר זיינע באַשעפּטי־
גונגען, געפינט ער זי אומגליקליך דערפאַר וואָס ער איז אַזוי לאַנג
געוועזן אַוועק. ער האָט געליטען צוויי שעה זיך פאָרשטעלענדיג
איר אונגעדולדיגען וואַרטען, איצט מוז ער נאָך צוויי שעה ליידען
ביז ער קען זי באַרוהיגען. פונדעסטוועגען פיהלט ער זיך גליק־
ליך, זאָגט זיך אַליין אַז ס'איז זים אַזוי געליבט צו ווערען, אָבער
אין גרונד גענומען טרייסט ער זיך דאָך אונבאַוואוסט מיט דעם
געפיהל, אַז די אונגליכהייט אין זייער לאַגע מוז סוף כל סוף מאַ־
כען אַן ענדע צו זייער פאַרהעלטניש.

צוערשט דערשפּירט ער דעם שמערץ וואָס ער קען ניט זיין ערליך; וואָרום דער גראַף קומט צוריק, און ער איז געצוואונגען אים צו נאַרען. דערנאָך הויבט ער אָן ליידען צוזעהענדיג ווי עלאַנאָר אָפּפערט אַלץ פון זיינטוועגען און זאָגט זיך אָב סיי פון איר היים, סיי פון איר פאַרמעגען. און דיזער שמערץ איז אַ דאָפּעלטער: טיילווייז עגאָאיסטיש, וואָרום מיט פאַרצווייפלונג קוקט ער צו ווי זיין פרייהייט ווער געליימט דורך די אָפּפער וואָס זי ברענגט אים מיט אַזאַ טיפער פרייד, טיילווייז סימפּאַטיש, וואָרום ער זעהט ווי די געזעלשאַפט פאַלט אַרויף אויף איר רעפּוטאַציע און צורייסט זי ווי אַ הונגעריגע היענע. אַלץ וואָס זי האָט געוואונען דורך יאָרען פון ריינער אויפפירונג פאַרלירט זי אין איין איינציגען טאָג. איר שטאָלץ ליידט שרעקליך, און זיין איבערגעבענקייט ווערט אַ פליכט. פון יעצט אָן עקזיסטירט צווישען זיי אַ געהיימער וועה, וואָס זיי וואַגען ניט צו פאַרטרויען איינער דעם אַנדערען. אַדאָלפּ'ס כאַ־ ראַקטער הויבט אָן פאַרדאָרבען צו ווערען. אין דער צייט וואָס ער דועלירט מיט עמיצען, וואָס האָט גערעדט שלעכטס אויף עלעאָ־ נאָר'ן, שאַדט ער אַליין ניט ווילענדיג איהר נאָמען; וואָרום ער זוכט אַ מין טרייסט פאַר דער אָבהענגיגקייט אין וועלכער ער לעבט דאַדורך וואָס ער וואַרפט איבעראַל שפּאָט אויף די פרויען און אויף די יעניגע וואָס וואַרפען זיך אונטער צו זייער דעספּאָטיע, און דיזע אויסדריקען זיינע ווערען שלעכט אויסגעטייטשט. ער, וועלכער קען קיין טרער ניט ביישטעהן, האַלט דאָך פאַר געגוג עהרווירדיג פאַר אים, איבעראַל צו ריידען מיט שפּאָט און פאַראַכ־ טונג וועגען דער פרוי.

אַנדערע האָבען געהאַט דאָס אומגליק צו ליבען, ניט געפינענדיג קיין געגען־ליבע; ער ליידט דאָס פאַרקערטע, צו ווערען געליבט, ווען ער ליבט ניט מער. ווי שטאַרק ער באַמיהט זיך ניט אויסצוזעהן פריילין יעדען מאָל ווען ער דערזעהט עלעאָנאָר, בליקט זי דאָך אים דורך, און עס קומט ענדליך צו איינער פון יענע שרעקליכע סצענעס, וואָס מאַדאַם דע סטאַל האָט קאָנסטאַנ׳ען אַליין אַזוי פיעל מאָל פאַרשאַפט, אין וועלכע עלעאָנאָר׳ס שטירמישע זעלע רעדט זיך אויס מיט אַזאַ ביטערקייט, וואָס גרעניצט זיך מיט האַס. אָבער די דרויסענדיגע וועלט זוכט דאָך עלעאָנאָר׳ן פון אים צו דערווייטערען. אַדאָלפ׳ס פאָטער וויל ניט אַז זיין זוהן זאָל פאַרשווענדען זיין יוגענד אויף אַזאַ פאַרבינדונג, און אָן איינפאַכעם געפיהל פון ריטערליכקייט טרייבט אַדאָלפ׳ן ער זאָל מיט איר אַנטלויפען. זיי פאַרברענגען אַ געוויסע צייט אין אַ פריינדליכען געמיטס־צושטאַנד וואָס זעהט אויס ווי ליבע. עלעאָנאָר ברענגט נייע קרבנות וועלכע זיינען פאַר אַדאָלפ׳ן אַ פיין אָנצונעהמען. אָט ליידט זי דערפון וואָס זי ווערט ניט געליבט, ווי ער דערפון וואָס ער ליבט ניט, אָט ווערט זי אַזוי באַרוישט אין איר ליבע, אַז זי זעהט זי דאָפּעלט שטאַרק און זי נעהמט זי אָן פאַר אַ געגענזייטיגער. זיי לעבען ביידע אין דער עראינערונג פון זייער פריהעריגען גליק, וועלכע איז גענוג שטאַרק צו מאַכען אַ שיידונג פאַר זיי צו שמערצליך, נייז, אַפילו אונדענקבאַר, אָבער צו שוואַך צו מאַכען זייער צוזאַמענלעבען אַ פרייד. די צערטליכע אָבער דאָך מאַטע ווערטער, מיט וועלכע אַדאָלף צייגט יעצט אַרויס זיין ליבע צו עלעאָנאָר, זיינען גלייך צו די דאַרע, פאַרבלאַזע בלעטער וועלכע בלייבען ביז׳ן ווינטער הענגען דאָ און דאָרט אויף אַ לאַנג אָבגעהאַקטען צווייג.

אויף אַזאַ אופן מאַכט ער ניט יענע גליקליך, וועלכע מאַכט אים אַזוי אומגליקליך. יעדען מאָל ווען זי דענקט אַז זי האָט זיך ערוואָרבען נייע רעכט, פיהלט ער זיך געשמידט אין נייע קייטען. איר ליידענשאַפטליכקייט מאַכט זייער צוזאַמענלעבען פאַר אַ שטענדיגען שטורם. איך דערמאָן זיך פאָלגענדע ווערטער אין אַ ביאָגראַפיע פון קאָנסטאַן: אין דיזען יאָר האָט זיך קאָנסטאַנ׳ען געלעבט גוט: „מאַדאַם דע סטאַל איז געווען אין רוסלאַנד.“

עלאָנאָר ירש׳עט איר פאָטער און דאַרף מער ניט אַדאָלפ׳ס שוץ. די וועלט באַשולדיגט אים דאַן זאָגאַר, אַז ער ציהט זיך נאָר צען פון איר פריינדשאַפט, און מען האַסט אים דערפאַר וואָס ער רואינירט איר רעפּוטאַציע, ווייל ער געפינט זיך שטענדיג אין איר געגענוואַרט, בשעת ער קען, זעלבסט פאַרשטענדליך, ניט ערקלערען, אַז דאָס קען זי אָהן אים ניט לעבען.

זיין לעבען ווערט אים צורונען צווישען די פינגער, ער דערפילט ניט קיינע פון די פאַרשפּרעכונגען וואָס זיין יוגענד האָט געגעבען, וואָרום ווי עס ווערט אים געזאָגט פון אַלע זייטען, שטעהט צווישען אים און יעדער מעגליכער צוקונפט אַן אונאיבערשטייגליכע וואַנד, און דיזע וואַנד איז עלעאָנאָר. ער באַשליסט ענדליך אָבצוברעכען מיט איר; אָבער דיזער באַשלוס אליין ווערט אַ נייע צרה פאַר אים, וואָרום פון דעם אויגענבליק אָן וואָס ער לאָזט איבער איר פאַלען דעם טויט־אורטייל, וועלכען ער איז אָבער צו שוואַך אויסצופירען באַלד, פאַרשווינדט יעדע ביטערקייט פון זיין האַרצען, און ער ווייזט איר אַרויס אַזעלכע צערטליכע געפיהלען אַז זי מיספאַרשטעהט אים און באַטראַכט זיך ווידער אַלס גערעטעט.

מיט אַ לעצטער אַנשטרענגונג זוכט זי אים צו געווינען, אויפוועקענדיג אין אים אייפערזוכט. אָבער אַלץ איז יעצט אומזיסט; פון אַלע זייטען דריקען די אַרומיגע אויף אַדאָלפ׳ן און שטעלען אים פאָר די אָבברעכונג אַלס די נאַטירליכסטע זאַך אין דער וועלט, אַלס אַ פליכט צו זיין פאָטער, צו זיין צוקונפט, זאָגאַר צו דער אומגליקליכער פרוי, צו וועלכער ער איז געשמידט און וועלכע ער מוטשעט. מען שטעקט עלעאָנאָר אַריין אַ בריף אין האַנד, דורך וועלכען זי דערוויסט זיך אַדאָלפ׳ס אַבזיכטען. זי פאַלט אַריין אין אַ שטאַרקען פיבער און שטאַרבט, אָבער זי היט־אויף איר ליבע צו אַדאָלפ׳ן ביז׳ן לעצטען אַטעם־צוג.

אַזוי שנעל ווי אַדאָלף קריגט זיין פרייהייט דערפיהלט ער אַ שרעקליכע פּוסטקייט אין זיין נשמה, ער ווייסט ניט מער וואָס ער זאָל מיט איר אָנפאַנגען צו טאָן, און ער בענקט צוריק נאָך זיינע אַלטע קייטען.

דעם מוסר השכל פון דעם בוך האָט קאָנסטאַן אויסגעדריקט

אויף פאָלגענדען אופן: דאָס ליבעס־געפיהל האָט ניט בכח צו קעמפפען געגען דער אָרדנונג; די געזעלשאַפט איז צו שטאַרק. די ליבע וואָס זי באַשטעטיגט ניט און היילינגט ניט פאַרביטערט זי. וועה דעריבער דער פרוי, וועלכע זוכט איר שטיצע אין אַ געפיהל, וועלכען אַלע פאַרבינדען זיך צו פאַרגיפטען און געגען וועלכען די געזעלשאַפט, ווען זי באַטראַכט אים ניט פאַר געזעצליך, באַוואפענט זיך מיט אַלץ וואָס איז בייז אין דעם מענשליכען האַרצען אום צו פאַרניכטען אַלץ וואָס איז גוט אין אים.״

## .9

# מאַדאַם דע סטאַל.

בייראָן שרייבט וועגען „אַדאָלף" אין איינעם פון זיינע בריף: „איך שיק אייך דאָ „אַדאָלף," ער אַנטהאַלט פינסטערע וואַרהייטען, אָבער נאָך מיין מיינונג איז עס אַ צו טרויעריגעס ווערק עס זאָל קענען ווען עס איז פּאָפּולער ווערען. איך האָב אים צום ערשטען מאָל געלעזען אין דער שווייץ אויף דער אייפּפאָדערונג פון מאַדאַם דע סטאַל." זי אַליין באַמערקט ערגיץ־וואו וועגען בוך: „איך גלויב ניט אַז אַלע מענער זיינען ווי אַדאָלף, נאָר בלויז די שטאָלצע מענער." ווי איינפאַך עס ניט דיזער אויסדרוק פיהלט מען דאָך דערין די זעלבסט־פאַרטיידיגונג פון דער פרוי; וואָרום „אַדאָלף" האָט נעקער'ס טאָכטער פערזענליך געטראָפען, אירע טיפסטע וואונדען פון האַרצען אַנטבלויזט.

ע נ ן  מ א ר י  ז ש ע ר מ ע י ן  נ ע ק ע ר איז געבאָרען געוואָרען אין פּאַריז אין יאָר 1766. איר פאָטער, דער גרויסער זשענעווער פינאַנסיסט איז, ווי באַוואוסט, קורץ פאַר'ן אויסברוך פון דער רעוואָלוציאָן, געוואָרען פראַנקרייך'ס ערשטער מיניסטער און זיין נאָמען איז דעמאָלט געווען דער סימבאָל פון פּרייזיניגען פראַנקרייך. איר מוטער איז געווען זעהר אַ באַגאַבטע פרוי, אַ מוסטער פון פליכט ערפילונג, אָבער שטייף און געצוואונגען, פאַר וועלכער די ערציהונג איז געווען אַלץ און די נאַטור האָט ווייניג באַדייטונג געהאַט. זי פלעגט לעגען פעדאַנטישען געוויכט אויף קליינינגקייטען, וואָרום אין מאָראַלישער הינזיכט איז, נאָך איר מיינונג, קיין אונבאַדייטענדעס נישטאָ. זעלבסט פאַרשטענדליך אַז רוסאָ'ס ערציהונגס־מעטאָדע איז איר געווען אין העכסטען גראַד צו־ווידער, און דוקא דערפאַר איז רוסאָ מיט זיין גלויבען אין דער נאַטור און די איינגעבאָרענע טוגענדען געוואָרען דער אידעאַל פון

איר יונגער טאָכטער. זי איז אויפגעוואַקסען אַ מונטער און מוטיג קינד, וועלכעס האָט זיך באַלד אַנטוויקעלט אין אַ לעבהאַפטער, גייסטרייכער ברונעטקע, מיט שוואַרצע אויגען וואָס האָבען גע־לויכטען פון קלוגשאַפט און גוטסקייט. אין דער צייט וואָס די מו־טער האָט געשעצט דעם פאַרשטאַנד און די זעלבסט־קריטיק, האָט די טאָכטער, וועלכע האָט געליטען פון דער שטענדיגער הויזליכער אויפזיכט און פון דער מוטער'ס אייפערזיכט אויף אירע רייכע פעהיגקייטען, אָנגעהויבען צו ליבען גראַד יענע אייגענשאַפטען וועלכע שפּראָצען־אויף אַליין, אָהן קינסטליכער פּפלעגע, פון דער געזונטער, רייכער און שעהנער נאַטור. שוין אַלס קינד איז זי אין פאָטער'ס הויז געווען אַרומגערינגעלט פון די באַריהמטעסטע מענער פון יענער צייט, וועלכע פלעגען זיך אונטערהאַלטען און צוגעצוי־גען ווערען פון אירע שנעלע אַנטוואָרטען און איבערראַשענדע איינ־פאַלען.

דאָס גייסטרייכע און פייערדיגע וואונדער־קינד איז געווען דעם טאַטענס שטאָלץ, און זי האָט באַצאָלט זיין צערטליכקייט מיט אַזאַ גרענעצלאָזער ליבע און באַוואונדערונג וואָס האָט זי באַגלייט איר גאַנץ לעבען און וואָס מען שפּירט כמעט אין אַלע אירע ווערק.

אין איר פופצענטען יאָר האָט זי אָנגעהויבען צו שרייבען אָב־האַנדלונגען, נאָוועלען און דראַמען, דאַרונטער איינע מיט דעם טי־טעל „מאָנמאָרענסי," וועלכע, מיט דער אויסוואַל פון דעם שטאָף, פאַרראַט די צייט ווען זי האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען צוגעצויגען צום יונגען וויקאָנט מאַטיע דע מאָנמאָרענסי, וועלכער האָט מיט אויסצייכנונג געקעמפּפט אין דעם אַמעריקאַנישען באַפרייאונגס־קריג, אָבער וועמעס האַנד זי האָט געמוזט אָנטזאָגען, ווייל אירע עלטערען זיינען געווען געגען אַ קאַטוילישער הייראַט. אָבער אַנ־שטאַט דעם האָט אַ געטרייע פריינדשאַפט זיי פאַראייניגט דאָס גאַנצע לעבען. אויף איר מוטער'ס פאַרלאַנג האָט זשערמעין נעקער אין יאָר 1786 חתונה געהאַט מיט דעם שוועדישען אַמבאַסאַדאָר אין פאַריז, באַראָן עריק מאַגנוס סטאַל־האָלסטיין, אַ ליבלינג פון גוסטאַוו דעם 3טען, וועמען דער קעניג, כדי אים צו פאַרהעלפען צו אַזאַ אָנגעזעהענעם און רייכען שידוך, האָט פאַרשפּראָכען דעם אַמט פון אַמבאַסאַדאָר אויף אַ לאַנגער רייהע יאָרען, און ער אַליין

האָט זיינע שווינגער־עלטערען צוגעזאָגט קיינמאָל ניט אוועקצופֿי־רען זיין פֿרוי קיין שוועדען געגען איר ווילען. ווי עס שיינט איז ער געווען איינער פֿון די געוויינליכע סקאַנדינאַווישע אדעליגע פֿון יענער צייט, אַן אדעלמאַן מיט גוטע מאַניערען, האַלב־געבילדעט, פֿאַרשווענדעריש און אַ קאַרטען שפּילער. ער איז געווען צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זיין כלה.

קורץ פֿאַר דער רעוואָלוציע האָט מאַדאַם דע סטאַל ארויסגע־לאָזט איר ערשטעס ווערק, „בריף איבער רוסאָ'ס שריפֿטען." דאָס ווערק איז אַ לויב־געזאַנג און אַ וואַרים־האַרציגע פֿאַרטיידיגונג. צו ענדע פֿון דעם דריטען בריף זוכט זי צוזאַמענצופֿלעכטען דעם רוהם פֿון רוסאָ מיט דעם רוהם פֿון איר פֿאָטער, וועלכער איז גראַד דעמאָלט גערופֿען געוואָרען צו שטהן אַן דער שפּיץ פֿון פֿראַנקרייך. צו ענדע פֿון פֿערטען בריף באַגריסט זי מיט באַגייסטערטע ווער־טער די צוזאַמענרופֿונג פֿון די גענעראַל־שטאַטען, און מיט יוגענד־ליכער באַרעדזאַמקייט דריקט זי אוים די האָפֿנונג אַז עס וועט דער גרויסער פֿראַנצויזישער נאַציאָן גליקען צו דערגרייכען דורך רוהי־גער אויפֿקלערונג, פֿאַרשטאַנד און שלום יענע גיטער, וועלכע אַנ־דערע פֿעלקער האָבען נאָר דורך שטראָמען בלוט ערוואָרבען. זי רופֿט צום פֿאָלק צו שטעלען עס זיך פֿאַר אַן עהרען־פֿליכט ניט אריבערצוטרעטען דעם ציל, וואָס אַלע זיינען אייניג צו דערגריי־כען, און זי פֿאַרענדיגט מיט אַ רוף צו רוסאָ, אין וועלכען זי באַ־קלאָגט וואָס ער האָט ניט דערלעבט צו זעהן דעם אָנקומענדען, עהרפֿורכטיגען שוישפּיל, וואָס ער האָט ניט געלעבט לאַנג גענוג צו קענען אויפֿמונטערען מיט ראַט און טאַט נעקער'ן, „וועלכער פֿאַרדינט צו האָבען אַ ריכטער, אַ באַוואונדערער, אַ מיטבירגער ווי ער."

די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען, און זי האָט זיך ניט גע־לאָזט האַלטען אָדער באַגרעניצען אויף דעם וועג פֿון מאַדאַם דע סטאַל'ס האָפֿנונגען און וואונשען, נעמליך, אַ קאָנסטיטוציע נאָכ'ן ענגלישען מוסטער. שנעל איז נעקער פֿאַרטריבען געוואָרען, אָבער זיין טאָכטער, געשיצט דורך דעם איינפֿלוסרייכען שטאַנד פֿון איר מאַן, איז געבליבען אונטער דער טעראָר־הערשאַפֿט אין פּאַריז און האָט מער ווי איין אונשולדיגען אָפּפֿער געראַטעוועט. מיט דער הילף

פון דעם מוטיגען דייטשען יוסטוס עריך באָללמאַן, האָט זי גערעטעט דאָס לעבען פון דעם מאַן וואָס איז דעמאָלט געווען איר געליבטער. דאָס איז געווען נאַרבאָן, געוועזענער קריגס־מיניסטער, וועלכען באָללמאַן האָט אין סעפּטעמבער 1792 אונגעשטערט אריבערגעפירט קיין לאָנדאָן. זי האָט אפילו אויסגעארבייט א פּלאַן ווי אזוי די קעניגליכע פאַמיליע זאָל אנטלויפען. דאַן האָט זיך דער האַס פון די הערשענדע געווענדט געגען איר. מיט מיה און נויט איז זי אין סעפּטעמבער פון 1792 אנטרונען פון דער ראַבעדורשטיגער מאַסע. זי איז אנטלאָפען נאָך קאָפּעי, באַגלייט פון איר פריינד מאָנמאָרענסי, וועלכער איז אַלס אריסטאָקראַט פאַרפאָלגט געוואָרען און האָט זיך פאַרשטעלט אַלס איר לאַקיי. דאַן איז זי אוועק קיין ענגלאַנד, וואו זי האָט אָבגעדרוקט איר פאַרטיידיגונג פאַר מאַרי־אַנטואַנעט,וועלכער זי האָט אפילו פערזענליך ניט געקענט, אָבער וועמעס שיקזאַל האָט איר טיף גערירט. באַלד נאָכדעם איז ערשינען איר ווערק „וועגען דעם איינפלוס פון די ליידענשאַפטען אויפ׳ן גליק פון יחידים און פעלקער,״ א ווערק וואָס איז ארויסגערופען געוואָרען דורך די פאַרהעלטנישען פון דער צייט.

ווען שווערען האָט נאָך ראָבעספּיער׳ס פאַלען אנערקענט די פראַנצויזישע רעפּובליק איז מאַדאַם דע סטאַל געקומען צוריק קיין פּאַריז און האָט אונטער דעם דירעקטאָריום אָנגעהויבען א פּאָליטישע טעטיגקייט, וועמעס ציל עס איז געווען — א פּאַרלאַמענטאַרישע קאָנסטיטוציע און פרידען מיט אייראָפּאַ. בלויז דורך איר איינפלוס איז טאַלעיראַן געוואָרען אויסערן־מיניסטער. איר סאַלאָן איז געווען דער מיטעלפּונקט פאַר דער „געמעסיגטער״ פּאַרטיי, אָבער אין דערזעלבער צייט איז ער געווען א פּאָליטישער זאַמעלפּונקט פון ערשטען ראַנג, און דאָ איז עס געווען וואו בענזשאַמין קאָנסטאַן איז שנעל געוואָרען די הויפּט־פיגור אין די פּאָליטישע אינטריגען, אָבער אויך אין דער גנעדיגקייט פון דער ווירטין פון הויז.

אין יאָר 1800 האָט זי פאַרעפענטליכט איר ערשטע גרעסערע ארבייט: „די ליטעראַטור באַטראַכט אין איר פאַרהעלטניש צו דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג,״ א ווערק וואָס לויט זיין

אַלגעמיינעם אינהאַלט דאַרף צוגערעכענט ווערען צו יענער גרוי־סער גרופּע פון שריפטען, וועלכע האָבען אין אַלע לענדער פון אייראָפּאַ זייט דער רענעסאַנס באַהאַנדעלט די פראַגע: וואָס שטעהט העכער, די אַלטע אָדער די מאָדערנע ליטעראַטור? עס איז דאָס זעלבע פּראָבלעם וואָס טויכט־אויף שנעל נאָכדעם אין שאַטאָ־בריאַנ׳ס בוך: „דער גייסט פון קריסטענטום.*) מאַדאַם דע סטאַל ערקלערט זיך, ווי שפּעטער שאַטאָבריאַן, פאַר די מאָדערנע ליטעראַטורען. אָבער דער גרונד איז פאַרשיידען: ער דרינגט אַרויס די העכערקייט פון די מאָדערנע ליטעראַטורען פון דעם פאַקט, וואָס זיי באַהאַנדלען קריסטליכען שטאָף, פון וועלכען די שריפטשטעלער פון אַלטערטום האָבען גאָרניט געוואוסט; זי שטיצט די העכערקייט פון די נייערע ליטעראַטורען אויף דער פּראָגרעסירענדער ציוויליזאַציאָן. זי גלויבט אַז די מענשהייט ווערט אויסגעאיידעלט, אַז די געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען ווע־רען לאַנגזאַם פאַרפאָלקאָמט, און זי בויט דערויף איר איבערצייגונג, אַז די ליטעראַטורען וועלען אימער אַנטהאַלטען אַלץ אַ גרע־סערען אוצר פון ערפאַרונג און לעבענס־קענטניש. פון אַ גרינדלי־כער און פּלאַנמעסיגער ליטעראַטור־פּסיכאָלאָגיע איז אויף דיזער שטופע פון איר אַנטוויקלונג נאָך קיין רייד ניט. זי נעהמט, צום ביישפּיל, די איינבילדונגס־קראַפט אָהן שום צערעמאָניע אַרויס פון יענע פעהיגקייטען וועלכע קענען פאַראיידעלט ווערען, ווייל טראָץ איר גאַנצער באַגייסטערונג פאַר „אָססיאַן” וויל זי דאָך ניט לייקענען אַז האָמער אַנטהאַלט אַ ווייט רייכערע פּאָעזיע ווי יענער. אָבער דער פאַרדינסט פון דעם בוך באַרוהט ניט דאַרויף וואָס ער באַווייזט, נאָר דאַרויף פאַר וואָס ער קעמפפט און וואָס ער פּראָפּעצייהעט: די נויטווענדיגקייט פון אַ נייער פּאָעזיע, פון אַ נייער פילאָזאָפיע און פון אַ נייער רעליגיאָן. זי ציהט די אויפ־מערקזאַמקייט אויף די נאָרדישע ליטעראַטורען, די ענגלישע, די דייטשע, די אויסלענדישע זאַגען און די אַלט־סקאַנדינאַווישע העלדען־געדיכטען. אָססיאַן איז פאַר איר דאָך דער הויפּט־טיפּוס פון דאָס פּאָעטיש־גרויסאַרטיגע אין דער נאָרדישער דיכטונג. זי

*) „די רעאַקציע אין פראַנקרייך.”

האָט ליב זיין ערנסט און אומעט; וואָרום, זאָגט זי, „די מעלאַנ־כאָלישע פּאָעזיע איז דיעניגע וואָס פּאַסט אָם מייסטען צו דער פילאָזאָפיע.״ וואָס אָנבאַלאַנגט די דייטשען שרייבט זי: „דאָס באַדייטענדסטע בוך וואָס די דייטשען באַזיצען, און דאָס אייג־ציגע וואָס זיי האָבען ארויסצושטעלען נעגען די מייסטערווערק פון אנדערע שפּראַכען, איז „ווערטהער.״ דערפאַר וואָס מען רופט עס אַ ראָמאַן ווייסען פיעל מענשען ניט אז עס איז אַ גאַנץ ווערק. מען האָט דעם פּראָפעסער פון „ווערטהער״ געוואָלט מאַכען דעם פאָרוואורף אַז ער מאַכט דעם העלד ליידען אַנדערע שמערצען ווי די וואָס שפּראָצען ארוים פון זיין ליבע, אַז ער מאַכט אים צופיעל צו קוועלען זיך איבער אַ באַליידיגונג, און אַזוי אויפגעבראַכט איבער דער געזעלשאַפטליכער אונגלייכהייט וואָס האָט געפירט צו דיזער באַליידיגונג; אָבער נאָך מיין מיינונג איז דאָס איינער פון די געניאַלסטע שטריכען פון דעם ווערק.״

דער גרונד־געדאַנק פון „די ליטעראַטור באַטראַכט אין איר פאַרהעלטניש צו דער געזעלשאַפט״ איז, אַז די סאָציאַלע פרייהייט מוז נויטווענדיגערווייז פירען צו אַ ליטעראַרישער רעפאָרמע, און אַז עס וואָלט געווען אַן אונזין ווען די געזעלשאַפט וועלכע האָט זיך עראָבערט פּאָליטישע פרייהייט, זאָל באַזיצען אַ ליטעראַטור וואָס איז געפּענטעט דורך רעגעלען. „אָה, רופט זי אוים מיט גליהענדען פייער, ווען מיר זאָלען געפינען אַ פילאָזאָפישע סיס־טעם, אַ באַגייסטערונג פאַר דאָס גוטע, אַ שטאַרקע און גערעכטע געזעצגעבונג, וואָס זאָל קענען זיין פאַר אונז דאָס וואָס די קריסט־ליכע רעליגיאָן איז געווען פאַר דער פאַרגאַנגענהייט! ״

אייפערזיכטיג אויף איר אויפשטייגענדען רוהם און וואַכזאַם אלס ריטער פון רעליגיאָן, איז שאַטאָבריאַן גלייך ארויסגעטראָטען מיט אַ קריטיק נעגען איר בוך. מאַנכע קריטיקער האָבען פאַר־שפּאָט איר מעלאַנכאָליע און צווישען אַנדערע זאַכען איר געזוכט צו שלאָגען מיט די גריכען, וועלכע זיינען דאָך ניט געווען קיין מעלאַנכאָליקער. שאַטאָבריאַן האָט באַנוצט די געלעגענהייט צו געבען אַ שלאַכט פאַר דער פּאָזיטיווער רעליגיאָן. „מאַדאַם דע סטאַל, — זאָגט ער, — שרייבט־צו דער פילאָזאָפיע דאָס וואָס איך שרייב־צו דער רעליגיאָן. און ווענדענדיג זיך צו איר אַליין

זאָגט ער: אייער טאַלאַנט איז נאָר האַלב אַנטוויקעלט, ער ווערט דערשטיקט פון דער פילאָזאָפיע. איר שיינט צו זיין ניט גליק־ליך, אָבער ווי קען די פילאָזאָפיע היילען דעם טרויער פון אייער נשמה? קען מען אַ וויסטע פרוכטבאַר מאַכען מיט אַן אַנדער וויסטע?" און ער באַנוצט נאָך פיעל אַזעלכע פראַזען, וועלכע פאַררעטען שוין אַזוי פריה זיין מורא פאַרדונקעלט צו ווערען פון מאַדאַם דע סטאַל, אַ מורא, וואָס פאַרלאָזט אים ניט, און מיט גוטען גרונד, זיין גאַנץ לעבען.

אין דיזער צייט פאַלט אויך אויס דער אָנהויב פון איר אָפּאָזיציאָן צו באָנאַפּאַרט, וועלכער האָט געהאַלטען אַ צווייטען מאָל ביי פאַרשיקען זי פון פראַנקרייך, דאָס מאָל אויף צען יאָר. נאָך דער איטאַליענישער קאָמפּאַניע האָט זי געמיינט אַז זי האָט געפונען אין אים אַ באַשיצער פון פרייהייט, האָט אים געשריבען באַגייסטערטע בריף און האָט אים באַוואָגען אויסצושטרייכען איר פאָטער'ס נאָמען פון דער עמיגראַנטען־ליסטע. ווען ער איז אָבער געוואָרען ערשטער קאָנסול האָט זי אין אים איינגעזעהן בלויז „אַ ראָבעספּיער רייטענדיג", און מיט רעכט קלאָגט זיך באָנאַפּאַרט אַז זי האָט אויפגערייצט די גייסטער געגען אים. אַלע פרעמדע דיפּלאָמאַטען פלעגען פאַרברענגען, לויט אירע אייגענע ווערטער, „זייער לעבען ביי איר", זי פלעגט רײדען יעדען טאָג מיט אַ גרויסער צאָל איינפלוסרייכע פערזאָנען, וואָרום געשפּרעך איז פאַר איר געוועזען דער גרעסטער גענוס, און מען זאָגט אַז באָנאַפּאַרט האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט אַז יעדערער וואָס האָט גערעדט מיט מאַדאַם דע סטאַל האָט אָנגעהויבען האַלטען וועניגער פון אים. ער האָט זי געלאָזט פרעגען וואָס אייגענטליך זי וויל, אויב זי וואָלט צופרידען געוועזען ווען ער זאָל איר אויסליפערען די צוויי מיליאָן, וואָס איר פאָטער האָט אַריינגעלעגט אין דער שטאַטס־קאַסע און וואָס מען האָט מיט אונרעכט פאַרהאַלטען. זי האָט נאָר געענטפערט אַז עס איז ניט אַזוי וויכטיג וואָס זי וויל ווי וואָס זי טראַכט. פון דעם אויגענבליק אָן ווען בענזשאַמין קאָנסטאַן האָט צום ערשטען מאָל גערעדט אין טריבונאַט געגען אַ פאָרשלאַג פון באָנאַפּאַרט, איז איר הויז אין פּאַריז געוואָרען לעדיג, און אַלע איינלאַדונגען זיינען געענטפערט געוואָרען מיט אָבזאָגען. ענדליך,

גאכדעם ווי עס איז ערשינען איר פאטער׳ס בוך "Les dernieres vues de politique et de finances" איז זי אויפ׳ן אויסדריקליכען באפעל פון באנאפארט אויסגעוויזען געווארען פון פאריז.

קיין קלאפּ האט ניט געקענט זיין פאר איר שווערער! זי האט עס פארגליכען צו א טויט־אורטייל. זי, וואס האט נאר אין דער הויפּטשטאדט געלעבט, וועלכע האט אזוי שלעכט געקענט אויסקומען אהן אירע פריינד, אהן גייסטרייכע און באלערענדע גע־שפּרעכען, אהן באטייליגונג אין גרויסע פאסירונגען, האט באזונ־דערס שטארק געליטען אין דעם געצוואונגענעם גלות פון איר פאטערלאנד און היים. „יעדער שריט וואס די פאסט־פערד האבען געמאכט פארווערטס, האט שמערצליך אבגעקלונגען אין מיין נשמה, און ווען די טרייבער האבען זיך געפרעגט אויב זיי זיינען געפארען שנעל גענוג, האב איך זיך ניט געקענט איינהאלטען פון טרערען איבער דער טרויעריגער געפעליגקייט וואס זיי האבען מיר ארויסגעוויזען.”

בענזשאמין קאנסטאן האט זי באגלייט אויף דיזער רייזע; אבער ווען זי האט געהערט אז איר מאן איז קראנק איז זי אוועקגע־פארען צו אים און איז ארומגעגאנגען ארום אים ביז זיין טויט.

אין 1803 האט זי ארויסגעגעבען „דעלפין”, א ראמאן אין פינף טיילען אין דער פארמע פון בריף, נאכ׳ן מוסטער פון דער „נייער העלאיז.” מען קען גאנץ לייכט נאכפאלגען די איינדרי־קען און עראינערונגען פון איר אייגענעם לעבען, וועלכע ליגען אין פונדאמענט פון איר ראמאן. דאס בוך באהאנדעלט די טהאט פון א פרוי, וועלכע פאלגט נאך דעם געפיהל פון א פליכט און אנטזאגט זיך פון א גליקליכער הייראט אזוי, אז די עראינערונג װעגען דער יוגענד פון דער שרייבערין ווען זי האט אנטזאגט די האנט פון מאנמארענסי, שטעלט דא פאר דעם רעאלען הינטער־גרונד פון דעם ראמאן. אבער דערווירקליכער אינהאלט פון דעם בוך באשטעהט ווידער אין דעם קאמפּף פון א ליבענדער פרוי פאר איר גליק געגען דער געזעלשאפט, און אין דער ברוטאלער פארניכטונג פון גליק און פרידען פון דעם יחיד דורך די געזעל־שאפטליכע פאראורטיילען. און דא שפּילען א גרויסע ראלע די פרישע איינדריקען פון דער פארפאסערינס לעצטע יארען, איר

באַשהונג צו איר מאַן און צו בענזשאַמין קאָנסטאַן. די שיידונג מיט דעם באַראָן סטאַל־האָלסטיין האָט באַפֿלעקט איר רעפּוטאַציע, איר באַציהונג צו קאָנסטאַן איז געווען אַלעמען באַוואוסט און ער איז אָהן צווייפעל געווען דער פֿאָטער פֿון איר טאָכטער אַלבערטין, געבאָרען אין 1797 און שפּעטער די הערצאָגין פֿון בראָגליע. מאַדאַם דע סטאַל האָט אויף איין אויגענבליק ניט געצווייפעלט, ווען זי האָט געשריבען „דעלפין“, אַז קאָנסטאַן וועט געזעצליך מאַכען זיין טאָכטער דורך שנעלער הייראַט מיט דער מוטער. אָבער רייך און אָנגעזעהן ווי זי איז ניט געווען, און טראָץ דעם גרויסען אָבשיי וואָס די געזעלשאַפטליכע מיינונג האָט געוויינליך פאַר רייכ־טום און סאָציאַלער אונאָבהענגיגקייט, האָט זי דאָך ביטער גע־פיהלט די פאַרשטעלטע פאַרפאָלגונגען פֿון די פאַרלוימדער און די גוט־אויסגעאַרבייטע אַטאַקען פֿון די היפּאָקריטען אויף איר נאָמען.

„דעלפין“ טראָגט אַ מאָטאָ וואָס דערמאָנט אָן דער פאַרפאַסערינס מוטער: „אַ מאַן דאַרף קענען זיך שטע־לען נעגען דער עפענטליכער מיינונג, אַ פרוי זיך אונ־טערוואַרפען צו איר,“ — אַ מאָטאָ וואָס שטימט מיט'ן אינ־האַלט פֿון בוך, אָבער זיין גייסט און דער פאַקט גופא וואָס עס איז פאַרעפענטליך געוואָרען ווידערשפּרעכען עס. וואָרום דאָס בוך איז געשריבען געוואָרען צו באַרעכטיגען גט און איז ערשינען אין דעמזעלבען יאָר אין וועלכען נאַפּאָלעאָן האָט געשלאָסען דעם קאָנ־קאָרדאַט מיט'ן פּאַפּסט. דאָס ווערק אַטאַקירט די אונצושיידבאַרע הייראַט און דעם קירכליכען נדר אין דעמזעלבען אויגענבליק ווען די חתונה־געזעצען זיינען פאַרשאַרפט געוואָרען און די קירכע האָט גרעסטענטיילס צוריק געוואונען איר אַלטע מאַכט.

דאָס בוך שטימט מיט זיין מאָטאָ אויף אַזוי ווייט ווי עס לערנט דורך דעם שיקזאַל פֿון זיין העלדין, אַז די פרוי וועלכע רירט אָן די פאָדערונגען פֿון דער געזעלשאַפט, מעג עס זיין אפילו נאָך אַ לאַנגען און איידעלמוטיגען אויפּאָפּפערען פֿון איר אייגענעם וואָילזיין, און נאָר כדי צו פאַרהיטען איר געליבטען פֿון אונטער־גאַנג, מוז געהן צו גרונד. עס ווידערשפּרעכט די מאָטאָ אויף אַזוי ווייט ווי די שרייענדע אונגערעכטיגקייט פֿון אַזאַ שיקזאַל רעדט פיל מעכטיגער ווי יעדע דעקלאַמאַציאָן געגען דער שלעכטסקייט

פון דער געזעלשאַפט און געגען דער אונזיניגער מאַכט צו אונטערדריקען און אומגליקליך צו מאַכען, וואָס די מענשליכע קורצזיכטיגקייט און פיינהייט האָט איבערגעגעבען צו אָבגעלעבטע אינסטיטוציאָנען, אונטערן דרוק פון וועלכער דעלפין ווערט צומאַלען. זי ווערט גלייך פון אָנפאַנג אָן געשילדערט אַלס העכערעס וועזען, ריין, גוטהערציג, פול מיט לעבען, און דערהויבען דורך איר רייניקייט אַליין, איבער דער היפּאָקריטישער מאָראַל פון דער געזעלשאַפט. קיין סצענע מאָלט ניט שעהנער דעלפינ׳ס כאַראַקטער ווי די, אין וועלכער די אונגליקליכע, פאַרלוימדעטע פרוי קומט אַריין אין דעם טולערין־זאַל און אַלע דאַמען הויבען זיך גלייך אויף פון זייערע פּלעצער און געהען אַריבער אויף דער אַנדער זייט, לאָזענדיג אַ גרויסען אָפענעם רוים אַרום דער באַשימפּפטער, נאָר דעלפין אַליין געהט דורך דעם זאַל און זעצט זיך אַליין אַוועק נעבען דעריעניגער, אויף וועלכער אַלע איבעריגע פרויען האָבען געזוכט איבערצויאָגען איינע די אַנדערע אין וואַרפען דעם ערשטען שטיין.

דורך אַ רייה פון כמעט טייפעלשע ערפינדונגען און אינטריגען געלינגט איינער פון די הויפּט פּערזאָנען פון דעם בוך, אַ מין ווייבליכער טאַלעיראַן, צו דערווייטערען דעלפין פון איר געליבטען און אים פאַרבינדען מיט אַ וועזען וואָס איז פונקט דער היפּך פון דעלפין, מיט דער קאַלטער און פרומער מאַטילדאַ, וועלכע נעהמט נאָך דערצו ביי דער באַטראָגענער, קיינער זאָל ניט וויסען, דעם גרויסען נדן, מיט דער הילף פון וועלכען די חתונה קען צושטאַנד קומען. ווען די גענאַנעריי ווערט אַנטדעקט און אַלע אינטריגען ווערען אויפגעלעזט זיינען מאַטילדאַ און לעאָנס שוין פאַראייניגט, און פאַראייניגט אין דער אונגאַטירליכסטער פּאָר וואָס עס קען נאָר געבען אין דער ווירקליכקייט אָדער אין ראָמאַן. אַרום דיזער פּאָר גרופּירען זיך אַנדערע פונקט אַזעלכע אָבשייליכע הייראַטען און פונקט אַזעלכע אומגליקליכע ליבעס־געשיכטען, כדי שאַרפער אַרויסצוברענגען דעם הויפּט־געדאַנק: אַנרי דע לעבענסעי, וועלכער איז אַן אידעאַליזירטער פּאָרטרעט פון קאָנסטאַן, קען זיך ניט פאַראייניגען מיט זיין געליבטער איידער זי שיידט זיך פון אַ מאַן, מיט וועלכען, ווי זי זאָגט, זי קען ניט לעבען

צוזאַמען זיך ניט אָבזאָגענדיג פון אַלע גוטע און איידעלע אייגענ־שאַפטען פון איר נשמה, און מ. דע סערבעלאָן שטעהט פונקט אין אַזא האָפנונגסלאָזער פאַרהעלטניש צו טערעז ד׳ערווען ווי דעלפין צו מאַטילדאַ׳ס מאַן.

דעלפין ווערט געשילדערט אַזוי ריין און אויפאָפּפערענד, אַז ניט נאָר ווייזט זי ענערגיש צוריק יעדען געדאַנק פון אַ מעג־ליכער פאַרבינדונג מיט לעאָנס, וועלכע וואָלט נאַטירליך פאַר־אורזאַכט דאַס אומגליק פון זיין ווייב, נאָר זי וויל אפילו ניט ליידען ער זאָל טראַכטען דערפון. פאַרקערט, זי בארוהיגט אים, זי ווייזט אים אָן אויף אַ העכערער מאָראַל און רעליגיאָן ווי די, אין וועלכער ער, אַלס קינד פון דעם נאַר־וואָס פאַרלאָפענעם אַכ־צענטען יאָרהונדערט, לעבט: „לעאָנס, איך האָב ניט ערוואַרט צו געפינען ביי אייך אַזא גלייכגילטיגקייט צו די רעליגיעזע אי־דעען. איך האָב די העזה אייך עס פאָרצוואַרפען. אייער מאָראַל איז באַגרינדעט נאָר אויף עהרע; איר וואָלט אַ סך גליקליכער געווען ווען איר וואָלט אָנגענומען יענע אמת׳ע און איינפאַכע פּרינציפּען, וועלכע אונטערוואַרפען אונזערע האַנדלונגען צו אונ־זער געוויסען און באַפרייען אונז פון יעדען אַנדערען יאָך. איר ווייסט אַז מיין ערציהונג האָט ניט נאָר ניט פאַרשקלאַפּט מיין געדאַנק, נאָר האָט אים גיבער געמאַכט פיליכט אַביסעל צו אונ־אָבהענגיג. עס קען זיין אַז אָבערגלויבישע באַגריפען און פאָר־שטעלונגען פאַסען בעסער פאַר אַ פרוי ווי גייסטיגע פרייהייט; מיר שוואַכע און וואַקעלדיגע באַשעפענישען נויטיגען זיך פון אַלע זייטען אין שטיצע, און ליבע איז אַ מין לייכטגלויביגקייט וואָס איז פיליכט גענוג צו פאַרבינדען זיך מיט אַלע אַנדערע מינים פון לייכטגלויביגקייט און אָבערגלויבען; אָבער דער איידלער באַשי־צער פון מיין יוגענד האָט געהאַט גענוג אַכטונג פאַר מיין כאַראַק־טער אום צו אַנטוויקלען מיין פאַרשטאַנד, און ער האָט פון מיר קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט אַז איך זאָל אָננעהמען אַן אידעע ניט זייענדיג דורכגעדרונגען פון איר, אָדער וואָס איך האָב ניט באַקור־מען מיט מיין שכל. איך קען דאַריבער רעדען מיט אייך איבער רעליגיאָן, וועלכע איך ליב ווי איבער יעדער אַנדער זאַך, וואָס מיין האַרץ און מיין פאַרשטאַנד האָבען פריי געפּרובט, און

דאָס וואָס איך וועל אייך זאָגען קענט איר ניט צושרייבען צו די ארויפגעצוואונגענע געוואוינהייטען אָדער ניט דורכגעטראַכטע איינ־פלוסען פון מיין קינדהייט. דעריבער, לעאָנס, ווייזט ניט צוריק די טרייסט וואָס די נאַטירליכע רעליגיאָן שענקט אונז.” הערען מיר ניט אַ ווידערקול פון רוסאָ, די רעאַקציע געגען וואָלטעיר אין דיזע ווערטער, וועלכע נעקער׳ס טאָכטער לעגט אַריין אין דעם מויל פון איר אַנדערען איך?

אָבער די האַנדלונג אַנטוויקעלט זיך, און עס ווערט גיך אונ־מעגליך אויפצוהאַלטען די אונגאַטירליכע פאַראייניגונג, אַריבער־צוטראָגען די אונגאַטירליכע ליידען. אַנרי דע לעבענסעי שרייבט יענעם בריף וועגען גאָט, וואָס איז פאַר׳ן ראָמאַן אַזוי אומגליקליך געווען און וועלכער איז אַריינגעפאַלען אין קלעריקאַלען לאַגער אַזוי ווי אַ ברענענדיגער פאַקעל. ער שרייבט צו דעלפין: „דער, וועמען איר ליבט, איז אייך נאָך אימער ווערט, מאַדאַם. ניט זיין און ניט אייער געפיהל איז אומשטאַנד עפּיס צו טהאָן געגען דער לאַגע אין וועלכער אַ בייזער שיקזאַל האָט אייך ביידע אַריינגע־זעצט. עס בלייבט נאָר איבער איין מיטעל אויפצושטעלען צוריק אייער גוטען נאָמען און דאָס גליק ווידער צו געווינען: נעהמט צוזאַמען אַלע אייערע קרעפטען אום מיך אויסצוהערען. לעאָנס איז ניט אויף אייביג געקניפּט צו מאַטילדאַ׳ן. לעאָנס קען נאָך ווערען אייער מאַן; אין פאַרלויף פון אַ מאָנאַט וועט די קאָנסטי־טואירענדע פאַרזאַמלונג מאַכען גט פאַר געזעצליך.” מען דאַרף געדענקען אַז דער ראָמאַן איז ערשינען אין אַ צייט ווען די קאַטוי־לישע הערשאַפט איז צוריק איינגעפירט געוואָרען אין פראַנקרייך. איך גיב דאָ נאָך איניגע שטעלען פון זיין בריף:

„די וואָס פאַרדאַמען דעם גט באַהויפּטען, אַז זייער אַנשוי־אונג איז די מאָראַלישסטע; אויב דאָס וואָלט ווירקליך אַזוי געווען וואָלטען אַלע ערליכע דענקער געדאַרפט מיט זיי איינ־שטימען וואָרום דער ערשטער צוועק פון דעם געדאַנק איז צו לער־נען אונז דערקענען אונזערע פליכטען אין זייער גאַנצען אומפאַנג. אָבער איך וויל צוזאַמען מיט אייך אונטערזוכען אויב די פרינצי־פען וועלכע פירען מיך גוטצוהייסען דעם גט, שטימען ניט בעסער מיט דער נאַטור פון דעם מענשען און מיט די מענשען־פריינדלי־

כע אבזיכטען, וועלכע מיר מוזען צושרייבען דער גאָטהייט. די אונצושיידבארקייט פון אונהארמאָנישע חתונות מאכט דאָס לעבען איין לאַנגע רייה פון האָפנונגסלאָזע לײדען. יאָ, מען זאָגט אז דאָס העלפט צו אונטערדריקען יוגענדליכע נייגונגען, אָבער מען פארגעסט אז די אונטערדריקטע נייגונגען פון דער יוגענד ווערען דער אייבינגער קומער פון אלטער. איך לייקען ניט די אַלע חסרונות וואָס זיינען פארבונדען מיט גט, אָדער די אַלע אונפאַלקאָמענ־קייטען פון דער מענשליכער נאַטור וואָס מאַכען דעם גט נויטיג; אָבער אין מיטען פון א ציוויליזירטער געזעלשאַפט, וועלכע האָט גאָרנישט איינצואווענדען געגען „באקוועמע חתונות" אָדער חתונות וועלכע ווערען געשלאָסען אין אַן עלטער ווען עס איז אונמעגליך פאַראויסצוזעהן די צוקונפט — א געזעלשאפט וועמעס געזעצען קענען ניט באשטראָפען, ניט די עלטערען וואָס מיסברויכען זייער אויטאָריטעט, ניט די פארהייראטע וואָס פירען זיך אויף שלעכט איינס געגען אנדערען — אין אַזאַ געזעלשאפט איז דאָס געזעץ געגען גט נאָר שווער אויף די קרבנות, וועמעס קייטען עס שמידט פעסטער צוזאַמען, אָבער קען ניט ווירקען אויף די אומ־שטענדען וואָס מאַכען דיזע קייטען לייכט אָדער שווער צו טראָ־גען. עס איז ווי די געזעלשאפט וואָלט געזאָגט: „איך קען אייער גליק ניט זיכערען, אָבער איך וועל ווענינגסטענס גאראַנטירען די דיוערהאַפטינקייט פון אייער אומגליק."

אין אַזעלכע שווערע זאַצען און שעהנע פראַזען פאָרמולירט דיזער ראָמאַן דאָס וואָס מען האָט דעמאָלט און אין שפּעטערע צייטען גערופען מאדאַם דע סטאַל'ס אנגריף אויף דער הייראַט. אין דער אמת'ן איז עס אָבער ווי מיר זעהען, נאָר אַן אטאַקע אויף דער דריקענדער און שטיקענדער מאכט וואָס די געזעלשאפט — וואָס איז לכתחילה טאַקע ציוויליזירט געוואָרען דורך דער גייסט־ליכקייט אין א צייט ווען יעדע גייסטיגע מאכט איז געווען קירכען־מאכט — האָט געגעבען צו די ערשטע יוגענדליכע געפיהלס־איינ־דריקען, אין די קאַטוילישע לענדער דורך דער געזעצגעבונג און אין די פּראָטעסטאַנטישע לענדער דורך דער עפענטליכער מיי־נונג, וועמעס שטרענגע יוסטיץ שפּילט דאָ דיזעלבע ראָלע וואָס דאָרט די חתונה־געזעצען. דער פּראָטעסט געהט ארויס פון דעם

שטאַנדפּונקט, אַז די חתונה איז נאָר דעמאָלט אַ מענשליכער אי־דעאַל, ווען די צוויי מענשען וועלכע האָבען אַ באַשטימטען אוי־גענבליק פון זייער לעבען צוגעזאָגט איינער דעם אַנדערען טריי־הייט און אונאונטערבראָכענעם צוזאַמענלעבען פאַר דעם רעשט פון זייערע טעג, קענען און ליבען ווירקליך איינס דאָס אַנדערע, און עס ווערט אָנגעוויזען ווי אונגעהויער שווער עס איז פאַר'ן מענ־שען גרונטליך קענען צו לערנען זיך זעלבסט און אַן אַנדער מענשען. ווען די חתונה מוז האָבען אַלס איר יסוד די געגענזייטיגע קענטניש, דאַן עקזיסטירט זי ניט דאָרט וואו אַזאַ קענטניש איז ניטאָ, צי דאַרף ניט יעדע הייראַט זיין אַ סימבאָל פון לעבען, ניט אַ מצבה איבער אַ טויטען? צי קען אַ גאַנץ לעבען געבויט זיין אויף אַ פאַר'־שכור'טקייט פון דער יוגענד אָדער אויף אַ מיט גוואַלד געצוואונ־גענעם יאָ? אין יענע פעלען, וואו די חתונה האָט ניט קיין בע־סערען פונדאַמענט, איז איר הייליגקייט אַן איינגעבילדעטע זאַך און בארוהט נאָר דאַרויף וואָס מען פאַרמישט אַן אידעאַל מיט דער ווירקליכקייט.

אָבער דעלפין לאָזט זיך פונדעסטוועגען ניט איבעררייידען. געטריי צום לאָזונג פון בוך, אַז אַ פרוי מוז זיך אונטערוואַרפען צו דער עפענטליכער מיינונג באַשליסט זי צו לעגען צווישען זיך און לעאָנס נאָך אַ שטערונג, אבגעזעהן פון לעאָנס'עס חתונה. ווען זיין פרוי שטאַרבט טוט דעלפין אָן דעם שלייער פון אַ נאָנע. און עס צופלאַקערט זיך ווידער דערזעלבער קאַמפּף געגען אַ פאַר־הייליגטען נדר, נאָר אין אַן אַנדער געשטאַלט. און דאָס מאָל איז עס ווידער אַנרי וואָס טרעט אַרויס פאַר דער אָפּאָזיציע, נאָר יעצט ווענדט ער זיך צו לעאָנס'ן:

„זייט איר אימשטאַנד צו הערען אַ מוטיגע, נוצליכע, ענערגישע עצה, אַן עצה וואָס קען אייך רעטען פון דעם אָב־גרונד פון עלענד? האָט איר דעם כח אָנצונעהמען אַ באַשלוס, וואָס געהט, אמת, להיפך צו אַלץ וואָס איר האָט ביז איצט אין אייער לעבען געשעצט, צו דער עפנטליכער מיינונג און צו די אָנגענומענע זיטען, אָבער וואָס שטימט מיט מאָראַל, פאַר־שטאַנד און מענשליכקייט? איך בין אַ געבאָרענער פּראָטעס־טאַנט, און, איך בין מודה, איך בין ניט ערצויגען געוואָרען

אין עהרפורכט פאַר די אונזיניגע און באַרבאַרישע אינסטיטו־
ציאָנען, וועלכע פאָדערען ביי אזוי פיעל אונשולדיגע באַשעפע־
נישען די אויפאָפּפערונג פון אַלע נאַטירליכע נייגונגען; אָבער
מוז מען וועניגער צוטרוי צו מיין מיינונג האָבען, ווייל זי איז
ניט באאיינפלוסט פון פאָראורטיילען? דער שטאָלצער, דער
איידלער מענש דאַרף נאָר פאָלגען די אוניווערזאַלע מאָראַל.
וואָס באַדייטען דיזע פליכטען, וואָס שטראָמען ארויס פון צו־
פעליגע אומשטענדען, וואָס העננגען אָב אָן די קאַפּריזען פון
געזעץ אָדער דעם ווילען פון די פּריסטער, און וואָס אונטער־
ווארפען דאָס געוויסען פון דעם מענשען צו דעם אורטייל פון
אַנדערע מענשען, וועלכע האָבען שוין לאַנג געבויגען זייער
נאַקען אונטערן יאָך פון די געמיינשאַפטליכע פאָראורטיילען
און זאָגאַר געמיינשאַפטליכע אינטערעסען? פראַנקרייך׳ס גע־
זעצען באַפרייען דעלפין פון דעם נדר, וואָס טרויעריגע אומ־
שטענדען האָבען ביי איר ארויסגעפּרעסט; קומט און לעבט
מיט איר אויף דער פאַטערליכער ערד. וואָס צושיידט אייך?
א נדר וואָס זי האָט געטהאָן צו גאָט? גלויבט מיר אז גאָט
קען צו גוט אונזער נאַטור אום אָנצונעהמען פון אונז
באַשלוסען וואָס קענען ניט צוריקגערופען ווערען. פיליכט
איז פאַראַן עטוואָס אין אייער הארצען וואָס דערלאָזט אייך ניט
זיך באַנוצען מיט פראַנקרייך׳ס געזעצען, ווייל זיי זיינען ארויס־
געקומען פון א רעוואָלוציע, וואָס איז אייך ניט ליב? מיין
פריינד, דיזע רעוואָלוציע, וועלכע איז ליידער באַפלעקט גע־
וואָרען פון גוואַלדטאַטען, וועט טייער געשעצט ווערען פון די
קומענדע דורות פאַר דער פרייהייט וואָס זי האָט פראַנקרייך גע־
שענקט; ווען עס זאָלען נאָר קומען נאָך איר פאַרשיידענע
פאָרמען פון שקלאַפעריי, דאַן וועט די הערשאַפט פון דיזע פאַר־
מען זיין די שענדליכסטע פעריאָדע אין דער וועלט־געשיכטע.
אָבער ווען פרייהייט וועט זיין איר רעזולטאַט, דאַן איז גליק,
עהרע, טוגענד, אַלץ וואָס איז איידעל אין דעם מענשען, אזוי
ענג פאַרקניפּט מיט דער פרייהייט, אז די צוקונפטיגע יאָרהונ־
דערטען וועלען אָהן שטרענגקייט אורטיילען די געשעהענישען,
וועלכע האָבען געפירט צו איר.״

אויף אזוי ווייט קעמפפט דאס בוך געגען באשטימטע אינסטיטוציאנען. אבער אויסערדעם קעמפפט עס אויף יעדער זייט געגען דעם ווייט־פארצווייגטען געוועב פון די אנגענומענע און פעסטע מיינונגען און פאראורטיילען, מיט וועלכען די מייסטע מענשען זיינען געפאנצערט פון קאפ ביז די פיס, מיינונגען וועלכע טארען ניט אנגערירט ווערען נאר דערפאר וואס זיי ווערען געהאלטען פאר הייליג אויף א שטח פון אזוי פיעל און אזוי פיעל קוואדראט מייל. אין דיזען פונקט מוז אפען געזאגט ווערען, איז דאס בוך באדייטענד און קרעפטיג ווי ווייניגע ווערק אין דער עמיגראנטען־ליטעראטור. ווארום א פאלק באזיצט א ליטעראטור אום זיין האריזאנט זאל אויסגעברייט ווערען און זיינע אנשויאונגען זאלען געשטעלט ווערען פנים אל פנים מיט'ן לעבען. פון דער פריהסטער יוגענד געפינט יעדער איינער אין דער מאדערנער געזעלשאפט א העכסט קאמפליצירטען קאסטום פון פאראורטיילען וואס ער מוז אנטאן. „ווארום — פרעגט דער מענש — מוז איך דיזען צעלעכערטען מאנטעל אנטאן אויף זיך? קען איך ניט אויסקומען אהן די אלטע שמאטעס? איז עס אבסאלוט נויטיג, אז איך זאל מיר דאס פנים ענטוועדער פארשווארצען אדער באהאלטען אונטער דיזער פרומער שאפענער מאסקע? מוז איך זיך פארפליכטען צו גלויבען אז פאלישינעל האט ניט קיין הויקער, מוז איך פיערא פאר עהרווירדיג האלטען, און הארלעקען פאר אן ערנסטען מאן באטראכטען? טאר איך אבסאלוט קיינעם פון זיי אין געזיכט ניט קוקען און אויפ'ן האנד אנשרייבען: „איך קען דיך, שעהנע מאסקע!?" איז גאר קיין חסד ניטא? עס איז ניטא פאר דיר קיין גנאד אויב דו ווילסט ניט אז פאלישינעל זאל דיך שלאגען, פיערא זאל דיך מיט די פיס שטויסען און הארלעקען זאל דיך מיט זיין שטעקען די ביינער צוקלאפען. אבער די ליטעראטור איז, אדער דארף זיין, דער פלאץ וואו יעדע אפיציאליטעט הערט־אויף, דאס קאנווענציאנעלע ווערט אבגעשאפט, די מאסקען ארונטערגעריסען, און יענעם שרעקליכעם, אונערהערטעם, — די ווארהייט, — ווערט אפען ארויסגעזאגט.

„דעלפין" האט ארויסגערופען א שטארקע אפאזיציאן. דער באקאנטסטער קריטיקער פון יענער צייט האט געשריבען: „עס

קען ניט זיין קיין געפערליכערעס און אונמאָראַלישערעס ווי די פּרינ־ציפּען וואָס ווערען אַנטוויקעלט אין דיזען ווערק. די פּראָפעסערין האָט אָפּנים פאַרגעסען די אַנשויאונגען אין וועלכע זי, נעקער'ס טאָכטער, איז ערצויגען געוואָרען. ניט קוקענדיג אויף דער פּראָ־טעסטאַנטישער לערע פון איר פאַמיליע רעדט זי דאָך מיט פאַר־אַכטונג וועגען דער רעליגיעזער אַנטפּלעקונג, און אין דיזען שלעכטען בוך, וואָס, עס מוז צוגעגעבען ווערען, איז געשריבען מיט פיעל טאַלאַנט, ברענגט זי פאָר אַ לאַנגע פאַרטיידיגונג פאַר'ן גט. דעלפין רעדט פון ליבע ווי אַ באַכאַנטין*), פון גאָט ווי אַ קוויי־קער, פון טויט ווי אַ גרענאַדיר, און פון מאָראַל ווי אַ סאָפיסט." הויך־קלינגענדיגע ווערטער, אָבער דיזעלבע הויך־קלינגענדיגע ווערטער וואָס די צוקונפט מוז שטענדיג הערען פון דער פאַרגאַנ־גענהייט וואָס האָט שוין ניט קיין צייט, וועמעס שווערע אַרטילעריע איז אָנגעלאָדען ביז'ן מויל מיט דעם נאַסען פּולווער פון דער אַרטאָדאָקסיע און מיט די פאַפּירענע קוילען פון דער קליין־קעפּיג־קייט! זיי טויטען ניט דאָס ווערק, אָבער פון דעם פּראָפעסער קענען זיי לייכט אַ סוף מאַכען.

בשעת די קריטיקער פון יענער צייט ריידען אין די העכסטע טענער וועגען דער פאָרמע פון דעם בוך און די דיכטערישע פּע־היגקייטען פון דער פּראָפעסערין, אום צו קענען בעסער אַרונטער־רייסען די לעבענס־אַנשויאונג און דעם אידעאַלען צוועק פון דעם ווערק, האָט אַ מאָדערנער קריטיקער וועניג גוטס צו זאָגען איבער דער לויזער און ברייטער קונסט־פאָרם, וואָס דאָס בוך האָט, אַזוי ווי די מייסטע ראָמאַנען וואָס זיינען געשריבען אין בריף־פאָרם. פאַרקערט, די אידעען, זיינע נאָך היינט אויך שטאַרק, יאָ, זיינען נאָך אַפילו ניט דורכגעדרונגען אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, אָבוואָל דער נייגצענטער יאָרהונדערט האָט זיך באַמיהט זיי אַלץ מער און מער צו פאַרווירקליכען.

דער ברוך צווישען דעם אינדיווידואום און דער געזעלשאַפט, ווי ער ווערט פאָרגעשטעלט אין „דעלפין", איז אינגאַנצען אין

---

*) אַ פּריסטערין פון דעם גריכישען לוסטיגען וויין־גאָט באַכוס. — איבערז.

גייסט פון דער עמיגראנטען־ליטעראטור. דער מוטיגער אויפשוואונג, אזוי גוט ווי די אפהענגיגקייט, מיט וועלכער דער קאמפף פון דעם אינדיווידואום ווערט געשילדערט אלס פרוכטלאז, געפינט זיך איבעראל אין דיזער גרופע שריפטען. דער אויפשוואונ איז אין דיזען פאל א באגייסטערטער און פארצווייפעלטער פארזוך פעסטצוהאלטען איינעם פון די געווינסען פון דער רעוואלוציע, אין דעם מאמענט, ווען די רעוואלוציע רייסט אים ארויס ביי דער נייער צייט. די אבהענגיגקייט קומט, ווייל אלע זעלען פיהלען מיט שמערץ, אז קיינע פראטעסטען קענען דא ניט העלפען, און אז די אנקומענדע רעאקציאנערע באוועגונג מוז דערגרייכען איר ציל און אריבערגעהן איר גרעניץ איידער מען קען ערווארטען א בעסערע לאגע. וואס פאר א באטרעף האט דער ראמאן פון א פרוי געגען דעם בונד פון א זעלבסטהערשער מיט א פאפסט!

דער „קאמפף געגען דער געזעלשאפט" וואס זי שילדערט איז א סך װעניגער א קאמפף געגען דער עקזיסטירענדער רעגירונג אדער ארדנונג ווי געגען דער צומישונג פון מנהגים און מיינונגען, אלטע און נייע, קינסטליכע און נאטירליכע, אונזיניגע און פארגינפטיגע, שעדליכע און נוצליכע, וועלכע, זייענדיג צונויפגעשמאלצען אין א צוזאמענהענגענדער און, דוכט זיך, איינארטיגער מאסע, בילדען דאס שטאף, פון וועלכען עס באשטעהט די עפענטליכע מיינונג. פונקט אזוי ווי דער זאגענאנטער „געזונטער מענשען־פארשטאנד", וועלכער שטעלט זיך געגען געגען יעדער נייער פילאזאפיע, איז שטענדיג צום גרעסטען טייל נאר א פארגליווערטער רעשט פון דער פילאזאפיע פון פריהערע צייטען, אזוי זיינען די רעגעלען פון דער געזעלשאפט און איהר מיינונג, וועלכע באגעגנען אימער נייע אנשויאונגען מיט פיינדשאפט, צום גרעסטען טייל נאר באגרינדעט אויף אנזיכטען וואס האבען אין פריהערע צייטען געמוזט שטארק קעמפפען זיך דורכצושלאגען א וועג געגען דעם ווידערשטאנד פון דער דעמאלדיגער עפענטליכער מיינונג. דאס וואס איז צוערשט געווען א שווער־ערווארבענע, לעבעדיגע אידעע ווערט מיט דער צייט פארגליווערט אין א געדאנקען־מת.

די געזעלשאפטליכע געזעצען זיינען אלגעמיין, ד. ה. איינע

און דיזעלבע פאַר אַלע; אָבער ווי אַלץ וואָס איז אַלגעמיין פאָדערען זיי אונצעהליגע אָפּפער. די הערשענדע רעגעלען זיינען א סדום־בעטעל, אויף וועלכער דער אינדיווידואום ווערט געצויגען און געשטרעקט, צוגעשטוקעוועט און ארומגעשניטען, ביז ער פּאַסט. אזוי, צום ביישפּיעל, איז די שפּראַך אַן אַלגעמיינע זאַך. מיר באַנוצען זיך אַלע מיט איינער און דערזעלבער. דערפון קומט, אַז יעדער וואָס וויל זיך אויסדריקען אין דער שפּראַך און באַזיצט אָריגינאַליטעט, איז שטענדיג געצוואונגען צו אָפּפערען. ווייל ער קען אליין זיין אויסדרוק ניט באַשאַפען, נאָר ער געפינט אים פאַרטיג, מוז ער דאָ אָבשוואַכען, דאָ איבערטרייבען, דאָרטען גרייזען. ניט איין מאָל אין טויזענד פאַלען פאַרמאָגט די שפּראַך אַן אויסדרוק פאַר די שאַטירונגען פון געפיהל, פאַר'ן באַזונדערען טריב, די טיף אָריגינעלע שטימונג, וועלכע ער וויל אויסשפּרעכען. אונזער גאַנצעס ריידען איז נאָר א דערנעהנטערונג צו דאָס וואָס מיר מיינען, ניט גענוי, מאַט און פלאַך. דאריבער האָבען אזוי פיעל גרויסע שריפטשטעלער די נייגונג צו געבען זייער שפּראַך א וויינינגער אלגעמיינעם כאראקטער דורך קינסטליכע וואָרט־בילדונגען, דורך פאַנטאַסטישע ווענדונגען אָדער פאַרגלייכען.

אין דער געזעלשאַפט ווערט די דאָזיגע הערשאַפט פון דעם אלגעמיינעם א טיראַניי. ווי אָריגינעל דער אינדיווידואום זאָל ניט זיין געשאַפען ווערט ער באהאַנדעלט ווי אַלע אַנדערע. דער געניאַלער מענש איז אין דער זעלבער לאַגע וואָס דער ערשטער תלמיד אין א שלעכטען קלאַס. דער אָרימער מוז נעביך שטענדיג ווידער הערען די אַלטע לעקציע ווידערהאָלט; דאָס איז נויטיג פאַר די שלעכטע שילער, וועלכע האָבען זי נאָך ניט אויסגעלערנט און קענען נאָך וויינינגער זיך באַגעהן אָהן איר.

ווייטער איז די געזעלשאַפטליכע מיינונג אונפאַראַנטוואָרטליך: אין דער צייט וואָס דער אורטייל פון דעם איינצעלנעם מוז אימער ביז א געוויסען גראַד זיין א נאַטירליכער פּראָדוקט, איז דער געזעלשאַפטליכער אורטייל אין א סך פאַלען א פאַבריקאַציע, א מאַסען־פאַבריקאַציע, געליפערט פון יענע, וועמעס אויפגאַבע עס איז צו שאַפען עפענטליכע מיינונג, און דער איינצעלנער פיהלט קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט ווען ער שטימט איין דערצו.

בשעת דער נאטירליכער גאנג וואלט געדארפט זיין, אז דער יחיד זאל זיך אויסבילדען זיינע אייגענע אנשויאונגען און פרינציפען בנוגע די העכסטע זאכען, געבען זיך אליין געזעצען פון אויפפירונג און ווי ווייט מעגליך מיט זיין אייגענעם מארך זוכען די ווארהייט, געפינט ער גאר גלייך ביי זיין געבורט א פארטיגע רעליגיאן, אין יעדען לאנד אן אנדערע, די רעליגיאן פון זיינע עלטערען, וועלכע ווערט ארויפגעדריקט אויף אים לאנג איידער ער אליין פיהלט רעליגיעז. אויף אזא אופן ווערט יעדע רעליגיעזע פראדוקטיוויטעט נאך אין דער קנאספע דערשטיקט, אדער ווען זי ווערט ניט דערשטיקט, דאן וועה איז דעם אינדיווידואום! דאס איז די הענדשקע געווארפען דער געזעלשאפט אין געזיכט. אזוי אויך געפינט דער יחיד א פארטיגע עפענטליכע מאראל, און דיזע מאראל ווערט געשטיצט פון א פארטיגער עפענטליכער מיינונג. דער געזעלשאפטליכער אורטייל, אלזא, וועלכער איז דער סך־הכל פון אט די אלע אונזעלבסטשטענדיג פרומע, מאראלישע און געזעלשאפטליכע איינדריקען, איז נויטיגערווייז העכסט אונפאלקאמען, אפט העכסט באשרענקט, ניט זעלטען גרויזאם.

מאדאם דע סטאל האט געמוזט מער ווי אנדערע שריפטשטעלער באגעגנען די פאראורטיילען אויף איר וועג און אויפמערקזאם ווערען אויף זיי: זי איז געוועזן א פראטעסטאנטקע אין א קאטוילישען לאנד; זי האט געהאט סימפאטיען פאר די קאטאליקען, אבוואל זי איז ערצויגען געווארען אין שויס פון א פראטעסטאנטישער פאמיליע; זי איז געוועזן אין פראנקרייך די טאכטער פון א שווייצארישען בירגער, און אין דער שווייץ האט זי זיך געפיהלט אלס פאריזערין; אלס פיהלענדע און לײדענשאפטליכע פרוי איז זי געוועזן אויסגעזעצט צו שטענדיגע צוזאמענשטויסען מיט דער מיינונג פון דער געזעלשאפט, און אלס פרויען־זשעני איז זי גלייך פון אנפאנג געשטעלט געווארען אין א לאגע פון פארטיידיגונג און אנגריף נעגען א געזעלשאפטליכער ארדנונג, וואס באשטימט די פרוי צום פריוואט־לעבען. אבער דאס וואס זי האט געקענט מער ווי אנדערע שריפטשטעלער פון איר צייט דורכבליקען די דאזיגע פאראורטיילען איז צו פארדאנקען דעם פאקט וואס, אלס פאליטישע אימיגראנטקע, איז זי געצוואונגען געוועזן דורכצו-

רייזען איין פרעמד לאַנד נאָכ'ן אנדערען; דאַס האָט געגעבען איר וואַכזאַמען און דורשטיגען גייסט די געלעגענהייט צו פארגלייכען די פארשיידענע פאָלקס כאַראַקטערען און זייערע פארשיידענע אידעאַלען.

ווען מען האָט איר געבראַכט דעם באַפעל דורך וועלכען נאַפּאָלעאָן האָט זי דעם ערשטען מאָל אויסגעוויזען פון פּאַריז האָט זי איהם געלאָזט פרעגען דורך זשאָזעף נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט געהערט צו אירע פריינד, אויב זי קען באַקומען אַ פּאַס קיין פּרייסען אָדער מען ווען זי פון דאָרט אויך אַרויסשיקען. נאָך לאַנגען וואַרטען האָט מען איר דעם פּאַס באַוויליגט און זי איז אַוועק צוערשט נאָך ווייכאַר. דאָ האָט זי זיך באַקאַנט מיט דער הערצאָגישער פאַמיליע, האָט געהאַט לענגערע געשפּרעכען מיט שילער איבער די באַציהונגען צווישען דער דייטשער און פראַנצויזישער ליטעראַטור, און געפלאָגט געטהע'ן מיט פראַגען וועגען לעבען און טויט, גאָט און די וועלט, — צו אונטערהאַלטען זיך איבער פראַגען וואָס קענען ניט פאַרענטפערט ווערען, האָט ער געזאָגט, איז געווען איר באַזונדערע ליידענשאַפט; און מייסטענס פלעגט זי איהם אַזוי ווי די אַנדערע דייטשע גדולים איבעררעשען דערמיט, וואָס זי האָט ניט נאָר געוואָלט זיין מיט זיי באַקאַנט, נאָר אויך ווירקען אויף זיי, און זי פלעגט אימער ריידען אַזוי ווי עס וואָלט גלייך אין זעלבען אויגענבליק נויטיג געווען צו טאָן, צו האַנדלען. זי איז געקומען קיין בערלין, האָט געשלאָסען באַקאַנטשאַפט מיט פּרינץ לואיס פערדינאַנד, איז אויפגענומען געוואָרען אין די קרייזען פון פיכטע, יאַקאָבי, הענריעטאַ הערץ, און האָט אַוועקגעפירט א. וו. שלעגעל אַלס ערציהער פון אירע קינדער.

דעם נעקסטען יאָר האָט זי געווייזט איבער איטאַליען, האָט שטודירט די דענקמעלער פון אַלטערטום, די קונסט, די פאָלקסזיטען אין די דרום-לענדער, האָט מיט איר גאַנצען וועזען איינגעזויגען די איינדרוקען פון איטאַליענ'ס נאַטור, דאַן זיך אומגעקערט קיין קאָפּפּעט און אָנגעשריבען. "Corrinne ou l'Italie"

אָבער די בענקשאַפט נאָך פראַנקרייך האָט זי ניט געלאָזט רוהען. זי האָט זיך דערנעהנטערט צו פּאַריז ביז אַ שטרעקע

פון פערציג מייל, און ווייטער האט זי ניט געטארט געהן. זי האט געוואוינט אין קליינע שטעדט, צוערשט אין אגזער און דאן אין רועז, וועמעס פרעפעקט איז ארונטערגעזעצט געווארען דערפאר וואס ער האט איר ארויסגעוויזען פריינדליכקייט. דאן האט זי געקראגען פון פאליציימיניסטער די ערלויבניש צו באזארגען די ארויסגאבע פון „קארינגא" אין א ווילא צוועלף מייל פון פאריז. אבער אזוי שנעל ווי „קארינגא" איז ערשינען האט א נייער רעגירונגס־באפעל זי פארטריבען פון פראנקרייך. „קארינגא" האט געהאט א גרויסען ערפאלג, און נאפאלעאן האט ניט געקענט פארטראגען קיין רוהם אי וועלכען ער האט קיין חלק ניט געהאט. זי האט זיך דאן צוריקגעקערט נאך קאפפעי און האט, ווי דער אימפעראטאר, אהן אויפהער אויסגעברייט איר קעניגרייך, א קעניגרייך פון אימער וואקסענדע הויכע אידעען, געזונטע און טיפע געפיהלען און ווערטפולע פריינדשאפטס־פארבינדונגען.

אין קאפפעי האט זי געפירט א הויף אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט. פון אלע לענדער האט זיך א גאנצע מחנה פון די גרעסטע גייסטער פארזאמעלט ארום איר. דארט האט מען געקענט, ווען מען האט געהאט גליק, טרעפען אין איין צייט קאנסטאן, וועמען זי האט אין איר פארליבטקייט אנגערופען „דער ערשטער גייסט אין דער וועלט", א. וו. שלעגעל, דעם גרינדער פון דער ראמאנטישער שולע אין דייטשלאנד, דעם באקאנטען היסטאריקער סיסמאנדי, וועמעס שריפטשטעלערישע טעטיגקייט ווערט געטראגען פון דיזעלבע אידעען, פאר וועלכע די ראמאנטישע שולע אין פראנקרייך האט שפעטער געקעמפפט, דעם דייטשען דיכטער זאכאריאס ווערנער, דעם דענישען דיכטער אהלענשלעגער, פרייסישע פרינצען, פוילישע פירשטען און פירשטינס, מיט איין ווארט, די בלום פון דער אייראפעאישער גייסטיגער און געבורטס־אריסטאקראטיע.

פון דער צייט אן וואס זי איז געוועזן אין דייטשלאנד האט זי ניט אויפגעהערט צו שטודירען די דייטשע שפראך און ליטעראטור, אבער זי האט זיך גענויטיגט אין א צווייטער רייזע אין דיזען לאנד אום צו קענען פאנאנדערוויקלען פאר אירע לאנדסלייט אן אלזייטיגעס בילד פון דער נייער וועלט, וואס האט זיך פאר איר געעפענט. זי איז שוין געוועזן באקאנט מיט נארד־דייטשלאנד, יעצט

האָט זי פאַרבראַכט אַ יאָר אין וויען און נאָך איר צוריקקער אין דער שווייץ האָט זי זיך גענומען צו דער אויסאַרבייטונג פון איר גרויסען דריי־בענדיגען ווערק איבער דייטשלאַנד. דאָס דאָזיגע ווערק איז געענדיגט געוואָרען אין 1810. די פראַגע איז יעצט געווען ווי אַזוי עס אָבצודרוקען אין פאַריז. אין פראַנקרייך איז געווען ער־שינען אַ דעקרעט וועגען פרעס־פרייהייט, וואָס האָט באַשטימט אַז קיין ווערק האָט ניט געטאָרט געדרוקט ווערען אָהן דער הסכמה פון דעם צענזאָר. אָבער נאָכדעם איז געקומען אַ צווייטער דעקרעט, וואָס איז הויפּטזעכליך געצילט געוואָרען געגען מאַדאַם דע סטאַל און וואָס האָט געלויטעט, אַז ווען דער צענזאָר האָט ערלויבט צו פאַרעפענטליכען אַ ווערק קען דער פּאָליציימיניסטער עס אונטער־דריקען, ווען ער געפינט עס פאַר גוט, אַ געזעץ וואָס שאַפט אָב יעדעס געזעץ. ווען דאָס בוך „איבער דייטשלאַנד" האָט יעצט גע־דאַרפט געדרוקט ווערען האָט מאַדאַם דע סטאַל ווידער געקראָגען די ערלויבניש צוצוקומען צו פאַריז ביז אַ שטרעקע פון פערציג מייל אום אַכטונג צו געבען אויפ'ן דרוקען. זי איז געקומען קיין בלואַ, האָט געוואוינט צוערשט אין שלאָס „שאָומאָן סיר לואַר," דאַן אויפ'ן גוט פאָססע, ווי אויך אויף אַנדערע גיטער ביי פריינד אַרום בלואַ. זי האָט אַרומגעפלאַטערט אַרום איר געליבטען פאַריז אין דעם פאַר־געשריבענעם קרייז אַזוי ווי אַ מאָט פלאַטערט אַרום דער ליכט. איינמאָל האָט זי זאָגאַר געוואַגט מיט לעבענס־געפאַר אַריינצו־טרעטען אַהין. דערווייל האָבען די צענזאָרען דורכגעלעזען דאָס ווערק, האָבען געבעסערט און געשטריכען און האָבען דעם צוקאַ־לעטשעטען ווערק געגעבען זייער „אימפּרימאַטור". צען טויזענד קאָפּיעס זיינען אָבגעדרוקט געוואָרען. פּונקט אין דעם אויגענבליק ווען דאָס ווערק האָט געזאָלט ערשיינען האָט דער פּאָליציימיניס־טער געשיקט זיינע זשאַנדאַרמען אין דער בוכהאַנדלונג, נאָכדעם ווי ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַך ביי יעדען אַרויסגאַנג, און האָט אויף נאַפּאָלעאָנ'ס באַפעל באַוויזען די העלדענטאַט צו צוהאַקען די צען טויזענד עקזאַמפּלאַרען אין שטיקלעך. דאַן האָט מען די מאַסע איינגעקנאָטען אין אַ טייג און דעם בוכהענדלער נעגעבען צוואַנציג לואי ד'אָר אַלס פאַרגיטיגונג. גלייכצייטיג האָט מאַדאַם דע סטאַל געקראָגען אַ באַפעל אויסצוליפערען דעם מאַנוסקריפּט,

ד. ה. די שטודיען און האָפנונגען פון פולע זעקס יאָר, און צו פאַרלאָזען פראַנקרייך אין פיר־און־צוואַנציג שעה. אין דעם בריף, וואָס דער פּאָליציי־מיניסטער האָט איר ביי דיזער געלעגענהייט געשיקט, איז געשטאַנען: „איר דאַרפט ניט זוכען די אורזאַכע פון דעם באַפעל, וואָס איך האָב אייך מיטגעטיילט, אין דעם פאַקט וואָס איר האָט פאַרפעלט דורכאויס צו דערמאָנען דעם קייזער אין אייער לעצטען ווערק; דאָס וואָלט געווען אַ טעות; ער האָט ניט געקענט געפינען קיין פּלאַץ דערין וואָס וואָלט געווען ווירדיג פאַר אים. אייער אַרויסשיקונג איז אַ נאַטירליכער רעזולטאַט פון דער ריכטונג וואָס איר האָט אָהן אויפהער נאָכגעפאָלגט זייט איינינגע יאָר. מיר דאַכט אַז די לופט פון דיזען לאַנד פאַסט ניט פאַר אייך, און מיר זיינען, גאָט צו דאַנקען, נאָך ניט אַרונטערגעקומען דערצו צו זוכען מאָדעלען פאַר זיך ביי דעם פאָלק, מיט וועלכען איר ענטציקט זיך. אייער לעצטעס ווערק איז ניט פראַנצויזיש.”

דאָ האָבען מיר דאָס וואָרט וואָס איז געוואָרען איר אומגליק, „ניט פראַנצויזיש”. עס איז דאָס דאָזיגע ווערק, דאָס בוך „איבער דייטשלאַנד”, פון וועלכען עס קען דאַטירט ווערען די גאַנצע נייע עפּאָכע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, דאָס בוך, וואָס ברעכט אָב צום ערשטען מאָל, פּרינציפּיעל און ניט בלויז צופעליג, מיט דער אַלטער טראַדיציע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און ווייזט אָן ביי יעדען פּונקט נייע לעבענס־קוואַלען, דיזעס ווערק איז עס, וואָס דער גייסטער פּאָליציי־דינער פון לאַנד האָט זיך דערוועגט צו רופען „ניט פראַנצויזיש”. און דאַן דער איראָנישער פּאַרזוך פון דער גרויזאַמקייט נאָך צו זיין גאַלאַנט! „די לופט פון דיזען לאַנד פּאַסט אייך ניט — טאָ זייט אַזוי גוט און פאָרט פון דאַנען. עס איז אַזוי ווי מען וואָלט געהערט דעם פאַר'שכור'טען פראַנצויזישען נאַציאָנאַלען שטאָלץ אליין ריידען: ווייל דו האָסט געוואַגט צו ליבען די פרייהייט, דאַן ווען מיר זיינען גליקליך אונטער דער דעספּאָטיע פון אַ וועלט־הערשער; ווייל דו האָסט זיך דערוואַגט, בשעת מיר וואַרימען זיך אין דעם זונען־שיין פון נאַפּאָלעאָנ'ס רוהם, צו שילדערען אין „קאָרינגאַ” די אונאַבהענגיגקייט פון דעם געניוס, און זייענדיג פאַרטריבען פון

פאַריז האָסטו געהאַט דעם מוט צו לאָזען קרוינען דיין אידעאַל אויפ'ן קאַפּיטאָל, און, ענדליך, ווייל דו, דו, אַ שוואַכע באַשעפּע־ניש, אַ פרוי, האָסט געהאַט די העזה, אין דער צייט ווען פראַנק־רייך'ס נאָמען פילט אָן די גאַנצע וועלט, ווען זיינע אָדלער גלאַנצען אין דעם שיין פון טויזענד זיגען און די נאַציאָנען ליגען געבונדען צו זיינע פיס, — האָסטו געהאַט די העזה צו ערקלערען אונז אין געזיכט, אַז אונזער גייסטיג לעבען איז אויסגעטריקענט, אַז אונ־זער פּאָעזיע איז שלעכט און אונזער פילאָזאָפיע איז פאַרוועלקט, ווייל דו, אויס גליהענדער ליבע צו דיין פאָטערלאַנד, אויס ברענענ־דיגען פאַרלאַנג אויפצוהויבען עס פון גייסטיגער געפאַלענקייט ווייזט אים אויף דאָס טיף־פאַראַכטעטע דייטשלאַנד אַלס אַ לאַנד וועמעס פּאָעזיע שטייגט ווייט אריבער זיין אייגענע, אויף דאָס פאַרהאַסטע ענגלאַנד, דאָס „אונטרייע אַלביאָן” אַלס אַ לאַנד, וואו די ליבשאַפט צו פרייהייט איז אַ סך געזינטער און שטאַרקער ווי אין פראַנקרייך, און אויף דאָס שטאַרבענדע איטאַליען, די אונ־טערטעניגע פראַנצויזישע פּראָווינץ, אַלס אַ לאַנד וועמעס נאַטיר־ליכקייט אין זיטען און העכערקייט אין קונסט זיינען מוסטער, — וועלכע שטעלען דער אַנטוויקלונג נייערע און אידעאַלערע צילען — דעריבער זאָלסטו געשטעמפּעלט ווערען אַלס אונגאַציאָנאַל, די קאָ־קאַרדע פון דיין פאָטערלאַנד זאָל דיר אַרונטערגעריסען ווערען פון שטערען, דיינע ביכער זאָלען פאַרניכטעט ווערען, אָגאַר דיינע מאַנוסקריפּטען זאָלען פאַרברענט ווערען, און דו אַליין, מיט אַ מחנה שפּיאָנען און פאַררעטער אין דיינע טריט, זאָלסט ווי אַ ווילדע חיה געיאָגט ווערען איבער'ן גרעניץ און אין פאַרלויף פון פיר־און־צוואַנציג שעה אַוועק פון אונזערע אויגען.”

דער פּרעפעקט פון דעם דעפּאַרטמענט איז געקומען צו פאָ־דערען דעם מאַנוסקריפּט. עס איז געלונגען דאָס שריפט צו רעטען דורך אַן ערשטער קאָפּיע וואָס מאַדאַם דע סטאַל האָט אים גע־געבען. אָבער איר זאָרג וועגען דעם מאַנוסקריפּט איז אין דעם מאָמענט געווען די קלענסטע. זי האָט געהאָפט צו קענען זיך זעצען אויף אַ שיף קיין ענגלאַנד. אָבער גראַדע דאָס צו פאַרמיידען האָט דער פּאָליציימיניסטער, אין אַ צושריפט אין בריף, פאַרבאָטען איר צו קומען אין אַלע נאָרד־פראַנצויזישע האַ־

פענס. א צייט לאַנג האָט זי געהאַט בדעה צו פאָרען אויף א פראַנצויזישען שיף קיין אמעריקע, האָפענדיג אז די שיף וועט אויפ'ן וועג גענומען ווערען געפאַנגען פון די ענגלענדער. אָבער דער פּלאַן איז געווען צו פאַנטאַסטיש, און, א דערשלאָגענע און טרויעריגע, איז זי ווידער אַוועק נאָך קאָפּפעי.

דאָ האָבען זי ערוואַרטעט אַלערליי נייע פאַרפאָלגונגען. אויפ'ן סמך פון דעם ערשטען באַפעל, וואָס דער פּרעפעקט פון זשענעווא האָט געקראָגען, האָט ער אירע צוויי זיהן געגעבען צו פאַרשטעהן אז זיי איז אויך פאַרבאָטען ווען עס איז זיך אומצו־קערען קיין פראַנקרייך, און דאָס אַלץ נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבען געמאַכט א פּרובט לאָזען פאַרזוך צו בעטען ביי נאַפּאָלע־אָנ'ען אַן אוידיענץ וועגען זייער מוטער. אייניגע טעג שפּעטער האָט מאַדאַם דע סטאַל געקראָגען א בריף פון דעם פּרעפעקט אין וועלכען ער האָט ביי איר געפאָדערט, אין נאָמען פון פּאָליציי־מיניסטער, דעם קאָרעקטור־בויגען פון דעם ווערק „איבער דייטש־לאַנד", וואָרום מען האָט דורך שפּיאָנען ערפאַרען, אז איין קאָרעקט־טור איז ביי איר געבליבען, און מען האָט ניט געוואָלט זיך באַ־נוגנען בלויז מיט דעם האַלבען מיטעל צו פאַרניכטען דאָס שוין געדרוקטע, מען האָט געוואָלט דאָס ווערק אינגאַנצען אָהן א שום שפּור פאַרטיליגען. די פאַרפאַסערין האָט געענטפערט, אז די קאָ־רעקטור איז שוין אָבגעשיקט קיין אויסלאַנד, נאָר אז זי וועט גערן פאַרשפּרעכען קיין זאַך מער ניט צו דרוקען אויפ'ן אייראָ־פּעאישען קאָנטינענט. „עס איז קיין גרויסע הנחה אין דעם פאַר־שפּרעכען ניט געווען — שרייבט זי אין איר בוך, „צען יאָר גלות" — וואָרום זעלבסט פאַרשטענדליך וואָלט קיין רעגירונג אויפ'ן קאָנטינענט ניט ערלויבט אָבצודרוקען אין איר לאַנד א ווערק, וואָס איז פאַרבאָטען געוואָרען פון דעם קייזער." קורץ נאָכדעם איז דער זשענעווער פּרעפעקט, באַראַנט, דער פאָטער פון דעם באַקאַנטען ליטעראַטור־היסטאָריקער, אַרונטערגעזעצט געוואָרען דערפאַר וואָס ער האָט מאַדאַם דע סטאַל צו מילד באַהאַנדעלט. איר זוהן איז קראַנק געוואָרען, און אויפ'ן ראַט פון דאָקטאָר, האָט זי איר באַגלייט אין די בעדער פון עיקס און סאַוואָי, וואָס ליגט אַרום צוואַנציג מייל פון קאָפּפעי. ווי נאָר זי איז אָנגעקומען

אהין האָט א ספּעציעלער שליח פון דעם פּרעפעקט דעפּארטמענט מאָן־בלאַן זי אָנגעיאָגט און איר פארבאָטען ניט נאָר צו באַזוכען אונטער קיין שום אויסרייד די נאָכבאַר לענדער, נאָר אפילו אומ־צורייזען אין דער שווייץ גופא, און איבערהויפּט ניט זיך צו דער־ווייטערען מער ווי צוויי מייל פון קאָפּפּעי. און ניט גענוג וואָס מען האָט איר וואוינען אין איר שלאָס פארוואנדעלט אין אַן ארעסט, האָט מען נאָך אויך געזאָגט אַז זי זאָל ליידען ניט נאָר אונטער דעם פארלוסט פון דער פרייהייט, נאָר אויך אונטער דער ערגסטער קוואַל פון דעם געפענגנים־לעבען: די איינזאמקייט, וועלכע איז פאר אַזא געזעליגער נאַטור דאָפּעלט פּיינליך געווען. שלעגעל, וועלכער האָט אכט יאָר געלעבט אין איר הויז אַלס ער־ציהער פון אירע קינדער, האָט געקראָגען דעם באַפעל צו פארלאָ־זען קאָפּפּעי אונטערען לעכערליכען אויסרייד אַז ער באַאיינפלוסט זי געגען פראַנקרייך. אויף דער פראַגע, ווי אַזוי האָט ער עס געטאָן? איז דער ענטפער געווען, אַז ער האָט געשריבען א פארגלייך צווישען „פעררא" פון יוריפּידעס און „פעדרא" פון ראַסין, און האָט ערקלערט דאָס גריכישע ווערק אַלס גרעסער ווי דאָס פראַנ־צויזישע. מאַנמאָרענסי איז פארשיקט געוואָרען דערפאר וואָס ער האָט פארבראַכט איניגע טעג אין קאָפּפּעי; מאדאם רע־קאמיער, ווייל מאדאם דע סטאַל האָט קיין צייט ניט געהאַט צו וויסען לאָזען וועגען דער שטראָף וואָס ווערט געגעבען אפילו פאר דעם קירצעסטען באַזוך ביי דער פארפאסערין פון „קאָרינגא", איז פארווערט געוואָרען זיך אומצוקערען צוריק קיין פראַנקרייך, דערפאר וואָס אויף איר רייזע דורך דער שווייץ האָט זי געוואָלט אויפמונטערען אביסעל איר פריינדין מיט א געשפּרעך. יע, אפילו אַן אכט־און־זיבעציג יעריגער גרייז, סט. פּריסט, איר פאָטער׳ס געוועזענער מיניסטער־קאָלעגע, איז פארשיקט געוואָרען דערפאר וואָס ער האָט אָבגעשטאַט אַן איינציגען העפליכקייטס־באַזוך אין קאָפּפּעי.

די פּערזאָנליכקייט, וועלכע איז דער שיקזאַל פון די וואָס שטעלען זיך געגען א צו מעכטיגער גוואַלט, איז פאר איר ניט נייע געווען. שוין לאַנג אַז קיין מענש פון הויכען ראַנג, פון גרויסער פּאָליטישער באדייטונג, וואָס האָט געוואָלט שטעהן אויף א גוטען

פוס מיט דער רעגירונג, האט ניט געוואגט צו באזוכען זי אין קאפפעי. יעדער איינער איז געווען געשטערט פון געשעפטען אדער פון קראנקהייט. „אך — האט זי איינמאל געזאגט — ווי מיד איך בין שוין פון דער פייגהייט, וואס פארשטעלט זיך פאר שווינדזוכט!" אבער יעצט איז צו די ליידען צו זעהן זיך פארוואָרפען פון אזוי פיעל געוועזענע פריינד צוגעקומען נאך די פיין צו זעהן ווי יעדער פון אירעווירקליכע פריינד, וואס ווייזט איר ארוים די מינדסטע אויפמערקזאמקייט, ווערט באשטראפט מיט פארשיקונג. פונקט אזוי ווי א מגפה אזוי פארשפרייט זי ארום זיך אומגליק, פלעגט זי זאגען.

עס איז געלעגען אין איר איינענער מאכט, יעצט נאך אזעלכע לאנגע יאר פון פארפאלגונג, געפענגענשאפט און גלות, צו ערווערבען זיך פרייהייט און די ערלויבניש צו שרייבען און צו דרוקען; פריינדליכע מענשען האבען איר געגעבען צו פארשטעהן אז די מינדסטע ענדערונג אין אירע אנזיכטען אדער אירע איבערצייגונגען וועט פאר איר אויסווירקען די ערלויבניש זיך צוריקצוקערען קיין פראנקרייך. זי האט אבער ניט געוואלט קויפען איר פרייהייט פאר אזא פרייז, און ווען מען האט איר איינמאל אין א באשטימטער פארמע געראטען: „שרייבט נאר אדער רעדט נאר ארוים איין פאר ווערטער וועגען דעם קיסר פון רוים, און אלע הויפטשטעדט פון אייראפא וועלען שטעהן פאר אייך אפען," האט זי געענטפערט: „איך ווינש אים א גוטע אם."

אבגעזונדערט און פארפשארט, האט זי איינמאל באשלאסען איינצושטעלען אלץ און אנטלויפען פון קאפפעי. זי האט געוואלט פארען קיין אמעריקע, אבער אהן א פאס איז דאס געווען אן אונמעגליכקייט, און ווי אזוי קען זי באקומען א פאס? דערצו האט זי מורא געהאט ארעסטירט צו ווערען אויפ'ן וועג צום האפען און פארשפארט ווערען אין געפענגנים אויפ'ן אויסרייד אז זי האט געוואלט אנטלויפען קיין ענגלאנד. און זי האט גאנץ גוט געוואוסט אז ווען דער ערשטער סקאנדאל וועט איינגעשטילט ווערען, קען די רעגירונג זי רוהיג לאזען שמאכטען אין געפענגנים, און זי זאל שנעל אינגאנצען פארגעסען ווערען. זי האט זיך פארגעשטעלט די מעגליכקייט צו קענען געהן דורך רוסלאנד קיין

שוועדען. וואָרום גאַנץ נאָרד־דייטשלאַנד איז געלעגען אין דער געוואַלט פון די פראַנצויזען. זי האָט געהאָפט צו קענען אַנטלויפען דורך טיראָל און ניט ווערען אויסגעליפערט פון עסטרייך. אָבער א פּאַס פאַר רוסלאַנד האָט געמוזט געשאַפען ווערען פון סט. פּעטערסבורג; ווען זי זאָל שרייבען פון קאָפּפּעי וועגען דעם דאַן מוז זי מורא האָבען טאָמער וועט מען עס דאָרט דערטראַגען צום פראַנצויזישען אַמבאַסאַדאָר אין רוסלאַנד; זי האָט דעריבער געמוזט פריהער פון אַלץ זיך דערלאַנגען קיין וויען, און דאָרט זאָרגען וועגען א פּאַס.

א האַלב יאָר לאַנג איז זי געזעסען געבויגען איבער דער קאַרטע פון אייראָפּאַ און זי שטודירט אום אויסצוגעפינען א וועג צו אַנטלויפען, מיט דער זעלבער ליידענשאַפט מיט וועלכער נאַפּאָלעאָן האָט זי שטודירט אום צו אונטערזוכען אויף וועלכען וועג צו ערוועדבען און אויפשטעלען פאַר זיך די וועלט־אימפּעריע. ווען דער לעצטער פאַרזוך צו קריגען א פּאַספּאָרט קיין אַמעריקע האָט זיך אין פאַרלויף פון א מאָנאַט ניט איינגעגעבען, אָבוואָל די בקשה האָט שוין אַנטהאַלטען דעם פאַרשפּרעכען אַז מאַדאַם דע סטאַל וועט זיך פאַרפּליכטען, ווען עס וועט איר באַוויליגט ווערען, קיין שום זאַך ניט צו דרוקען, האָט די שוואַכע אָבער מוטיגע פרוי באַשלאָסען צו פּרובען אַנטלויפען. איין טאָג אין יאָר 1812 איז זי מיט איר טאָכטער ארויסגעפאָרען אויף א וואָגען פון קאָפּפּעי, אָהן אַן איינציגען קופערט אָדער פּעקעל, מיט א פּאַכער אין דער האַנט, איז אָנגעקומען גלייך קיין וויען און האָט אַוועקגעשריבען קיין סט. פּעטערבורג נאָך א רוסישען פּאַס. אָבער די עסטרייכישע רעגירונג האָט אַזוי מורא געהאַט זיך צו פאַרטשעפּען מיט דער פראַנצויזישער רעגירונג, אַז מען האָט מאַדאַם דע סטאַל פאַרהאַלטען אויף דער גאַליצישער גרעניץ און דורך גאַנץ עסטרייכישען פּוילען זי געהיט מיט שפּיאָנען. ווען זי האָט אַנטימאָל אויף דער רייזע זיך אָבגעשטעלט אום צו באַזוכען די פאַמיליע פון פירשט לובאָמירסקי האָט איר אַן עסטרייכישער פּאָליציי־אַגענט אַזוי נאָהענט פאַרפאָלגט, אַז דער פירסט איז געצוואונגען געווען צו געבען אים פּלאַץ ביי זיין טיש, און מאַדאַם דע סטאַל'ס זוהן האָט אים בלויז מיט דראָהונגען געקענט אָבהאַלטען פון מאַכען זיין

נאַכט־קוואַרטיר אין איר שלאָף־צימער. ערשט ווען זי איז אַריבער די רוסישע גרעניץ האָט זי פרייער אָבגעאָטעמט. אָבער דיזער פרייהייטס־געפיהל האָט וועניג געדויערט. אַזוי שנעל ווי זי איז אָנגעקומען קיין מאָסקווא האָט איר די נאַכריכט פון דעם אָנקומען פון דער פראַנצויזישער אַרמיי געצוואונגען צו לויפען ווייטער, און ערשט אין סט. פעטערבורג האָט זי זיך געקענט פיהלען אויסער געפאַר.

איין יאָר פאַר איר אָברייזע פון קאָפּפּעי האָט זי אין געהיים חתונה געהאַט. זייענדיג פינף־און־פערציג יאָר אַלט האָט זי געהייראַט אַ יונגען פראַנצויזישען אָפיציר, אַלבער דע ראָקקאַ, וועלכער איז געקומען אין דער שווייץ אַלס שווער־פאַרוואונדעטער אינוואַליד, האַבענדיג פאַרלאָרען אַ סך בלוט. מאַדאַם דע סטאַל׳ס מיטגעפיהל האָט אין דעם האַרצען פון יונגען חולה אויפגעוועקט אַ שטאַרקע ליבע, און דיזע האָט געפירט צו דער געהיימער פאַראייניגונג. מיט ראָקקאַ האָט זיך מאַדאַם דע סטאַל צוזאַמענגעטראָפען אויף דער רוסישער גרעניץ. זי האָט געהאַט שטאַרק צום האַרצען דעם פּלאַן צו פאָרען נאָך קאָנסטאַנטינאָפּעל און גריכענלאַנד, אום צו שטודירען די אָרטיגע פאַרבען פאַר אַ געדיכט „ריטשאַרד דער לייבען־הערציגער" וואָס האָט זיך ביי איר געוועבט און צו וועלכען, ווי עס שיינט, לאָרד בייראָן׳ס אויפטרעטען האָט איר געגעבען די אידעע. דאָס דאַרף זיין אַ „לאַראַ", פלעגט זי זאָגען, אָבער עס וועט ניט זיין קיין רעפלעקציע פון בייראָן׳ס.

אָבער די מורא אַז איר יונגע טאָכטער און ראָקקאַ וועלען ניט קענען איבערטראָגען די שוועריגקייטען פון דער רייזע האָט איר באַוואויגען צו געהן נאָך שטאָקהאָלם. דאָ האָט זי באַנייט איר פריינדשאַפט מיט בערנאַדאָט, האָט דאָ אויך געטראָפען שלעגעל׳ן, וועמען בערנאַדאָט האָט געמאַכט פאַר אַן אַדעליגען און אים אָנגעשטעלט אַלס זיין פּריוואַט־סעקרעטער. דורך שלעגעל׳ן האָט קאַרל יאָהאַן זיך באַקענט אויך מיט קאָנסטאַן, וועמען ער האָט געזוכט, אָבער אָהן ערפאָלג, צו געווינען פאַר זיינע אַמביציעזע פּלענער אויפ׳ן פראַנצויזישען טראָן און האָט אים פאָרלויפיג באַשטימט אַלס „ריטער פון דעם נאָרד־שטערן". מאַדאַם דע סטאַל האָט ניט דורכגעדרונגען דעם כאַראַקטער פון בערנאַדאָט

אזוי טיף ווי קאָנסטאַן; זי רעדט אימער פון אים מיט וואַרימ־קייט; זייער בשותפות׳ער האַס געגען נאַפּאָלעאָנ׳ען איז דאָ געווען דער פאַראייניגענדער עלעמענט. אָבער דיזער האַס איז דאָך אין איר פאַרשטומט געוואָרען פון דעם מאָמענט אָן, ווען די פאַראייניגטע אַרמייען האָבען זיך געלאָזט געגען פראַנקרייך; זי קלאָגט וואָס זי מוז נאַפּאָלעאָנ׳ען ווינשען גליק, אָבער זי קען מער ניט אָבשיידען זיינע אינטערעסען פון פראַנקרייך׳ס. מיט אַ פעס־טערען כאַראַקטער ווי קאָנסטאַן האָט זי צוריקגעוויזען נאַפּאָלע־אָנ׳ס פאַרזוכען אין די הונדערט טעג זי איבערצוגעווינען. זי האָט נאָך דערלעבט זיין ענדליכען פאַל און האָט צוגעזעהן מיט טרויער ווי עס קערען זיך אום די בורבאָנען, וועלכע זיינען געווען נאָך גרעסערע פיינד פון פרייהייט ווי דער דעספּאָט, וועמעס פּלאַץ זיי זיינען געקומען צו פאַרנעהמען. נאָך איינמאָל האָט זי געטראָפען קאָנסטאַן אין פּאַריז אין 1816 און איז אין אַ יאָר אַרום געשטאָרבען.

דיזע קורצע איבערזיכט איבערען לעבען און דעם לעבענס־קאַמפּף פון דיזער באַדייטענדער פרוי אין איר רייפערען פעריאָד איז גענוג אום צו מאַכען זיך אַ באַגריף פון איר וועזען אַלס מענש און שריפטשטעלערין. אַן איינגעבאָרענע האַרציגקייט און אַן איינגעבאָרענער פאַרשטאַנד — דאָס זיינען געווען אירע נאַטיר־ליכע גאַבען: אַ האַרציגקייט וואָס האָט זיך אויפגעהויבען צו אַ ליבשאַפט צו דער גאַנצער מענשהייט, און אַ פאַרשטאַנד וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט ביז צו אַ גראַד פון גענאַליטעט אין זיין פעהיגקייט אויפצונעהמען און פעסצושטעלען אידעען.

זי איז באַזעסען אין זעהר אַ הויכער מאָס איינינע פון די כאַראַקטעריסטיקען פון דעם 18טען יאָרהונדערט: די טיפע ליב־שאַפט צו געזעלשאַפטליכקייט, און די שטאַרקע נייגונג און פעהיג־קייט פאַר געשפּרעכען. בעת זשאָרזש סאַנד, די גרויסע שריפט־שטעלערין פון 19טען יאָרהונדערט איז אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע געבליבען פאַרשלאָסען און שטום און האָט די קוואַלען פון איר פּערזענליכקייט געעפענט נאָר ווען זי האָט געשריבען, איז מאַדאַם דע סטאַל געווען אַ געשיקטע אימפּראָוויזאַטאָרין. זי האָט געהאַט אַ מערקווירדיגע פעהיגקייט צו עלעקטריזירען; אירע

ווערטער פלעגען זיך גיסען אַזוי ווי שטראָמען־ליכט איבער דעם געגענשטאַנד, פון וועלכען זי האָט גערעדט. אַלע וואָס האָבען זי געקענט האָבען אימער ערקלערט: „אירע שריפטען זיינען גאָרניט, איר האָט זי געדאַרפט הערען ריידען.” איינער פון אירע קריטיקער ענדיגט זיין אָבהאַנדלונג וועגען איר מיט פאָלגענדע ווערטער: „ווען מען הערט זי איז אונמעגליך מיט איר ניט איינ־צושטימען: ווען זי וואָלט דאָס געהאַט געזאָגט און ניט געשריבען וואָלט איך זי קיינמאָל ניט געקענט קריטיקירען,” און א גרויסע דאַמע, מאַדאַם דע זשעססי, האָט געזאָגט אין שפּאַס וועגען איר: „ווען איך וואָלט געווען א קעניגין וואָלט איך באַפעלען מאַדאַם דע סטאַל שטענדיג צו מיר צו ריידען.”

די אונצייליגע ווערטלעך וואָס זיינען פון איר געבליבען, ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיי זיינען אין קאַלטען דרוק, גיבען דאָך א באַגריף פון די נאַטירליכע און איבערראַשענדע ווענדונגען אין איר געשפּרעך. איינמאָל, ריידענדיג וועגען דער אוננאַטירליכ־קייט פון די חתונות וועלכע ווערען געשלאָסען פון די עלטערען אליין, נעגען דאָס רעכט פון דער מיידעל צו וועהלען פאַר זיך, האָט זי געזאָגט לאַכענדיג: „איך וועל מיין טאָכטער צ ו ו י נ ג ע ן צו הייראַטען אוים ליבע.” אַן אַנדער מאָל, ווען איינער פון נאַ־פּאָלעאָנ׳ם מענשען האָט איר מיטגעטיילט אַז דער אימפּעראַטאָר וועט איר אָבצאָלען די צוויי מיליאָן, וועלכע איר פאָטער האָט אַריינגעלעגט אין דער פראַנצויזישער באַנק, בתנאי אַז ער זאָל קענען זיכער זיין אַז זי איז צו אים גוט גענייגט, האָט זי געענט־פערט: „איך האָב געוואוסט אַז אויף אַרויסצונעהמען געלט דאַרף מען האָבען א שיין, אַז מען איז די ריכטיגע פּערזאָן — אָבער איך האָט ניט געוואוסט אַז מען דאַרף א ליבעס ערקלערונג.”

אָבער הינטער דיזער אייגענשאַפט זיך שנעל צו געפינען און דער פעהיגקייט לייכט צו פאָרמירען און אויסדריקען די געדאַנקען, וואָס א געזעלשאַפטליכער דור אַנטוויקעלט, איז געלעגען א סך פון יענער וואַרימקייט און נשמה׳דיגקייט, וואָס דאָס 19טע יאָר־הונדערט האָט פאַרשטאַנען צו שעצען. די באַוואונדערטע פרוי פון קאָפּפּעי, די אַנציהענדע וועלט־דאַמע, איז געווען א פולע נאַ־טור. אירע שלעכטע באַציהונגען מיט דער מוטער האָבען, ווי שוין

געזאָגט, נאָך אין דער יוגענד אנטוויקעלט אין איר הארצען דעם גלויבען אין דער מענשליכער נאַטור און א ליבע צו איר. א פליכט וואָס די נאַטור געבאָט ניט, אָדער וואָס איז גאָר געגען דער נאַטור, איז געוועזן פאר איר א גרויל. שוין אין איר בוך „איבער דעם איינפלוס פון די ליידענשאַפטען" באַטראַכט זי די ליידענשאַפטען ניט אין זייער שייכות צו פליכט, נאָר אין זייער שייכות צו גליק, און זי אונטערזוכט אויף ווי ווייט זיי טרעטען אריין אין אונזער גליק. זי זאָגט מיט די ליפען פון „קאָרינגאַ": „קיין זאך איז ניט אזוי גרינג ווי אָנצונעהמען א הויכע מאָראַלישע מינע און אין דערזעלבער צייט פארפלוכען אַלץ וואָס איז איידעל און גרויס. די אידעע פון פליכט קען באַנוצט ווערען אַלס אָנגרייפענדע וואפען אין די הענט פון די קליינע גייסטער וועלכע זיינען צופרידען מיט זייער מיטעלמעסיגקייט און באשרענגטקייט, אום צו צווינגען דעם טאַלאַנט צו שווייגען, און זיך באַפרייען פון דער באַגייסטערונג, דעם זשעני, מיט איין וואָרט, פון אַלע זייערע פיינד."

דער נאַטור־יסוד אין איר כאראַקטער, אויף וועלכען זי האָט געבויט, איז געווען אַן עכט ווייבליכער. דער אידעאַל וואָס האָט געשוועבט פאַר דיזער, ביז א געוויסען גראַד עהרגייציגער פרוי, איז געווען א ריין פערזענליכער, א ריין אידילישער: דאָס גליק אין דער ליבע. אַרום דעם דרעהען זיך אירע ביידע גרויסע דיכטונגען, „דעלפין" און „קאָרינגאַ". די אונוואַרשיינליכקייט צו געפינען עס אין דער הייראַט ווי די מאָדערנע געזעלשאַפט האָט זי אויסגעאַרבייט, און די אונמעגליכקייט צו געפינען עס אויסער־האַלב דער הייראַט — דאָס זיינען אירע פעסטע גרונד־געדאַנקען, און דער קאַמפּף וואָס זי האַלט אונז שטענדיג פאַר די אויגען צווישען דעם הויזליכען גליק און דער איידעלער אַמביציע אָדער דער פרייער ליבע איז אייגענטליך נאָר דער אויסדרוק פון א שטענ־דיגער קלאַגע: ניט די זשענאַליטעט און ניט די ליבע לאָזען זיך פאַראייניגען מיט הויזליכען גליק, וואָס איז דער אייביגער פאַר־לאַנג פון איר הארצען. און וואָס אָנבאַלאַנגט דער זשענאַליטעט און איר באַגלייטערין, די באַריהמטקייט, איז זי בלויז אַן אנקער אַן וועלכען די פרוי כאַפּט זיך אָן ווען אַלע אירע אַנדערע האָפנונגען און טרוימען זיינען געטויט געוואָרען. פאַר מאַדאַם דע סטאַל

איז דאַס הארץ אַלעס; אפילו דער רוהם איז פאר איר נאָר א מיטעל צו פאנגען הערצער. קאָרינגא זאָגט: „ווען איך האָב געשטרעבט נאָך רוהם האָב איך שטענדיג געהאָפט אז דאָס וועט באַוועגען מענשען מיך צו ליבען." און מאַדאַם דע סטאַל אליין זאָגט: „לאָמיר אונזערע אונגערעכטע פיינד און אונזערע אונ־דאַנקבארע פריינד ניט פארשאפען דעם נצחון, אז זיי האָבען גע־בראָכען אונזערע גייסטיגע קרעפטען. זיי צווינגען צו זוכען באַ־ריהמטקייט דעמיעניגען, וועלכער וואָלט זיך אזוי גערן באַנוגענט מיט געפיהלען."

עס איז אָט דיזע הארציגקייט, מען קען זאָגען מוטערליכקייט אין איר געדאַנקען־גאַנג, וואָס גיט א באַזונדערען שטעמפעל צו דער אַלגעמיינער מעלאַנכאָליע פון דער צייט, וואָס באַגעגענט זיך אויך ביי איהר. דיזע מעלאַנכאָליע איז נעמליך ניט בלויז די אַל־געמיין־מענשליכע, די, וועלכע איז באַגרינדעט דאַרויף וואָס צוויי מענשען וועלכע ליבען זיך קענען אימער מיט פולער זיכערקייט זאָגען איינס צום אַנדערען: „ענטוועדער איך וועל דערלעבען דעם טאָג ווען דו וועסט ליגען טויט, אָדער דו וועסט דערלעבען דעם טאָג ווען איך וועל ליגען טויט." עס איז נאָך וועניגער דיזעל־בע עגאָאיסטישע מעלאַנכאָליע וועלכע מיר האָבען דערקענט אַלס די סימפּטאָמען פון דער צייט; עס איז א סימפּאַטישע, מיט־פיהלענדע מעלאַנכאָליע, וועלכע האָט אירע וואָרצלען אין דעם קאַמפּף פאר די גלייכהייטס־אידעאַלען און פרייהייטס־פּרינציפּען פון דער רעוואָלוציאָנערער צייט — עס איז דער טרויער פון דער רעפּאָרמאַטאָרישער באַגייסטערונג.

פון איר יוגענד אָן איז זי געוועזען אזא ענטהויזיאַסטישע אָנ־הענגעריין פון גלייכהייט, אז אפילו אין דעם פּרט פון באַגאַבטקייט און פעהיגקייט האָט זי געהאַלטען אַלע מענשען פאר גלייך און האָט געגלויבט בלויז אין א גאַנץ קליינעם אונטערשייד צווישען דעם זשעני און דעם געוויינליכען מענשען. דיזען גלויבען האָט זי געהאַלטען פעסט אפילו אין יענע סעפּטעמבער־טעג ווען זי האָט געמוזט אַנטלויפען פון דער טעראָר־הערשאַפט, אין וועלכער די גלייכהייט האָט זיך פארוואַנדעלט, און ווען זי איז אונטער דעם קאָנסולאַט פארטריבען געוואָרען פון איר פאַטערלאַנד דורך דער

דיקטאַטור, אין וועלכער די פרייהייט האָט זיך פאַרקערט. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס אַ שלייער פון אומעט און מעלאַנכאָליע האָט זיך פריהצייטיג פאַרצויגען איבער איר לעבהאַפ־טען גייסט.

טאַליעראַן, וועמעס נאָמען איז אין די טעג פון איר איינפלוס אויסגעמעקט געוואָרען פון דער עמיגראַנטען־ליסטע, האָט זיך אויסגעוויזען צו אונדאַנקבאַר צו רירען אַפילו מיט אַ פינגער אום אויסצעווירקען פאַר איר די ערלויבניש זיך אומצוקערען קיין פראַנקרייך אין אַ צייט ווען זי איז פון בענקשאַפט נאָך איר פאָ־טערלאַנד געוועזן שטאַרק פאַרצווייפעלט. זי האָט אים ניט גע־האַסט, זי האָט קיינעם ניט געהאַסט, זי האָט אַלעמען פאַרצייהט, אָבער זי האָט געגעבען אַ ריכטיגע און צו־געטראָפענע בילד פון אים, שילדערנדיג אים אין „דעל־פין" אין דעם כאַראַקטער פון דער פרוי ווערנאָן. איר טיפע מעלאַנכאָליע מאַכט זיך לוסטיג צום שלוס פון אירען אַ בריף צו אים: „זייט געזונט! זייט איר גליקליך? פיהלט איר ניט מיט אייער גרויסען גייסט אַ שטרעבונג דורכצודרינגען אַמאָל צום גרונד פון אַלע זאַכען, ד. ה. אַראָבגעהן אַפילו צום אומגליק?

„פון אַלע פעהיגקייטען וואָס איך האָב געקראָגען פון דער נאַטור — לאָזט זי קאָרינאַ'ן זאָגען — איז די פעהיגקייט צו ליידען די איינציגע, פון וועלכער איך האָב געמאַכט פולען גע־ברויך."

אָבער זייענדיג גייסטיג און געזונד, איז איר געלונ־גען אין פאַרלויף פון יאָרען צו קומען צו אַ ליכטיגערער לעבענס־אַנשויאונג. איינע פון אירע פרויען־פריינד, וועלכע האָט זי גוט געקענט, שרייבט וועגען דעם: „עס איז פיליייכט געווען אַ צייט ווען דאָס לעבען, דער טויט, די מעלאַנכאָליע, די ליידענשאַפטלי־כע זעלבסט־אויפאָפּפערונג האָבען געשפּילט אַ צו גרויסע ראָלע אין אירע געשפּרעכען. אָבער ווען דיזע אויסדריקען האָבען זיך אַזוי ווי אַן אַנשטעקונג פאַרשפּרייט אין איר גאַנצען קרייז, אַזוי אַז עס האָט שוין אַפילו געהאַלטען ביי די דינסטען, זיינען זיי איר שרעקליך איבערדריסיג געוואָרען." זי האָט באַוויזען זיך

אַרויסצושלעפּען פון יענעם גייסטיגען צושטאַנד, אין וועלכען אַזוי פיעל פון אירע צייטגענאָסען זיינען געבליבען שטעקען.

און דאָס איז געווען איבערהויפּט אַ גרונד־שטריך ביי איר: זי האָט זיך אַנטוויקעלט קריטיש אין דעם גייסט און אין דער ריכ־טונג פון 19טען יאָרהונדערט. פון אָנפאַנג איז זי געווען אַן עכטעס פאַריזער קינד אָהן אַ שום לעבעדיגען חוש פאַר נאַטור־שעהנקייטען. ווען מען האָט איר נאָך איר ערשטען אַנטלויפען פון פאַריז צום ערשטען מאָל געוויזען דעם זשענעווער אָזיערע האָט זי אין היים־וועה אויסגערופען: „אָי, וויפיעל שעהנער איז די רינע אין רו דע באַק!" און ניט קיין סך יאָרען שפּעטער האָט זי געשילדערט אין „קאָרינגאַ" די איטאַליענישע נאַטור מיט די גליהענדסטע פאַרבען. אין אָנפאַנג איז זי געווען אינגאַנצען פאַר־ליבט אין פאַריז, וואָס איז אין אירע אויגען געווען גאַנץ פראַנק־רייך, און דיזע — די גאַנצע ציוויליזאַציאָן. און זי איז געוואָרען דיעניגע וואָס האָט פריהער ווי יעדער אַנדערער אַנטפּלעקט פאַר די פראַנצויזען די אייגענשאַפטען און מעלות פון די אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער. וואָרום זי איז באַזעסען יענע אמת קריטי־שע פעהיגקייט, וואָס האָט אָהן אויפהער אויסגעברייטערט איר גייסט, פאַרגרעסערט איר אויפנעהמבאַרקייט, אירע פאָראורטיילען אין דער קנאָספּע דערשטיקט, און זי דאַדורך אימער גרייט גע־האַלטען צו פאַרשטעהן.

דערין איז געלעגען די אַנציהונגס־קראַפט וואָס זי האָט אויס־געאיבט, דעריבער איז עס געשעהן וואָס, זייענדיג פאַרפאָלגט און פאַרטריבען, האָט זי דאָך אין קאָפּעי געהערשט און געווירקט ווי אַ קעניגין.

אָהלענשלעגער באַשרייבט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע זיין באַזוך ביי מאַדאַם דע סטאַל אין יאָר 1808. אָבוואָל אָהלענ־שלעגער האָט, ווי עס שיינט, ניט געהאַט קיין ריכטיגע פאַר־שטעלונג פון דער אמת'ער זעלען־גרויסקייט פון דיזער פרוי, ווע־מעס גאַסט ער איז געווען, שילדערט ער דאָך זעהר שעהן זיין פאַר־ווייל‏ונג און די פּערזאָן פון זיין ווירטין. „ווי לעבעדיג, גייסט־רייך, וויציג און ליבענסווירדיג מאַדאַם דע סטאַל איז געווען — שרייבט ער — איז דער וועלט באַקאַנט. איך האָב קיינמאָל ניט

געקענט קיין פרוי וואָס זאָל אַרויסווייזען אַזוי פיעל זשעני. דער־ריבער האָט זי געהאַט אויך עטוואָס מענליכעס אין איר וועזען, איז געוועז שטאַרק געבויט און האָט געהאַט אַ שאַרפען געזיכט. שעהן איז זי ניט געוועזען, אָבער אירע שיינענדע ברוינע אויגען האָבען דאָך אַזוי פיעל אַנציהענדעס געהאַט, און דעם ווייבליכען טאַלאַנט צוצוציהען מענער און דורך חן און שעהנקייט צו באַהער־שען די פאַרשיידענסטע כאַראַקטערען און זיי געזעליג פאַראיי־ניגען איז זי באַזעסען ביז זעהר אַ הויכען גראַד. איר זשעני און איר געזיכט, און איר שטימע כמעט, זיינען געווען מענליך, אָבער איר זעלע אין אַ הויכען גראַד ווייבליך; דאָס האָט זי באַוויזען אין „דעלפין" און „קאָרינגאַ." רוסאָ האָט ניט געשילדערט די ליבע מיט מער פייער. וואו זי פלעגט זיך באַווייזען פלעגט זי טראָץ דער אַנוועזענהייט פון יונגע און שעהנע דאַמען, צוציהען צו איר קרייז אַלע מענער וואָס האָבען נאָר געהאַט אַ קאָפּ און אַ האַרץ. דערמאָנט מען זיך נאָך דערצו, אַז זי איז געוועזען זעהר רייך און זעהר גאַסט־פריינדליך און פלעגט אַלע טאָג געבען פּראַכטפולע מאַלצייטען, איז מער קיין וואונדער ניט וואָס זי האָט ווי אַ קעניגין, ווי אַ מין פעע אין איר וואונדער שלאָס, צוגעצויגען און באַהערשט די מענער. עס ווילט זיך אַפילו גלויבען אַז כדי צו סימבאַליזירען דיזע הערשאַפט פלעגט זי אימער ביים טיש האַלטען אין האַנד אַ קליינעם בלעטער־צווייג, מיט וועלכען זי פלעגט ניט אויפהערען צו שפּילען אין דער צייט פון געשפּרעך, און וועלכען דער דינער פלעגט יעדען טאָג מוזען לעגען נעבען איר טעלער, ווייל זי האָט זיך ניט געקענט באַגעהן אָהן דעם אַזוי ווי אָהן מעסער, לעפעל און גאָפּעל."

אַלע פלעגען זיך ציהען נאָך קאָפּפּעי אַזוי ווי מיט אַ האַלבען יאָרהונדערט פריהער פלעגט מען געהן נאָך דעם דערביי־ליגענדען פערנעי, וואו וואָלטעיר, פאַרטריבען פונקט אַזוי ווי מאַדאַם דע סטאַל, אויסערהאַלב די גרעניצען פון פראַנקרייך אָבער אַזוי נאָהנט צו זיי ווי מעגליך, האָט אין זיינע לעצטע יאָרען גאַנץ אייראָפּאַ אַרום זיך אַרומגעקליבען.

עס האָט עפּיס פאַרכאַפּענדעס פאַר דער פאַנטאַזיע צו פאַר־גלייכען די ווירקונג, וואָס האָט אַרויסגעשראַלט פון דעם פּאַט־ריאַך פון פערנעי, מיט דער, וואָס האָט זיך פון קאָפּפּעי'ס יונ־

גער און גייסטרייכער הערשערין פאנאנדערגעגאסען איבער פראנקרייך און דער איבריגער וועלט. די צייט אין פערנעי איז געווען אין יעדען פרט די גלענצענדסטע פעריאָדע אין וואָלטעיר׳ס לעבען; פון דאנען האָט ער אלס אפּאָסטאָל און פירשפרעכער פון פרייהייט, גערעכטיגקייט און טאָלעראנץ באוויזען אזעלכע גרויסע מעשים, וואָס קיינמאָל פריהער האָט קיין אינדיווידועלע פערזאָן באוויזען, וועמעס איינציגע כלי־זין איז געווען די פען.

דאָ האָט ער פארווענדעט דריי יאָר פון זיין לעבען אויף דעם פּראָצעס צו רעטען די עהרע פון זשאן קאלא, אן אכט־און־זעכציג יעריגער זקן, א סוחר פון טולוז, וועמעס איינגסטער זוהן איז אריבער צום קאטאָליציזמוס און איז דאדורך אָבגעפרעמדט געוואָרען פון זיין פאמיליע, און דער עלסטער זוהן, א לייכטזיניגער און אויסגעלאסנער מענש, האָט זיך דאָס לעבען גענומען. באלד האָבען די קאטוילישע גלחים פארשפּרייט צווישען עולם דעם קלאנג, אז דער פאָטער האָט דערשטיקט זיין זוהן דערפאר, וואָס ער האָט געוואָלט אריבערגעהן צום קאטאָליציזמוס, וואָס איז דעם פאָטער פארהאסט. די גאנצע פאמיליע איז געשמידט געוואָרען אין קייטען, דער קערפּער פון דעם געפאנגענעם איז ארויסגעשטעלט געוואָרען עפענטליך, או ער האָט באוויזען איין וואונדער נאָכ׳ן אנדערען. אין דער זעלבער צייט איז גראד אויסגעפאלען דאָס צוויי הונדערטע יאָרצייט פון דער סט. בארטהאלאמעאוס־נאכט אין טולוז. אין פאנאטישער אויפרעגונג האָבען דרייצען ריכטער, טראָץ אלע באווייזע געגען דער ווארהייט פון דער אָנקלאגע און אָהן א שאָטען פון באוויז פאר דער שולד, פאר׳משפּט דעם אלטען מאן לעבעדיגערהייד, געבראָכען צו ווערען אויף דער ראָד. דער פּסק איז אויסגעפירט געוואָרען, אָבער נאָך אויף דער ראָד האָט ער גע׳טענה׳ט אז ער איז אונשולדיג. די קינדער האָט מען כלומרשט אלס באנאדיגונג פארשפארט אין א קלויסטער, און געצוואונגען אָנצונעהמען דעם קאטוילישען גלויבען. דאן האָט וואָלטעיר געשריבען אין פערנעי זיין בארימטע שריפט וועגען טאָלעראנץ און האָט אויפגעריסען הימעל און ערד, ביז ער האָט געצוואונגען א רעוויזיע פון דעם פּראָצעס. ער האָט זיך געווענדעט צו דער עפענטליכער מיינונג פון גאנץ אייראָפּא, ער האָט געצוואונגען דעם

שטאַטס־ראַט אין פּאַריז אַרויסצופאָדערען די גערי‌כט־אַקטען פון פּאַרלאַמענט אין טולוז. דיזע פאָדערונג האָט מען אָבגעזאָגט, מען האָט געזוכט די זאַך צו פאַרשלעפּען. ענדליך, נאָך דריי־יעריגען אונערמידליכען קעמפּפען, האָט וואָלטעיר אויסגעפירט. דער טור־לוזער אורטייל איז ערקלערט געוואָרען אַלס פאַלש, די עהרע פון דעם הינגעריכטעטען איז צוריקגעשטעלט געוואָרען, און דער פאַ־מיליע איז צוגע'משפט געוואָרען שאַדענערזאַץ. צו זיין גערעכט צו וואָלטעיר'ן דאַרף מען געדענקען, אַז אין דיזער פּעריאָדע זיינען די ווערטער "Écrasez l'infame" (מעקט אויס די שאַנדע) געוואָרען די באַשטענדיגע פאָרמול אין אַלע זיינע בריף.

ווייטער האָט וואָלטעיר אין פערנעי זיך פאַרנומען מיט דער פאַמיליע סירווען. דער פאָטער איז געווען אַ קאַלוויניסט און די טאָכטער איז מיט גוואַלט אוועקגעפירט געוואָרען אין אַ קלויסטער. ווען זי איז דאָ משוגע געוואָרען האָט מען זי פריי געלאָזען, און זי האָט זיך דערטרונקען אין אַ ברונען ניט ווייט פון איהר פאָטער'ס הויז. דאַן האָט מען דעם פאָטער, דער מוטער און זייערע טעכ־טער באַשולדיגט אין ערמאָרדען די נאָנע. זיי זיינען אַלע פאַר־משפט געוואָרען צום טויט. די גאַנצע אומגליקליכע פאַמיליע האָט אין איירעָפּאַ ניט געוואוסט פון קיין אַנדער זיכערערן פּלאַץ ווי וואָלטעיר'ס הויז. זיי זיינען אַנטלאָפען צו אים; די מוטער איז פון צער אויפ'ן וועג געשטאָרבען. אויך דאָס מאָל, אָבוואָל אַ פּאַרטריבענער, האָט ער געצוואונגען דורך דער מאַכט פון זיין פייערדיגער שפּראַך די פראַנצויזישע געריכטען די זאַך אויפצו־נעהמען פון דאָס ניי און די גאַנצע פאַמיליע איז פריינעשפּראָכען געוואָרען.

מיט דריי יאָר שפּעטער האָט וואָלטעיר אין פערנעי אויפ־גענומען עטאַלאָנד'ן. צוויי יונגעלייט, דע לאַ באַרר און עטאַלאָנד, זיינען אין יאָר 1765 אָנגעקלאָגט געוואָרען, אַז זיי האָבען ניט אַראָבגענומען די היטלען ווען זיי זיינען פאַרביי געגאַנגען אַ פּראָ־צעסיע, און דיזער טייל פון דער אָנקלאַגע איז געווען אמת, און אַז זיי האָבען אַריינגעוואָרפען אַ צלם אין וואַסער, און דיזע באַשול־דיגונג איז געווען פאַלש. ביידען האָט מען צוערשט פאַרהערט אונטער מאַטערנישען, און דאַן האָט מען לאַ באַרר'ן גערעדערט.

מוטיג איז ער ארויפגעגאנגען אויפ'ן עשאפאט און האט נאר גע־זאגט: „איך האב ניט געקענט גלויבען אז מען וועט א יונגען מענשען טויטען פאר אזא אונזין.״ עטאלאנד, וועמען מען האט פאראורטיילט אבצושניידען די רעכטע האנד און די צונג איז אנט־לאפען קיין פערנעי, און ביי וואלטעיר'ן האט קיינער ניט געוואגט צו לעגען אויף אים א האנד.

נאך איין מאל האט וואלטעיר'ן געגליקט פון פערנעי א מענשען־לעבען צו רעטען. א יונג פאר פאלק, מאנבאלי, זיינען אויף א פאלשער קלאגע פון מארד פאראורטיילט געווארען פאר־ברענט צו ווערען אויפ'ן שייטערהויפען. דעם מאן האט מען צו־ערשט גערעדערט, דאן פארברענט. די הינריכטונג פון דער פרוי איז אבגעלעגט געווארען ווייל זי איז געווען שוואנגער. דערוויייל האט וואלטעיר ערפארען פון דער געשיכטע, מיט זיין פייערבליק באלד אויף דורך געזעהן איר שענדליכקייט, געשיקט אן אפעלאציע אין פראנצויזישען מיניסטעריום, האט באוויזען אז דער מאן איז אונשולדיג געטויטעט געווארען און האט געראטעט די פרוי פון שטייערהויפען.

און פונקט ווי ער האט זיך אויפגעאפפערט צו רעטען דאס לעבען פון אונשולדיג אנגעקלאגטע, אזוי האט ער זיך אויך גע־אפפערט צו רעטען דעם כבוד פון טויטע. איינע פון די לעצטע נאכריכטען, וואס וואלטעיר האט ערהאלטען אויף זיין טויטען־בעט, איז געווען אז דער פראצעס וואס ער האט צוריק אויפגעוועקט בנוגע דעם יוסטיץ־מארד פון גענעראל לאללי, איז געוואונען געווארען און דער ערמארדעטער איז פרייגעשפראכען געווארען פון דער שולד. און אין דיזער פעריאדע האט וואלטעיר נאך געפונען צייט צו אר־בייטען ליידענשאפטליך פאר דער אבשאפונג פון לייב־אייגענטום אין פראנקרייך, האט געפונען צייט די פלימעניצע פון קארניל, א יתומה, וועמען ער האט ארייגענומען צו זיך אין הויז, צו ער־ציהען און איר פארשאפען א רייכען נדן, צייט צו פארוואנדלען פערנעי פון אן עלענדען דערפעל אין א טעטיגער און פארמעגליכער שטאדט, און צייט צו שרייבען זיין אבהאנדלונג איבער דעם גייסט און די זיטען פון די פעלקער, זיין פירוש אויף דער ביבל, זיין גע־שיכטע פון דער איינפירונג פון קריסטענטום, זיין פילאזאפישעס

ווערטער־בוך און אַלע יענע הויפּט־ווערק אין וועלכע ער האָט פאַרפאָלגט נאָר דעם איין ציל: די קריסטליכע דאָגמאַטיק אונטערצוגראָבען, וועלכע ער האָט געגלויבט איז דער וואָרצעל פון גאַנצען אָבערגלויבען, פון דער גאַנצער מאַכט פון דער גייסטליכקייט און פון אַלע איבלען וואָס קומען אַרויס פון איר. דערביי האָט ער אויך ניט פאַרנאַכלעסיגט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען. ער האָט אויסגעבויט אין פערנעי אַ פּריוואַטען טעאַטער און האָט געבראַכט צו זיך די בעסטע אַקטיאָרען. אַלץ וואָס איירָאָפּאַ האָט פאַרמאָגט אין גייסט און טיכטיגקייט האָט זיך געצויגען צו אים קיין פערנעי.

אָט אַזוי גלאַנצט דער נאָמען פערנעי אין דער געשיכטע! דער רוהם וואָס געהט אַרויס פון קאָפּפּעי קען זיך נאַטירליך דערמיט ניט מעסטען, אָבער האָט ניט ווייניגער זיין גרויסקייט און זיין ווערט. אויך דאָ איז עס געוועזן דורשט נאָך גערעכטיגקייט, אַ ליבע צו וואַרהייט און פרייהייט פון איידעלסטען סאָרט, וואָס איז פון גלות געקומען אַהער. שפּעטער אויך אין דעם נייַנצענטען יאָרהונדערט האָט יעדע פון די דריי גרויסע הויפּטלענדער זיין גרעסטען שריפטשטעלער אין גלות פאַרשיקט: ענגלאַנד — לאָרד בייראָן, דייטשלאַנד — היינריך היינע, פראַנקרייך — וויקטאָר הוגאָ. אָבער מיט'ן אָנפאַנג פון 19טען יאָרהונדערט איז די צייט געוועזן פאַרביי ווען די שריפטשטעלער האָבען געבילדעט אַ גרויסמאַכט. אפילו אַ זשעני פון וואָלטעיר'ס ראַנג וואָלט אין דיזען יאָרהונדערט קוים אויסגעאיבט אַן אויסערליך מערקבאַרען איינפלוס, און מאַדאַם דע סטאָל איז יעדענפאַלס ווייט פון קענען שטעהן מיט אים אויף אַ גלייכער מדרגה פון געניאַליטעט. אויסערדעם איז איר אויפגאַבע געוועזן אַ גאַנץ אַנדערע. די אויסערע מאַכט פון דער קירכע איז פאָרלויפיג געוועזן געבראָכען, און איר גייסטיגע ריכטונג איז געוועזן צו רעליגיעז אום זי זאָל קענען געהן אין וואָלטעיר'ס פאַרלאָזענע וועגען. דער פּאָליטישער אַבסאָלוטיזם איז געוועזן אַזוי מעכטיג, אַז בלויז ניט צו דערמאָנען דעם נאָמען פון פראַנצויזישען קייזער אין אַ ווערק איבער דייטשלאַנד איז באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ דעמאָנסטראַציע און איז אַלס אַזעלכע באַשטראָפט געוואָרען. אָבער עס איז געוועזן אַן אַרבייט, וואָס ניט דורך די ענדערונגען פון דער רעוואָלוציאָן האָט זי געקענט געטאָן ווערען, און ניט

דורך די גזרות פון דער אימפעריע־פארבאטען ווערען — די ארבייט אונטערצוגראבען די בערג רעליגיעזע, מאראלישע, געזעלשאפטלי־כע, נאציאנאלע און קינסטלערישע פאראורטיילען, וועלכע זיי־נען געלעגען אויף איראפא מיט נאך א שווערערען דרוק ווי נא־פאלעאנ'ס וועלט־מאנארכיע, א וועלט־מאנארכיע וואס איז טאקע נאר דורך זיי איבערהויפט מעגליך געווארען. אין מאנכע פון דיזע פאראורטיילען, איבערהויפט קינסטלערישע און נאציאנאלע, איז אפילו וואלטעיר געכאפט געוועזן. געגען דיזע אלע האט מאדאם דע סטאל פון קאפפעי נעעפענט דעם קריג. איבריגענס האט זי אויך, ווי וואלטעיר, ניט פארנאכלעסיגט דורך דעם דאס געזעל־שאפטליכע לעבען, האט אויך איר אייגענעם טעאטער געהאט, האט געשריבען דראמען און האט אליין זיי געשפילט. די שלאס־בא־זיצערין פון קאפפעי מעג דעריבער פונקט אזוי אנגערופען ווערען איידעל אין איר טעטיגקייט ווי דער פילאזאף פון פערנעי; זי איז געוועזן ווייניגער גליקליך און מעכטיג אין אירע שטרעבונגען, אבער דורך איר געשלעכט און אירע ליידען — נאך אינטערעסאנטער. ער איז געוועזן אומשטאנד אויפצוטהאן מער פאר אנדערע, זי האט געמוזט באשיצען זיך אליין.

.10

# די איטאַליענישע פּאָזיע און מאַדאַם דע סטאַל׳ס פּאָעטיק. „קאָרינגאַ.״

מאַדאַם דע סטאַל האָט אָנגעפאַנגען, ווי געזאָגט, איר שריפט־שטעלערישע טעטיגקייט מיט אַ רייהע ענטהוזיאַסטישע בריף איבער זשאַן זשאַק רוסאָ, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען מיט דעמזעלבען געפיהל פון ליידענשאַפטליכער קינדישער ליבע פאַר רוסאָ, וואָס זי האָט איר לעבען לאַנג געטראָגען פאַר איר פאָטער. זי אַליין פירט דאָ צוריק איר גייסטיגע אָבשטאַמונג צום זעלבען גרויסען מאַן, וועמעס איינפלוס מיר האָבען נאָכגעשפּירט אויף אַזוי פיעל באַדייטענדע גייסטער. באַלד נאָכדעם אַנטוויקעלט זי אין איר "Essai sur les fictions" איר פּאָעטיק. דיזע פּאָעטיק האָט פאָלגענדען פּראָגראַם: קיין מיטאָלאָגיע, קיין אַלעגאָריע, קיין פאַנטאַסטישע אָדער איבערנאַטירליכע פעען־וועלט; וואָס עס דאַרף הערשען אין דער פּאָעזיע איז די ריינע נאַטור. עס ווייזט אויס אַז זי איז נאָך דאָ ניט רעכט קלאָר ביי זיך איבער דעם גרויסען קאָנטראַסט צווישען דער פּאָעזיע אַלס פּסיכאָלאָגיע און דער פּאָעזיע אַלס פאַנטאַזיע, ווי אויך איבער דער פאַרשיידענאַרטיגער אויפפאַסונג פון פּאָעזיע ביי די פאַרשיידענע פעלקער — אַן אונטערשייד וועלכער איז איר שפּעטער אַזוי קלאָר געוואָרען, אַז מען קען דיזע פאַרשטענדניש באַצייכנען אַלס איינעם פון די וויכטיגסטע געדאַנקען פון איר שריפטשטעלעריי; וואָרום דאָס האָט גאַנץ באַזונדערס מיטגעהאָלפען צו מאַכען די פּאָעזיע פון די פראַנצויזען רעלאַטיוו פאַר׳ן פראַנצויזישען פאָלק. די פראַנצויזען זיינען נעמליך געוואוינט צו זעהן די עסענץ פון פּאָעזיע אין דער טיפער, אויף באָאָבאַכטונג באַגרינדעטער קענטניש פון דעם מענש־

ליכען הארצען, וועלכע אנטפּלעקט זיך אין ווערק ווי מאָליער׳ס „מיזאַנטראָפּ" און „טאַרטיף". און אַזוי ווי די פראַנצויזען באַגרינדען די פּאָעזיע אויף דער באָבאַכטונג, אַזוי באַזירען זי די דייטשען אויף דער אינניגקייט פון דעם געפיהל און די ענגלענדער אויף אַ פאַנטאַזיע וואָס ווייס ניט פון קיין רעגעלען, שפּרינגט און פלאַטערט צווישען שרעקען און אידעאַלען, וואָס באַגרעניצט זיך ניט צו דער נאַטור, אָבער געברויכט אויך ניט דאָס איבערנאַטירליכע אנדערש ווי אַלס אַ טיפען סימבאָל.

אַ פּאָעזיע, ווידער, ווי די וואָס שטראַלט ארויס פון דער איטאַליענישער נאַטור און דעם איטאַליענישען פאָלק, פאַלט אינגאַנצען אויסערהאַלב דיזע אויפפאַסונגען. אין קאָרינגאַ, די אימפּראָוויזאַטאָרין, וויל מאַדאַם דע סטאַל פאַרקערפּערען די פּאָעטישע פּאָעזיע אין געגענזאַץ צו דער פּסיכאָלאָגישער, ד. ה. פּאָעזיע ווי אַריאָסטאָ פאַרשטעהט זי אין געגענזאַץ צו שעקספּיער׳ס, מאָליער׳ס און געטהע׳ס. טראָץ דעם מאַכט זי ניט־ווילענדיג קאָרינגאַ האַלב נאָרדיש. ווער עס האָט ניט דורכגעמאַכט דעם שווערען קאַמפּף צו מאַכען זיך פאַרשטעהן די אַנשויאונגען פון אַ דורכאויס פרעמדער ראַסע, דער ווייס ניט ווי שווער עס איז אין דיזען פּרט צו באַפרייען זיך פון די איינגעבאָרענע פאָראורטיילען פון דעם אייגענעם שטאַם. עס איז וויכטיג דערצו איינצואַטמען דיזעלבע לופט, צו לעבען אַ צייט לאַנג אין דיזעלבע נאַטור־אומגעבונגען ווי די פרעמדע ראַסע. אָהן די נסיעות, צו וועלכע מאַדאַם דע סטאַל איז געצוואונגען געוואָרען דורך איר אויסווייזונג, וואָלט עס פאַר איר אונמעגליך געווען איר אינטעליגענץ אויסצוברייטען.

איך גלויב, אין יעדער באַשיידענקייט, אַז איך קען ריידען וועגען דעם פון אייגענער ערפאַרונג. איך מעג זאָגען, אַז ערשט אויף איינזאַמע שפּאַצירגאַנגען אין דער אומגעגענד פון סאָררענטאָ איז מיר געלונגען שעקספּיער׳ן אַזוי ווייט אָבצורוקען פון מיר, אַז איך האָב אים געקענט באַטראַכטען און אים, און דאַדורך אויך זיין געגענזאַץ פאַרשטעהן. איך דערמאָן זיך אָן אַ באַשטימטען, אין דיזען פּרט פאַר מיר באַדייטונגספולען טאָג. איך האָב דריי טעג פאַרבראַכט אין פּאָמפּיי. פון די טעמפּלען דאָ

ה̇אט מיך ̇אם מייסטען פ̇אראינטערעסירט דער טעמפעל פון איסיס, ד̇א, ה̇אב איך מיר געטר̇אכט, איז געשט̇אנען דער ק̇אפ פון דער געטין, וו̇אס איז יעצט אריבערגעפירט אין דעם „מוזע̇א נ̇אציא־נ̇אלע", ווען מען פלעגט צו אים קומען און פרעגן אן ענטפער. איך בין אר̇אבגעג̇אנגען אין דעם אונטערערדישען נ̇אנג הינטער דעם אלט̇אר, פון וו̇אנען די פריסטער פלעגען דורך א רעהר וו̇אס ה̇אט געפירט צו דעם ק̇אפ, ל̇אזען דער געטין ז̇אגען נביאות. עס איז מיר ארויפגעקומען דער גער̇אנק, אז טר̇אץ זייער ג̇אנצער ביטערקייט און טר̇אץ דעם ̇אבערגלויבען פון דער מ̇אסע ה̇אט ד̇אך עס געמוזט זעהר שווער זיין צוצוגעבען דעם טעמפעל אין דיזען קלימ̇אט א מיסטישען כ̇אר̇אקטער. וו̇ארום דער טעמ־פעל איז א קליינער שעהנער בנין, וו̇אס גל̇אנצט אין העלען זונען־ליכט; ס'איז ניט̇א אין ערגיץ קיין ̇אבגרונדען, פינסטערניש, גרוי־קייט. אפילו ביינ̇אכט איז דער טעמפעל געשט̇אנען העל אין דעם שיין פון דער לבנה און שטערען. די ל̇אנדש̇אפט צוז̇אמען מיט דעם ניכטערען פ̇ארשט̇אנד פון די רוימער ה̇אט געשטערט ד̇אס אויפ־קומען פון יעדער מיסטיק און ר̇אמ̇אנטיק. איך בין געקומען קיין ס̇אררענט̇א; דער וועג, געה̇אקט אין דער וו̇אנד פון א ב̇ארג, פירט צום ים; ̇אט שלענגעלט ער זיך ארום ביז'ן ים, ̇אט ווידער צוריק, און ד̇אן בילדעט די בוכטע אונטען א מעכטיגען ט̇אל, ב̇א־וו̇אקסען מיט ̇אליוועז־בוימער. די געגענד איז צוגלייך גרויס און שמייכלענדיג, ווילד און פרידליך. די ק̇אהלע פעלזען־ווענד פ̇אר־לירען זייער שטרענגקייט אין דער ב̇אלייכטונג פון ̇אזא העלען זונען־ליכט, און פון ̇אלע ט̇אלען שימערען ד̇א די גל̇אנציג־גרינע בלעטער פון ̇אר̇אנזש־בוימער, די פיינע ס̇אמעט־גרינע בלעטער פון די ̇אליוועז ארום ווייסע הייזער, ווי̇לאס און שטעדטל̇אך.

אויפ'ן אנדערען זייט ליגען ד̇אן די ווייסע שטעדט, אזוי ווי מיט א צוקער־לעפעל ̇אנגעש̇אטען איבער די וו̇אלד־פ̇ארוו̇אקסענע בערג־זייטען ביז צום אויבערשטען ר̇אנד ארויף. דער ים איז גע־ווען אינדיג̇א־בלוי, ערטער־ווייז שט̇אל־בלוי, און קיין וו̇אלקענדעל אויפ'ן הימעל. און אנטקעגען אין ים איז געלעגען דער ענטציקענד שעהנער פעלזען־אינזעל ק̇אפרי. אין ערגעץ זעהט מען ניט ̇אזא צוז̇אמענשפיל פון ליניען און פ̇ארבען. אנדערשוו̇או קען מען

אפילו אויף דאס שעהנסטע געפינען עטוואס אויסצוזעצען. די ליניען פון וועזואוויוס, צ. ב. צייכנען זיך אב אביסעל צו ווייך געגען הימעל, אביסעל צו איינגעזונקען. אבער קאפרי! אין די קאנטורען פון זיינע פעלזען קלינגט עפים ווי א מוזיקאלישער ריטמוס. וואס פאר א גלייכע מאס אין אלע זיינע ליניען! ווי אזוי אלץ איז צוגלייך שטאלץ און צארט, מוטיג און צויבערליך! דאס איז די גריכישע שעהנקייט. קיין זאך ניט גיגאנטיש, קיין זאך וואס אימפאנירט דעם פראסטען געשמאק, אבער אבסאלוטע הארמאניע אין דעם באגרעניצטען. פון קאפרי דערזעהט מען די סירענען־אינזלען, וועלכע אדיסיי איז פארביינעפארען. אזוי האט האמער'ס איטהאקא אויסגעזעהן, נאר איז פיליכט געוועון װעניגער שעהן; ווארום דאס גריכיש־באפעלקערטע נעאפעל איז דער איינציגער לעבעדינער עדות פון דעם קלימאט פון אלטען גריכענלאנד. גריכענלאנד'ס אייגענע נאטור איז יעצט נאר דער טויטער גוף פון דאס וואס זי איז אמאל געוועון.

עס האט אנגעהויבען טונקעל צו ווערען, ווענום האט געלויכטען העל, און די גערדרעהטע בערג־זייטען און די טאלען האבען לאנגזאם אנגענומען דעם פאנטאסטישען כאראקטער, וואס די פינסטערקייט האט די טבע צוצוגעבען. אבער דער כאראקטער איז ניט געווארען דאס וואס מיר נארדלענדער רופען אן ראמאנטיש. דורך די פיינע אליוון־בלעטער און צווייגען האט נאך געשימערט דער ים מיט זיין קרעפטיגער בלויער פארב. דאן האב איך דערפיהלט, אז דא איז פאראן א וועלט, די וועלכע דער גאלף פון נעאפעל רעפרעזענטירט, וועלכע שעקספיר האט ניט געקענט, ווייל זי איז גרוים אהן שרעקען און שעהן אהן ראמאנטישע נעבעל און די שפילען פון עלפען. איך האב ערשט רעכט פארשטאנען מאלער ווי קלאד לאררען און פוססען. איך האב פארשטאנען אז זייער קלאסישע קונסט דריקט אוים א קלאסישע נאטור, און האב דורך דעם געגענזאץ פארשטאנען נאך טיפער א ווערק ווי רעמבראנט'ס גראוויור „די דריי בוימער", וועלכע שטעהען ווי באזעלטע וועזענס, ווי נארדישע פערזענליכקייטען, אין א שלאגס־רעגען אויפ'ן זומפיגען פעלד. איך האב פארשטאנען ווי נאטירליך עס איז אז א לאנד ווי דיזעס האט ניט געשאפען

קיין שעקספיר און האָט ניט געדאַרפט קיין שעקספיר, ווייל די נאַטור אַליין האָט דאָ איבערגענומען די אויפגאַבע, וועלכע אין נאָרד האָבען די דיכטער געמוזט ערפילען. פּאָעזיע פון דעם טיפען, פסיכאָלאָגישען סאָרט איז, ווי קינסטליכע וואַרימקייט, אַ לעבענס־באַדערפניש דאָרט וואו די נאַטור איז אונפרייגדליך און רויה. דאָ אין צפון האָט די פּאָעזיע פון האָמער ביז אַריאָסטאָ זיך גע־קענט באַנוגנען צו זיין אַ קלאָרער, ניט קיין פאַרדאָפּלענדער שפּי־געל פון דער קלאָרער נאַטור. זי האָט זיך ניט באַמיהט אַראָבצו־דרינגען אין דער טיפעניש פון מענשליכען הארצען. זי האָט ניט געשטרעבט צו געפינען אין די טיפענישען און אין די הייהלען די איידעלשטיינער, וועלכע אַלאַדין האָט געזוכט און שעקספיר האָט געפונען, אָבער וועלכע דאָ האָט דער זונען־גאָט מיט פולער האַנד אויסגעשפּרייט אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

„קאָרינגאַ, אָדער איטאַליען״ איז מאַדאַם דע סטאַל'ס בעסטע בעלעטריסטישע ווערק. אין דיזער גן־עדן נאַטור האָט זיך איר אויג געעפענט פאַר דער נאַטור. זי האָט שוין מער ניט פאַרגעצוי־גען איר פאַריזער קאַנאַווע איבער דער געמי־אָזיערע. און דאָ, אין דיזען לאַנד, וואו אויף מאַנכע פּלעצער, אַזעלכע ווי דער פאָרום צ. ב. האָט אַן איינציגע קוואַדראַט־אייל אַ גרעסערע געשיכטע ווי דאָס גאַנצע רוסישע קעניגרייך, האָט זיך געעפענט איר מאָדערנער, רעוואָלוציאָנערער און מעלאַנכאָלישער זין פאַר דער געשיכטע, פאַר דאָס אַנטיקע, מיט זיין איינפאַכער און שטרענגער רוהיגקייט. און ענדליך דאָ אין רוים, דער זאַמעל־אָרט פאַר גאַנץ אייראָפּאַ, זיינען פאַר איר אַנטפּלעקט געוואָרען די כאַראַקטעריסטיקס און איינענטימליכקייטען פון די פאַרשיידענע נאַציאָנען. דורך איר איז איר פאָלק צום ערשטען מאָל געוואָרען באַוואוסטזיניג פון זיינע אייגענשאַפטען און זיינע באַגרענצונגען. וואָרום אין איר בוך באַגעגנען זיך ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליען און פאַר־שטעהען איינס דאָס אַנדערע, ד. ה. ניט איינס דאָס אַנדערע, נאָר אין דער פאַרפאַסערין און אין איר העלדין קאָרינגאַ, וועלכע איז האַלב ענגלענדערין און האַלב איטאַליענערין קאָרינגאַ ערשיינט אין דער וועלט פון דיכטונג אַזוי ווי אַ מין פאָרבילד פון דאָס וואָס עליזאַבעטה בראַונינג איז געוועזן אין ווירקליכען לעבען. ווען איך

בין איינמאָל אין פלאָרענץ שטעהן געבליבען פאַר אַ הויז וואָס האָט געטראָגען אין איטאַליעניש די אויפשריפט: „דאָ האָט געוואוינט עליזאבעטה באַררעט בראונינג, וועלכע האָט מיט אירע געדיכטע אויסגעוועבט אַ גאָלדנעם באַנד צווישען ענגלאַנד און איטאַליען", האָט די פאַרפאַסערין פון **"Aurora Leigh"** ארויפגעבראַכט אין מיר דעם געדאַנק וועגען קאָרינגאַ.

די האַנדלונג פון דעם בוך איז פאָלגענדע: אַ יונגער ענגלענדער, אָסוואַלד, לאָרד נעלוויל, וועלכער האָט פאַרלאָרען זיין פאָטער וועמען ער האָט געליבט מער פון אַלץ אין דער וועלט און וועמעס טויט האָט אים געטראָפען נאָך שטאַרקער דערפאַר ווייל ער האָט זיך פאָרוואורף געמאַכט אַז ער האָט דעם פאָטער אין די לעצטע יאָרען פאַרשאַפט שמערצען, פאָרט קיין איטאַליען, זיך צעשטרייען. ער קומט אָן קיין רוים פונקט דעמאָלט ווען די דיכטערין קאָרינגאַ ווערט אין טריאומף געפירט צום קאַפּיטאָל, און אָסוואַלד עפּענטליכער אויפטריט און עפּענטליכע טריאומפען שטימען ניט מיט זיין אידעאַל פון ווייבליכקייט, דאָך ווערט ער שנעל געפאַנגען פון דער אונגעצוואונגען נאַטירליכער, אַזוי גוט ווי גאַסטרייכער קאָרינגאַ און ווערט ביסלעכווייז אין איר פאַרליבט. אָבער ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיין צוזאַמענלעבען מיט איר עפנעט זיינע אויגען פאַר אַלע אירע שעהנע און זעלטענע אייגענשאַפטען בלייבט דאָך אין אים די מורא אַז זי פּאַסט ניט צו זיין די ווייב פון אַן אנגעזעהענעם ענגלענדער. ער געפינט ניט אין קאָרינגאַ די שוואַכע, שרעקעדיגע פרוי, וואָס אויסער אירע פליכטען און געפיהלען, האָט זי ניט קיין מיינונג וועגען קיין זאַך, אַזוי ווי ער האָט אין ענגלאַנד געוואָלט זיין ווייב זאָל זיין, וואו דאָס גליק און דער רוהם באַשטעהען אין די הויזליכע טוגענדען פון די פרויען. באַזונדערס שמערצליך זיינען די ספקות וואָס עס רופט ארויס אין אים די פראַגע, צי וואָלט זיין פאַרשטאָרבענער פאָטער געווען וועלען קאָרינגאַ'ן פאַר אַ שנור. אַ פראַגע וועלכע וואָס מער ער האָט באַהאַנדעלט אַלץ אַנטשיידענער האָט ער געמוזט מיט **ניין** ענטפערען.

קאָרינגאַ, וועמעס ליבע איז פיעל טיפער און רייכער ווי זיינע, שרעקט זיך פאַר זיין שוואַנקען און האָט מורא אַז ער קען נאָך

אַמאָל פּלוצלונג פאַרלאָזען איטאַליען. זי שטרעבט דעריבער אים צוריקצוהאַלטען דערמיט וואָס זי וועט אויפוועקען זיין אינטערעס פאַר די דענקמעלער פון דעם לאַנד, פאַר זיין קונסט, פּאָעזיע און מוזיק. אָסוואַלד איז איבערהויפּט באַאונרוהיגט דורך דאָס גע־היימניספולע אין קאָרינאַ׳ס לעבען; קיינער וויס ניט איר אמת׳ן נאָמען אָדער איר אָבשטאַמונג; זי רעדט אַלע שפּראַכען; זי האָט ניט קיין קרובים; ער האָט מורא אַז עפּיס אַ זינד האָט איר ארויסגעשטויסען אין לעבען אַליין. קאָרינאַ איז אין ווירקליכ־קייט די טאָכטער פון אַן ענגלענדער און אַ רוימערין, און אַזוי ווי איר פאָטער האָט חתונה געהאַט אַ צווייטען מאָל אין ענגלאַנד האָט זי איר יוגענד פאַרבראַכט אונטער די אויגען פון איר שטיפ־מוטער אין אַ קליינער בורזשואזער ענגלישער פּראָווינץ־שטאָדט. נאָר געמאַטערט פון דער גאַנצער קליינליכקייט און דעם צוואַנג, וואָס האָבען איר גייסט פאַלשטענדיג אונטערדריקט האָט זי נאָכ׳ן טויט פון איר פאָטער פאַרלאָזען ענגלאַנד און האָט געפירט אין איטאַליען אַלס דיכטערין אַן אונאָבהענגיג אָבער ריין לעבען. זי וויס אַז איר פאַמיליע און אָסוואַלד׳ס האָבען זיך געקענט, אַז אָסוואַלד׳ס פאָטער האָט זי ניט געוואָלט פאַר אַ שנור און האָט געוואָלט אַ שידוך צווישען אָסוואַלד׳ן און איר אייגענער שוועס־טער לוסיל. אַזוי אָפט ווי אָסוואַלד שטעהט צו זי זאָל אים דער־צעהלען איר לעבענס־געשיכטע אַזוי אָפט זוכט זי אויסצומיידען אַן ערקלערונג, און דערצו געפינט זי ניט קיין בעסערען מיטעל ווי אָבצוּווענדען אָסוואַלד׳ס געדאַנקען אויף אַנדערע זאַכען דאָ־דורך וואָס זי ווערט זיין פירערין דורך חורבות, גאַלערייען און קירכען און ווייזט אים איטאַליענ׳ס הערליכע געגענדען. ווי אַ צווייטע שעהעראַזאַדע שטרעבט זי צו פאַרלענגערען איר לעבען און אָבצוּווענדען די געפאַר דאָדורך וואָס זי צייגט אים אַלע טאָג נייע הערליכקייטען, נעגען וועלכע די הערליכקייטען פון טויזענד און איין נאַכט זיינען בלאַס, און זי באַגלייט זיי מיט פיינע און טיפזיניגע ערקלערונגען.

אויף אַזאַ אופן קומט די באַשרייבונג פון רוים, די שילדערונג פון נעאַפּעל׳ס נאַטור, די טראַגישע שעהנקייט פון ווענעדיג, פאַר העכסט נאַטירליך. אין רוים איז אַנטשטאַנען קאָרינאַ׳ס גרוי־

סע ליידענשאַפט, און רוים איז אויך געוואָרען די ערשטע ראַם
פאַר דיזער ליבעס־געשיכטע; דער גרויסער ערנסט און ווייטער
געזיכטס־קרייז פון רוים פאַסען דיזע טיפע געפיהלען און גרויסע
געדאַנקען. אין נעאַפעל דערגרייכט קאָרינגאַ'ס ליבע איר העכסטען
לירישען אויסברוך; דער וואולקאַן און דער שמייכלענדער פּראַכט
פון דעם גאָלף בילדען דאָ דעם הינטער־גרונד צו איר געשטאַלט און
דער געזאַנג אויפ'ן ים באַגלייט איר וועהמוטיגע ליידענשאַפטליכע
אימפּראָוויזאַציע איבער פרויען־ליבע און דעם פרויען־שיקזאַל.
אין ווענעדיג, ענדליך, וואו דער איינדרוק פון דער פאַרגענגליכקייט
און פאַרניכטונג פון דער שעהנקייט דריקט זיך דאָ אויף איינעם
פון אַלע זייטען, פאַרלאָזט אָסוואַלד קאָרינגאַ'ן אויף אימער.

די נאַכריכט אז זיין רעגימענט ווערט קאָמאַנדירט קיין איג־
דיען רופט איהם פלוצלונג אוועק צוריק קיין ענגלאַנד. ער באַטראַכט
זיך אַלס פאַר'קנס'ט מיט קאָרינגאַ'ן און ער איילט צו איר שטיפ־
מוטער אום דער אנטלאָפענער איינצושטעלען צוריק אין אירע
רעכט. אָבער ביי ליידי עדזשעמאָנט טרעפט ער קאָרינגאַ'ס האַל־
בע־שוועסטער לוסיל און איר איינפאַכע ווייבליכע שעהנקייט
פאַרדרענגט ביסלעכווייז די ערינערונג אָן דער עלטערער שוועס־
טער, וועמעס גלענצענדע באַגאַבונג לאָקט איהם ניט אזוי שטאַרק
פון דערווייטענס און וועמעס זעלבסשטענדיגעס, מוטיגעס אויפ־
טרעטען אין פולען זונען־שיין פון לעבען פאַרשפּרעכט איהם ניט
קיין פאַמיליען־גליק אין א לאַנד, וואו דאָס האַלב־ליכט פון דעם
היים, מיט וועלכען לוסיל'ס איינגעהאַלטענער כאַראַקטער האַר־
מאָנירט, איז דאָס איינציגע, אין וועלכען א פרוי קען זיך ארויס־
ווייזען אַלס ווירדיגע געשטאַלט. זיין הייראַט מיט קאָרינגאַ וועט
אויפהויבען געגען איהם די גאַנצע געזעלשאַפט; זי ווייזט איהם
אויס אזוי ווי אַן ארויספאָדערונג צו דעם שאָטען פון זיין פאָטער.
אָבער די הייראַט מיט לוסיל וועט האָבען דעם איינשטימיגען ביי־
פאַל פון דער געזעלשאַפט. אין קאָרינגאַ וועט ער הייראַטען
דאָס פרעמדע, דאָס ווייטע, וואָס לאָזט זיך ניט אויף לאַנג פאַר־
איינִיגען מיט דער היימאַט; אין לוסיל, דאַגעגען, הייראַט ער אין
א געוויסען זין ענגלאַנד אַליין. קאָרינגאַ, וועלכע האָט אין טויט־
שרעק איהם נאָכגעפאָלגט קיין ענגלאַנד, דערזעהט זיין פאַר־דרער־

טען געמיטס־צושטאַנד און שיקט אים צוריק זיין פינגערל. אָס־וואַלד באַטראַכט זיך אַלס פאַרלאָזען פון איר, האָט חתונה מיט לוסיל, דערוויסט זיך דאָס אומרעכט וואָס ער איז באַגאַנגען און דער ראָמאַן ענדיגט זיך טראַגיש מיט אָסוואַלד'ס חרטה און קאָרינגאַ'ס טויט.

עס איז ניט שווער צו באַווייזען ווי פיעל ווירקליך איבערגעלעבטע פאַסירונגען און באַציהונגען זיינען אריין אין דעם יסוד פון די הויפט־שטריכען פון דיזע ראָמאַנען. דער פרישער טרויער איבער נעקער'ס טויט בליקט ארויס פון אָסוואַלד'ס שווערמוטיגע געדאַנקען איבער דעם אַנדענקען פון זיין פאָטער און אויף אַזוי וויית איז אין אָסוואַלד'ס כאַראַקטער אריינגעלעגט אַ טייל פון דעם אייגענעם וועזען פון דער פאַרפאַסערין. דאַדורך ערקלערט זיך אויך זיין ווייבליכע מורא אויסצופירען אַ האַנדלונג געגען וועלכער זיין געוויסען האָט איינצעווענדען נאָר דאָס איינע, אַז זיין פאַרשטאָרבענער פאָטער וואָלט אויף איר ניט מסכים געווען. אַפילו זיין צער, וואָס ער האָט זיין פאָטער אין די לעצטע יאָרען פאַרשאַפט זאָרג, האָט פילייכט אויך זיין אָנקניפונג אָן דער אייגענער זעלען־געשיכטע פון דער פאַרפאַסערין. וויטער איז אָסוואַלד'ס כאַראַקטער אַ פרייע אומשאַפונג פון בענזשאַמין קאָנסטאַנ'ס פערזענליכקייט. שוין איינצעלנע קליינע שטריכען פאַרראַטען ווי באַשטימט זי האָט געהאַט אים אין זינען: אָסוואַלד שטאַמט פון עדינבורג, וואו קאָנסטאַן האָט אָבגעלעבט זיין יוגענד, און ער איז אויסדריקליך מיט אַכצען מאָנאַטען אינגער ווי קאָרינגאַ (מאַדאַם דע סטאַל איז געבאָרען געוואָרען דעם 22טען אַפּריל, 1766, קאָנסטאַן — דעם 27טען אָקטאָבער1767). אָבער אַ סך וויכטיגערע באַווייזע ליגען דאָך אין דעם גאַנצען גוס פון דער פערזאָן אין יענעם געמיש פון ריטערליכען קוראַזש געגען דער אויסענוועלט און יענער אונריטערליכער שוואַכקייט געגען דער ליבענדער און לאַנג באַוואונדערטער פרוי, וועלכע ער האָט פאַרלאָזען כדי אויסצעווייכען איר העכערקייט. נאָר מאַדאַם דע סטאַל האָט פון דיזע און אַנדערע צוגעדיכטעטע עלעמענטען באַשאַפען אַ טיפּישען ענגלענדער.

אין קאָרינגאַ אַליין האָט די פאַרפאַסערין געצייכענט איר

אייגענעם אידעאל, פון איר אייגענער פערזענליכקייט האָט זי אנטנומען די גרונד־אייגענשאַפטען פון דער העלדין: קאָרינגאַ איז ניט איינגעשלאָסען אין פריוואַטען לעבען אזוי ווי דעלפינאַ, נאָר איז די פרוי וואס איז אַרויסגעטראָטען פון איר באַשטימטען קרייז, די דיכטערין, וועמעס נאָמען איז אויף אַלע ליפּען. זי האָט איר געגעבען איר אייגענע אויסערליכקייט, האָט זי פאַר־שעהנט, יאָ, אַפילו איר אייגענעם קאָסטום, די מאַלערישע קליי־דונג און דעם אינדישען שאל, ווי אַ טורבאַן ארומגעוויקעלט ארום קאָפּ. זי האָט איר איר אייגענעם קלאָרען און טעטיגען גייסט אַריינגעהויכט, און עס געהט קאָרינגאַ'ן ווי איר אַליין: פון דעם אויגענבליק אָן ווען די ליבע גרייפט אָן איר האַרץ ווי מיט אָדלערישע נעגעל הערט איר אויף איר טאַלאַנט צו נוצען און זי ווערט דער הילפלאָזער רויב פון דער ליידענשאַפט. ווייטער האָט זי קאָרינגאַ'ן צוגעטיילט אירע אייגענע געדאַנקען און זאָרגען פון גלות. אין איטאַליען איז קאָרינגאַ אַרויסגעריסען פון איר געבורטס־אָרט, אין ענגלאַנד איז זי פאַרטריבען פון דעם פאָטערלאַנד פון איר האַרצען און זיין זון. דעריבער באַזינגט קאָרינגאַ דאַנטע, רעדט מיט פייער וועגען זיין פאַרטרייבונג און זאָגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז דער אמת'ער גהינם איז פאַר אים געוועזן דער גלות. דעריבער זאָגט קאָרינגאַ אין אירע ביאָגראַפישע נאָטיצען וואָס זי גיט אָסוואַלד'ן, אַז דער גלות איז פאַר גייסטרייכע און געפיהל־פולע מענשען אַ שווערערע שטראָף ווי דער טויט, אַז דאָס וואוינען אין פאָטערלאַנד ברענגט טויזענד פריידען, וועלכע מען שעצט ערשט רעכט אָב ווען מען פאַרלירט זיי. זי ווייזט אָן אויף די פיעלפאַכע אינטערעסען וואָס איינער האָט בשותפות מיט זיינע אייגענע לאַנדסלייט, וועלכע אָבער ווערען ניט פאַרשטאַנען פון אַ פרעמדען, און באַטאָנט ווי אזוי די נויטווענדיגקייט אַלץ צו ערקלערען פאַרנעהמט דעם פּלאַץ פון דער שנעלער און לייכטער מיטטיילונג, וואס מאַכט מיט אַ האַלבען וואָרט אַ לאַנגע ערקלע־רונג פאַרשטענדליך. יאָ, קאָרינגאַ האָפט אַפילו, ווי איר דיכטע־רין, אַז מיט דער צייט וועט זי אַ דאַנק איר ערוואָרבענעם רוהם דורך איר פּאָעזיע, צוריקגערופען ווערען צוריק צו איר פאָטער־לאַנד און איינגעשטעלט ווערען ווידער אין אירע רעכט. מאַדאַם

דע סטאַל האָט ענדליך קאָרינגאַ'ן איר אייגענע בילדונג צוגעשרי־
בען. עס ווערט אויסדריקליך געזאָגט אַז קאָרינגאַ האָט געקענט
פאַרנעהמען איר פּלאַץ אין דער ליטעראַטור פון איר לאַנד אַ דאַנק
איר שטודיום פון פרעמדע ליטעראַטורען און איר אַריינדרינגען
אין דעם וועזען פון דעם פרעמדען פאָלקסגייסט. דאָס אַנציהענ־
דע אין איר דיכטונג באַשטעהט אין דער פאַראייניגונג פון די
פאַרבען פון דעם דרום מיט דער באַאָבאַכטונגס־פעהיגקייט פון
דעם צפון. פון אָט די אַלע און אייניגע פריי ערפונדענע שטריכען
האָט די פאַרפאַסערין באַשאַפען אַ פרויען־טיפּ פון איטאַליענישען
גייסט.

די שריפטשטעלערישע טעטיגקייט פון מאַדאַם דע סטאַל
לאָזט זיך שטענדיג באַטראַכטען פון צוויי זייטען. זי צופאַלט
זיך אין צוויי טייל: אַ מענליכע און אַ ווייבליכע טעטיגקייט, די
פילאָזאָפישע און די דיכטערישע, די אידעען און געפיהלען. אויך
אין „קאָרינגאַ" שפירט מען דיזע דאָפעלטקייט. דאָס בוך האָט
זיכער אַ גרעסערען ווערט אַלס אַ גייסטיג ווערק אין אַלגעמיין
ווי אַלס אַ ווערק פון דיכטערישער פאַנטאַזיע. אַ באַזונדערע
האַרציגקייט אין דער באַהאַנדלונג פון די געפיהלען זאָגט אויס
איבעראַל אַז די פאַרפאַסערין איז אַ פרוי. ווען עס וועט קומען
די צייט ווען מען וועט אונטערנעהמען צו שרייבען די פּסיכאָלאָ־
גיע פון דער פרוי, און ווען מען וועט פּרובען באַשטימען די ווייב־
ליכע פאַנטאַזיע און דעם ווייבליכען גייסט אין אונטערשייד פון
דעם מענליכען — וואָרום די פּסיכאָלאָגיע איז אַזוי ווייט אָבגע
שטאַנען אַז מען האָט אין דיזער ריכטונג נאָך כמעט קיין פאַרזוך
ניט געמאַכט — דאַן וועלען די שריפטען פון מאַדאַם דע סטאַל
זיין איינע פון די בעסטע קוועלען. דאָס ווייבליכע ווייזט זיך פּי־
לייכט צוערשט אַרויס אין דעם אופן ווי די מענליכע הויפּט־פיגור
איז געצייכענט. ביי יעדער פון אָסוואַלד'ס אייגענשאַפטען פירט
די פאַרפאַסערין אַרויס אויך די אורזאַכע דערפון; זיין איידעלער
כאַראַקטער ווערט ערקלערט דורך זיין ערציהונג, דורך זיין אַריס־
טאָקראַטישער אָבשטאַמונג און זיין שטאָלץ, זיין שווערמוטיגקייט
— דורך דעם „ספּלין" פון די ענגלענדער און דורך זיין אומגליק־
ליכער באַציהונג צו אַ פאָטער, וועלכען ער פאַרגעטערט אַזוי ווי

מאַדאַם דע סטאַל האָט אירען פאַרגעטערט, און צו וועמעס שאָטען
ער שטעהט אין דערזעלבער פאַרהעלטניש אין וועלכער סערען
קיערקעגאַארד איז געשטאַנען צום שאָטען פון זיין פאַרשטאָרבע־
נעם פאָטער; נאָר איינס לאָזט די פאַרפאַסערין ניט־ערקלערט
אין אַ פערזאָן וועמעס מאָראַלישער קוראַזש איז אַזוי גרינג, און
דאָס איז — זיין פיזישער מוט צו שטעלען זיין לעבען אין געפאַר
איז ביי אים אַזוי לייכט און פשוט אַזוי ווי ביי אונז צו שרייבען
אָרטאָגראַפיש. עס איז אַ קוריאָזער אָבער כאַראַקטעריסטישער
שטריך אַז פרויען־ראָמאַנען־שרייבער באַגאַבען זייערע העלדען
כמעט שטענדיג מיט גרויסען העלדען־מוט, אַ מוט וואָס האָט ניט
קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט׳ן כאַראַקטער, אין דער צייט ווען
פילע גרויסע שריפטשטעלער האָבען באַמערקט אַז אין דער מאָ־
דערנער געזעלשאַפט זיינען קודם־כל די פרויען וואָס לאָזען ניט
די מענער אויף געוואַגטע אונטערנעהמונגען און די פרויען
ווייזען אַרויס די גרעסטע, אָפטמאָל זאָגאַר היסטערישע באַוואונ־
דערונג צו די פייגסטע עפענטליכטע פערזענליכקייטען (די פּרים־
טער וואָס באַשיצען זייער אייגען לעבען אין צייט פון עפּידעמיעס,
און קריגס־העלדען וואָס אַטאַקירען דעם פיינד אויפ׳ן פּאַפּיר).
די ערקלערונג שיינט צו זיין, אַז דער מענליכער מוט איז די איי־
גענשאַפט, וועלכע, אַלס די העכסטע מענליכע קראַפט, ווערט פאַר
דער פרוי אַ מין אידעאַל, אָבער אַן אידעאַל וואָס זי פאַרשטעהט
ניט, וואָס זי קען ניט אין ווירקליכען לעבען און דעריבער שילדערט
זי אים אַם ליבסטען און — אַם ערגסטען.

דאָס וואָס איך האָב דאָ געזאָגט באַציהט זיך אויף אָסוואַלד׳ס
העלדישקייט ביי דער שרפה אין אַנקאָנאַ, וואו אונטער די שרעק־
ליכסטע אומשטענדען ווערט ער דער רעטער פון דער גאַנצער
שטאָדט. ער אַליין מיט זיינע ענגלענדער פרובט קאַלטבלוטיג
אויסצולעשען דעם פייער, און עס געלינגט אים. ער באַפרייט די
אידען וואָס זיינען איינגעשפּאַרט אין געטאָ, וועמען די באַפעל־
קערונג אין איר אויפרעגונג וויל לאָזען פאַרברענען אַלס אַ קרבן
פון אויסלייזונג. ער רייסט זיך אַריין מוטיג אין דעם ברענענדען
משוגעים־הויז, אין דעם צימער וואו עס געפינט זיך די ווילדסטע
משוגעים־הויז, אין דעם צימער וואו עס געפינען זיך די ווילדסטע

אַב זייערע בענדער און לאָזט ניט איבער קיין איינציגען פאַר־עקשנ׳טען. די גאַנצע סצענע ווערט דערצעהלט מיט אַן אמת גראַנדיעזער פאַנטאַזיע. אָבער, ווי געזאָגט, די פּסיכאָלאָגיע איז שוואַך. אָבער ווען עס קומט צו דער שילדערונג פון דעם איינ־דרוק וואָס דיזע האַנדלונג מאַכט אויף קאָרינגאַ׳ס ווייבליכען געמיט, פאַרגיטיגט אונז די פאַרפאַסערין פאָלשטענדיג. אַסוואַלד האָט זיך אַרויסגעדרעהט פון יעדער דאַנקזאָגונג דורך פלוצלונג אָברייזען. אָבער ווען ער קומט צוריקקוועגס ווידער מיט קאָרינגאַ קיין אַנקאָנאַ ווערט ער דערקענט און אין דערפּריה ווערט קאָרינגאַ אויפגעוועקט מיט׳ן געשריי: „עס לעבע לאָרד נעלוויל, עס לעבע אונזער רעטער!" זי טרעט אַרויס אויף דער פּיאַצאַ און זי, די דיכטערין, וועמעס נאָמען איז באַרימט אין גאַנץ איטאַליען, ווערט שנעל דערקענט און מיט אַנטציקונג באַגריסט פון דעם פאַרזאַמעל־טען המון. דער המון בעט איר מיט שטורם זי זאָל זיין זייער וואָרט־פירערין און אויסדריקען אַסוואַלד׳ן זייער דאַנק. ווי ערשטוינט ווערט ער ווען ער קומט אַרויס און דערזעהט קאָרינגאַ׳ן אַן דער שפּיץ פון דעם עולם! „זי האָט באַדאַנקט לאָרד נעלוויל אין נאָמען פון פאָלק און אַנטציקט אַלע איינוואוינער פון אַנ־קאָנאַ מיט דער איידעלקייט מיט וועלכער זי האָט עס געטהאָן. און — גיט די פאַרפאַסערין צו מיט ווייבליכער פיינקייט — זי האָט געזאָגט מ י ר רעדענדיג פאַר׳ן פאָלק. איר האָט א ו נ ז געראַטעט, מיר זיינען אייך שולדיג דאָס לעבען." דאָס דאָזיגע „מיר" איז נאָך מער איינדרוקספול דאַדורך וואָס די פאַרפאַסערין האָט זיך פריהער אין בוך אָבגעשטעלט אויפ׳ן מאָמענט ווען קאָ־רינגאַ און אַסוואַלד, אויף אַ שפּאַציר אין רוים, געברויכען דאָס דאָזיגע וואָרט צום ערשטען מאָל, פּיהלענדיג זיך גליקליך פון דער באַשיידענער ליבעס־ערקלערונג וואָס איז דערין אַנטהאַלטען. יעצט לעזט קאָרינגאַ אויף דאָס וואָרט, כדי צו שטעלען זיך אויף דער זייט פון די וואָס האָבען אַסוואַלד׳ן אַלץ צו פאַרדאַנקען. „און — ווערט געזאָגט ווייטער — ווען זי איז אַרויסגעטראָטען אום צו דערלאַנגען לאָרד נעלוויל אַ קראַנץ פון לאָרבער און אייכען־בלעטער ווערט זי אַרומגעכאַפּט פון אַן אונבאַשרייבליכער אויפ־רעגונג; אין דיזען אויגענבליק האָט זי דערפּיהלט אַ טיפע מורא

פאַר אַסוואַלד׳ן און ווען דאָס פאָלק, וואָס איז אין איטאַליען אַזוי לייכט באַוועגליך און ענטהוזיאַסטיש, האָט זיך יעצט נידערגעוואָרפען פאַר איהם, האָט זי אויך ניט ווילענדיג געבויגען איהר קניה און אין דיזער פאָזע האָט זי איהם דערלאַנגט דעם קראַנץ.״ אין דער שילדערונג פון ווייבליכע געפיהלען ליגט די קראַפט פון מאַדאַם דע סטאַל — די געפיהלען פון אַ פרויען־זשעני, וועלכע ליידט דעם גאַנצען מאַרטירערטום פון דעם זשעני.

קיין זאַך רירט איהר ניט אַזוי שטאַרק ווי פאַמיליען־גליק און פרויען ריינקייט. ווי טיף גערירט זי, די סיביל, ווערט, ווען זי דערזעהט אויפ׳ן סאַרקאָפאַג פון אַ רוימישער פרוי די אויפשריפט: „קיין פלעק האָט ניט באַשמוצט מיין לעבען פון חופּה ביז צום שייטערהויפען, איך האָב געלעבט ריין צווישען דעם חופּה־פאַקעל און דעם פאַקעל פון שייטערהויפען.״ נאָר דאָס דאָזיגע פאַמיליען־גליק איז איהר ניט באַשערט געווען, קאָרינאַ׳ן אַזוי וועניג ווי מיניאָן, דיזע צוויי קינדער פון בענקשאַפט, וועלכע, יעדע פאַר זיך, פערזאָניפיצירען איטאַליען אין דער פראַנצויזישער און דייטשער ליטעראַטור. קאָרינאַ איז די לעצטע אָבשטאַמונג פון יענע איידעלע און איינזאַמע סיבילען פון איטאַליען, פון וועלכע די טראַדיציע דערצעהלט אַזוי פיעל. זי ווערט געשאַפען כדי צו ליידען, זי, וועלכע זאָגט אַליין, אַז אונזער אָרימע מענשליכע נאַטור באַגרייפט דאָס אונענדליכע נאָר דורך ליידען. און איידער זי געהט אונטער אַלס לעצטער קרבן אויף דער אַלטער ערענע ווערט זי אויסגעפּוצט ווי אַ קרבן און ארויסגעפירט אַהין אין טריאומף.

ווען מיר באַקענען זיך מיט איהר באַגעגנען מיר זי אויפ׳ן וועג צום קאַפּיטאָל, איינפאַך אָבער מאַלעריש געקליידט, מיט אַלטע איידעלשטיינער אין די האָר, מיט אַ רויטער שאַל געוויקעלט ווי אַ טורבאַן ארום קאָפּ, ווי אויף זשעראַר׳ס באַקאַנטען שעהנעם בילד פון מאַדאַם דע סטאַל. דאָס איז דער קאָסטיום וואָס פאַסט פאַר קאָרינאַ; זי, דאָס קינד פון די פאַרבען־רייכע געגענדען האָט נאָך ניט פאַרלאָרען איהר זין פון פאַרבען. און אפילו אין דעם שטייפען קאָנווענציאָנעלען ענגלאַנד האָט זי ניט פאַרלאָרען די ליבע צו דער דריי־איינציגקייט פון שעהנע זאַכען: גאָלד, פּורפּור און מאַרמאָר.

און אַזוי ווי אַלע אַנדערע גרויסע טיפען פון דער צייט דאַרפען מיר זי אַריינזעצען אין דער אומגעבונג וועלכע פּאַסט איר און אין וועלכער זי איז היימיש, ווי רענעי אין די אור־וועלדער, אַבערמאַן אין די הויכע אַלפּען און סעינט־פּרע ביים זשענעווער אָזערע. קאָרינגאַ'ס געשטאַלט איז געבליבען פאַר דער צוקונפט אין דעם באַקאַנטען בילד פון וועלכען מען געפינט קופּער־גראַווירען אין אַלע קונסט־געשעפטען: קאָרינגאַ אימפּראָוויזירענדיג אויפ'ן קאַפּ מיסענאָ. איר וואולקאַנישע און שטראַלענדע נאַטור איז אין דיזער שטראַלענדער און וואולקאַנישער געגענד ביי זיך אין דער היים. דער נעאַפּעלער אויסגוס זעהט אויס ווי אַ גרויסער פּאַרזונקענער קראַטער אַרומגערינגעלט פון לאַכענדע שטעדט און וואַלד־באַדעקטע בערג. אַרומנעהמענדיג דעם ים, וואָס איז נאָך פיעל בלויער ווי דער הימעל איז ער גלייך צו אַ שמאַראַגד־גרינעם בעכער, געפילט מיט שוימענדען וויין און אויפ'ן ראַנד און אויף די זייטען באַפּוצט מיט וויין־בלעטער און צווייגען. נעבען לאַנד איז דער ים טיפער אַזור־בלוי, ווייטער אַרוים איז ער וויין־קאָליר, ווי האָמער האָט עס שוין געזאָגט, און איבער אים לויכט אַ הימעל וואָס איז ניט, ווי מען פלעגט גלויבען, בליוער, נאָר בלאַסער ווי אונזערער, נאָר זיין בלויקייט רוהט אויף אַ הינטער־גרונד פון העלען פייער, וואס שימערט אין ווייסליכען און בלויליכען שיין. אין דיזער געגענד האָבען די פאַרצייטיגע געלעגט דעם גיהנם. אין דער הייל פון דעם אווערנוס אָזערע איז געווען דער אַראָבגאַנג צו אים. אָט דאָס האָבען זיי אָנגערופען גיהנם — דיזען גן־עדן! זיי האָבען געמיינט אַז דער וואולקאַנישער אורשפּרונג און די אומגעבונג האָבען אָנגעוויזען אַז דער טאַרטאַרוס איז נאָהנט דערביי. איבעראַל זעהען זיך די וואולקאַנישע פאָרמען. איין גרויסער באַרג זעהט אויס אַזוי ווי איין זייט זיינע וואָלט מיט אַ מעסער אָבגעשניטען געוואָרען. אַ האַלבער באַרג איז אין אַן ערד־ציטער־ניש איינגעפאַלען. קאַפּ מיסענאָ, דער ווייטסטער שפּיץ לאַנד וועלכער שליסט אָפּ דעם גאָלף אויף איין זייט, בשעת פאָרנט פון איר ליגט דער קליינער האַלב־אינזעל ניזידאַ, און הינטער איר — פּראָטשידאַ און איסקיאַ, איז אַמאָל ניט באַשטאַנען אַזוי ווי יעצט פון צוויי באַזונדערע הויכען, נאָר איז געוועזען איין גאַנ־

צעם. דיביידע קראַטער פון וועזואוויוס זיינען געוואָרען אין דער צייט פון דעם אויסברוך וועלכער האָט פארשלונגען פאָמפּיי. איבעראַל פרוכטבארקייט און פייער. אייניגע טריט פון סאַל־פאַטאַראַ'ס שוועבעל־פּארעס וואָס הויבען זיך אויף צווישען די לאַווא־שטראָמען, ליגען פעלדער וועלכע באַשטעהען אין גאַנצען פון לויכטענדען, רויטען, בליהענדען מאָן, אַנדערע מיט גרויסע בלויען בלומען, מיט שטאַרקע שמעקענדיגע, פּוכיגע מינץ און קרייטער וואָס וואקסען הויך ביז'ן ברוסט, אַ רייכטום, אַ פרוכט־באַרקייט און לוקסוס אזוי ווי די שפּראָצענדע פולקייט וואָלט אין איין איינציגער נאַכט ווידער אויפגעוואַקסען ווען מען זאָל דאָס אַלץ אַרונטערשניידען. און דערצו קומט דער פאַר'שכור'־ענדער פארפום: אַ שמעקעדיגער ריח וואָס אין נאָרד וויים מען ניט פון אים, אַן אונגעהייערע סימפּאַניע פון די דופטען פון מיליאָנען פארשיידענע פלאַנצען.

געגען אבענד געהט קאָרינגא'ס גאַנצע געזעלשאַפט אַרויס צום קאַפּ מיסענאָ. פון דאָרט זעהט זיך די גרויסע שטאָדט, אין דעם דומפּפען ליאַרם הערט מען איר האַרץ קלאַפּען. איבעראַל פינקלען נאָך זונען־אונטערגאַנג ליכטער פאַר די אויגען, זיי ליגען אין דער לענג פון אַלע וועגען. קווער איבער דעם וועג, אויף די זייטען פון די בערג, שפּרינגען און פליהען העלע פלאַמען אין דער לופט, מאַנכע גרעסער ווי אַ טאָלער אָדער צוויי־טאַלערשטיק; די וועלכע פליהען אביסעל העכער אין דער הויך זעהען אויס אזוי ווי אומפליהענדע שטערען וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון דער הימעל־סיסטעם. דיזע אַלע פלאַמען וועלכע מאַכען לאַנגע שפּרונגען הין און הער און נאָך יעדען שפּרונג פארלעשען זיי זיך אויף אַ סעקונדע, זיינען די לויכטענדע פליגעלעך פון דעם דרום. אין דער טונקעלקייט טראָגען די טויזענדע פלאַמען איינעם אוועק אין די מעשות פון „טויזענד און איין נאַכט". פון דער אַנדערער זייט, קוקענדיג פון דעם קאַפּ מיסענאָ, לויכט אַראָפּ דער העל־רויטער לאַווא־שטראָם אויף דער טונקעלער וואַנד פון דעם וועזואוויוס.

אהער ברענגט מען קאָרינגא'ן איר לירע און זי באַזינגט צוערשט דעם פראַכט פון דיזער נאַטור, די גרויסקייט פון די עראי־

נערונגען וואָס זיינען אָנגעקניפּט אָן איר, פון קומאַ, וואו די סיביל האָט געוואוינט; פון גאעטא, וואָס איז נאָהנט צום פּלאַץ וואו ציצעראָ האָט אונטער דעם שווערד פון טיראַן זיין נשמה אויס־געהויכט, פון קאפּרי און באיאַ, וועלכע היטען אויף דעם אנדענקען פון נעראָ'ס שווארצע מעשים; פון ניסידאַ, וואו ברוטוס און פּאָרשאַ האָבען זיך דאָס לעצטע זיי־געזונט געזאָגט, פון סאָרענטאָ, וואו טאַסאָ, אנטלאָפען פון משוגעים הויז, עלענד, פארפאָלגט, מיט ווילדער באָרד און צוריסענע קליידער, קלאָפּט אָן אין טיר ביי זיין שוועסטער, וועלכע דערקענט אים ניט גלייך און דאַן קען זי פון טרערען ניט ריידען. דאָ ענדיגט זי מיט אָן עלעגיע איבער אַלע ליידען און דאָס גליק פון דעם לעבען אויף דער ערד.

לאָמיר הערען ווי קאָרינגאַ, ווען זי איז באגייסטערט, רעדט אינמיטען פון דיזער נאַטור, וואו די שעהנקייט רוהט אויף פּאר־וויסטונג, וואו דאָס גליק אנטפּלעקט זיך אַלס אַ פליהענדע, שנעל־פארלעשענדע פלאַם און וואו די פּרוכטבארקייט איז אין אייביגער געפאַר פון דעם וואולקאַן. זי זאָגט:

„קריסטוס האָט ערלויבט אַ שוואכע און פיליימט חרטה־האָבענדע פרוי צו זאלבען זיינע פיס מיט די טייערסטע אוילען. און צו די וואָס האָבען איר געראַטען צו פארווענדען עס אויף אַ בעסערען צוועק האָט ער געזאָגט: לאָזט זי צורוה; וואָרום איר האָט מיך ניט אימער מיט זיך. אַך, אַלץ וואָס איז גוט און ערהאבען אויף דיזער ערד בלייבט אונז נאָר אויף אַ קורצער צייט. אַלטער, שוואכקייט און דער טויט וועלען פארצערען גיך דעם טוי־טראָפּען, וואָס פאַלט פון הימעל און רוהט אויף דער בלום. טייערער אָסוואַלד, לאָמיר דעריבער אַלץ אויפ־ניסען צוזאמען: ליבע, רעליגיאָן און גייסט, זון פארפומען, מוזיק און פּאָעזיע! עס איז ניטאָ קיין אנדער אטעאיזם ווי די קאַלטקייט פון געפיהל, עגאָאיזם און נידריגקייט. קרים־טוס זאָגט: וואו צוויי אָדער דריי זיינען פארזאמעלט אין מיין נאָמען דאָרט בין איך צווישען זיי. און וואָס, אָה מיין גאָט, הייסט זיין פארזאמעלט אין דיין נאָמען, אויב ניט צו געניסען די ערהאבענע גיטער פון דיין גאַטור, דיך דערפאַר צו שעצען, דיר פאַר דאָס לעבען צו דאנקען, און דאנקען דיר אי־

בערהויפט ווען אן אנדער הארץ, פון דיר געשאפען, שלאגט גאנץ און פול אונזערען אנטקעגען!"

אזוי רעדט זי אונטערען איינפלוס פון איר דאפעלטער באגייסטערונג אין איר העכסטער בליהונג, בשעת זי זוכט צו פארוועבען אין איינס דאס גליק פון דעם זשעני און דער ליבע, אזוי ווי די מירטע און דער לארבער־צווייג זיינען געווען פארפלאכטען צוזאמען אין דעם לארבער־קראנץ, וואס איז איר דערלאנגט געווארען אויפ'ן קאפיטאל. אבער בלויז אויף איין אויגענבליק געלינגט עס איר צו פארפלעכטען ביידע אין איינעם. זיי פלעכטען זיך אב, רייסען זיך פאנאנדער. און קארינגא ווערט, פון דער באגייסטערטער סיביל פארוואנדעלט אין נאך איינעם פון די פיעלע פארצווייפעלטע און געבראכענע הערצער, דורך וועלכע דער געניוס פון דעם יארהונדערט פראטעסטירט געגען א געזעלשאפט, וואס איז אונטערגעגראבען, ווי יענע דוכט זיך זיכערע שטעדט, פון וואולקאנישע פלאמען, פלאמען וועלכע בארוהיגען זיך קיינמאל ניט, נאר ברעכען אויס איינמאל נאכ'ן אנדערען דורכ'ן גאנצען אונרוהיגען און אומגליקליכען נייצענטען יארהונדערט.

.11

# דער קאמפף געגען נאציאנאלע און פראטעסטאנ־טישע פאראורטיילען.

מען קען „קארינגא” אנרופען א פאעמע איבער נאציאנאלע פאראורטיילען. אסוואלד שטעלט מיט זיך פאר אלע פאראורטיילען פון ענגלאנד; זיין באגלייטער, גראף ד'ערפוי — פון פראנקרייך, און געגען די פאראורטיילען פון דיזע צוויי נאציאנען, וואס זיינען אין יענער צייט געוועזן די שטארקסטע און זעלבסטבאוואוסטעסטע אין אייראפא, קעמפפט קארינגא מיט איר גאנצער נשמה און מיט דער גאנצער באגייסטערונג פון איר פאעטישען געמיט. דער דאזיגער קאמפף איז ניט קיין קאלטבלוטיגער, ווארום קארינגא'ס גאנצעס גליק הענגט אב אן דעם, ווי ווייט עס וועט איר געלינגען צו באאיינפלוסען אסוואלד'ן צו פארלאזען זיינע איינגעבארענע פאראורטיילען אויף אזוי ווייט, אז ער זאל קענען גליקליך זיין מיט א פרוי אזוי ווי זי, וועמעס לעבען געהט אין אלע הינזיכטען להיפך צו דאס, וואס אין ענגלאנד ווערט באטראכט אלס דאס איינציג פאסענדע אין א פרוי. אבער בעת קארינגא זוכט אויף אזא אופן אויסצוברייטען אסוואלד'ס בליק, און ווייכער מאכען זיין שטייפען גייסט, וועלכער שפרינגט שטענדיג צוריק אין זיינע אלטע געוואוינהייטען, העלפט זי מיט צו דער ערציהונג פון דעם לעזער. אויפ'ן געביט פון די געפיהלען זעצט זי פאר די זעלבע ארבייט וועלכע זי האט, ווי מיר האבען געזעהן, אויפגעטאן אויפ'ן געביט פון אידעען. זי צייכענט אן דעם ערשטען אנטוואורף פון נאציאנאלער פסיכאלאגיע, אפילו וואס אנבאלאנגט די אינטימסטע געפיהלען. אין יענער צייט

האָבען אירע לאַנדסלייט, אַזוי ווי די דייטשען היינט, געפּרובט צו פאַרווישען די נאַציאָנאַלע קאָלירען פון די שכנ׳ישע לענדער, אין דער שטאָלצער איבערצייגונג אַז זיי אַליין פאַרקערפּערען די ציוויליזאַציאָן. דעריבער איז עס געווען איר טיפסטער פאַרלאַנג זיי צו ווייזען אַז זייער לעבענס־אַנשויאונג איז נאָר איינע פון א סך גלייכבאַרעכטיגטע און אָפּטמאָל אפילו מער באַרעכטיגטע.

ווען מען דערמאָנט זיך ווי מעכטיג עס זיינען די פאָראורטיילען וועלכע אין אַלע לענדער אָהן אויסנאַם מאַכען עס פאַר א פאַרברעכען פאַר דעם אינדיווידואום צו לייקענען אַז זיין פאָלק באַזיצט די אַלע מעלות וואָס עס שרייבט זיך אַליין צו, און וואָס אַזוי פיעל הייליגע פּאַיאַצען געפינען עס פאַר באַקוועם איינצורעדען יעדען טאָג אַז עס באַזיצט זיי ווירקליך, דאַן קען מען פאַרשטעהן וואָס פאַר א קוראַזש מאַדאַם דע סטאַל האָט ארויסגעוויזען ווען זי האָט אין אַזאַ צייט אויפגעהויבען דעם קאַמפּף געגען דעם פראַנצויזישען נאַציאָנאַלען שטאָלץ.

עס איז פאַראַן איין איינציגע גרויסע אידעע, וואָס איז אַם געפערליכסטען פון אַלע אַנדערע פאַר דער דעספּאָטישער מאַכט וואָס די איינגעוואָרצעלטע אידעען און מנהגים פון א געזעלשאַפט איבען אויס. דאָס איז ניט די אידעע פון לאָגיק. וואָרום אַבוואָל מיר דאַרפען גלויבען אַז ווען מען זאָל די לאָגיק אריינלאָזען אין דעם גאַנצען שפּייכלער פון פאָראורטיילען וואָס באַהערשען א באַשטימטעם לאַנד אין א באַשטימטער צייט, מוז זי אָנמאַכען צווישען זיי פונקט אַזאַ גרויסען חורבן, ווי אַן אָקס אין א געוועלב פון גלאָזוואַרג, דאָך ווירקט די אבסאָלוטע לאָגיק גאָר ניט אויף דער מאַיאָריטעט מענשען. ניין, מער ווי פון אַלץ ווערט די מאַסע אויפגעוועקט און איבערראַשט ווען מיר זיינען אימשטאַנד צו מאַכען פאַר איר רעלאַטיוו דאָס וואָס זעהט איר אויס אַבסאָלוט, דאָס הייסט, צו באַווייזען איר אַז דער אידעאַל וואָס זי האַלט פאַר אַלגעמיין אַנערקענט ווערט אַזוי באַטראַכט בלויז פון אַזוי פיעל און אַזוי פיעל ענליך דענקענדע מוחות, בשעת אַנדערע פעלקער אָדער ראַסען האָבען א גאַנץ אַנדער באַגריף פון דאָס וואָס איז פּאַסיג און שעהן. אַזוי דערוויסט זיך די מאַסע צום ערשטען מאָל, אַז די קונסט און פּאָעזיע וואָס געפעלען איר ניט,

ווערען באטראכט ביי גאנצע ראסען אלס די העכסטע, בשעת אירע אייגענע, וועלכע זי האלט פאר די העכסטע אין דער וועלט, ווערען פון אלע אנדערע פעלקער געשטעלט זעהר נידעריג, און אז עס איז נוצלאָז צו טרייסטען זיך אז אלע אנדערע פעלקער מאכען א טעות אין זייער אורטייל, ווארום אלע אנדערע פעלקער, טרייס־טען זיך אויך, אז אלע איבעריגע מאכען א טעות אין זייער אור־טייל. ווען איך זאל ווען מיט איין וואָרט באצייכנען מאדאם דע סטאל׳ס פארדינסט פאר דער פראנצויזישער געזעלשאפט, איך קולטור און ליטעראטור, און דאדורך אויך פאר דער ליטעראטור און קולטור פון גאנץ אייראָפּא, וואלט איך זיך אויסגעדריקט אזוי: זי האט אין אירעביידע הויפּט ווערק „קאָרינגא״ און „איבער דייטשלאנד״, געמאכט די הומאנע און ליטערארישע אנשויאונ־גען פון פראנקרייך, ענגלאנד, דייטשלאנד און איטאליען ר ע ל א־ ט י ו ו פאר די איינוואוינער פון די פארשיידענע לענדער.

גראף ד׳ערפוי איז א מייסטערליך אויסגארבייטער טיפ פון פראנצויזישער לייכטזיניגקייט און גאוה צוזאמען מיט אייניגע פון די שעהנערע און אָפּטערע פראנצויזישע מעלות. מען פאר־שטעהט ניט ווי אזוי רעכט אבצושעצען אזא געשטאלט ביז מען באטראכט ניט גוט וויפיעל מוט עס האט זיך געפאדערט ארויסצו־שטעלען אין א קרייז פון אויסלענדער אלס איינציגען און אנטשיי־דענדען פארשטעהער פון פראנצויזישען פאלק א כאראקטער, ווע־מעם באשרענקטקייט איז אזוי גרויס ווי ד׳ערפוי׳ס. ד׳ערפוי איז א יונגער פראנצויזישער עמיגראנט, וועלכער האט מיט גלענ־צענדער העלדישקייט געקעמפפט אין קריג, האט די קאָנפיסקאציע פון זיין פארמעגען דורכ׳ן שטאט אריבערגעטראָגען ניט נאר רו־היג, נאר אפילו גרינג און מונטער און האט מיט זעלטענער אויפ־אָפּפערונג אבגעהיט און ערנערט זיין ערציהער, אן אלטען אָנ־קעל, וואס האט עמיגרירט מיט אים און וואלט אָהן אים געווען הילפלאָז, — מיט איין וואָרט, ער באזיצט א פונדאמענט פון רי־טערליכקייט און די פעהיגקייט פאר זעלבסט־אויפאָפּפערונג. ווען מען זעהט אים ווילט זיך קוים גלויבען אז ער האט אזוי פיעל איבערגעלעבט און אויסגעשטאנען, ווארום ער זעהט אויס ווי ער וואלט פארגעסען אלץ וואס איז געשעהן און ער רעדט מיט וואונ־

דערליכען לייכטזין וועגען זיינע אומגליקען און פונקט מיט אזא גרויסען, אבער שוין ווייניגער באוואונדערונגסווערטען לייכטזין וועגען אלע אנדערע זאכען.

אסוואלד באגעגענט אים אין דייטשלאנד, וואו ער שטארבט ניט שיער פון לאנגוויילע; ער האט דארט אבגעלעבט אייניגע יאר, דאך איז עס אים קיינמאל ניט איינגעפאלען אווארט דייטש צו לערנען. ער האט בדעה צו פארען קיין איטאליען, אבער ער ערווארט ניט קיינע פארגעניגענס פון דיזען לאנד; ער ווייס אז יעדע פראנצויזישע פראווינץ־שטאדט האט אן אנגענאמערען געזעלשאפטליכען לעבען און א בעסערען טעאטער ווי רוים. „און האט איר בדעה צו לערנען איטאליעניש? — פרעג אים אסוואלד. — ניין, — ענטפערט ער — דאס געהט ניט אריין אין מיין שטור־דיום־פלאן", און זיין מינע איז דערביי אזוי ערנסט אזוי ווי דיזער באשלוס וואלט געווען דער רעזולטאט פון די וויכטיגסטע אור־זאכען. אין איטאליען שענקט ער ניט דער נאטור אפילו אזוי פיעל ווי א בליק. זיין געשפרעך דרעהט זיך ניט, ניט ארום די אויסער־ליכע געגענשטאנדען ניט ארום די איינדריקען. די געזעלשאפט־ליכע באציהונגען זיינען זיין איינציגע טעמע; זי איז פול מיט אנעקדאטען און ווארט־שפילען, איז הויפטזעכליך וועגען זיינע אונ־צעהליגע באקאנטע און איז פאקטיש ניט מער ווי געוויינליכע געזעלשאפטליכע בארעדעריי. אסוואלד איז איבערראשט פון די־זען מאדנעם געמיש פון מוט און אויבערפלעכליכקייט. זיין פאר־אכטונג פאר אומגליק און געפארען וואלט ביי אסוואלד'ן אויס־געזעהן גרויס ווען זי וואלט אים געקאסט מער אנשטרענגונג, און העלדיש ווען זי וואלט ניט ארויסגעקומען פון דיזעלבע איי־גענשאפטען וועלכע מאכען אים בכלל אונפעהיג צו האבען א טיפען געפיהל. אזוי מאכט זי אים נאר מיד.

ווען ד'ערפוי דערזעהט צום ערשטען מאל פון וויטענס די סעינט־פעטער קירכע פארגלייכט ער זי מיט'ן אינוואלידען־דאם אין פאריז — א פארגלייך וואס איז מער פאטריאטיש ווי געלונ־גען; ווען ער דערזעהט קארינגא אויפ'ן קאפיטאל פיהלט ער א פארלאנג זי צו קענען צו לערנען, אבער ניט קיין פארעהרונג. ער וואונדערט זיך ניט איבער דער ריינקייט פון איר הארצען

אין אַ לאַנד וואו ער געפינט די מענער אָהן מאָראַלישען ווערט, נאָר ער שמייכעלט זיך מיט דער האָפנונג, אַז זי וואָלט ניט געקענט ביישטעהן די גאַלאַנטקייט פון אַ יונגען פיינעם פראַנצויז. ווען זי רעדט מיט אַנדערע אין זיין געגענווארט איטאַליעניש און ענג־ליש אַזוי אַז ער פארשטעהט ניט אַ וואָרט פון דעם געשפּרעך, געהט ער צו איר צו מיט די ווערטער: „רעדט פראַנצויזיש; איר קענט די שפּראַך און זענט ווערט זי צו ריידען."

ער באַמערקט אַז קאָרין‌נאַ ליבט אָסוואַלד'ן, אָבער ער האָט דערפאַר ניט קיין פאַראיבעל אָבוואָל זיין שטאָלץ איז אַביסעל באַליידיגט, נאָר ער האַלט אַז איר ליבע איז נאַריש, ווייל זי וועט איר קוים ברענגען גליק. אין דערזעלבער צייט רעדט ער אָס־וואַלד'ן שטאַרק אָב פון שליסען אַ פראַבינדונג אויף'ן גאַנצען לעבען מיט אַזאַ אונפרעזענטאַבעלער פרוי ווי קאָרין‌נאַ. טראָץ זיין גאַנצען מוט ווייס ער ניט פון קיין העכערער אויטאָריטעט ווי די אַנגענומענע מנהגים. „אויב איר ווילט באַגעהן נארישקייטען, — זאָגט ער צו אָסוואַלד'ן, — טאָ באַגעהט לכל הפחות ניט אַזעלכע וואָס מען קען ניט פאַרריכטען", און צו די רעכענט ער צו די הייי־ראַט מיט קאָרין‌נאַ'ן. די דאָזיגע סאָציאַלע אַנשויאונג איז ענ־ליך צו זיין אַנשויאונג אויף ליטעראַטור. אין קאָרין‌נאַ'ס הויז פאַלט אָפט אוים דער געשפּרעך וועגען איטאַליענישע און ענג־לישע פּאָעזיע. אַזוי ווי ער איז פון דער מיינונג אַז די פראַנצוי־זישע שרייבער פון דער צייט פון לואי דעם 15טען זיינען אבסאָ־לוטע מוסטער איז ער נאַטירליך ביז'ן העכסטען גראַד שטרענג נעגען אַלע אויסלענדישע שעפּפונגען. פאַר אים זיינען די דייטשען באַרבאַרען, די איטאַליענער פארדאַרבער פון סטיל און נאָר „דער געשמאַק" און די עלעגאַנץ פון פראַנצויזישען סטיל זיינען מאַסגעבענד אין ליטעראַטור. אונזער טעאַטער, זאָגט ער, איז אַבסאָלוט דאָס ערשטע אין איירָאָפּאַ און איך בין איבערצייגט אַז אפילו די ענגלענדער פאַלט ניט איין ארויסצושטעלען שעקס־פּיער'ן נעגען אונז. ריידענדיג אין אַ קרייז פון איטאַליענער ווע־גען דער איטאַליענישער דראַמע ערקלערט ער, אפילו ניט אָהן וויץ דאָך אָבער אָהן איידעלקייט, אַז די איטאַליענישע שוישפּיל באַ־שטעהט פון באַלעטען, געשמאַקלאָזע טראַגעדיעס, און קאָמעדיעס

וואָס זיינען ניט קאָמיש. דעם גריכישען טעאַטער פעלט פיינקייט און שעקספיר איז רויה. אונזער טעאַטער איז אַ מאָדעל פון געשמאַק און פון שעהנקייט פון פאָרמע; צו וועלען איינפירען ביי אונז אויסלענדישע אידעען מיינט אריינוואַרפען אונז אין באַרבאַריי.

ד'ערפּוי געפינט אויך אַז די רואינען פון רוים האָבען געקראָגען אַ גאַנץ איבערטריבענעם רוהם. ער וויל זיך ניט אונטערוואַרפען צו דער מאָדע און אַרומקוקען די אַלע אַלטע חורבות. ער רייזט צו די נאָרד, לאַנגווייליגט זיך אין דער אַלפּעשער נאַטור אַזוי ווי ער האָט זיך אין רוים געלאַנגווייליגט און קומט ענדליך אין ענגלאַנד, וואו ער ווערט קאָרינגאַ'ס שטיצע אין אומגליק; עס איז שטענדיג געוועזן מער ערנסט אין זיינע האַנדלונגען ווי אין זיינע ווערטער. און דאָך זעהענדיג ווי עלענד איר ליבע צו אָסוואַלד'ן האָט זי געמאַכט קען ער ניט באַרויבען זיין שטאָלץ פון דער באַפרידיגונג שטענדיג צו ווידערהאָלען „נו, וואָס האָב איך געזאָגט", און ער באַטראַכט דאָס אַלס אַ פליכט צו זיך אַליין ניט פאַרבייצולאָזען די געלעגענהייט אָנצובאָטען זיך אַלס אָסוואַלד'ס נאָכפאָלגער. פונדעסטוועגען ווייזט ער אַרוים צו קאָרינגאַ אמת'ע און אויפאָפּפערענדע איבערגעבענהייט און זי קוועלט זיך זעלבסט דערמיט וואָס זי קען אים דערפאַר קיין רעכטע דאַנקבאַרקייט אַרויסווייזען; אָבער ער זעהט אוים אַזוי צערשטרייט, אַז קאָרינגאַ ווערט אָהן אויפהער געבראַכט צו פאַרגעסען זיינע אייד[?]עלע האַנדלונגען אַזוי ווי אויך ער פאַרגעסט זיי. „ עס איז אָהן צווייפעל זעהר שעהן — זאָגט די פאַרפאַסערין ביי דעם פונקט — צו לעגען קליינעם ווערט אויף אייגענע גוטע האַנדלונגען; אָבער עס קען דאָך געשעהן אַז די גלייכגילטיגקייט וועלכע געוויסע מענשען פיהלען צו דאָס גוטע וואָס זיי האָבען געטאָן, האָט איר וואָרצעל אין זייער אויבערפלעכליכקייט." אָט מיט אַזאַ פעסטער ענערגיע דרינגט זי אוים מאַנכע פון די גלענצענדסטע מעלות פון איר פאָלק אוים אַ שוואַכקייט אין זייער נאַטור. דורך דעם טיפּישען כאַראַקטער פון ד'ערפּוי ווייזט זי אָן ווי אַזוי אַלע גוטע געפיהלען אין פראַנקרייך ווערען דערשטיקט פון איין קראַנקער שוואַכקייט — די מורא, אוים גואה, פאַר דער געזעלשאַפטליכער

מיינונג. איר דוכט זיך אז אַלע געפיהלען און דאָס גאַנצע לעבען ווערען באַהערשט און פאַרגיפטעט פון שאַרפזיניגקייט, פון דער לוסט זיך אויסצוצייכענען און פון אַ מורא וועלכע קען אויסגע־דריקט ווערען אין די ווערטער „וואָס וועלען לייט זאָגען". אין דעם פּרט שטימט מאדאם דע סטאַל איינגאַנצען מיט דעם שרייבער וואָס איז געקומען גלייך מיט איר, דעם שאַרפזיניגען אָריגינעלען אנרי בעיל, וועלכער פלעגט ליב האָבען צו באַצייכענען די פראַנ־צויזען אַלס les vainifs, (גואה'דיג־לעבהאפט) און וועלכער באַהויפּטעט אַז אַלע זייערע האַנדלונגען ווערען באַשטימט פון דעם געדאַנק "Qu'en dira-t-on?" דאָס הייסט די מורא פאַר דאָס אומפּאַסיגע און לעכערליכע.

דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז נעמליך דעמאָלט געוואוינט געווען, אַזוי ווי דאָס דענישע נאָך יעצט, צו שטאָלצירען זעהר שטאַרק מיט זיין אויסגעאַרבייטען חוש פאַר דאָס קאָמישע, אַזוי שטאַרק אַז די פראַנצויזען האָבען זיך אַליין באַשיידען באַ־צייכענט אַלס דאָס גייסטרייכע פאָלק אין דער וועלט. קאָרינגאַ באַהויפּטעט אַז דער דאָזיגער חוש צוזאַמען מיט דער מורא פאַר דער לעכערליכקייט, טויטעט עס אין פראַנקרייך יעדע אָריגינאַ־ליטעט אין זיטען, אין קליידונג און אין שפּראַך, און באַרויבט די פאַנטאַזיע פון יעדער פרייהייט און דאָס געפיהל פון יעדער נאַ־טירליכקייט. יעדער איינגעבאָרענער געפיהל, יעדע איינגעבאָרע־נע גייסטיגקייט מוזען זיך פאַרוואַנדלען אין שאַרפזיניגע עפּיג־ראַמען אנשטאָט פּאָעזיע אין יענע לענדער וואו די מורא צו ווע־רען דער ציל פון וויץ און שפּאָט פירט יעדען איינעם דער ערשטער זיך צו כאַפּען צו דיזען וואָפען. „קען מען דען — ווענדט זי זיך צו ד'ערפוי — לעבען שטענדיג אין דעם נאָמען פון דאָס וואָס די געזעלשאַפט וועט זאָגען? צי קען דאָס וואָס מיר דענקען און פיהלען אונז ווירקליך קיינמאָל ניט דינען אַלס אַ לייכטענדער שטערען? אויב דאָס זאָל זיין אַזוי, ווען מיר זאָלען אימער און אייביג מוזען נאָכמאַכען איינער דעם אַנדערען, וואָרום זשע איז יעדען געגעבען אַ נשמה און אַ גייסט? די השגחה וואָלט זיך געקענט דעם לוקסוס פאַרשפּאָרען."

און פּונקט אַזוי ווי ד'ערפוי שטעהט אַלס די פאַרקערפּערונג

פון די נאַציאָנאַלע פאָראורטיילען שטעהט אָסוואַלד אַלס א טיפּ פון אַלע יענע פאָראורטיילען וועלכע האָבען אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטען פאָרגעשטעלט די שטאַרקייט און שוואַכקייט פון ענגלאנד. שטאַרקע נאַציאָנען זיינען שטענדיג אומגערעכט און די דאָזיגע אומגערעכטיגקייט איז צוגלייך אַן עלעמענט פון שטאַרקייט און פון באַגרענצונגען; אָבער מאַדאַם דע סטאַל האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע די דאָזיגע אונגערעכטיגקייט ארויסצוברענגען אויף דער העלער ליכט. אזוי ווי די גרונד טעמע פון דעם בוך איז דער פאַרזוך פון א פרוי אויסצוקעמפּפען פאַר זיך דורך דער ליבע פון א מאַן א געזיכערטען פּלאַץ אין דער ענגלישער געזעלשאַפט, נאָכדעם ווי זי האָט דיזען פּלאַץ פאַרלאָרען דורך איר זעלבסטשטענדיגען עפענטליכען אויפטרעטען, ליגט דער שווערפּונקט פון מאַדאַם דע סטאַל'ס באַשרייבונג פון דעם ענגלישען גייסט אין דעם באַשרענקטען ענגלישען אידעאַל פון דער פרוי. דאָס איז דער אידעאַל מיט וועלכען אָסוואַלד איז אויפגעוואקסען און פון וועלכען ער וויל זיך באַפרייען מאַכענדיג דערצו אויפריכטיגע אָבער אומזיסטע אנשטרענגונגען. גרויס איז זיין איבערראַשונג ווען ער זעהט ווי אין איטאַליען האָט מען קאָרינגאַ'ן ליב און מען שעצט זיך ניט שענקענדיג קיין שום אויפמערקזאַמקייט אויף איר געשלעכט אָדער איר געהיימניספולע אָבשטאַמונג. אזאַ סאָרט עפענטליכען לעבען ווי זי פירט זעהט אים אויס אין העכסטען גראַד אבשטויסענד פאַר א פרוי. ער איז געוואוינט צו באַטראַכטען די פרוי אַלס א מין העכערע הויז חיה און ער האָט פון אָנפאַנג בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכען מיט דעם געדאַנק אַז מען קען א פרוי מוחל זיין דעם פאַרברעכען צו פאַרמאָגען זשעניאַליטעט. ער פיהלט זיך אזוי ווי ענידעריגט און אויפגעבראַכט דורך דעם; ער רעכענט אַלס אונמעגליך אַז א פרוי מיט אזאַ אַנטוויקעלטען און פרייען געדאַנק זאָל קענען בלייבען עהרליך צוגעבונדען צו אַן איינציגען פּערזאָן, אַז זי זאָל זיך באַנוגענען מיט לעבען פאַר אים אַליין. און ווען עס ווייזט זיך ארויס אַז קאָרינגאַ ליבט אים דאָך, און ליבט אים מיט א ליידענשאַפט אין פאַרגלייך צו וועלכער אַלס וואָס ער האָט ביז דעמאָלט געזעהן און געהערט איז נאָר א בלאַסער שיין און וועלכע איז אזוי אונ־

ענגאַאיסטיש אַז זי איז גרייט מקריב צו זיין אַלעס פאַר אים, ניט האָ־בענדיג דערפאַר קיין זאַך פאַר זיך — פאַרגעסט ער פונדעסטוועגען איר טאַלאַנט, איר אײדעלע נשמה און איר גייסטיגע גרויסקייט אַזוי שנעל ווי ער טרעט ווידער אַרויף אויפ׳ן ענגלישען באָדען און אָטעמט ווידער איין ענגלישען נעבעל און ענגלישע פּאַראור־טיילען און באַגעגענט אַ יונג אונשולדיג קינד פון זעכצען יאָר וואָס איז אַזוי ווי געשאַפען פאַר אַ פרוי נאָכ׳ן ענגלישען רעצעפּט, איינגעהאַלטען, נאַאיוו, אונשולדיג, שווייגיג, די פּאַרקערפּערטע פאַמיליען פּליכט מיט בלויע אויגען און בלאָנדע האָר.

די פאַרפאַסערין שטודירט דעם פּאַראורטייל וואָס ליגט אויפ׳ן גרונד פון אָסוואַלד׳ס האַנדלונג, און דערגעהט ביז זיין וואָרצעל, וועלכער רוהט אין דעם ענגלישען באַגריף וועגען דער היים. אָס־וואַלד׳ס הויפּט מורא בנוגע קאָריננאַ׳ן ווערט אויסגעדריקט אין דעם ענגלישען זאַץ, וואָס ווערט געבראַכט אין דעם ראָמאַן: „וואָס פאַר אַ נוצען וואָלט אַזאַ פרוי געבראַכט אין דער היים? און די היים איז ביי אונז אַלץ, איבערהויפּט ביי די פרויען”, זאָגט איין ענגלישמאַן צו אָסוואַלד׳ן. און אין אַן אַנדער אָרט אין בוך זאָגט די פאַרפאַסערין:

„אומזיסט וועט אַן ענגלישמאַן זיך באַמיהען צוזאַמענצולעבען מיט פרעמדע זיטען און געפינען אין זיי פאַרגעניגען; זיין האַרץ ציהט זיך שטענדיג צוריק צו די איינדריקען פון זיין קינדהייט. ווען מען פרעגט ביי ענגלענדער וועלכע מען באַגעגענט אויף אַ שיף אין ערגעץ אַ ווייטען ים וואוהין זיי פאָרען וועלען זיי שטענדיג ענטפערען „אַהיים” אויב זיי זיינען איבערהויפּט אויף אַ צוריק־רייזע. אָט דיזער ענגלישער ליבע צו דער היים שרייבט זי צו אי דעם אָבערגלויבען אַז די הויזליכע טוגענדען זיינען אונמעגליך ביי אַ זעלבסטשטענדיגער גייסטיגער אַנטוויקלונג פון דער פרוי, אי די פאַרגעטערונג פון די דאָזיגע טוגענדען. און זי האָט געוויס רעכט אין דעם.

דער אידעאַל פון וואוילזיין וואָס איז אָנגעבונדען אָן דעם באַגריף פון היימאַט איז אַן עכט נאָרד־גערמאַנישער באַגריף און איז לכתחילה אַזוי פרעמד די לאַטייניש פעלקער, אַז דער ענגלישער נאָמען “home” איז אַריינגעקומען אין די לאַטיינישע

שפראכען ווייל זיי אליין האבען ניט קיין ווארט דערפאר. צו דיזען באגריף פון היים אנטשפרעכט דאס ווארט באקוועמליכקייט אדער קאמפארט, א ווארט וואס לאזט זיך ניט איבערזעצען אין די לאטייניש שפראכען און וועלכעס באצייכענט די פרייד פון זיצען געשיצט און פארטרויט אין די אייגענע פיר ווענט. ווי אזוי דיזער אידעאל איז אנטשטאנען איז ניט שווער צו אנטדעקען: דער נארד-אייראפעער וועלכער לעבט אין א רויהען קלימאט, אין א קאלטער און שטורמישער נאטור געפינט די זעלבע פרייד צו זיצען ווארים ביים קאמין, בשעת דער רעגען און שניי קלאפט אויף די גוט געשלאסענע פענסטער שויבען, וואס א נעאפאליטאנער געפינט צו שלאפען אונטער אן אפענעם הימעל, ד. ה. אונטער'ן פרעכטיגעןווארמען אויסגעשטערנטען הימעל און פארברענגען די קיהלע נאכט אויף דער פריי אין טאנצען, שפילען און זינגען. אבער יעצט טרעט ארויס די אינטערעסאנטע ערשיינונג אז די נאציאן באנוגענט זיך ניט צו באטראכטען אזא אידעאל פו מענשליכער עקזיסטענץ, וואוילזיין און גליק אלס א ריין לאקאלען אידעאל, נאר זי פירט ארויס דערפון א גאנצע רייהע פון פליכטען און טוגענדען וועלכע זי באטראכט אלס אוניווערזאלע, און האלט זיך אליין פאר דער ערשטער נאציאן ווייל זי דערפילט די דאזיגע פליכטען און באזיצט די דאזיגע טוגענדען — וואס איז אייגענטליך נאטירליך, ווייל זיי שטאמען אפ פון איר באזונדערען כאראקטער — און זי טאדעלט אלע נאציאנען ביי וועלכע זיי פעלען. „ווי אזוי האט איר געקענט — פרעגט אסוואלד קארינגא רעדענדיג פון ענגלאנד — פארלאזען יענעם הייליגטום פון צניעות און זיטליכקייט און אדאפטירען דיזעם געזונקענע לאנד?" קארינגא ענטפערט: „אין דיזען לאנד זיינען מיר באשיידען, מיר זיינען ניט שטאלץ אויף זיך אליין ווי די ענגלענדער און ניט זעלבסט-צופרידען ווי די פראנצויזען. עס פארשאפט איר פארגעניגען ארויסצושטעלען צו שאנד די פוריטאנישע גאוה פון דעם נארדערנער ווי די פראנצויזישע מורא פאר לעכערליכקייט, פארגלייכענדיג זי מיט דער אומבאפוצטער נאטירליכקייט וואס דאס איטאליענישע פאלק האט אויפגעהיט אפילו אין זיין געפאלענקייט. זי שילדערט מיט אידעלע און ריכטיגע שטרי-

כען די רירענדע נאַיוויטעט מיט וועלכער עס דריקט זיך אויס אין איטאַליען דאָס געפיהל. קיין שטייפע צוריקגעהאַלטענקייט ווי אין ענגלאַנד, קיין קאָקעטעריי ווי אין פראַנקרייך. די פרוי וויל דאָ געפעלען נאָר דעם, וועמען זי ליבט און זי קימערט זיך גאָר ניט אויב די גאַנצע וועלט וועט עס וויסען. איינער פון קאָרינגנאַ'ס פריינד קערט זיך אום צוריק אין רוים נאָך אַ לענגערער אַבוועזענ־הייט און לאָזט זיך מעלדען ביי אַ באַוואוסטער דאַמע, און דער די־נער קומט אַרויס מיט דעם ענטפער: „די פירשטין קען אייך יעצט ניט אויפנעהמען, זי איז אין אַ שלעכטער שטימונג, זי איז "inamorate" ד. ה. זי איז פאַרליבט. קאָרינגנאַ ווייזט ווי פאַר־זיכטיג, ווי איידעל די פרוי אין איטאַליען ווערט געאורטיילט און ווי אָפענהערציג זי גיט אַרויס אירע געפיהלען. אַן אָרימע מיידעל דיקטירט פראַנק און פריי אויפ'ן גאַס אַ בריף צו איר געליבטען, און דער שרייבער שרייבט אים מיט דעם גרעסטען ערנסט, ניט פאַרפעלענדיג דערביי אַלע אָפיציעלע פאָרמען וואָס זיין באַרוף פאָ־דערט. דער אָרימער סאָלדאַט אָדער אַרבייטער דערהאַלט אַזאַ סאָרט בריף אין וועלכען פילע צערטליכע אויסדריקען שטעהען אַריינגענומען צווישען אַ „האָכגעעהרטער צייטגענאָסע!" און „אַכטונגספול אייערער מיט עהרפורכט." קאָרינגנאַ'ס שילדערונג איז דאָ פאָלקאָ־מען ריכטיג. איך האָב צופעליג אַליין אַזעלכע בריף געזעהן. פון דער אַנדערער זייט איז געלערזאַמקייט ביי די איטאַליענישע פרויען ניט קיין אונגעוואוינליכע זאַך. אַ פראַנצויז וועלכער רופט אַ געבילדעטע פרוי אַ פעדאַנטין, קריגט אין דעם בוך אַן ענטפער, „וואָס איז דען שלעכט אַז אַ פרוי פאַרשטעהט גריכיש?"

קאָרינגנאַ לאָזט אויך ניט אַרויס פון אויג אַז די אָפיציעלע אַנערקענונג פון פליכט און מאָראַל אין צפון איז באַגרינדעט אויף דער העכסטער ברוטאַליטעט אין אַלע פעלען וואו די געזעלשאַפט־ליכע געזעצען ווערען געבראָכען, זי ווייזט אָן ווי דער מאַן אין ענגלאַנד שעצט ניט קיין פאַרשפּרעכען און קיינע באַציהונגען וועל־כע זיינען ניט יורידיש אַריינגעשטעלט אין פּראָטאָקאָל און ווי אַזוי אין דעם מאָראַליש שטרענגען ענגלאַנד געהט האַנד אין האַנד מיט דער היילינקייט פון דער חתונה און מיט דעם ריינעם הויז־ליכען לעבען די אונפאַרשעמטע און בעסטיאַלע פּראָסטיטוציאָן,

פונקט אזוי ווי דער פערזענליכער טייפעל עקזיסטירט זייט ביי זייט מיט'ן פערזענליכען גאט. אין קאנטראסט דערצו באמערקט זי מיט ווייבליכער פארזיכטיגקייט און שעמעוודיגקייט: די הויזליכע טוגענדען זיינען דער גאנצער כבוד און דאס גאנצע גליק פון די פרויען אין ענגלאנד; נאר אויב עס זיינען פאראן לענדער וואו מען באגעגענט ליבע אויסערהאלב די הייליגע בענדער פון דער חתונה איז צווישען זיי פאראן דאס יעניגע לאנד וואו די גרעסטע אויפמערקזאמקייט ווערט געלעגט אויף דעם גליק פון דער פרוי: איטאליען. די מענער האבען זיך דא אויסגעארבייט א באזונדער מאראל פאר די געשלעכטליכע פארהעלטנישען, וועלכע ליגען אייגענטליך אויסערהאלב די גרעניצען פון דער מאראל — א טריבונאל פון הארצען. דאס איז דער זעלבער טריבונאל ווי די געריכטען פון ליבע אין דעם מיטעלאלטער; דאס איז דער זעלבער טריבונאל וואס האט אזא שטארקען איינדרוק געמאכט אויף בייראנ'ן ווען ער האט געפונען אין איטאליען א פאלשטענדיג אויסגעארבייטע מאראלישע סיסטעם, דער היפך פון דער ענגלישער. און ווי אימער זוכט זי אויך דא נאכצושפירען די מילדערע זיטען צו די מילדערע קלימאטישע אומשטענדען פון דעם לאנד. זי וואגט צו זאגען: „א פארבלאנדזשעטע הארץ רופט דא ארויס מער איינזעהעניש און מיטגעפיהל ווי אין יעדען אנדער לאנד. האט יעזוס ניט געזאגט צו מאגדאלענא: „עס וועט איר פיעל פארגעבען ווערען ווייל זי האט פיעל געליבט? די דאזיגע ווערטער זיינען אמאל ארויסגעזאגט געווארען אונטער פונקט אזא שעהנעם הימעל ווי אונזערער, דער זעלבער הימעל וואס בעט פאר אונז אזוי ווי דערמאלט ערבארמונג ביי גאט.

אליין א פראטעסטאנטין לערנט מאדאם דע סטאל אירע גלויבענס־גענאסען צו פארשטעהן אויך דעם איטאליענישען קאטאליציזם: „אזוי ווי דער קאטאליציזם האט דא ניט קיין אנדער רעליגיאן צו באקעמפפען האט ער באקומען א מילדקייט און אן איינזעהעניש ווי אין ערגעץ אנדערש ניט, אין דער צייט וואס דער פראטעסטאנטיזם אין ענגלאנד שטרעבענדיג צו פארניכטען דעם קאטאליציזם האט געמוזט קעמפפען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט אין פרינציפען פון מאראל. אונזער רעליגיאן איז אימ־

שטאַנד אַזוי ווי די אַלטע צו באַגייסטערען קינסטלער, באַזעלען קינסטלער און איז אַזוי צו זאָגען אַ טייל פון אונזערע לעבענס-געגוסען בשעת אייערע, זייענדיג איינגעאָרדענט אין אַ לאַנד וואו דער פאַרשטאַנד שפּילט אַ גרעסערע ראָלע ווי די פאַנטאַזיע, האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון מאָראַלישער שטרענגקייט וועלכען זי וועט אימער אויפהאַלטען. אונזערע בעט אין נאָמען פון לעבען בשעת אייער רעליגיעזע פרייהייט פירט דורך אירע מאָס זיינען אַבסאָלוט, זיינען אונזערע פּרינציפּען ליבעראַל, און אונזערע אַבסאָלוטע דאָגמען זיינען צוגעפּאַסט צו די אומשטענדען פון לעבען בשעת אייערע רעליגיעזע פרייהייט פירט דורך אירע געזעצען שטרענג אָהן אַ שום אויסנאַמע.״ זי צייגט ווי אַזוי מען האָט דערפאַר אין די פּראָטעסטאַנטישע לענדער שטענדיג מורא פאַר דעם זשעני, פאַר גייסטיגע אויבערשאַפט: דאָס איז ניט ריכטיג— באַמערקט זי — וואָרום דיזער אויבערשאַפט איז אין וועזען העכסט מאָראַליש. אַלץ צו פאַרשטעהן ברענגט צו גרויסער איינזעהעניש און פון טיפער געפיהלפולקייט קומען אַרויס גרויסע גימער.״

„וואָרום איז טאַלאַנט אַן אומגליק? וואָרום האָט עס מיר געשטערט געליבט צו ווערען? וועט אָסוואַלד ביי אַן אַנדערער געפינען מער גייסט, מער פאַרשטענדניש, מער צערטליכקייט ווי ביי מיר? ניין, ער וועט געפינען וועניגער און וועט צופרידען זיין, ווייל ער וועט זיך פיהלען איינגעשטימט מיט דער געזעלשאַפט. וואָס פאַר אַ ליגנערישע פריידען און וואָס פאַר אַ איינגעבילדעטע ליידען זי גיט אונז! אונטער די שטראַלען פון דער זון, אונטער דעם אויסגעשטערענטען הימעל פיהלט מען נאָר דעם טריב צו ליבען איינער דעם אַנדערען און פיהלען דעם ווערט איינער פון אַנדערען. אָבער די געזעלשאַפט, די געזעלשאַפט! ווי זי מאַכט דאָס הארץ פאַרהאַרטעוועט, און דעם גייסט לייכטזיניג, ווי זי צווינגט עס אונז צו לעבען לויט דאָס, וואָס מען וועט וועגען אונז זאָגען! ווי ריין און לייכט וואָלטען מיר געקענט אָטעמען ווען די מענשען זאָלען זיך איין טאָג באַגעגנען יעדער באַפרייט פון דעם דרוק, וואָס אַלע איבען אויס אויף׳ן איינצעלנעם — וויפיעל אמת׳ע געפיהלען וואָלטען עס דעמאָלט אַ שטראָם געטאָן מיט

פרישקייט!" „נעהם מיין לעצטען גרוס, אַ פאַטערלאַנד!" רופט אויס קאָרינגא אין איר שוואַנען-ליד לכבוד רוים, און דו פיהלסט די גאַנצע ביטערקייט און שטאָלץ פון דער פאַרטריבענער געגען נאַפּאָלעאָנ'ען אין די ווערטער: „דו פרייגיביג פאָלק, וואָס האָסט מיר געשענקט מיין רוהם, וואָס פאַרטרייבסט ניט די פרויען פון דיינע טעמפּלען, וואָס ברענגסט ניט דעם אונשטערבליכען טאַלאַנט פאַר אַ קרבן צו אַ פאַראיבערגעהענדער אייפערזוכט, נאָר שטענדיג באַגריסטו וואַרים דעם אויפגעהענדען זשעני, דעם זשעני וואָס איז אַ זיגער אָהן באַזיגטע, אַן עראָבערער אָהן רויב, וואָס שעפּט פון דער אייביגקייט צו באַרייכערען דאָס פאַרגענגליכע!"

אויפ'ן יסוד פון דיזען אַנטוואורף פון דעם קאָנטראַסט צווישען דעם קאַטוילישען און דעם פּראָטעסטאַנטישען געפיהלס-לעבען דערהויבט זיך דער קאָנטראַסט צוויי אַנשויאונגען אויף דער קונסט. און אין דיזען פונקט באַשטעהט די באַדייטונג פון דעם בוך אין דעם, וואָס ער פירט אַ קאַמפּף געגען דעם פּראָטעסטאַנטישען שטאָלץ און זיין קינסטלערישער אונאַנטוויקעלטקייט, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין אָסוואַלד'ן, ביי וועמען יעדער טראָפּען בלוט איז דורכגעדרונגען מיט די ענגלישע נאַציאָנאַלע כאַראַקטער-שטריכען.

אין מיטען פון דיזען פּלאַסטישען און מוזיקאַלישען פאָלק, וואָס איז אַזוי גוטמוטיג, אַזוי קינדיש אונבאַזאָרגט וועגען זיין ווערט, און אַזוי אונמאָראַליש אין ענגלישען זין פון וואָרט, פיהלט זיך אָסוואַלד, וועלכער איז געוואוינט צו זעהן די באַדייטונג פון לעבען אין דער ערפילונג פון אַ געוויסען אינזעל-באַגריף פון פליכטען און פאַסיגקייט, אינגאַנצען ניט אין פּלאַץ. אים פעלט יעדער אַרטיסטישער חוש; אַט לעגט ער אַ ליטעראַרישען מאַסשטאַב אויף דער קונסט, אַט אַ מאָראַלישען און אַט אַ רעליגיעזען, פיהלט זיך איבעראַל אָבגעשטויסען, און קען גאָר נישט פאַרשטעהן. ער באַמערקט אייניגע באַרעליעפען אויף די טירען פון דער סעינט-פּעטער קירכע, ווי גרויס איז זיין פאַרוואונדערונג ווען ער זעהט אַז זיי שטעלען פאַר סצענעס פון אָוויד'ס מעטאַמאָרפאָזען! דאָס איז דאָך אמת'עס געצענטום! קאָרינגא פירט אים אין דעם קאָליסעאום, און זיין איינציגער איינדרוק איז (אַזוי ווי אָהלענשלעגער'ס) דאָס געפיהל אַז ער שטעהט אויף אַ גרויסען געריכטס-פּלאַץ, און דער

מאָראַלישער צאָרן איבער די גרויזאַמקייטען, וואָס זיינען דאָ באַ־
גאַנגען געוואָרען געגען די ערשטע קריסטען. ער טרעט אריין אין
דער סיקסטינישער קאַפּעלע און, זייענדיג דורכאויס אונערפאַרען
אין דער געשיכטע פון דער קונסט, איז ער אין העכסטען גראַד
אויפגעבראַכט צו זעהן, אַז מיקעל אַנדשעלאָ האָט געהאַט די העזה
צו מאָלען דעם פאָטער־גאָט אליין אין אַ באַגרענצטען מענשליכען
קערפּער, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ יופּיטער אָדער אַ צעאוס.
ער ערגערט זיך אויך איבער דעם וואָס ער געפינט גאָרניט אין
מיקעל אנדזשעלאָ'ס פּראָפעטען און סיבילען פון דעם באַשיידענעם
קריסטליכען גייסט, וואָס ער האָט ערוואַרטעט צו געפינען אין אַ
קריסטליכער קאַפּעלע. יעדען איינעם פון דיזע פאַרשיידענע שטרי־
כען נעהמט די שרייבערין פון לעבען. איטאַליען, ווי די דרום
לענדער פון איירָאפּאַ איבערהויפּט, איז אַ לאַנד וואָס ערוואַרטעט
אין אירע באַזוכער אַן ארטיסטישען, אָדער ווי מען רופט עס אין
דענמאַרק, אַן עסטעטישען געשמאַק. מען טיילט געוויינליך
דאָס מענשליכע לעבען אין דריי פאַרשיידענע ספערען, אין דער
פּראַקטישער, דער טעאָרעטישער און עסטעטישער. די פּראַקטישע
באַטראַכטונג פון דעם וואַלד איז, אויב די געגענד איז אַ געזונטע
אָדער ווי וויט דער וואַלד איז גוט אויף ברען־האָלץ. די טעאָרע־
טישע — איז דעם באָטאַניקערס וועלכע שטודירט וויסענשאַפט־
ליך דעם כאַראַקטער פון די פלאַנצען; די עסטעטישע אָדער די
אַרטיסטישע איז די וועלכע האָט נאָר אַן אויג ווי דער וואַלד זעהט
אויס. דער לעצטער חוש פעלט אָסוואַלד'ן אינגאַנצען. ער
האָט קיין אויגען ניט, זיין פאַרשטאַנד און זיין מאָראַל האָבען באַ־
רויבט זיין זין פון יעדער פרישקייט, דעריבער איז ער ניט אימ־
שטאַנד צו פאַרגעסען דעם אינהאַלט איבער דער פאָרמע, דעריבער
רופט אַרויס די אַרענאַ פון דעם קאָליסעאום ביי אים קיין אַנדער
געדאַנק ניט ווי די פּראַקטיש־מאָראַלישע עראינערונג וועגען גאָר
דאָס בלוט וואָס איז דאָ אונגערעכט פאַרגאָסען געוואָרען. אין
קאָרינגאַ'ס פאַרטיידיגונג פון דער געגענגעזעצטער מיינונג שפּירען
מיר דעם איינפלוס פון דייטשלאַנד, באַזונדערס די ווירקונג פון
א. וו. שלעגעל, דעם ע ר ש ט ע ן ה ו י ך פון דעם ערוואַכענדען
ר אָ מ אַ נ ט י ש ע ן גייסט אין דייטשלאַנד, וואָרום וואָס די ראָ־

מאנטיק באטאנט — ווי פארשיידענארטיג זי ווערט ניט אויספּגע־פאסט אין פארשיידענע לענדער, איז דער זאץ אז די שעהנקייט האט נאר זיך אליין אלס ציל, אדער ווי מען זאגט אין דייטשלאנד „זעלבסטצוועק", א געדאנק וועלכען מען האט אנטנומען פון קאנט'ס „קריטיק דער אורטיילסקראפט", א באשטימונג פון שעהנ־קייט וועלכע ווערט יעצט ארויסגעשטעלט אלס די אויפגאבע פון דער קונסט. אין פראנצויזיש ווערט עס אויסגעדריקט אין דער פארמעל "l'art pour l'art" און אין דענישען זעהען מיר דיזע אנשויאונג ארויסטרעטען צום ערשטען מאל אין אהלענ־שלעגער'ס געדיכטע, צ. ב. אין „די פאעזיע פארטיידיגט זיך" אדער אין דעם געדיכט „מארגען־וואנדערונג."

אבער ניט בלויז די קונסט נאר אויך די באפעלקערונג וואס לעבען אין איטאליען מוז מען באטראכטען מיט אן ארטישטישען אויג כדי זיי צו פארשטעהן און שעצען לויט זייער ריכטיגען ווערט. עס איז ניטא קיין געוויינליכערע זאך ווי צו טרעפען אין דרום ענגלענדער, דייטשען אדער פראנצויזען, וועלכע טאדלען אלץ פון זייער נאציאנאלען שטאנדפונקט. די דייטשען געפינען אז די פרויען פעלט די שעמעוודיגע צניעות, די יונג־פרויליכקייט וואס זיי זיינען געוואוינט צו באטראכטען אלס זייער אידעאל פון שעהנ־קייט. די ענגלענדער פיהלען זיך צוטרייסעלט דורך דעם מאנגעל אין ריינליכקייט און ארדנונג, און די פראנצויזען זיינען אונצו־פרידען וואס די געזעלשאפטליכע געשפרעכען זיינען וויניג און די איטאליענישע פראזע איז שלעכט.

קארינגא ווייזט אן אז די ווייבליכע שעהנקייט וואס איז אין איטאליען ניט פון א מאראלישער ארט נאר פון א פלאסטישער און מאלערישער, פאדערט אן אויג וואס איז עמפפינדליך צו פארב און פארם און איז ניט אבגעשוואכט דורך גריבלען זיך אין ביכער. זי שטעלט די איטאליענישע אימפראוויזאציע אין קאנטראסט מיט דעם פראנצויזישען געשפרעך און געפינט אז די ערשטע האט ניט קיין קלענערען ווערט ווי די צווייטע.

א פארשטענדיגעם פאלק ווי די ענגלענדער קולטיווירט דאס געשעפטס־לעבען און דאס פראקטישע לעבען, א געפיהלפולע נא־ציאן ווי די דייטשע ארבייט אוים די מוזיק, א גייסטרייכע ראסע

ווי די פראַנצויזישע אַנטוויקעלט די קאָנווערזאַציאָן, ד. ה. באַקומט אירע איינפעלע דורך אונטערהאַלטונג און געזעלשאַפטליכען לע־בען מיט אַנדערע, אַ פאַנטאַזיען־רייכעס פאָלק ווי די איטאַליע־נער אימפּראָוויזירט ד. ה. הויבט אויף נאַטירליכערווייז די גע־וויינליכע געפיהלען צו פּאָעזיע. קאָרינא זאָגט: „איך פיהל זיך אַלס דיכטערין אַזוי שנעל ווי מיין גייסט דערהויבט זיך, אַזוי שנעל ווי ער פאַראַכטעט נאָך אין אַ העכערען גראַד ווי געוויינליך עגאָאיזם, נידעריגקייט, קורץ, אַזוי שנעל ווי איך פיהל אַז אַ שעהנע האַנדלונג וועט יעצט פאַר מיר לייכט זיין צו טהאָן; דאַן גע־ראָטען מיינע פערזען אַם בעסטען, איך בין דיכטערין ווען איך באַוואונדער, ווען איך פאַראַכט, ווען איך האַס ניט פון פערזענלי־כע אורזאַכען נאָר פאַר דער גאַנצער מענשהייט.” און זי באַנר־נענט זיך ניט בלויז מיט נעהמען אין שוץ דעם לייכטען נאַכטיגאַל־געזאַנג פון דעם וואָס איז אייגענטליך געווען דאָס וואָס די אי־טאַליענער האָבען פאַרשטאַנען אונטער לירישער פּאָעזיע. זי ער־קלערט אויך דעם איבערטריבענעם געוויכט וואָס די איטאַליענישע פּראָזע לעגט אויף דער פאָרם און אויף׳ן גאַנצען רעטאָרישען פּוץ, ערשטענס ליבט מען אין דרום איבערהויבט פאָרם, צווייטענס איז די איטאַליענער, לעבענדיג אונטער׳ן דרוק פון אַ גייסטליכער דעס־פּאָטיע וועלכע האָט פאַרבאָטען יעדע ערנסטע באַהאַנדלונג פון אַ טעמע, האָבען געוואוסט אַז זיי קענען ניט באַאיינפלוסען דעם גאַנג פון פּאַסירונגען, האָבען זיי געשריבען בלויז צו ווייזען זייער קונסט אין שרייבען, אַרויסצורופען באַוואונדערונג דורך דער שעהנקייט פון זייערע פראַזען אַזוי אַז דאָס מיטעל איז געוואָרען דער צוועק.

די צווייטע זאַך וואָס ווירקט שלעכט אויף אָסוואַלד׳ן איז געווען מיקעל אַנדזשעלאָ׳ס פאָרשטעלונג פון גאָט און די נביאים אין דער קריסטליכער קאַפּעלע.

ער געפינט ניט אין יהוה׳ס קרעפטיגער מענער־געשטאַלט די אונזיכטבאַרע, ריין־גייסטיגע מאַכט אין וועלכער דער נאָרדישער פּראָטעסטאַנטיזם האָט פאַרוואַנדעלט דעם לייזענשאַפטליכען נאַ־ציאָנאַלען גאָט פון די אַלטע אַזיאַטען; און אין די אַלע שטאָלצע פיגורען פון מענער און פרויען מיט וועלכע מיקעל אַנ־דזשעלאָ האָט באַזעצט דעם סופיט אין זיין פּראַמטעאישען פאַר־

לאנג „צו שאפען מענשען,” וואו געפינט מען אין די דאזיגע טראַ־ציגע, באגייסטערטע, פארצווייפעלטע און קעמפפענדע געשטאל־טען די באשיידענקייט און צניעות, וועלכע ער האט ערווארטעט צו טרעפען? קארינגא גיט אירע לאנדסלייט א לעקציע, וועלכע איז מיט עטליכע יאר פריהער געווען גרייליך נויטיג אויך אויסערהאלב פראנקרייך, באזונדערס איז אזעלכע לענדער ווי די סקאנדינאַ־ווישע, וואו מען באשעפטיגט זיך אזוי פיעל מיט קינדערשער פלאפלעריי וועגען קריסטליכער קונסט און קריסטליכער עסטעטיק.

די ליידענשאפטליכע און גוואלדיגע אטאקע וואס סערען קיערקעגאארד האט אין זיין לעצטער פעריאדע געריכטעט געגען דער זאגענאנטער קריסטליכער קונסט איז געווען נאטירליך פאר א מענשען ווי קיערקעגאארד וועמען עס האט געפעלט יעדע קינסט־לערישע בילדונג; ער שרייבט שטענדיג צו די מאלער פון דער רענעסאנס זיין פראטעסטאנטישען, זאגאר זיין אינדיווידועלען בא־גריף פון רעליגיאן און ווערט אויפגעבראכט זעהענדיג ווי אזוי זיי האבען געקענט מיט אזא אויפפאסונג אלס יסוד פון זייער בא־וואוסטזיין מאלען אזוי ווי זיי האבען געמאלט. פונקט אזוי ווי אסוואלד וויים ער ניט אז די מאלער פון דער רענעסאנס צייט שטעהען אין אן אנדער באציהונג צו זייער שטאף ווי די היינטיגע, אז בעת דער מאלער פון אונזער צייט זוכט אריינצודרינגען אין זיין געגענשטאנד און אים שטודירען אלס ארכעאלאג, אלס פסיכאלאג און אלס עטנאגראף, האט דער מאלער פון דער רענעסאנס צייט גענומען זיין שטאף אזוי ווי ער איז פאר אים געלעגען און האט געמאכט פון אים דאס וואס ער האט געוואלט מאכען, ד. ה. וואס עס האט געשטימט מיט זיין זעלבסטשטענדיגער און אייגענער אריגינאליטעט. דערין ליגט די ערקלערונג דערפון וואס פארלעצט אזוי שטארק ביי די אלטע מאלער אין די נארדישע מענשען. ווארום פונקט אזוי ווי א קליינע צאל סוזשעטען, גענומען פון דער איליאדע און דער אדיסיי האט געקלעקט פאר דער גאנצער גריכישער סקולפטור, מאלעריי און דראמאטישער קונסט (עס איז אימער די זעלבע געשיכטע פון העלענא און פארים, פון אטרעוס און טהיעסטעס, אדער פון איפי־געניא און ארעסטאס) אזוי האבען א צוואנציג טעמען פון דעם

אַלטען און נייעם טעסטאַמענט (דער פאַל, לוט און זיינע טעכטער, יעזוס'עס געבורט, דאָס לויפען קיין עגיפטען, די פּאַסיאָנס־געשיכטע), האָבען אין פאַרלויף פון דריי הונדערט יאָר געהאַלטען אין באַוועגונג דעם פּינזעל און דעם דלאָט אין איטאַליען. בלויז אַזעלכע סוזשעטען ווערען באַשטעלט און בלויז פאַר זיי איז אין דער שטרענגער צייט ערלויבט געוואָרען צו שטודירען דעם נאַקעטען קערפּער. און אין דער צייט וואָס די אַנטוויקלונג איז געגאַנגען פאָרווערטס זיינען די טעמען געבליבען די זעלבע. דער פרומער און נאַאיווער גלויבען פון דער אַלטער צייט ווערט פאַרביטען דורך דעם באַגייסטערטען הומאַניזם און דעם פריידיג אויפבליהענדען היידענטום פון דער רענאַסאַנס צייט, אָבער נאָך אימער מאָלט מען מאַדאָנאַס און מאַגדאַלענאַס נאָר מיט דעם אונטערשייד וואָס די שטייפע הימלישע קעניגין פון דער ביזאַנטישער צייט פאַרוואַנדעלט זיך אין אַן אידעאַליזירטען פּויערען קינד פון אַלבאַנאָ, אָדער אַנדרעא דעל ווערראָטשיאָ'ס אָבגעצערטע, מיט שמאַטעס באַהאַנגענע, שלוכצענדע מאַגדאַלענאַ — אין קאָרעדשיאָ'ס מונטערער און געזונטער לאַכענדער און פאַרפירערישער מיידעל, וועמעס חרטה און תשובה ערשיינט אַלס קאָקעטעריי, אָדער ענדליך וואָס אַלע געקרייציגטע און פאַרשטיינערטע מאַרטירער און אַפּאָסטאַלען, וועלכע זעהען אויס אַזוי ווי זיי וואָלטען לעבעדיג באַגראָבען געוואָרען, זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין פיגורען ווי סאַן סעבאַסטיאַן, ביי טיציאַן, אָדער רעני גווידאָ אין דעם שעהנעם געזונט שטראַלענדען דינער אָדער טשיטשיסבעאָ וועמענס בלענדענדע הויטפאַרב ווערט אַרויסגעבראַכט נאָך שטאַרקער דורך אַ פּאָר טראָפּען בלוט וואָס טריפען אַראָפּ פון אַ צירליך אַריינגעשטעלטער פייל צווישען די ריפּען.

אָסוואַלד מוז אַלזאָ לערנען פון קאָרינגאַ אַז יענער גאַנצער ראָד פון יונגע העלדען וואָס רינגלען אַרום מיקעל אַנדשעלאָ'ס גרויסע סופיטען (איינער וואָס איז גלייך צו דעם גריכישען אַבילעס מיט הענט צונויפגעלעגט אויף די קניה, איינער וואָס בויגט זיך אַזוי ווי אויסצומיידען אַ קלאַפּ, איינער וואָס הויבט אויף זיין אָרם אַזוי ווי אָבצוווערען אַ קלאַפּ, איינער וואָס שלעפּט מיט מאַכט די שאַל וואָס איז דורכגעצויגען דורך דעם בראָנזענעם שילד, איינינע

וואס מיט דער אנשטרענגונג פון אלע זייערע קרעפטען שפארען
הענט און פיס געגען זייערע ראמען, דרעהען און שטויסען זיך גע־
גען דער ארכיטעקטור פון דעם סופיט) ער מוז לערנען אז אט די
אלע פיגורען וועלכע, זייענדיג שעהן ווי די האמערישע העלדען,
פאראייניגען מיט דער שעהנקייט א ווילדערע ענערגיע און א נאך
מענליכערען ווילען און זיינען צו דער זעלבער צייט מיקעל אנדשע־
לא׳ס פארמענשליכטע געדאנקען. ווארום מיקעל אנדשעלא דעקא־
רירט ניט מיט ארנאמענטען אדער מיט בלומען, נאר מיט מענשליכע
לייבער, און יעדער פון זיינע געדאנקען נעהמט אן די געשטאלט פון
א ליידענדען העלד, פונקט אזוי ווי די געדאנקען פון די פארצייטיגע
קינסטלער האבען אנגענומען די געשטאלט פון א גליקליכען גאט.
א ליידענדער העלד גילט פונקט אזוי פיעל ווי א געבענשטער גאט.
אסוואלד מוז זיך לערנען צו באוואונדערען יענע ליבעראליטעט
פון דעם איטאליענישען קאטאליציזם וועלכער האט אין דער רע־
נעסאנ׳ס צייט געגעבען יעדער קינסטלער די געלעגענהייט אויפ־
צודעקען זיך מיט פולסטער פרייהייט און אונגעצוואונגענער ארי־
גינאליטעט, אפילו ווען דער קינסטלער האט אין זיינע ווערק
פארגעשטעלט א גאנץ אינדיווידועלען מענשליכען אידעאל אדער
האט געברויכט די קריסטליכע און אידישע סוזשעטען אלס פארמען
און אלס אן אויסרייד אויסצודריקען זיין אייגענע, זיין ריין פער־
זענליכע רעליגיאן. פאר די קינסטלער פון יענער צייט איז געווען
די קונסט רעליגיאן, און ליניען און פארבען זיינען געווען די פאר־
מען מיט וועלכע זיי האבען מתפלל געווען. אזוי קומען מיר צום
דריטען פונקט וואס האט אסוואלד׳ן געערגערט ווען ער האט גע־
זעהן אוויד׳ס מעטארמאפאזען, אנטאניא פילארעטעס בארעליעפען
אויף די טירען פון דער פעטער קירכע — דורך דער צומישונג פון
קריסטענטום און הײדענטום פון דער קאטוילישער קירכע. דער
דאזיגער שטריך געפינט זיך איבעראל; איבעראל ווערט דער
הײדנישער מאטעריאל באנוצט און אויפגעהיט. אלע אלטע בא־
סעליקען און קירכען זיינען געבויט פון לויטער אלטע טעמפעל
קאלאנען. אן איינפאכער צלם פארוואנדעלט אויבערפלעכליך די
אבעסליקען, דעם קאליסעאום און פאנטעאן אין קריסטליכע געביי־
דען, אן אלטער שלעכטער סטאטוע פון יופיטער סטאטאר גיט מען

א פּאָר שליסעל אין די הענט, און מען שמד'ט זי איבער אויף דעם הייליגען פעטער און מען קושט איר אָפּ די פינגער פון די פיס; די גע־פונענע סטאַטועס פון מענאַנדער און פּאַזידיפּאָס ווערען דורכ'ן גאַנצען מיטעלאַלטער פאַרגעטערט אלס הייליגע. קאָריננאַ ווייזט אָסוואַלד'ן אז דיזען אָפּטמאָל נאַאיווען אָבער שטענדיג ליבעראַ־לען פאַרהאַלטען זיך צום היידנישען און צום הומאַנעם האָט דער קאַטאָליציזם צו פאַרדאַנקען פאַר'ן קינסטלערישען גלאַנץ מיט וועל־כען ער וועט אויביג שטראַלען אין דער וועלט־געשיכטע, א גלאַנץ וועלכען די קינסטלערישע לייסטונגען פון דעם פּראָטעסטאַנטיזם וועלען ניט פאַרדונקלען. דער פּראָטעסטאַנטיזם רייסט אַרונטער פון איבער זיינע אַלטאַרען אַלע אַלבאַנער פויערן פרויען מיט שמייכלענדע קינדער ביי זייער ברוסט אונטער דעם אויס־רייד אַז זיי זיינען מאַדאָנאָס, פאַרקאַלכט אַלע פאַרברייכע בילדער און פייערט די פאַרשמירטע ווענט. דאָס איטאַליען פון דער רענאַסאַנס־צייט האָט אויסגעטאָן דאָס קריסטענטום פון זיין נזירות, פון זיינע שרעקען, זיין גאַנצען אידיש־אזיאַטישען כאַ־ראַקטער און עס אומגעשאַפען אין א מיטאָלאָגיע, באַפּוצט מיט בלומען און דופטענדיג מיט מירהע. דער איטאַליענישער קאַטאָליציזם האָט זיך פאַראייניגט מיט דעם בירגער קלאַס אין די שטעדט און ווען די קונסט איז ווידער געבאָרען געוואָרען — מיט אַלע שעהנע קונסטען. דעריבער זיינען זיינע אינטערעסען אַזוי אָפט אַרויסגעשטעלט געוואָרען אויס פּאַטריאָטישע אַזוי גוט ווי רעליגיעזע מאָטיווען: טאָסקאַנאַ איז דער אָרט פון וואַנען די רענאַסאַנס איז אַרויסגעקומען.

אין טאָסקאַנאַ איז דער מענש צוריק געבאָרען געוואָרען נאָך זיין פאַל — די פאַרלייקענונג פון דער נאַטור. דאַן האָבען זיך געגרינ־דעט די ערשטע איטאַליענישע רעפּובליקען. דאָ האָט זיך דער מענש געשטאַרקט צו ווילענס קראַפט, און די הייזער האָבען זיך אויפ־געוויקט צוזאַמען און געבילדעט א קליינעם שטאָלצען אונבאַזיג־באַר פרייזיניגען שטאַט און זיין אומגעבונג. דאַן זיינען אויפ־געשטיגען טורעמס און די טורם שפּיצען, שלאַנק, ווי די האַל־טונג פון פרייען מענשען. די פּאַלאַצען זיינען געגרינדעט און באַפעסטיגט געוואָרען, קירכען זיינען פאַרענדיגט געוואָרען און

די קירכע איז געוואָרען א נאציאָנאלער אוצר, א שעפּפונג פון רייכטום, אלס דויער און קונסט זאך, א ריזיגע ווערט זאך אין דער צייט פון קאמפף פאר אויבערשאַפט צווישען שטאָדט און שטאָדט, צווישען דעם שטאַט סיענא און דעם שטאַט פלאָרענץ, נאָך א סך מער ווי אלס וואוינאָרט פאר דער הייליגסטער מאדאָנא. מען האָט געטאָן א סך מער צו דער עהרע פון סיענא ווי צו דער עהרע פון דעם ליבען גאָט.

א קירכע אין טאָסקאנא מיט אירע מאָזאיקען אויף א הינטערגרונד פון גאָלד ווי די אין אריעטאָ, אָדער מיט איר פאסאדע פון ווייסען געשניצטען מארמאָר וואָס איז ענליך צו א קרוזשעווע מאנטעל פון א יונגער שעהנהייט, ווי די קירכע אין סיענא, מיט איר אַטישער און עלעגאַנטער צירליכער און צארטער פאָרם און מיט איר רייכטום פון קונסט אוצרות איז מער א קעסטעל צירונג ווי א קירכע. אָדער לאָמיר נעהמען די סט. מארקס קירכע אין ווענעדיג. ווען מען זעהט זי דעם ערשטען מאָל ווערט מען איבערראשט אויף א מאָמענט פון איר אָריענטאַלישער פאסאדע, אירע בלישטשענדע קופּאָלען, אירע וואונדערליכע געוועלבען, וועלכע רוהען אויף קורצע, איינס איבער'ן אנדערען אויפגעוואָרפענע קאלאנען פון רויטען און גרינעם מארמאָר. פון דער פּיאזא ווארפט מען א בליק אויף די דרויסענדיגע ווענט און די פארבען רייכע מאזאיקען אויף א גאָלדענעם הינטערגרונד און מען טרעט אריין אינעווינג. דער ערשטער איינדרוק איז: „וואָס טוט זיך דאָ אין דער וועלט? דאָס איז דאָך לויטער גאָלד, גאָלדענע באַפּוצונגען און גאָלדענע ווענט!" די פיינסטע גאָלד מאזאיקען פון וועלכע עס באשטעהט דער הינטערגרונד פון אלע בילדער, בילדען איין איינציגע גאָלד-פלעכע. פאלט אראָפּ א זונען-שטראַל באַשאַפט ער העלע, שימערענדע גאָלד-פלעקען אויף דעם טונקעלערען גאָלד-גרונד, און די גאנצע קירכע פינקעלט און פלאַמט. דער דיל וואָס איז פון אלטקייט געוואָרען אזוי ווי כוואליעס איז צוזאמענגעשטעלט פון א מאָזאיק פון רויטען, גרינעם און שווארצען מארמאָר. די רויטליכע מארמאָר-זיילען האָבען קאפּיטאָלען פון באגילדעטען בראָנז. די קליינע געוועלבטע פענסטער האָבען ווייסען ניט קיין פארביגען גלאָז; וואָרום פארביגער גלאָז וואָלט ניט געשטימט

צו דיזען פּראַכט, ער איז גוט פֿאַר אַרעמליכע קירכען. די זיילען זעקס אייל דיק פֿון גרינליכע מאַרמאָר וועלכע טראָגען באַגילדעטע האַלבע אַרקען און יעדער קופּאָל רוהט אויף פֿיר אַזעלכע האַלבע אַרקען. די קלענערע זיילען וועלכע טראָגען די אַלטאַרען, כאָרען, א. ז. וו. זיינען פֿון גרינעם און רויט געפּלעקטען מאַרמאָר, אָפט מאָל פֿון אַלבאַסטער און גאַנץ דורכזיכטיג. דער גאַנצער מאַרמאָר וואָס קומט נידעריג איז גרעסטענטייל פֿון העל רויטע קאָליר, צ. ב. אַלע זיץ אָדער בענק וואָס געהען אַרום די קאַנאַלען אָדער ביי די זייטען. די גאַנצע קירכע האָט אַ ריין מאַלערישען, ניט קיין אַרכי־טעקטישען כאַראַקטער, און עס איז נאַטירליך אין דער דאָזיגער שטאָדט ביי וועמעס מאַלער'ס שולע די פֿאָרמע איז אינגאַנ־צען אונטערוואָרפֿען צו דער פֿאַרב. די קירכע סאַן מאַרקאָ, אַזוי ווי זי שטעהט מיט אירע באַגולדעטע מאָנומענטען, מיט אירע שעהן איינגעלעגטע שטולען, אירע פֿאַלקאָמענע בראָנזען, אירע גאָל־דענע סטאַטוען, קאַנדעליאַברען און קאַפּיטאָלען, איז גלייך צו אַן אַנטיקענדער, ביזאַנטישער שעהנהייט וועלכע ליגט אויסגעשטרעקט אויף איר געלעגער, שווער באַלאָדען מיט גאָלד, פּערל און בליצענדע דימענטען, און מיט דעם רייכסטען בראָקאַט וואָס פֿאַרדעקט איר אָריענטאַלישע רוהע בעט.

לכתחילה איז אַזאַ קירכע געווים געווען אַן אויסדרוק פֿון רעליגיעזער באַגייסטערונג אָבער אין די הויכע טעג פֿון דער רענאַסאַנס איז דער רעליגיעזער געפֿיהל אינגאַנצען אָבגעטראָ־טען דער פֿרייד פֿון קונסט. זעהר אינטערעסאַנט איז אין דעם הינזיכט אַן אויפֿשריפֿט, די איינציגע אין דער קירכע וועלכע גע־פֿינט זיך גראַד איבער דעם הויפּט אַריינגאַנג; זי איז אין לאַ־טייניש און לויטעט אַזוי: "Ubi deligenter inspexeris artemque ae laborem Franeisci et valerii Zucati Venetarum fratrum agnoveris, tum tandem judicato." דאָס מיינט:

„ווען דו האָסט אויפֿמערקזאַם באַטראַכט און געפּרובט גאָר די קונסט און אַרבייט, וואָס מיר, די צוויי ווענעציאַנישע ברידער פֿראַנציסקוס און וואַלעריוס צוקאַטוס האָבען דאָ אויסגעפֿירט, דאַן ערשט אורטייל אונז.״ וואָס באַדייט דאָס? עס איז אַ וואָרנונג פֿון די קינסטלער נעגען איבעראייַלטער קריטיק.

די ברידער צוקאַטום זיינען געווען מייסטער פון דער מאָזאיק קונסט וועלכע האָבען אין זעכצענטען יאָרהונדערט אויסגעפירט א גרויסען טייל פון די מאָזאיקען פון דער קירכע, מייסטערנס נאָך צייכענונגען פון טיציאַן. מען דאַרף זיך דערמאָנען איין אויגענ־בליק אָן אזא אויפשריפט אויף א פּראָטעסטאַנטישער קירכע און ציהען דאָ דעם פאַרגלייך. אזוי פאָלשטענדיג איז דאָ א קירכע אויפגעפאַסט אַלס קונסטווערק אז די אויפשריפט איבער איר הויפט טיר איז ניט קיין אויפפאָדערונג צו די דאַוונער, א באַגריי־סונג צו די גלויביגע, א ברכה אָדער א פסוק פון תנ"ך; נאָר א בקשה צו דעם באַזוכער צו באַטראַכטען די געהייליגטע קונסט מיט בליקען פון כבוד.

ווען דעריבער די קאַטוילישע אמונה ווערט פון דער קאַטוי־לישער קירכע פאַרשוואונדען — אזוי ווי עס פּאַסירט היינט אין איטאַליען, ווען אינקוויזיציאָן און פאַנאַטיזם ווערען א לעגענדע, ווען די העסליכע חיה שטאַרבט אין איר שאַל־הויט, בלייבט נאָך איבער די שעהן־ אויסגעדרעהטע שאָל. עס בלייבען דאָך פּראַכט־פולע קירכען, סטאַטוען, מאַלערייען אין די הונדערטע טויזענדע; עס בלייבען דאָך אימער מיקעל אַנזשעלאָ'ס קאַפּעלע און ראַפאַעל'ס סינקטינישע מאַדאָנא, און קירכען אזוי ווי סעינט פּעטער קירכע און די קאַטעדראַלע פון מילאַן און פּיזא. אָבער ביי דער גאַנ־צער אכטונג פאַר דאָס וואָס דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט געליים־טעט אַלס איבערגאַנגס גליד אין דער געשיכטע פון מענשליכען גייסט, פאַר דעם גאַנצען אינערליכען און מאָראַלישען לעבען, און מיט יראת הכבוד פאַר פיעלע פון זיינע מאָנומענטען וואָס זיינען ניט פאַר'ן אויסערען אויג, ווען מיר שטעלען זיך פאָר, אפילו ווען דאָס זאָל זיין אַן אונמעגליכקייט, אז דעם פּראָטעסטאַנטיזם וועט אמאָל טרעפען דער אייגענער שיקזאַל וואָס האָט באַגעגענט יעצט דעם קאַטאָליציזם אין איטאַליען — וועלכע דעקאָראַטיווע אָדער ארכיטעקטאָרישע שאַפונגען וועלען דאַן איבערבלייבען?

די מערקווירדיגסטע וועט זיין א טינט־פלעק אויף דער וואַרט־בורג, קירכען אזוי העסליך אזוי ווי די יאָהאַנ'ס קירכע אויפ'ן נאָרדבריק אין קאָפּענהאַגען וועלכע וועט דאַן פיל־ייכט געווינען עטוואָס שעהנקייט דורך דעם עהרווירדיגען מאָך פון אַלטקייט.

דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט זיך אַרויסגעוויזען מאַכטלאָז צו באַשאַפען אַ רעליגיעזע אַרכיטעקטור. און אַפילו נאָך דעם ווי די צייט פון איקאָנאָקלאַזם איז פאַרגעסען געוואָרען האָט ער בלויז איין מאָל אין רעמבראַנט׳ס זשעני אַרויסגעוויזען די פעהיגקייט צוגעבען אַ מאַלערישע פאָרמע צו זיין רעליגיעזען באַוואוסטזיין. פון דאַנען קומט עס וואָס קאָרינגאַ, די קונסט־ליבענדע דיכטערין, נעהמט דעם צד פון דעם קאַטאָליציזם אַנטגעגען אָסוואַלד׳ן דעם פּראָטעסטאַנט. און עס איז געווען נויטיג ביי דיזער טעמע עטוואס צו פאַרווײַלען, ווייל דאָ שטעהען מיר ביים צווייטען הויפּט פּונקט, אין וועלכען עס זעהט זיך די ווירקונג פון איר דייטשען אומגאַנגס קרייז אויף מאַדאַם דע סטאָל און וואו מיר שפּירען ווידער, אָבער דאָס מאָל שטאַרקער, דאָס וועהען פון דעם אָנקומענדען ראָמאַנטישען גייסט מיט זיין ווידערווילען געגען דעם פּראָטעסטאַנטיזם אַלס אונקינסטלעריש און פאַנטאַזיעלאָז, אַלס קאַלט און ניכטער, און מיט זיין אימער שטייגענדער ליבע צום קאַטאָליציזם וועמעס זין פאַר שעהנקייט און סימפּאַטישע באַציהונג צו דער קונסט האָט אים אין אָנפאַנג פון נײַנצענטען יאָרהונדערט, נאָך דער אינטעלעקטועלער פּראָזע פון דער אויפקלערונגס צייט געגעבען אַן אונערוואַרטעטען אנשטויס צום לעבען. עס פאַנגט זיך דאָ אָן גאַנץ קלאָר די אַטאַקע געגען דער פראַנקרייך פון דעם אַכצענטען יאָרהונדערט, וואָס האָט, מיט וואָלטעיר׳ן אָן דער שפּיצע, דעם קאַטאָליציזם פאַרפאָלגט און פאַרשפּאָט, און וואָס האָט, אָהן וועלכער עס ליבע צום פּראָטעסטאַנטישען גלויבען, דאָך אימער דייטליך אַרויסגעוויזען אַ פאָרליבע צום פּראָטעסטאַנטיזם מיט זיין אונאַבהענגיגקייט פון דעם פּאַפּסטליכער מאַכט, זיינע פאַרהייראַטע פּריסטער און מיט זיין אָפּנייגונג פון דער אמת׳ער אָדער פאַלשער נזירות פון דעם מאָנאַכען־לעבען.

.12

# נייער באַגריף פון דאָס אַנטיקע.

עס איז דאָ נאָך א פונקט אין וועלכען דאָס דאָזיגע בוך איבער איטאַליען ווייזט ארויס א טיף גערמאַנישע ווירקונג און וואו מען שפירט דעם איבערגאַנג פון יענער פרוכטבארער שטימונג פון וועל־כער קאַריננא איז אנטשטאַנען ביז יענער, וועלכע האָט דאָס בוך „איבער דייטשלאַנד" באשאפען, נעמליך, די קינסטלערישע אויפ־פאַסונג פון דאָס אַנטיקע און די באַציהונג פון דער מאָדערנער קונסט דערצו. די באַטראַכטונגען איבער דיזען ענין האָבען זיך אליין אָנגעבאָטען ווען קאַריננא איז אויפגעטראָטען אַלס אָס־וואַלד'ס פירער דורך רוים.

רוים איז דער איינציגער אָרט אויפ'ן ערד־קוגעל וואו די וועלט־געשיכטע טרעט ארויס, אַזוי צו זאָגען, זיכטבאר, וואָרום דאָ האָבען די לויפענדע עפּאָכען ארויפגעלעגט שיכטענווייז זייערע מאָנומענטען איינע אויף די אַנדערע. מען זעהט אָפטמאָל אַן איינצעלנע געביידע, צום ביישפּיל איינע פון די הייזער ביי דעם וועסטאַ טעמפּעל, אין וועלכער דער פונדאַמענט און די פאַר־שיידענע עטאַזשען געהערען צו פיר פאַרשיידענע דורות, צום רוי־מישען אוראַלטער, דער רוימישער קייזער־צייט, צו דער רענעסאַנס און צו אונזער אייגענער צייט. קאַריננא באַקענט איר פריינד צוערשט מיט דעם אַנטיקען צייט־אַלטער; אָבער מען דארף באַ־מערקען אַז זי קוקט אויף די חורבות, אָבער ער — אויף איר. דאָך האָט אין דיזען פּרט דאָס ווערק יענע באַדייטונג וואָס ער פירט אריין אין דער פראַנצויזשער ליטעראַטור א נייע באַטראַכטונג פון דאָס אַנטיקע.

פון די צוויי קלאַסישע הויפּט פעלקער זיינען אייגענטליך

נאָר די רוימער פאַרשטאַנען געוואָרען אין פראַנקרייך. אין די אָדערן פון די פראַנצויזען פליסט רוימישעס בלוט. אין קאָרנעיל׳ס טראַגעדיעס בלאָזט אַן אמת רוימישער הויך. עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט וואָס די גרויסע רעוואָלוציע האָט אָנגענומען רוימישע געוואוינהייטען, רוימישע נעמען און רוימישע קאָסטיומען. מאַדאַם ראָלאַן האָט אַנטוויקעלט איר גייסט דורך לעזען טאַציטוס. ווערטער וועלכע קאָרנעיל האָט איינעם פון זיינע העלדען אין מויל אריינגעלעגט זיינען געווען די לעצטע, וועלכע שאַרלאָט קאָרדעי האָט געשריבען. די לעצטע שורות אין איר לעצטען בריף צו איר פאָטער וועלכער ליגט אין די ארכיוועז פון פּאַריז, זיינען ווי פאָלגט: „פאַרגיב מיר ליבער פאָטער וואָס איך האָב באַשטימט מיין שיקזאַל. איך האָב מאַנכע אונשולדיגע אָפּפער געשעדיגט. דערמאָן זיך אָן דעם פערז פון קאָרנעיל: **Le crime fait la honte, et non pas l'echafaud.** (דער פאַרברעכען מאַכט די שאַנדע און ניט דער עשאַפאָט.) „מאָרגען אַכט אזייגער ווערט דער אורטייל איבער מיר אויסגעפירט". און וואָס אַנבאַלאַנגט דער קונסט האָט דער גרויסער מאָלער פון דער רעוואָלוציאָנס־צייט, דאַוויד, אויפגעלעבט אין זיינע בילדער דאָס אַלטע רוים: ברוטוס און מאַנילוס זיינען זיינע העלדען.

אָבער די גריכען זיינען פון די פראַנצויזען קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען געוואָרען: די פראַנצויזען אַליין האָבען נאָך אפילו געשוועבט אין דער פאַנטאַזיע אַז זייער קלאַסישע ליטעראַטור איז א פאָרטזעצונג פון דער גריכישער און האָט זי אפילו איבערגעשטייגט; אָבער זינט לעסינג האָט אָנגעשריבען זיין „האַמבורגערשע דראַמאַטורגיע" איז עס פאַר דער איבעריגער אייראָפּא מער קיין סוד ניט געווען אַז ראַסינ׳ס גריכען האָבען מיט קיין זאַך קיין ענליכקייט ניט געהאַט אויסער מיט פראַנצויזען, אַז ראַסינ׳ס גאַלאַנטער און ריטערליכער אכילעס, וועלכער רופט אָן איפיגעניא — מאַדאַם און באַקלאָגט זיך אויף די וואונדען וואָס אירע שעהנע אויגען האָבען געמאַכט, איז א סך נעהנטער פאַרוואַנדט מיט דעם יונגען פרינץ פון קאָנדעי, ווי מיט זיין העלענישען פאָרגענגער: מען האָט שליסליך ענטדעקט אין דער אייביגער פאַמיליע פון יענעם אגאַמעמנאָן א געזינדעל פון פאַרשטעלטע מאַרקיזען און מאַרקי־

זינס, און עס האט נארניט געהאלפען וואס מען האט אין דעם „טהעאטר פראנסעי״ געביטען דעם קאסטיום און וואס זייט טאלמא׳ס צייט האט מען געלאזט אויפטרעטען די גריכען אין אנטיקע קליידער אנשטאט מיט פארוקען, פודרע און גאלאנטען שווערד; פון דעם אויגענבליק אן וואס די קריטיק אין דייטשלאנד האט אויפגעוואכט, איז די פראנצויזישע אויפפאסונג פון דאס אנטיקע געווארען א געגענשטאנד פון שפאט פאר איירא‍פא.

מאדאם דע סטאל האט די עהרע צו זיין די ערשטע וואס אין איר בוך „איבער דייטשלאנד״ דערצעהלט פראנקרייך פון דעם מוטיגען שפאטער לעסינג, וועלכער האט געוואגט צו פרובען זיין וויץ אפילו אויף דעם גרויסען שפאט־פויגעל וואלטעיר, זיין אייגענעם לערער און מייסטער, א וויץ וועמעס שטעכיגקייט איז נאך געווארען שארפער דורך א פערזענליכע קרענקונג, ווי מען קען עס זעהן פון שטראוס׳עס ווערק איבער וואלטעיר. אין קארינגא ווערט אויסגעלעגט דער וועג פאר דיזער באקאנטשאפט, מאכענדיג איר העלדין צו ערקלערען די רעזולטאטען, וואס זיינען ארויסגעבראכט געווארען אין דייטשלאנד דורך דעם נייעם שטודיום פון דאס אנטיקע, און דורך די טעאריען פון „לאאקאאן״ איבער דער שייכות צווישען פאעזיע און סקולפטור.

אויך אין דעם לאנד האט זיך פארשפרייט א ריין פראנצויזישע אויפפאסונג וועגען דעם קלאסישען אלטערטום. די אנשויאונג פון העלעניזם, וועלכע טרעט ארויס אין ווילאנד׳ס פיינע און לייכטע ראמאנען „אגאטאן״ און „אריסטיפ״, ווי אויך אין די געדיכטען „ענדימיאן״, „מוזאריאן״, א. ז. וו., וועלכע מאדאם דע סטאל קריטיקירט אין איר בוך איבער דייטשלאנד. אבער די נייע צייט איז געקומען. עס איז געווען אן ארימער דייטשער שול־לערער, ווינקעלמאן, וועלכער, זייענדיג געפירט פון דער ריינסטער און אריגינעלסטער באגייסטערונג, האט, נאך אונצעהליגע שוועריגקייטען און מיה זיך דערשלאגען קיין רוים אום צו קענען שטודירען, וועלכער האט דאן געגעבען זיין איבערצייגונג און טראץ דעם פראטעסט פון זיינע פריינד אנגענומען די קאטוילישע רעליגיאן אום דארט צו קענען בלייבען, און וועלכער איז ענדליך געפאלען אן אפפער פון זיין ליבע פאר דער קונסט, ווערענדיג ערמארדעט פון א באנ־

דיט, וועלכער האָט געוואָלט ביי אים צונעהמען זיי קאָלעקציע פון טייערע מעדאַלען און איידעלע שטיינער — ער איז עס געווען וואָס האָט אין אַ לאַנגער רייהע פון שריפטען, פון זיין „שריפט צו דעם דייטשען אדעל" ביז זיין גרויסער „געשיכטע פון קונסט" געעפענט די אויגען פון זיינע לאַנדסלייט פאַר דער גריכישער האַרמאָניע. זיין גאַנצע שריפטשטעלער־טעטיגקייט איז איין גרויסע הימנע אויף דער צוריקגעפונענער, ווידערענדעקטער אַנטיקער וועלט. ביי זיינע פיעלפאַכע טעות'ען וויל איך זיך ניט אָבשטעלען, ווער עס קען זיינע שריפטען דער ווייס אַז דער אפּאָלא פון בעלוועלדער און די וועגוס פון מעדיטשי און די לאַאָקאָאָן גרופּע האָבען נויטי־גערווייז געמוזט ביי אים ערשיינען אַלס דער העכסטער פּונקט פון דער גריכישער קונסט, וואָרום צו יענער צייט איז נאָך קיין קונסטווערק פון דעם גרויסען סטיל ניט אַנטדעקט געווען. די גאַנצע גערמאַנישע קונסט וואָס איז געווען געווידמעט דער גריכישער וועלט איז אויסגעפאַלען אין דער צייט פאַר דער אַנטדעקונג פון וועגוס פון מילאָ. אפילו טהאָרוואַלדסען האָט זי געזעהען צום ערשטען מאָל ווען ער איז שוין געווען אַלט. אָבער טראָץ דיזען מאַנגעל און טראָץ זיינע פיעלע היסטאָרישע אונגענויאיגקייטען שטעהט ווינקעלמאַן דאָך אַלס דער יעניגער פון וועלכער עס איז אַרויסגעגאַנגען דער גרויסער הויך וואָס האָט באַזעלט לעססינג, געטהע און שיללער. לעסינג קומט נאָך אים מיט זיין קריטיק. באוואָפענט מיט אַ קריטישען חוש וואָס האָט קיין גלייכען ניט האָט דיזער וואונדערליכער מענש געמאַכט דעם ערשטען אַנט־וואָרף פון אַ וויסענשאַפט פון קונסט און פּאָעזיע אויפ'ן גרונד פון ווינקעלמאַן'ס קונסט־אַנשויאונג.

יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט געטהע'ס לעבען ווייס וואָס פאַר אַ גוואַלדיגען איינפלוס דיזע ביידע צווילינג־גייסטער — ווינקעלמאַן און לעססינג האָבען אויסגעאיבט אויף זיין קינסטלע־רישער ערציהונג. מען דערמאָנט זיך די אונבאַשרייבליכע באַ־גייסטערונג וואָס האָט דורכגעשטורעמט זיין האַרץ און די הערצער פון זיינע צייטגענאָסען ווען עס איז ערשינען לעססינג'ס לאַאָקאָאָן. מען דערמאָנט זיך דעם אויסרוף: „מען האָט זיך געהאַלטען פאַר אויסגעלייזט פון אַלע צרות און צום ערשטען מאָל ברעכט אויס

די נייע אויפפאַסונג פון דאָס אַנטיקע מיט גרויסער זשעניאַליטעט אין געטהע'ס קליינעם אָבער גייסטרייכען מייסטערווערק „געטער, העלדען און וויעלאַנד". איך ברייננ אַלסביישפּיל איינינע רע־פליקען: וויעלאַנד'ס שאָטען שטעהט אין דער נאַכט־היטעל און איז נאָר וואָס אין געשפּרעך מיט אדמעט און אַלצעסט געשלאָ־גען געוואָרען, ווען הערקולעס טרעט אויף.

הערקולעס: וואו איז וויעלאַנד?

אדמעט: דאָ שטעהט ער.

הערקולעס: אָט דער? ווי קליין ער איז! דאָך האָב איך מיר אים אזוי פאָרגעשטעלט. זייט איר עס דער מאַן וואָס לאָזט הערקולעס'ען קיינמאָל פון מויל ניט ארויס?

וויעלאַנד: (צוריקטרעטענד) איך האָב מיט אייך גאָר ניט וואָס צו טאָן, קאָלאָס.

הערקולעס: וואָס איז מיט אייך? בלייבט דאָ.

וויעלאַנד: איך האָב זיך אייך פאָרגעשטעלט אַלס שטאַטליכען מאַן פון מיטעלען וואוקס.

הערקולעס: פון מיטעלען וואוקס? איך?

וויעלאַנד: אויב איר זייט הערקולעס האָב איך עס ניט אייך געמיינט.

הערקולעס: עס איז מיין נאָמען און איך בין שטאָלץ אויף אים. איך ווייס וואויל, אז ווען אַ דומקאָפּ קען ניט געפינען אַ פּאַסיגען שילד־טרעגער צווישען די בערען, גריפען און שוויינען, נעהמט ער אַ הערקולעס דערצו. עס זעהט אויס אז מיין גאָטהייט האָט זיך דיר קיינמאָל אין חלום ניט באַוויזען.

וויעלאַנד: איך בין מודה אז דאָס איז דער ערשטער טרוים אזא וואָס איך האָב.

הערקולעס: אויב אזוי טאָ קום צו זיך און בעט די געטער זיי זאָלען דיר פאַרגעבען פאַר דיינע קאָמענטאַרען צו האָמער, וועלכער שילדערט אונז צו גרויס.

וויעלאַנד: אמת איר זייט אונגעהייער גרויס. איך האָב זיך אייך קיינמאָל אזוי ניט פאָרגעשטעלט.

הערקולעס: בין איך שולדיג וואָס איר האָט אזא ענג־ברוסטיגע פאַנטאַזיע?... און וואָס איז דאָס פאַר אַ הערקולעס

װעגען װעלכען זײן פאַנטאַזיע האָט זיך אַזױ צושפּיעלט? און װאָס װיל ער? טוגענד? װאָס איז דיזע מאַטאָ? האָסטו געזעהן די טוגענד, װיעלאַנד? איך האָב זיך אַ רעכטע ביסעל ארומגעטריבען איבער דער װעלט און איך האָב נאָך אַזאַ זאַך ניט באַגעגענט.

װ י ע ל א נ ד: קענט איר ניט די טוגענד, פאַר װעלכער מײן הערקולעס טוט אַלץ, װאַגט אַלץ?

ה ע ר ק ו ל ע ס: טוגענד? איך האָב דאָס װאָרט געהערט ערשט דאָ אונטען פון אַ פּאָר פּאַררוקטע חברה־לײט װעלכע האָבען מיר ניט געקענט זאָגען װאָס עס באַדײט.

װ י ע ל א נ ד: איך קען עס אױך ניט זאָגען. אָבער לאָמיר װעגען דעם מער קײן װערטער ניט פאַרלירען. איך װאָלט געװאָלט איר זאָלט לעזען מײנע געדיכטע װאָלט איר געװאוסט אַז איך אכט אַלײן די טוגענד זעהר װעניג. זי איז אַ צװײדײטיגע זאַך.

ה ע ר ק ו ל ע ס: זי איז פּונקט אַזאַ אונזין װי יעדע פאַנטאַזיע װאָס שטימט ניט מיט דעם גאַנג פון דער װעלט. אײער טוגענד קומט מיר פאָר װי אַ סענטאַר: אַזױ לאַנג װי ער לעבט אין אײער פאָרשטעלונג איז ער קרעפטיג, ערליך, און װען דער סקולפּטאָר שטעלט אים אײך פאָר, װאָס פאַר אַן איבערמענשליכע פאָרמע ער האָט! אָבער אַנאַטאָמירט אים און איר געפינט פיר לונגען, צװײ הערצער און צװײ מאַגענס. ער שטאַרבט אין דעם אױגענבליק פון זײן געבורט, װי יעדער אַנדער פאַרזעהעניש; אָדער ריכטיגער געזאָגט, ער האָט קײנמאָל ניט עקזיסטירט אױסערהאַלב אײער קאָפּ.

װ י ע ל א נ ד: טוגענד מוז דאָך זײן עטװאָס, זי מוז זײן ערגעץ.

ה ע ר ק ו ל ע ס: איך שװער בײ מײן פאָטער'ס אײבינער באָרד! װער האָט געצװײפעלט דערין? מיר דוכט זי האָט בײ אונז געװאױנט אין האַלב־געטער און העלדען. דענקסטו דען אַז מיר האָבען געלעבט אַזױ װי די חיות װײל אײערע בירגער האָבען פאַרגעטערט די צײטען אין װעלכע דער װאָס איז געװען שטאַרקער איז פאַרבליבען גערעכט? מיר האָבען צװישען אונז געהאַט די בראַװסטע יונגען.

ו ו י ע ל א נ ד: וואס רופט איהר בראווע יונגען?

ה ע ר ק ו ל ע ס: איינעם וואס טיילט זיך מיט דאס וואס ער האט. דער רייכסטער איז דער בראווסטער. אויב ער באזיצט קראפט ברעכט ער די אנדערע די ביינער. און פארשטעהט זיך, א רעכטער מאן פארנעהמט זיך קיינמאל נים מיט איינעם וואס איז קלענער פון אים, נאר מיט זיין גלייכען אדער גרעסערע. אויב ער האט אן איבערפלוס פון זאפט טיילט ער אן די פרויען אזוי פיעל קינדער וויפיעל נאר זיי ווילען. אט האב איך אליין אין איין נאכט פופציג אינגלאך אויפגעארבייט. און אויב דער הימעל האט אים געגעבען גאלד און גוטס געגוג פאר טויזענד, האט ער געעפענט זיינע טירען און פארבעטען א טויזענד מיט אים צו געניסען. און אט שטעהט אדמעט, וועלכער קאן אין דעם פרט אנגערופען ווערען דער בראווסטער.

ו ו י ע ל א נ ד: דאס מערסטע דערפון ווערט אין אונזערע צייטען אנגערופען זינד.

ה ע ר ק ו ל ע ס: זינד? דאס איז נאך א שעהן ווארט. די אורזאכע וואס יעדע זאך איז ביי אייך אזוי קליין און ארעם איז וואס איר שטעלט פאר טוגענד און זינד אלס צוויי עקסטרעמען צווישען וועלכע איר וואקעלט זיך. אנשטאט צו האלטען דעם מיטעלוועג אלס דעם פעסט באשטעלטען און בעסטען, ווי עס טוען אייערע פויערען, און קנעכט און דינסטען.

ו ו י ע ל א נ ד: ווען איר וואלט אזעלכע גדאנקען ארויסגעזאגט אין מיין יארהונדערט וואלט מען אייך פארשטיינען. זעה ווי אזוי מען האט מיך ארונטערגעריסען פאר מיינע קליינע אנגריפען אויף דער טוגענד און רעליגיאן.

ה ע ר ק ו ל ע ס: וואס איז דא פאראן אנצוגרייפען? פערד, מענשען-פרעסער און עקדישען — אט דאס איז א פאסיגער ענין און מיט זיי בין איך שטענדיג גרייט ארייונצוטרעטען אין א קאמפף, אבער מיט וואלקענס — קיינמאל נים. זיי מעגען אננעהמען וואס פאר א געשטאלט זיי ווילען. א קלוגער מענש לאזט זיי איבער צום ווינט וועלכער האט זיי צונויפגעפירט, ער זאל זיי פאנאנדערטרייבען.

ו ו י ע ל א נ ד: איר זייט אַן אונמענש, אַ גאָט־לעסטערער.

ה ע ר ק ו ל ע ס: דו קענסט דאָס ניט פאַרשטעהן. דיין הערקולעס פּראַדיקום איז דיר פאַרשטענדליך? ווען איך באַגעגנען צוויי ווייבער אויפ'ן וועג וואָלט איך אָנגעכאַפּט איינע אונטער איין האַנט, די אַנדערע אונטער דער אַנדערער האַנט און וואָלט זיי ביידע ניט אָבגעלאָזט.

דאָ זעהען מיר ווי געטהע אין דעם ערשטען בליהונגס־פּעריאָד, דריקט אוים די נייע אויפפאַסונג אויפ'ן אַלטערטום אַלס געגענזאַץ צו דער פראַנצויפיצירטער אַנשויאונג פון וויעלאַנד. און מיר האָבען דאָ צו דער זעלבער צייט דעם פּאַטעטישען ודוי פון אַ מאַן וועמען זיין דור האָט אָנגערופען דער גרויסער געצענדינער. דאָס איז שפּינאָזאַ'ס פילאָזאָפיע אויסגעדריקט אין אַ מוטיגען שפּאַס. מען קען אָבער דאָך בשום אופן ניט זאָגען אַז געטהע איז געבליבען שטעהן ביי דיזען מוטיגען נאַטוראַליסטישען בליק אויף דאָס אַנטיקע. נאָך דעם ווי ער האָט צוערשט אויסגעשעפּט זיין יוגענדליכע לײדענשאַפט אין „ווערטהער" און „געץ" און אין זיין באַגייסטערטער אָבהאַנדלונג איבער דער גאָטישער אַרכיטעקטור האָט ער אין העפטיגער רעאַקציע אויסגעדרעהט זיין רוקען צו דער גאָטיק און דער לײדענשאַפטליכקייט און צוריקקערענדיג זיך צו די גריכען, באַגייסטערען אים דאָ די רוה און קלאָרקייט, די איינפאַכע האַרמאָני און געזונטע פאַרנונפט פון גריכענלאַנד. דאָס וואָס ביי די גריכען אַליין איז געוועזען לײדענשאַפטליך, פאַרבענרייך אָדער רעאַליסטיש, האָט ער אָבגערוקט אָן אַ זייט און ניט מיטגענומען. דאָס וואָס איז ביי זיי געוועזען פאָלקסטימליך, בורלעסק עפעקטפול, האָט ער אויך אָבגעשטויסען. דאָס וואָס ביי די גריכען איז געוועזען ווילד, באַקכאַנטיש אָדער נאַכטליך מיסטיש — דערפאַר האָט ער קיין אויג ניט געהאַט.

מיט אַ וואַקסענדער אונצופרידענקייט מיט'ן קריסטענטום וואָס געפינט איר שאַרפסטען אויסדרוק אין די וועניציאַנישע עפּיגראַמען, פאַראייניגט זיך אַזאַ ווידערווילען פאַר דער גאָטיק אין יעדער קריסטליכער קונסט, אַז ווען געטהע, צום ביישפּיל, איז געוועזען אין אַסיס, וואָס איז אַזוי רייך מיט די שעהנסטע קריסטליכע דענקמעלער, האָט מען אים ניט געקענט באַוועגען

צו באַזוכען אַפּילו אַן איינציגע קירכע אָדער אַן איינציגען קלויס־טער, נאָר ער האָט זיך אין גאַנצען פאַרטיפט אין די וועניגע און אונבאַדייטענדע אַלטע איבערבלייבזעלען. אין דעם דאָזיגען געמיט־צושטאַנד האָט ער געשריבען זיין „איפיגעניא", דאָס ווערק, וואָס מען קען באַטראַכטען אַלס דעם טיף פון דער גאַנצער רעפּראָדוק־ציאָן פון דאָס אַנטיקע ביי דעם גערמאַניש גאָטישען שטאַם. אין דעם דאָזיגען ווערק וואָס שפּילט אַזאַ גוואַלדיגע ראָליע אין דער קונסט אַנשויאונג פון אונזער יאָרהונדערט, וואָס האָט געגאָלטען אין דער דייטשער עסטעטיק אונטער העגעל, ווי אין דער פראַנ־צויזישער עסטעטיק אונטער טעין, אַלס אַ מוסטערווערק און צו וועלכען העגעל פאַרגלייכט בלויז די „אַנטיגאָנע" פון סאָפאָקלעס — אין דיזען ווערק באַגעגענט אונז דער זעלבער גייסט ווי אין אַלע העלעניזירענדע געדיכטען פון שיללער: „די געטער גריכענ־לאַנדס", „די קינסטלער", „די אידעאַלע", „דאָס אידעאַל און דאָס לעבען."

עס דערמאָנט זיך די שורה:

„אויך איך וואַר אין אַרקאַדיען געבאָרען"

און די פאָלגענדע שילדערונג פון דעם לעבען פון די געטער:

„עוויג קלאַר אונד שפּיגעלריין און עבען
פליסט דאָס זעפירלייכטע לעבען
אים אָלימפּ דען זעליגען דאַהין."

אָט דיזע גאַנץ איינזייטיגע אויפפאַסונג פון דאָס אַנטיקע, וועלכע ווערט אַנטוויקעלט אין „געטער, העלדען און וויעלאַנד," פיהרט געטהען צו שרייבען האָמערישע פּאָעזיען ווי „אַכילעאיס." עס איז דער זעלבער גייסט וואָס מיר געפינען ווידער ביי טהאָר־וואַלדסען אין איינינע פון זיינע עלטסטע באַרעליעפען, אין „אַכי־לעס און בריזעאיס" געפינען מיר אַן ענליכע מוטיגע שטע־לונג צום אַלטערטום ווי די מיט וועלכע געטהע האָט אָנגעפאַנ־גען. אָבער אין אַלע זיינע שפּעטערע שילדערונגען פון גריכישע סוזשעטען געפינט מען אויך יענעם זעלבען אידעאַל פון פריד־ליכער און איינגעהאַלטענער האַרמאָני, וועלכע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער קרעפטיגער טענדענץ.

איך נעהם פונדעסטוועגען דעם מוט אויסצושפּרעכען דאָ צום

ערשטען מאָל די מיינונג, אז ווינקעלמאַנ׳ס, געטהע׳ס און טהאָר־וואלדסען׳ס גריכענלאַנד איז כמעט אזוי אונגריכיש ווי דאָס גריכענלאַנד וואָס ראַסין און בארטהעלעמי אין זיין **Le jeune Anacharse.** האָבען געשילדערט. וואָרום בשעת ראַסינ׳ס סטיל איז צו פיין, צו סאַלאָנמעסיג און דורכגעדרונגען מיט׳ן גייסט פון הויף אום צו זיין גריכיש, איז דער סטיל פון געטהע און טהאָרוואלדסען, וואָס טרעפט זיך צוזאַמען מיט ווינקעלמאַנ׳ס קונסט אַנשויאונג, טראָץ דער געניאַליטעט פון דיזע צוויי מענער וואָס שטראַלט אריבער זייער גאַנצען דור, צו געלייטערט, צו וואַסער־העל און צו קאַלט אום צו זיין גריכיש. איך גלויב אז די צייט וועט קומען ווען מען וועט געטהע׳ס איפיגעניא ניט באַטראַכטען זעהר פיעל גריכישער ווי ראַסינ׳ס איפיגעניא ווען מען וועט אַנטדעקען אז די מאָראַלישע ווירדע פון דער דייטשע־שער איפיגעניא איז פונקט אזוי דייטש ווי די גראַציעזע פיינקייט פון דער פראַנצויזישער איפיגעניא איז פראַנצויזיש. און דאַן בלייבט נאָר איבער די פראַגע אויב מען איז גריכישער ווען מען איז דייטש אָדער ווען מען איז פראַנצויזיש. איך ווייס וואויל אז איך לויף מיט דעם שטערען געגען א וואַנט פון גערמאַנישע און גאָטישע פאָראורטיילען, איך ווייס די פעסט הערשענדע איבערצייגונג, אז פון די צוויי אייראָפּעאישע קולטור־שטרעמונגען איז איינע לאַטייניש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, און די אַנדערע איז גריכיש, דייטש, סקאַנדינאַוויש, און איך ווייס ווי מען לאָזט זיך אַנלאָקען פון דער מיינונג אז די דייטשע פּאָעזיע, מיט געטהע אָן דער שפּיץ, איז אַנטיק און צום טייל גריכיש, אז די דייטשען האָבען געהאַט ווינקעלמאַנ׳ען, וועלכער האָט אַנטדעקט דאָס אַנטיקע, און אז די דייטשע פילאָלאָגען האָבען פאַר אונז גריכענלאַנד ער־קלערט, בשעת פראַנקרייך האָט געהאַט ראַסין, וועלכער האָט די גריכישע העלדען געמאַכט פאַר הויפמענער, און וואָלטעיר, וועל־כער האָט באַטראַכט אריסטאָפאַנעס פאַר ניט פיעל בעסער ווי א פּאָקוסניק.

אָבער דאָך, ווען, באַטראַכטענדיג דיביידע איפיגעניאַ׳ס, האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע: ווער איז ענליכער אויף די גריכען,

די פראַנצויזען אָדער די דייטשען, האָב איך זיך דאָך געענטפערט: די פראַנצויזען.

מען איז ענליך צו א פאָלק ניט ווען מען אהמט עס נאָך, נאָר ווען מען איז ווי עס איז געבאָרען. איך גיב צו אַז עס איז שווער אויפצושטעלען אַנאַלאָגיען צווישען מאָדערנע און פאַרצייטיגע פעלקער שטאַמען. אָבער דאָך שיינט מיר, אַז די שייכות צווישען די מאָדערנע ענגלענדער און פראַנצויזען, עראינערט אָן עפּעס אין דער שייכות צווישען די אַלטע עגיפּטער און די גריכען. ענג־לאַנד און עגיפּטען האָבען דעם זעלבען סאָרט שטאַרען און רוהיגען פאָרשריט, וואָרום עס איז דורכאויס נאַריש צו גלויבען דאָס וואָס ווערט אזוי אָפט באהויפּטעט, אַז עגיפּטען איז געשטאַנען שטיל; אָבער דאַגעגען די לייכטע באַוועגליכקייט פון די פראַנצויזען, יאָ אפילו זייערע אינערליכע אויפפלאַמענדע קעמפּפע דערמאָנען אָן די גריכען, וועלכע זיינען שטענדיג געווען פארוויקעלט אין שטרייטען צווישען זיך. און פאַרגלייכען מיר די פראַנצויזען מיט די דייטשען געפינען מיר, אַז פראנקרייך האָט א פאָלקס־גייסט, וועלכער איז ווי דער גייסט פון די גריכען קיינמאָל ניט שווער, מיר געפינען אַן איינגעבאָרענע ליבע פאר פאָרם און פארב, און אויף איין זייט א ליבע פאר לייכטקייט און עלעגאַנץ, און פון דער אַנדערער זייט פאר ליידענשאַפטליכטקייט און דראַמאַטישען לעבען. איך בין ווייט דערפון צו וועלען שטעלען די פראַנצויזען אויף איין ראַנג מיט די גריכען. דער חילוק איז אזוי גרויס, אַז איך, פון מיין זייט, בין כמעט גענויגט צו באַטראַכטען אים אַלס אונערמעסליך. איך גיב נאָר די פראַנצויזען אַן עהרען־פּלאַץ נעבען די גריכען ווען מען וויל באהויפּטען אַז די דייטשען שטעהען נעהנטער צו זיי.

דער קרייז פון פּערזענליכקייטען אונטער וועמעס איינפלוס מאַדאַם דע סטאַל איז געשטאַנען, די הויפּט גייסטער פון דער ראָ־מאַנטישער שולע האָבען געטראָגען א שטאַרקע איבערצייגונג אַז אַלע ליטעראַרישע און קינסטלערישע פּראָבען אויפצולעבען דאָס אַנטיקע זיינען אונפּרוכטבאַר. א. וו. שלעגעל האָט פאָרגעזעצט לעססינג'ס קאַמפף געגען די זאָגענאַנטע קלאַסישע פּאָעזיע פון פראַנקרייך און האָט ארויסגעפיהרט אויף איר פּלאַץ די פּאָעזיע פון די טרובאַדורען, וועלכע האָט ניט באַדאַרפט קיין שטיצע אין

גריכישער און לאַטיינישער ליטעראַטור. ער האָט זיך אויך געשטעלט צו געטהע׳ס העלעניסטישע דיכטונגען קעלטער ווי צו יענע, וועלכע האָבען באַהאַנדעלט מער היימישע און פאַרשיידענאַרטיגע טעמען. דעריבער הייסט דאָס אין קאָרינגאַ, אַז אַזוי ווי די רעליגיעזע געפיהלען פון די גריכען און רוימער ווי אויך זייערע גייסטיגע נייגונגען זיינען אין יעדען פּרט ניט די זעלבע ווי אונזערע קענען זיין, דעריבער איז אויך פאַר אונז אונמעגליך עטוואס אין זייער גייסט צו שאַפען אָדער געוויסער מאַסען עטוואָס נייס אויף זייער באָדען צו ערפינדען. מיר דאַרפען ניט זיך באַנוצען מיט דער אָנמערקונג וועלכע ווייזט אָן אויף אָן עססיי פון פרוי שלעגעל אין „יוראָפּא”, אום צו פאַרשטעהן אונטער וואָס פאַר אַן איינפלוס די פאַרפאַסערין האָט זיך דאָ געלייטעט. און עס דוכט זיך כמעט אַז מען לייענט אַ ראָמאַנטישען קריטיקער ווען מען שטויסט זיך אָן אין איר ווערק איבער דייטשלאַנד אויף פאָלגענדער ענטוויקלונג פון דער זעלבער טעמע: „ווען אין אונזער צייט זאָלען די מייסטער פון די שעהנע קונסטען זיך באַשרענקען צו דער איינפאַכקייט פון די פאַרצייטיגע, וואָלטען מיר דאָך ניט געקענט דערגרייכען די אָריגינעלע קראַפט מיט וועלכער יענע צייכענען זיך אויס, און מיר וואָלטען פאַרלירען דאָס אינערליכע און קאָמפּליצירטע געפיהלס לעבען, וועלכעס געפינט זיך נאָר ביי אונז. די איינפאַכקייט אין דער קונסט וואָלט ביי די מאָדערנע זיך לייכט פאַרוואַנדעלט אין אַ קאַלטקייט און אונווירקליכקייט, בשעת ביי די פאַרצייטיגע איז זי געוועזן פול מיט לעבען”.

איך גלויב אַז דיזער געדאַנק איז זעהר ריכטיג. פּונקט ווי די דייטשע רעפּראָדוקציאָן פון דאָס אַנטיקע איז דייטש, אַזוי איז די דענישע ווידער־געבורט פון דאָס אַנטיקע דעניש און ניט גריכיש — צופיעל דעניש אום צו זיין אמת גריכיש, און צו גריכיש אום צו זיין עכט דעניש און ווירקליך מאָדערן. מען פיהלט עס קיינמאָל ניט אַזוי שטאַרק ווי ווען מען זעהט הענגען טהאָרוואַלדסענ׳ס אַן אַרבייט ביי דער זייט פון אַן אַנטיקען באַרעליעף, ווען מען פאַרגלייכט צ. ב. די מעדאַליאָנען פון קריסטיאַנ׳ס באָרגער שלאָס, אין דער פיגור־זאַל אין שאַרלאָטענבאָרג, מיט די מעטאָפען פון דעם פאַרטהענאָן, אָדער ווען מען זעהט אין נעאַפּעלער

מוזעאום א בארעליעף פון דער פריהסטער גריכישער צייט נעבען טהארוואלדסענ'ס שעהנסטען בארעליעף, די „נאכט."

שטעלט מען זיך דאן פאר דיזע „נאכט" און מען באמיהט זיך איין אויגענבליק, ווי איך האב עס געטאן, צו פארגעסען די באגייסטערטע אבער אויך כמעט בלינדע אנטציקונג פאר טהארוואלדסען, אזוי וועט עס פילייכט קלאר ווערען אנדערע אזוי ווי עס איז מיר קלאר געווארען. מען וועט זיך מוזען מודה זיין, אז דיזע ווייבליכע פיגור, וועמעס זאנפטער ליבעס־רייץ רעדט אזוי צום הארצען, דריקט בשום אופן ניט אויס איר נאמען. דער סטיל אין וועלכען זי איז איינגעפאסט, איז דער פראדוקט פון אן אבנייגונג פון דעם קינסטלער, ד. ה. ער אליין איז מאדערן און זיין שטרעבונג איז עטוואס אונמעגליכעס, נעמליך, צו זיין אנטיק. און דער רעזולטאט איז א מין פארפיינערטער און דינער אטיציזם, דורך וועלכען עס לייכט דורך שוואך און אונבאוואוסט דער נאציאנאלער כאראקטער פון דעם קינסטלער. טהארוואלדסענ'ס נאכט איז נאר די נאכט אין וועלכער מען שלאפט; זי דארף הייסען ניט די נאכט, נאר דער שלאף, די נאכטליכע שטילקייט. ווארום די נאכט ווי א גריך וואלט זי פארגעשטעלט, די נאכט אין וועלכער מען ליבט, די נאכט אין וועלכער מען מארדעט, די נאכט וואס בארגט אונטער איר מאנטעל אלע ברכות און אלע פארברעכען, — די נאכט איז עס ניט. עס איז די נאכט, די מילדע זומער־נאכט אין דארף. און דיזער אידילישער הויך, דיזע זאנפטע און פרידליכע שטימונג איז עס דאס וואס דריקט אויס אין דעם ווערק דאס אייגענטימליכע דענישע. די אייגענארטיגע דארפישע שעהנקייט, וואס ליגט איבער דיזער פיגור איז פונקט אזוי דעניש ווי די שטרענגע ווירדע און זיטליכקייט ביי געטהע'ס איפיגעניא איז דייטש.

טהארוואלדסענ'ס אויפלעבונג פון דאס אנטיקע איז, ווי געטהע'ס, דער אויסדרוק פון א רעאקציע געגען דעם פראנצויזיש־איטאליענישען ראקאקא־סטיל, אבער א רעאקציע וואס איז טראץ איר בארעכטיגונג איינזייטיג און אונפרוכטבאר. ווארום אפילו דארט וואו דער ראקאקא־סטיל איז אם געשמאקלאזעסטען האט ער דאך די מעלה וואס ער זוכט ניט פאר אלעמען דאס אלטע

צו ווידערהאָלען, אומצושאַפען דאָס וואָס איז שוין איינמאָל געשאַפען געוואָרען, נאָר ער וויל, — אָבוואָל אָפטמאָל העסליך און צוקרימט אָבער אימער קרעפטיג, פּערזענליך, פּול פייער, — אַרויסברענגען עטוואָס אָריגינעלעס. דעריבער איז בערניני טראָץ אַלע זיינע זינד געגען וואַרהייט און שעהנקייט דאָך אין זיינע בעסטע ווערק, ווי „די הייליגע טהערעזאַ” אין סאַנטאַ מאַריאַ דעללאַ וויטאָריאַ אין רוים, און ווי „סאַן בענעדעטטאָ” אין סוביאַקאָ, אַזוי גרויס, אַז מען באַגרייפט די באַגייסטערונג וואָס ער האָט אַרויסגערופען און ער שטראַלט ווייט אַריבער אַ סך פון אונזערע מאָדערנע אַנטיקיזירענדע סקולפּטאָרען, וועלכע האָבען קיינמאָל קיין מיאוס'עס דערפאַר אָבער אויך קיינמאָל קיין אָריגינעלעס ניט געשאַפען.

מיט דעם געוואַלטיגען צוריקקער צו דאָס אַנטיקע האָט טהאָרוואַלדסען אָבגעשניטען די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער קונסט זינט דער צייט פון די גריכען. עס איז אונמעגליך איינצוזעהן פון זיין קונסט אַז עס איז געווען אַ סקולפּטאָר מיט'ן נאָמען מיקעל אַנדשעלאָ. אָבער דאָס אין וואָס טהאָרוואַלדסען האָט זיך געפיהלט אַזוי פאַרוואַנדט צו דאָס אַנטיקע איז געווען דאָסזעלבע וואָס האָט דעם עלטערען געטהע געלאָקט אין דער גריכישער קונסט־פאָרם: די זאַנפטע רוהיגקייט און שטילע הויכקייט.

מען קען דעריבער טיילען די מיינונג פון מאַדאַם דע סטאַאל און די ראָמאַנטיקער, אַז דער נעאָ־העלענישער סטיל אין דער מאָדערנער קונסט, (ד. ה. די נייגונג אָבצוווייכען פון זיין זעלבסט, ד. ה. מאָדערן און אַ שטרעבונג צו זיין דאָס אונמעגליכע, ד. ה. אַנטיק) איז אַן אונגעלונגענע זאַך, און מען זאָל דאָך ניט אַריינפאַלען אין קיין ווידערשפּרוך ווען מען דריקט אויס באַגייסטערונג איבער געטהע'ס איפיגעניאַ און טהאָרוואַלדסען'ס בעסטע ווערק אַזוי ווי די דייטשע ראָמאַנטיקער און מאַדאַם דע סטאַל אַליין האָבען געטאָן טראָץ אַלע טעאָריעס. מאַדאַם דע סטאַל פאַרזעהט אַז איבעראַל וואו אַ ווערק, וועלכעס איז אַרויסגעשפּרונגען פון די קלאַסישע שטודיען, דערגרייכט אַ דויערהאַפטען ווערט איז עס דערפאַר, וואָס דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער, און די פּערזענליכע אייגענאַרטיגקייט פון דעם קינסטלער האָבען זיך דורכגעבראָכען אַ וועג דורך דעם פאָר־

פיינערטען דינעם אטיציזם וועלכער איז נאר א רעזולטאט פון אנשטרענגונג.

דאס ווארט ווערט געזאגט אין „קארינא" און אין „איבער דייטשלאנד" געגען דעם אונעכטען קלאסיציזם שטאמט הויפטזעכליך פון דער רעאקציע געגען דעם גייסט פון אכצענטען יארהונדערט; נאר וואס אמבעלאנגט פראנקרייך האט די קריטיק פון דער רעאקציע געגרייכט נאך ווייטער אויף צוריק און האט געטראפען צו דער זעלבער צייט די בארימטע נעמען פון זיבעצענטען יארהונדערט, פון דער קלאסישער עפאכע פון לואי דעם 14טען, וועלכע א. וו. שלעגעל, נאך לעססינג'ס ביישפיל, האט געמאכט פאר'ן צילבערעט פון זיין קריטיק. אין דעם פרט איז מאדאם דע סטאאל געשטאנען אין דער סכנה צו באליידיגען דעם נאציאנאלען שטאלץ פון די פראנצויזען, דעריבער באנוגענט זי זיך דא מיט פרעמדע ווערטער און געברויכט יעדען מעגליכען טאקט און יעדע פארזיכטיגקייט. זי באהויפטעט ריכטיג אז דער גייסט פון דיזער קריטיק קען ניט אנגערופען ווערען אנטי־פראנצויזיש; ווארום עס איז דער זעלבער גייסט וואס האט געהערשט אין רוסא'ס בריף געגען דער פראנצויזישער מוזיק: די זעלבע באשולדיגונג אז דער נאטירליכער אויסדרוק פון דעם געפיהל איז אבגערוקט געווארען דורך א געוויסער אויפגעבלאזענער געמאכטקייט.

ווען די דייטשען אין יענער צייט האבען געוואלט געבען א קאנקרעטען ביישפיל פון דער פראנצויזישער אויפפאסונג פון דאס אנטיקע האבען זיי אנגעוויזען אויף יענע געמעלדען, אויף וועלכע לואי דער 14טער ווערט פארגעשטעלט אמאל אלס יופיטער, אמאל אלס הערקולעס, נאקעט אדער מיט א לייבענפעל איבער די אקסעל, אבער מיט זיין אלאנזשע־פאריק אויפ'ן קאפ. אבער ווען מאדאם דע סטאאל הויבט אויף דעם העלענישען סטיל פון די דייטשען אויפ'ן חשבון פון דעם פראנצויזישען, טוט זי אירע לאנדסלייט אביסעל אן אומרעכט. ווארום דאווויד'ס קונסט האט שוין באוויזען אז די פראנצויזען זיינען געווען אימשטאנד אהן אויסלענדישער ווירקונג אוועקצווארפען דעם פאריק; זי האט איבערגעשאצט די דייטשע אויפלעבונג פון העלעניזם. עס איז קיין צווייפעל ניטא, אז די דייטשען, וועמעס ליטעראטור איז

אזוי קריטיש, יע, וועמעס נייערע ליטעראַטור איז אַנטשטאַנען פון קריטיק און עסטעטיק, האָבען אַ סך בעסער פאַרשטאַנען די גריכען ווי די פראַנצויזען און אַ דאַנק דיזער פאַרשטענדניש, האָבען זיי זיי בעסער נאָכגעאַהמט. אָבער קיינמאָל איז מען ניט וועניגער ענליך צו אַן אָריגינעלער נאַטור ווי ווען מען אַהמט זי נאָך. די דייטשען האָבען ליב מאָס און באַגרענצונגען אין אַלע פּראַקטישע זאַכען, דאַגעגען האָבען זיי ניט ליב צו באַגרענצען, ניט דעם געדאַנק, ניט די פאַנטאַזיע, דעריבער טריאומפירען זיי דאָרט וואו די פּלאַסטישע פאָרם פאַרשווינדט, אין דער מעטאַפיזיק, אין דער לירישער פּאָעזיע און אין דער מוזיק; אָבער דערפאַר האָבען זיי אויך היפּאָטעזען אין דער וויסענשאַפט, פאָרמלאָזיגקייט אין דער קונסט, דערפאַר איז דאָס קאָלאָריט די שוואַכע זייט פון זייער מאַלעריי, און די דראַמע — די שוואַכע זייט פון זייער פּאָעזיע. אין אַנדערע ווערטער, עס פעלען זיי גראַדע די פּלאַסטישע אייגענשאַפטען, וועלכע די גריכען האָבען באַזעסען אין העכסטען גראַד. אויב פראַנקרייך איז דעריבער ווייט פון צו זיין אַ גריכענלאַנד פון דער קונסט, איז דייטשלאַנד נאָך ווייטער; פון אַלע גריכישע גאָטהייטען האָט דייטשלאַנד באַוויזען זיך אָנצואייגנען בלויז איינע — פּאַללאַס אַטהענע, און דיזער האָט זי ברילען אויפ׳ן נאָז אַרויפגעזעצט. מאַדאַם דע סטאַל האָט געקענט באַמערקען צו שלעגעל, אַז אַן אַטהענע מיט ברילען איז ניט פיעל שעהנער פון אַ יופּיטער מיט אַ פּאַריק.

.13

## מאַדאַם דע סטאַל'ס „איבער דייטשלאַנד."

דאָס בוך איבער דייטשלאַנד, וואָס איז אַזוי לאַנג אונטערדריקט און אַזוי שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרען, דאַרף באַטראַכט ווערען אַלס דאָס צייטיגסטע ווערק פון מאַדאַם דע סטאַל'ס בילדונג און אינטעליגענץ. עס איז די ערשטע פון אירע גרעסערע שריפטען, אין וועלכער זי פאַרטיפט זיך אַזוי פאָלשטענדיג אין איר געגענשטאַנד, אַז עס שיינט אַז זי האָט איר אייגענע פערזענליכקייט אינגאַנצען פאַרגעסען. זי שילדערט מער ניט אין דיזען ווערק זיך אַליין, זי טרעט נאָר אויף אַזוי ווייט אויף וויפיעל זי רעדט פון אירע רייזען אין דייטשלאַנד און גיט איבער אירע געשפּרעכען מיט די באַריהמטסטע מענשען פון דיזען לאַנד — אַנשטאָט אַ זעלבסט־פאַרטיידיגונג אָדער אַן אויסדרוק פון איר פערזענליכען אידעאַל האָט זי דאָ געגעבען אירע לאַנדסלייט אַן איבערבליק איבער אַ וועלט וואָס איז געווען אינגאַנצען ניי פאַר זיי. דאָס לעצטע וואָס די פראַנצויזע האָבען געהערט פון דייטשלאַנד'ס גייסטיגען לעבען איז געווען, אַז אין בערלין לעבט אַ קעניג, וואָס איז אַלע טאָג געזעסען ביים טיש מיט פראַנצויזישע פילאָזאָפען און דיכטער, אַז ער האָט געשיקט זיינע מיטעלמעסיגע פראַנצויזישע פערזען צו וואָלטעיר'ן, וועלכער האָט זיי אים אויסגעבעסערט, און אַז ער האָט ניט געוואָלט אַנערקענען אַז עס איז פאַראַן אַ דייטשע ליטעראַטור. און איצט, ניט קיין סך יאָרען שפּעטער, האָבען זיי ערפאַרען, אַז אין דיזען לאַנד, וועלכעס האָט זיך נאָר־וואָס אונטערוואָרפען צו זייערע זיגרייכע אַרמייען, האָט אַזוי ווי דורך אַ צויבערוואָרט אין דעם משך פון איין איינציגען

דור אויפגעבליהט אַן אונגעהויער גרויסע און העכסט באַלערענדע ליטעראַטור, וועלכע מען האָט זאָגאַר געוואַגט צו שטעלען נעבען, אויב ניט איבער זייער אייגענער. און דאָס בוך האָט געגעבען אַ פּאַלשטענדיג, אַלזייטיג בילד פון דיזען פרעמדען גייסטיגען לעבען און דיזער פרעמדער ליטעראַטור. עס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ שילדערונג פון דער אויסערער פיזיאָגנאָמיע פון דעם לאַנד און די שטעדט, האָט סקיצירט דעם געגענזאַץ צווישען נאָרד און זיד־דייטשלאַנד, צווישען דעם טאָן און די זיטען אין וויען און בערלין; האָט אַפילו געגעבען אַ באַשרייבונג פון דער דייטשער אוניווערזיטעט־בילדונג און פון דאָס נייע לעבען וואָס דאָס אויפטרעטען פון פעסטאַלאָצצי האָט געגעבען דער ערציהונג.

ווייטער ברענגט דאָס בוך אַן איבערבליק איבער דער דעמאָלדיגער דייטשער פּאָעזיע וועלכע איז פאַר די פראַנצויזען נאָך קלערער געמאַכט געוואָרען דורך די פיעלע געדיכטע און דראַמאַטישע פראַגמענטען וואָס זי האָט איבערזעצט, און אום צו מאַכען דאָס ווערק אינגאַנצען פּאָלקאָם, האַלט זיך די פאַרפאַסערין ניט אָפּ אַפילו פון צו געבען אַן איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון דער דייטשער פילאָזאָפיע פון קאַנט ביז שעללינג.

די באַגריפען וועגען דער נאַאיוויטעט, דער גוטמוטיגקייט און אָפּענהערציגקייט פון די דייטשען וועלכע האָבען געהערשט אין פראַנקרייך ביז צום יאָר 1870, זיינען צו פאַרדאַנקען מאַדאַם דע סטאַל. זי האָט זיך באַקענט מיט'ן פּאָלק וועלכעס האָט אין דער צייט פון דעם דרייסיג יערינגען קריג און אונטער דער רעגירונג פון פרידריך דעם גרויסען געמאַכט גאַנץ אייראָפּאַ קלינגען מיט זיין וואַפען, פּונקט דעמאָלט ווען עס איז פּאָליטיש און מיליטעריש געווען אָבגעשוואַכט און ערנידעריגט, און האָט דערפון געצויגען דעם שלום וועגען דעם פרידליכען און אידילישען כאַראַקטער פון די דייטשען. די וואַרימקייט פון דעם קאַכעל־אויווען, דאָס ביר און דער טאַבאַק האָבען איר אויסגעוויזען ווי זיי וואָלטען פאַרשפּרייט אַן אייגענאַרטיגע, שווערע און דומפּפע אַטמאָספערע אַרום דיזען פּאָלק, און זי האָט געזוכט אין דעם אַליין די שטאַרקייט פון זיין מאָראַלישען ערנסט, פון זיין גייסטיגער אונאָבהענגיגקייט.

זי ווערט ניט מיד צו לויבען די עהרליכקייט און אויפ־ריכטיגקייט פון די דייטשע מענער, און בלויז דא און דארט גיט זי א וואונק אויף דעם אפטען מאנגעל ביי זיי אין פיינקייט און טאקט. מען פיהלט אז זייער אונטערהאלטונג פלעגט איר אפר מיד מאכען, אבער זי ווארפט די שולד אויפ'ן צושטאנד פון געזעלשאפטליכען לעבען און אויף דער שפראך: עס איז אונמעגליך זיך אויסצודריקען בינדיג אין א שפראך, וואו דער זין ווערט קלאר ערשט צום שלום פון דעם זאץ און וואו די אונטער־ברעכונגען, וועלכע גיבען־צו לעבעדיגקייט צו אן אונטערהאלטונג, זיינען דאריבער כמעט אונמעגליך. אויך איז עס אונמעגליך שטענדיג צו באהאלטען די שארפקייט ביז צום לעצטען ווארט פון דעם זאץ. עס איז נאטירליך, דענקט זי, אז א פרעמדער זאל זיך אפטמאל לאנגווייליגען מיט א געשפרעך אין א געזעל־שאפט וואו די צוהערער זיינען אזוי געדולדיג; קיינער האט ניט קיין מורא איינצומאטערען דעם אנדערען, וואס וואלט פארמיידען ווידערהאלונגען און ווייטלויפיגקייט; אפילו די געוואוינהייט אייביג און אימער צו ווידערהאלען טיטלען, ווי אונבאדייטענד און לאנג זיי זאלען ניט זיין, מאכט אליין יעדע אונטערהאלטונג שלעפעדיג און שטייף.

די דייטשע פרויען שילדערט זי מיט ווארעמקייט אבער ניט אהן ביטערקייט ווי פאלגט:

„זיי האבען אן אייגענארטיגען רייץ, א רירענדען קלאנג אין דער שטימע, בלאנדע האר, א בלענדענד־ווייסע הויט־פארב; זיי זיינען באשיידען, אבער ניט אזוי שעמעוודיג ווי די ענג־לענדערינס; עס באמערקט זיך אז זיי קומט אוים זעלטענער צו באגעגענען מענער וואס איבערשטייגען זיי. זיי זוכען צו געפעלען דורך זייער געמיט, צו פאנגען דורך זייער איינביל־דונגס־קראפט, זיי זיינען באקאנט מיט דער שפראך פון דער פאעזיע און די שעהנע קונסטען, זיי קאקעטירען מיט זייער בא־גייסטערונג ווי די פראנצויזישע פרויען מיט זייער וויץ און לעבעדיגקייט. די פאלקאמענע ערליכקייט, וואס צייכענט אויס דעם דייטשען כאראקטער, מאכט די ליבע ווענינער געפערליך פאר'ן גליק פון די פרויען, און פיליכט גיבען זיי זיך איבער צו

דיזען געפיהל מיט גרעסערען צוטרוי. ווייל מען האָט זיי אים אויסגעמאָלט מיט ראָמאַנטישע פאַרבען, און ווייל גרינגשעצונג און אונטריישאַפט זיינען דאָ ווייניגער געפערליך ווי אַנדערש וואו, איז די ליבע אין דייטשלאַנד אַ רעליגיאָן, אָבער אַ פּאַ־עטישע רעליגיאָן, וועלכער ערלויבט נאָר צו גרינג אַלץ וואָס דאָס הארץ קען ענטשולדיגען.״

„מען קען זיך מיט גוטען גרונד לוסטיג מאַכען איבער די לעבערליכקייט פון מאַנכע דייטשע פרויען וועלכע דערהיצען און באַגייסטערען זיך אָהן אויפהער ביז געמאַכטקייט אַזוי, אַז זייערע זיסליכע אויסדריקען פאַרווישען אַלץ מיט וואָס אַ כאַראַקטער קען זיך אויסצייכענען אין פּיקאַנטקייט און שאַרפע אויסדריקליכקייט. זיי זיינען ניט אַזוי אָפענהערציג ווי די פראַנצויזישע פרויען, אָבער דאָס מיינט ניט אַז זיי זיינען פאַלש; אָבער זיי זיינען ניט פעהיג צו זעהן און צו אורטיילען זאַכען ריכטיג; עס פעהלט זיי יעדער זין פאַר דער ווירקליכקייט און די ווירקליכע פאַסירונגען טראָגען זיך פאַרביי פאַר זייערע אויגען אַזוי ווי פאַנטאַסמאַגאָריען. אפילו ווען זיי זיינען אַמאָל יאָ לייכטזיניג, היטען זיי דאָך אויף אַ שימער פון יענער סענטימענטאַליטעט וועלכע ווערט אין דיזען לאַנד באַזונדערס געשעצט. אַ דייטשע דאַמע האָט מיר געזאָגט מיט מע־לאַנכאָלישען אויסדרוק: איך ווייס ניט פון וואַנען דאָס קומט אָבער די אַבוועזענדע פאַרשווינדען גלייך פון מיין זכרון. אַ פראַנצויזישע פרוי וואָלט דעם זעלבען געדאַנק אויסגעדריקט מונטערער אָבער דער זין וואָלט געווען דערזעלבער.״

„זייער זאָרגפעלטיגע ערציהונג און זייער נאַטירליכע זעלטען־ריינקייט מאַכען לייכט און זאַנפט די הערשאַפט וואָס זיי איבען אויס, פונדעסטוועגען טרעפט מען ניט זעלטען ביי די דייטשע פרויען יענע גייסטיגע באַוועגליכקייט וועלכע גיבען צו לעבען צו אַ געשפּרעך און ברענגען אין באַוועגונג דעם שפּיל פון אידעען.״

דער איינדרוק וואָס דאָס דייטשע גייסטיגע לעבען האָט געמאַכט אויף מאַדאַם דע סטאַל האָט געמוזט זיין זעהר שטאַרק. אין איר לאַנד איז אַלץ געווען פאַרגליווערט אין בללים און

פעסטגעשטעלטע פאָרמען; דאָס האָט אַן אָבגעלעבטע פּאָעזיע און פילאָזאָפיע זיך געראַנגעלט מיט'ן טויט, בעת דאָ האָט אַלץ געזאָדען און איז געוועזן פול מיט נייער באַוועגונג, לעבען און האָפנונג.

דער ערשטער קאָנטראַסט צום פראַנצויזישען גייסט און וועזען וועלכען זי האָט דערשפירט איז געוועזן דער: אין פראַנקרייך איז די הערשאַפט וואָס דאָס געזעץ האָט אויסגעאיבט געוועזן אַן אבסאָלוטע; דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז געוועזן פון דער נאַטור אַזוי געזעלשאַפטליך אַז יעדער איינצעלנער האָט זיך צו יעדער צייט געפיהלט פאַרפליכטעט צו האַנדלען, צו דענקען, צו שרייבען ווי די אַנדערע, און ווי די אַנדערע און פאַר די אַנדערע צו דיכטען. עס איז אין 1798 אין פראַנקרייך מעגליך געווען צו פאַרשפרייטען די רעוואָלוציאָן פון דיסטריקט צו דיסטריקט נאָר דאַדורך וואָס מען פלעגט שיקען אַ שליח מיט דער נאַכריכט אַז דער נעקסטער דאָרף האָט זיך גענומען צו די וואָפען. אין דייטשלאַנד, דאַגעגען, איז ניט געווען קיין געזעלשאַפט, עס זיינען דאָרט ניט געווען קיין אַלגעמיינע אָבגעהיטע רעגעלען אין דער באַנעהמונג, קיין נייגונג נאָכצומאַכען דעם אַנדערען, קיין טיראַנישער געזעץ פאַר דער באַהאַנדלונג פון דער שפראַך אָדער פאַר'ן צושניט פון דער פּאָעזיע. יעדער האָט געשריבען ווי אים איז געפעלען געווען, פאַר זיין אייגענער באַפרידיגונג וועגען און גאַנץ ווייניג געטראַכט פון יענער לעזער וועלט, אַרום וועלכען אַלע געדאַנקען פון דעם פראַנצויזישען שריפטשטעלער האָבען זיך געדרעהט; אין דייטשלאַנד האָט זיך דער שריפטשטעלער געשאַפען זיין פּובליקום; דאָס פראַנצויזישע פּובליקום האָט געבילדעט די שריפשטעלער לויט דעם הערשענדען געשמאַק. די הערשאַפט, וואָס אין פראַנקרייך האָט די עפענטליכע מיינונג אויסגעאיבט אין דער געזעלשאַפט, האָט דאָ דער גייסט פון דעם איינצעלנעם געקענט געווינען. בשעת אַ פילאָזאָף אין פראַנקרייך איז געווען אַ מענש וואָס האָט געלעבט אין דער געזעלשאַפט, וואָס האָט געלעגט באַזונדערען געוויכט אויף די געזעלשאַפטליכע אומגאַנגס פאָרמען, האָט מען אין דייטשלאַנד דערהאַרט אַז אַן איינזאַמער דענקער וועלכער האָט געלעבט אין גאַנצען אויסערהאַלב דעם קולטור-לעבען ערגעץ אין קעניגס-

בערג, האָט מיט אַ פּאָר דיקע ביכער, געשריבען אין אַ כמעט אונ־פאַרשטענדליכער, מעטאַפיזישער שפּראַך, אומגעשאַפען די גאַנצע בילדונג פון זיין צייט. אַ פרוי, וועלכע האָט איר גאַנצען לעבען געקרעכצט אונטער'ן דרוק פון באַשרענקטען, געזעלשאַפטליכען גייסט, האָט געמוזט, צוזעהענדיג אַזעלכעס, נאַטירליכערווייז, פיהלען הויכע באַגייסטערונג.

דער צווייטער קאָנטראַסט צום פראַנצויזישען גייסטיגען לע־בען, וואָס מאַדאַם דע סטאַל האָט דערשפּירט שטודירענדיג די דייטשע ליטעראַטור, איז געווען איר הערשענדער אידעאַליזם. די פילאָזאָפיע וואָס האָט אין דער לעצטער העלפט פון אַכצענטען יאָרהונדערט באַהערשט פראַנקרייך האָט ארויסגעפירט אַלע מענשליכע פאָרשטעלונגען און געדאַנקען פון די איינדריקע פון די חושים, דאָס הייסט זי האָט געמאַכט דעם מענשליכען גייסט אבהענגיג פון דער אַרומרינגלענדער וועלט. מאַדאַם דע סטאַל איז ניט געווען אימשטאַנד צו אורטיילען געהעריג וועגען דעם כאַראַק־טער פון דיזער לערע און אירע פאָלגען; דאָך אַלס עכטעס קינד פון דעם נייעם יאָרהונדערט האָט זי זי פאַראַכטעט. זי האָט זי געאורטיילט אַלס פרוי מער מיט'ן האַרצען ווי מיט'ן פאַרשטאַנד, און האָט אַרויסגעדרונגען פון איר יענעם גאַנצען מאַטעריאַליזם וואָס זי האָט געפונען אין די זיטען, און יענע גאַנצע אונטערטעניגקייט צו מאַכט וואָס זי האָט געזעהן ביי די יחידים אין פראַנקרייך; זי האָט פאַראייניגט קאָנדילאַק'ס סענסואַליזם מיט דער אינטע־רעסען מאָראַל פון העלוועטיוס און האָט געמיינט, אַז קיין לערע האָט ניט געקענט מער פּאַראַליזירען דעם אויפשוואונג פון דער נשמה ווי די דאָזיגע לערע, וועלכע האָט געגרינדעט דאָס גוטע אויף די גוט פאַרשטאַנענע אינטערעסען. ווי ענטציקט זי איז גע־ווען וואָס זי האָט ניט געפונען אַזאַ לערע אַלגעמיין אַנערקענט אין דייטשלאַנד! קאַנט'ס און פיכטע'ס לערע פון פליכט, ווי שילער'ס אידעאַליסטישער פּאַטאָס האָבען פאָראויסגע־זאָגט פּונקט יענע הערשאַפט פון גייסט אין וועלכער זי האָט גע־גלויבט איר גאַנץ לעבען. דיזע גרויסע דענקער האָבען עס באַ־וויזען; דיזע באַגייסטערטע דיכטער האָבען אין יעדער פּאָעמע זייערער אויסגעדריקט די אונאַבהענגיגקייט פון גייסט פון דער

וועלט פון די חושים, זיין פעהיגקייט זיך אויפצוהויבען איבער זיי, זיי צו באהערשען, זיי אומצושאפען. ווי שטארק האבען דיזע מענער ארויסגערעדט פון איהר הארצען! און פון דיזען ענטהוזיאזם ארויס האט זי געשריבען איר בוך "De l'Allemagne," (איבער דייטשלאנד), אזוי ווי טאסיטוס אין זיין צייט האט געשריבען זיין "Germania" אום אנצוצייגען אירע לאנדסלייט אויף א גרויסען ביישפיל פון מאראלישער ריינקייט און גייסטיגער פרישקייט.

זי האט אימער באטראכט די באגייסטערונג אלס די רעטענדע מאכט. זי האט אין „קארינגא" געזאגט אז זי קען נאר צוויי ווירקליך פארשיידענע מענשען־קלאסען: די וואס קענען זיך פאר עטוואס באגייסטערען, און די וואס שעצען גרינג די באגייסטערונג. דאס דעמאלדיגע דייטשלאנד האט איר אויסגעזעהן צו זיין דאס פאטערלאנד פון באגייסטערונג, דאס לאנד וואו זי איז געוועזען רעליגיאן, און וואו זי איז געשעצט געווארען מער ווי אין יעדען אנדער לאנד אויף דער ערד. דעריבער שליסט זי אויך איר ווערק מיט אן אבהאנדלונג איבער באגייסטערונג. אבער דיזער גלויבען אין דער באגייסטערונג, אין דער איינבילדונגס־קראפט, אין דער ריין גייסטיגער טעטיגקייט פון דעם גייסט האט איר געפירט צו מאנכע איבעראיילטע און באשרענקטע אורטיילען. אין איר פרייד איבער דעם פילאזאפישען אידעאליזם אין דייטשלאנד באהאנדעלט זי די עמפירישע נאטור־וויסענשאפט מיט נאאיווער גאוה; די נאטור־וויסענשאפט פירט, האט זי געמיינט, צו קיין אנדער זאך ווי צו מעכאנישער צונויפזאמלונג פון פאקטען. די נאטור פילאזאפיע, דאגעגען, וועלכע האט געמאכט די אנטדעקונג אז דער מענשליכער גייסט קען ארויספירען אלע וויסענשאפטען פון זיך אליין דורכ'ן שכל, ד. ה. אין אנדערע ווערטער, די פילאזאפיע וואס באטראכט אלץ אלס געשאפען נאך דער געשטאלט פון דעם מענשליכען גייסט, האט איר אויסגעזעהן ווי חכמת שלמה. „עס איז א שעהנע טעאריע", זאגט זי, „וועלכע שטרעבט צו אנטדעקען די גלייכהייט צווישען די געזעצען פון מענשליכען גייסט און דער נאטור און באטראכט די קערפערליכע וועלט אלס בילד פון דער גייסטיגער. אין איר פרייד איבער דער שעהנקייט פון דער דאזיגער טעאריע

האָט איר געפעלט דער בליק צו זעהן ווי פאַלש זי איז און ווי אונפּרוכטבאַר זי וועט זיך באַלד אַרויסווייזען. זי לויבט פּראַנץ באַאדער און סטעפענס אויפ'ן חשבון פון די גרויסע ענגלישע פיזיקער. אַזוי ווי אירע ראָמאַנטישע פריינד, האָט זי אויך אַ פריינדליך וואָרט צו זאָגען פאַר דער אַסטראָלאָגיע און דער קלאָר־זעהונג, מיט איין וואָרט, פאַר יעדער ערשיינונג וועלכע רעדט צו גונסטען פון דער לערע פון ספּיריטואַליזם.

מיט אַ סך יאָרען פריהער איז ערשינען געגען איר אַ בראָ־שורע מיט'ן נאָמען: "L'Antiromantique;" אונטער דער צייט איז איר נייגונג צום ראָמאַנטיזם אימער שטאַרקער געוואָרען. דער ספּיריטואַליזם אַלס אַזעלכער האָט איר געשיינט צו זיין דאָס גוטע, דאָס וואַרע און דאָס שעהנע אין דער קונסט פון דער פּאָעזיע. דערמיט ערקלערט זיך עס וואָס צו דער זלעבער צייט האָט זי צו־פיעל איינזעהעניש מיט די ניט־געראָטענע ווערק פון דער אויפקו־מענדער ראָמאַנטישער שולע. באַזונדערס פון די דראַמען פון איר פּערזענליכען פריינד זאַכאַריאַס ווערנער, און איז צו שאַרף צו געטהע'ן ווענעם גרויסקייט באַאונרוהיגט זי מער ווי אַנטציקט זי און וועלכען זי האַלט אין איין אַנטשולדיגען און ברענגט ציטאַטען מיט דעם צוזאַץ אַז זי וויל ניט פאַרטיידיגען דעם גייסט פון זיי־נע שריפטען. אין דער איינלייטונג צו איר פּראָזע איבערזעצונג פון דער „בראוט פאָן קאָרינטה", זאָגט זי: „איך וויל בשום אופן ניט פאַרטיידיגען דעם צוועק פון דעם געדיכט אַליין, אָבער עס שיינט מיר אַז מען קען זיך ניט פיהלען אַנדערש ווי באַזיגט דורך זיין פאַנטאַסטישער קראַפט." און זי שליסט איר זאָנסט גאַנץ געלונגענע אָבהאַנדלונג איבער דעם ערשטען טייל פון פאוסט מיט די ווערטער: „די דראַמע פאוסט איז געווים ניט קיין מוסטער ווערק. ווי מען זאָל זי ניט באַטראַכטען, אַלס פּראָדוקט פון פאַ־נטישער משוגעת, אָדער אַלס באַוואוסטזיניגע איבערדריסיג־קייט פון לעבען, עס איז יעדענפאַלס ווינשענס־ווערט, אַז אַזעלכע ווערק זאָלען מער ניט געשאַפען ווערען." און דאָ גיט זי אַלס געגען־געוויכט גאָר איין באַמערקונג וועגען געטהע'ס זשעניע און דעם געדאַנקען־רייכטום פון דעם ווערק. אַזוי געוואַלטיג איז אַפילו אַזאַ גייסט

ווי אירער באַאיינפלוסט געוואָרען פון דער שטימונג פון דער צייט אין איר פּאַטערלאַנד און דער רעליגיעזער רעאַקציע וואָס זי האָט אַרויסגערופען. בלויז פאַר דאָס אידעאַלע אין דעם דייטשען גייסטיגען לעבען האָט זי געהאַט אַן אויג און פאַרשטענדניש, אָבער דעם דייטשען פאַנטעאיזם האָט זי ניט פאַרשטאַנען און ניט באַנומען; ער האָט איר געשראָקען; און דער מוטיגער גייסט וועלכער האָט געוואַגט צו שפּרינגען אין אַזוי פיעל טיעפעניששען האָט זיך מיט מיה און פאַרדאַכט אָבגעקערט פון דעם פאַנטעאיזם.

און דאָך איז דאָ געלעגען דער שליסעל צו דער גאַנצער נייערער אַנטוויקלונג אין דייטשלאַנד. ספּינאָזאַ'ס פילאָזאָפיע איז געלעגען הינטער לעססינג'ס גאַנצען גלענצענדען קאַמפּף געגען דער אָרטאָדאָקסיע, אָבוואָל דער דור האָט דאָס דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען, און ערשט ווען ער איז געשטאָרבען האָט זיך אין דעם שטרייט צווישען מענדעלסאָהן און יאַקאָבי אַרויסגעוויזען דער שרעקליכער פאַקט אַז לעססינג האָט געלעבט און איז געשטאָרבען אַלס ספּינאָזיסט. און די דייטשע לעזער-וועלט איז געשטאַנען פאַר דער איבעררעשונג, אַז אפילו יאַקאָבי אַליין האָט געהאַלטען, אַז יעדע פילאָזאָפיע, לאָגיש דורכגעפירט, מוז אונפאַרמיידליך פירען צו ספּינאָזיזם און פאַנטעאיזם. יאַקאָבי האָט געזוכט זיך צו רעטען פון דער פאַרלעגענהייט, ערקלערנדיג, אַז די דערקענטניש קען געהן אויף אַן אַנדער וועג ווי די וועג פון באַווייז; נעמליך, די אונמיטעלבאַרע זיכערקייט דורכ'ן געפיהל. נאָר פון דער צייט אָן האָט זיך דער פאַנטעאיזם געטראָגען אין דער לופט און פון דעם אויגענבליק ווען געטהע איז נאָך זיין ערשטען איבערלעזען ספּינאָזאַ'ן איבערוועלטיגט און הינגעריסען געוואָרען און זיך ערקלערט אַלס ספּינאָזיסט און איז נאָך דעם זיין גאַנץ לעבען געבליבען טריי צו ספּינאָזאַ'ן — פון דיזען אויגענבליק איז דער גייסט פון דער נייער צייט אַרויף אויפ'ן טראָן אין דער דייטשער ליטעראַטור, און אונטער אַ כאָר פון די שעהנסטע פּאָעזיען, און אונטער אַ באַלייכטונג פון פילאָזאָפישע געדאַנקען וועלכע זיינען קיינמאָל פריהער אין דער נייערער צייט ניט געוועזען אַזוי רייך און אַזוי גלענצענד, האָט דיזער גייסט געפייערט זיין פאַרלאָבונג מיט דער ניי-אויפגעלעבטער שעהנקייט פון אַלטערטום, אַזוי ווי פאַוסט

אין דער באַרימטסטער דיכטונג פון זיין צייט פּייערט זיין חתונה מיט העלענאַ וועלכע סימבאָליזירט אין דער דראַמע די אַלטע גריכישע וועלט.

די גרויסע היידנישע רענעסאַנס, וועלכע איז אָנגעזאָגט געוואָרען אין איטאַליען פון גייסטער ווי לעאָנאַרדאָ'און זשיאָרדאַנאָ ברונאָ, אין ענגלאַנד פון גייסטער ווי שעקספּיער און בעיקאָן, קומט יעצט קיין דייטשלאַנד און געפינט נאָהרונג אין דער באַגייסטערונג פאַר'ן גריכיש־היידנישען אַלטערטום וואָס ווינקעלמאַן און לעססינג האָבען אַרויסגערופען. שיללער שרייבט: „די געטער גריכענלאַנדס", געטהע, „די דיאַנאַ דער עפעזער" און „די בראַוט פון קאָרינטה". ווען דאָס אַלטע גריכענלאַנד איז אונטערגעגאַנגען האָט אַ שיפער וואָס האָט געזעגעלט ביינאַכט פאַזע די גריכישע ברעגען געהערט אַ רוף פון די וועלדער „דער אַלטער פּאַן איז טויט!" אָבער ניין, דער אַלטער פּאַן איז ניט געווען טויט, ער איז נאָר געשלאָפען. און ער האָט אויפגעלעבט אין איטאַליען אין דער רענעסאַנס צייט. ער איז דערקענט געוואָרען און מען האָט זיך גענומען צו אים בוקען אַלס צום לעבעדיגען גאָט אין שעללינג'ס, אין געטהע'ס און העגעל'ס דייטשלאַנד.

יע, דער נייער דייטשער גייסט ציינט זיך נאָך פּאַנטעאיסטישער ווי דער אַנטיקער. ווען דער אַלטער גריך איז געשטאַנען ביי אַ הערליכען וואַסערפאַל, ווי צום ביישפּיל, פון טיבור, ניט ווייט פון רוים, האָט ער באַגאַבט דאָס געזעהענע מיט מענשליכער געשטאַלט. זיין אויג האָט דערזעהן די קאָנטורען פון שעהנע נאַקעטע פרויען, די נימפען פון דעם פּלאַץ, אין דעם פּאַלענדען שטראָם פון דעם קאַסקאַד, דער שוים איז געווען זייער פלאַטערענדע האָר, ער האָט געהערט זייער לוסטיגען פּלעסקען און לאַכען אין דעם מורמלען פון וואַסער און אין דעם אויפשפּריצען פון דעם שוים געגען די פעלזען־ווענד. מיט אַנדערע ווערטער, דער פּאַרצייטיגער מענש האָט דער אונפּערזענליכער נאַטור געגעבען פּערזענליכקייט. דער אַנטיקער דיכטער האָט ניט פּאַרשטאַנען די נאַטור, זיין אייגענע פּערזענליכקייט איז אים געשטאַנען איבעראַל צו שטאַרק אין וועג, זי האָט זיך איבעראַל אָבגעשפּיגעלט

פאר זיינע אויגען. ער האט קיין אנדערע זאך ווי פערזאנען ניט געזעהן.

פונקט פארקערט איז א גרויסער מאדערנער דיכטער, ווי געטהע אדער טיעק, ביי וועלכע דאס גאנצע געפיהלס־לעבען איז פאנטעאיסטיש. ער טוט אויס זיין אייגענעם איך פון דער פער־זענליכקייט אום צו פארשטעהן די נאטור. אנטקעגען דעם וואסערפאל ווערט זיין אייגענער זעלבסט צושפרונגען. ער פיהלט ווי ער וואלט זיך געגליטשט, געפאלען, זיך אומגעווירבעלט מיט דיזע שוימענדע וואסערען. זיין וועזען שטראמט ארויס פון די ענגע ראמען אדער דעם געשלאסענעם קרייז פון דעם איך און שווימט אוועק מיט דיזען שטראם. זיין עלאסטישער באוואוסטזיין ברייטעט זיך אויס, ער נעהמט אויף די אונבאוואוסטע נאטור אין זיין וועזען, ער פארגעסט זיך אליין איבער דעם וואס ער זעהט, פונקט ווי דער וואס הערט א סימפאניע געהט אויף און פאר־שווינדט אין דאס געהערטע און אזוי איבעראל. אזוי ווי זיין וועזען פליסט אוועק מיט די כוואליעס אזוי פליהט ער און קלאגט מיט דעם ווינט, שוועבט מיט דער לבנה אין הימלישען רוים, פיהלט זיך אלס איינס מיט דעם פארמלאזען אל־לעבען.

„וואס מער ער באטראכט די נאטור", זאגט טעין אין זיין געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראטור, „אלס געטליכער געפינט ער זי, געטליך ביז צו אירע פעלזען און פלאנצען אראפ. אין וואלד וואס זעהט אויס טויט, אטעמט יעדער בלאט און די זאפטען שטיי־גען אונבאמערקט דורך די צווייגען ביז צו די פיינסטע שטענגלאך. זיי פילען אן די לופט מיט פארעם און ריחות, און דיזע לויכטענדע לופט, דיזע גרינע שטענגלאך, דיזע לאנגע קאלאנאדע פון שטאמען, דיזער שטילער באדען ארבייטען און בילדען ענדערען זיך, ברענגען ארויס א ווערק, און דאס הארץ פון דעם דיכטער דארף נאר הערען אום צו פארנעהמען די שטימע פון זייער טונקעלען איג־סטינקט. זיי רעדען צו זיין הארצען, נאך מער, זיי זינגען און די אנדערע באשעפענישען מאכען עס אויך אזוי, יעדערער מיט זיין אייגענער קורצער אדער לאנגער צוזאמענגעזעצטער אדער איינ־פאכער מעלאדיע, וועלכע אנטפלעקט דעם אינערליכען געבוי פון דעם קערפער וואס באשאפט דיזען קלאנג. דיזע מעלאדיע רעס־

פּעקטירט דער דיכטער, ער היט זיך זי צו פאַרפּעלשען דורך אַריינ־מישען אין איר זיינע אידעען אָדער זיין באַטאַכטונג. זיין גאַנצע זאָרג איז נאָר זי אויפצוהיטען ריין און לויטער. אַזוי אַנטשטעהט זיין ווערק אַלס אַ ווידערקול פון דער נייער אוניווערזעלער נאַטור, אַ גיגאַנטישער כאָר אין וועלכען געטער און מענשען, די אורצייט, די צוקונפט און אַלע עפּאָכען פון דער וועלט־געשיכטע, אַלע שטופען פון לעבען, אַלע טענער פון לעבען בילדען איין אַקאָרד, איין סימפאָניע אין וועלכער דער גייסט פון דעם מוזיקער אַנטפּלעקט זיך פערזענליך אויף קיין אַנדער אופן ווי דאַדורך וואָס הינטער דיזער גוואַלדיגער האַרמאָניע לאָזט ער ארויסשיינען די גרופּע פון אידעאַלע געזעצען וועלכע באַשאַפען זי און דעם אינווייניגסטען אַל־פערשטאַנד וואָס האַלט צוזאַמען די גאַנצע געשיכטע.”

עס איז אָט דער פאַנטעאיזם וואָס געטהע האָט אויסגעדריקט אין דעם בייסענדען עפּיגראַם:

וואָס זאָל מיר אייער האהן *)
איבער דאָס אַל אונד איינע?
דער פּערפעסער איסט איינע פּערזאָן,
גאָט איסט קיינע.

עס איז אָט דער פּאַנטעאיזם וועלכען ער אַנטוויקעלט אין „פאוסט” און וועלכער ליגט אַזוי טיף אין דער דייטשער נאַטור, אַז אפילו די ראָמאַנטישע שולע וואָס האָט געווירקט געגען דער ווידערגעבורט פון דאָס אַנטיקע, איז טראָץ אַלע אירע קאַטאָלישע טענדענצען, פּונקט אַזוי פּאַנטעאיסטיש ווי העלרערלין און געטהע. דער פּאַנטעאיזם איז דאָ דער אונטערשטראָם וועלכער האָט דורכגעבראָכען זיין וועג דורך אַלע רעאַקציאָנערע העלצער, שלאַם און שטיינער וואָס מען האָט אָנגעוואָרפען אין זיין וועג.

מאַדאַם דע סטאַל האָט דאַרויף קיין אויג ניט געהאַט. דורך די דייטשע טוער פון וועלכע זי איז געוועזן אַרומגערינגעלט איז זי אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער באַוועגונג, וואָס איז זיך אָנגעגאַנגען אויף דער אויבערפלעכע און האָט נאָר דיזע באַוועגונג געזעהן און געפּיהלט. און דיזע באַוועגונג איז געוועזן די

---

*) שפּאָט.

ראמאנטישע רעאקציע. דאס דאזיגע אויסערליכע שטרעבען צו זיין אנטיק און קלאסיש, וואס איז אין דער ווירקליכקייט אזוי ווייניג נאטירליך פאר'ן מאדערנע דייטש, האט ארויסגערופען א שטארקע רעאקציע.

יע, אזוי ווייט זיינען געטהע און שיללער אוועק אין זייער שטענדיג וואקסענדער און שטרענגערער נייגונג צו דעם אנטיקען קונסט־אידעאל, אז ביידע האבען געענדיגט דערמיט, וואס אין זייער ליבע צו דער שטרענגער רעגעלמעסיגער קונסט־פארמע, זיינען זיי אוועק אין דער ריכטונג פון יענער שולע געגען וועל־כער זיי זיינען פריהער געווען די ערשטע צו רעוואלטירען, נעמליך, געגען דער קלאסישער טראגעדיע פון פראנקרייך. געטהע איבער־זעצט וואלטעיר'ס „מאהאמעד", שיללער איבערזעצט ראסינ'ס „פעדרא" און אזוי באגעגענט זיך אין דיזע צוויי גרויסע דייטשע דיכטער די אויפפאסונג פון דאס קלאסישע אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד. אבער דיזער בונד האט געמוזט נויטווענדיגער־ווייז געבען דעם סיגנאל צום ווידערשטאנד. דאס אנטיקע איז גע־ווען אזוי שטרענג, מען האט געבענקט נאך עטוואס פארביגעס און פארשיידענארטיגעס. דאס אנטיקע איז געווען אזוי פלאס־טיש, מען האט געבענקט נאך עטוואס אינערליכעס און מוזיקא־לישעס.

דאס אנטיקע איז געווען אזוי גריכיש, אזוי קאלט, אזוי פרעמד. ווער האט געקענט אויסהאלטען געטהע'ס „אבילעים", אדער שיללער'ס „די בראוט פון מעסינא" מיט זייערע פייערליכע, געמאסטענע אנטיקע־כארען! האבען זיי דען ניט געהאט אן איי־גענעם פארצייטענס? מען האט געבענקט נאך עטוואס היימי־שעס, נאך עטוואס דייטשעס. דאס אנטיקע איז געווען אזוי אריסטאקראטיש און מען האט דעם ענטהוזיאזם פאר דאס קלאסישע געטריבען אזוי ווייט, אז מען האט ווידער אויפגעלעבט די אלטע הויף־פאעזיע פון דער צייט פון לואי דעם 14טען. אבער צו דארף די קונסט ניט זיין פאר אלע קלאסען, צו זאל זיך ניט דאס הויכע און דאס געמיינע פארשמעלצען צוזאמען? מען האט געוואלט עט־וואס איינפאכעס, עטוואס פאלקסטימליכעס. דאס קלאסישע שטרעבען איז ענדליך געווען אזוי ניכטער: די ליכטיגע ראציא־

נאַליסטישע רעליגיאָן פון לעססינג האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין די הענט פון דעם בוכהענדלער ניקאָלאַי אין דעם זעלבען פלאַטשיגען ראַציאָנאַליזם וועלכער האָט געהערשט אין דער ענדע פון דעם אכצענטען יאָרהונדערט אין דענמאַרק. געטהע׳ס פּאַנטעאיזם איז ניט געװען אימשטאַנד דאָס הארץ צו דערוואַרעמען; שיללער׳ס „די זענדונג מאָזעס״ האָט געמוזט ערגערען יעדען גלויביגען, און „פּאָעטיש״ איז דאָך סוף־כל־סוף ניט דאָס זעלבע וואָס ניכטער. מען האָט געוואָלט טרוימען, מען האָט געוואָלט זיך בארוישען און באַגייסטערען, מען האָט געוואָלט ווידער גלויבען ווי אַ קינד, פיהלען דעם ענטוזיאַזם פון אַ ריטער און דעם עקסטאַז פון אַ מאָנאַך. מען האָט געוואָלט זיין פּאָעטיש משוגע, טרוימען מע־לאָדיש, מען האָט זיך געוואָלט אין לבנה־שיין באָדען און מיסטיש פאַרנעהמען דאָס שוועבען פון די גייסטער אין דעם מילך־וועג. מען האָט געוואָלט הערען ווי די גראָז וואַקסט און פאַרשטעהן די שפּראַך פון די פויגעל. טיף אין דער לבנה־נאַכט זינגט טיעק פאַר׳חלום׳ט:

שיין באַגלענצטע צויבער־נאַכט,
וואָס דעם זין געפאַנגען האַלט,
וואונדערפולע מערען־וועלט
שטייג אויף אין דער אַלטער פּראַכט!

און אין דער וואַלד איינזאַמקייט זינגט ער:

וואַלד איינזאַמקייט,
וועלכע מיך דערפרעהט,
מאָרגען ווי היינט,
אין אייביגער צייט.

מען האָט געוואָלט עטוואָס איינפאַכעס האָבען; מען איז געװען מיד פון דער קולטור פון אַלטערטום און מען האָט זיך פאַרטיפט אין דער אַזוי לאַנג פאַרנאַכלעסיגטער זעלטענער וועלט פון מיטעלאַלטער. אַ לעבעדיגע בענקשאַפט צום פאַנטאַסטישען און וואונדערבאַרען האָט באַהערשט די נשמות, און מיטה און מערכען זיינען יעצט געוואָרען די פאַרגעשריבענע קונסט־פאָרמען. אַלע אַלטע פאָלקס־זאַגען און לעגענדען ווערען יעצט געזאַמעלט,

אבגעפרישט און אפט אזוי געלונגען נאכגעדיכטעט ווי פון דעם ערשטען דיכטער פון דער שולע, לודוויק טיעק אין „די בלאנדע עקבערט" אדער אין „די געשיכטע דער שעהנער מאגעלאנע אונד דעם פראפין פעטער פאן פראווענס"; אבער אויך אפט מיט א קינדערשער פארגעטערונג פון דעם פאעטישען אינהאלט און אבערגלויבישע פארשטעלונגען וואס האבען בלויז א וויסענשאפטליכען ווערט אלס איבערעשטען פון פארצייטיגע מיטהען.

נאוואליס האט אין א פייערדיגער פאעמע נביאות געזאגט, אז עס וועט קומען א צייט ווען דער מענש וועט מער ניט זיך ווענדען צו דער וויסענשאפט צו לעזען פאר אים די רעטענישען פון לעבען, נאר אז אין ערצעהלונגען און פאעמען ליגט די ערקלערונג פון דער אייביגער וועלט־געשיכטע; און ווען די צייט וועט קומען און דאס מיסטישע ווארט וועט געזאגט ווערען דאן וועט „די גאנצע פארקערטע וועלט" פארשווינדען. די גאנצע פארקערטע וועלט — ד. ה. אלעס וואס די פראנצויזישע רעוואלוציאן האט מיט איר שטאלצען געדאנק געוואלט דורך גיגאנטישע און בלוטיגע איבערקערענישען און מלחמות אבשאפען, דאס אלץ וועט פארשווינדען ווי אין טרוים, ווי אין מערכע, אזוי שנעל ווי עס וועט ארויסגעזאגט ווערען א געהיימעס ווארט, אזוי שנעל ווי מיר ווילען ווידער קינדער ווערען, אזוי שנעל ווי אונזער קלוגשאפט וועט ווידער ווערען איינפאך און אונשולדיג אנשטאט צו זיין הארט און קאלט. איז דאס אבער זיכער אזוי? צו האט דאס א זין אז מיר זאלען נעהמען די קליידער וועלכע מיר האבען געטראגען ווען מיר זיינען אלט געווען זעקס יאר? קענען מיר זיי אנטאן? ווילען זיי ניט פלאצען אין רוקען, אין די ארבעל, אין אלע נעט? ווילען מיר געהאלפען זיין, ווען אנשטאט אלע יענע אידעען, וועלכע שמעקען מיט בלוט און פולווער, באקומען מיר די אידעען וועלכע האבען דעם גערוך פון דעם קינדער־צימער? אדער האט היינע רעכט ווען ער פארגלייכט די ראמאנטישע שולע מיט דער אלטער דינסט פון וועלכער די מערכען דערצעהלט אז זי האט איין מאל, ווען איר בעל־הבית'טע איז אוועקגעגאנגען, זיך געכאפט צום עלעקסיר וואס זי האט געזעהען איר בעל־הבית'טע באנוצען אלס א יוגענד־מיטעל, נאר אנשטאט צו נעהמען ווי יענע נאר איינגע טראפען, האט זי

א גרויסען לאַנגען זופּ געטאָן און איז געוואָרען ניט נאָר יונג נאָר זאָגאר א גאַנץ קליין קינד.

מען האָט געוואָלט, האָב איך ווייטער געזאָגט,עטוואָס פאָלקס־טימליכעס. און מיר זעהען דאָ לייכט אין קערען דעם אורשפּרונג פון דעם גאַנצען פאָלקסטימליכען שטרעבען פון דעם נייצעגטען יאָרהונדערט, וואָס ביי אונז אין דענמארק, צום ביישפּיל, געהט ארויס פון גרונדטוויג, נאָך דעם ווי ער האָט, אזוי ווי א סך אנדערע, געקראָגען א שטאַרקען איינדרוק פון דער יוגענדליכער וואַרעמ־קייט מיט וועלכער די ראָמאַנטיק איז דאָ דורך איר סקאַנדינאַווי־שען אַפּאָסטאָל הענריק סטעפפענס אָנגעזאָגט געוואָרען און מיט וועלכער זי האָט אין דענמארק מיטגעריסען די יוגענד אין א צייט ווען עס איז נאָך אין דענמארק א יוגענד געווען. מיט רעכט האָט מען באַדויערט דעם גרויסען תהום וואָס איז אויסגעגראָבען גע־וואָרען צווישען די געבילדעטע אין אַלע לענדער דורך דעם ראַשען פאָרשריט פון דעם אוואַנגאַרד און דורך דער אויסשליסונג פון די אָרימע קלאַסען פון יעדער העכערער בילדונג. און וואָס איז נאַ־טירליכער און בעסער ווי אַז דער מאַן פון וויסענשאַפט און דער קינסטלער זאָל זיך באַמיהען מיט אַלע קרעפטען צו באַקליידען זייערע געדאַנקען און געפיהלען אין דער איינפאַכסטער און פאַר־שטענדליכסטער פאָרמע? אָבער די באַוועגונג איז שנעל ארונטער פון וועג, דאַדורך וואָס מען איז באַגאַנגען דעם נאַרישען שריט צוריקצורופען דעם אוואַנגאַרד כדי די נאָכשלעפּער ניט אָנצו־שטרענגען און כדי די גאַנצע מחנה זאָל בלייבען צוזאַמען.

ווען מען האָט אויפגעגעבען די טרייב־פעדער פון דער האַנד־לונג — דעם גלויבען אין פּראָגרעס — איז אַנטשטאַנען אין דער דראַמע די שיקזאַל טראַגעדיע מיט אירע פאַטאַליסטישע געשמאַק־לאָזיגקייטען, און נאַרישען אָבערגלויבען. אין ווערנער'ס טראַגעדיע „דער פיר און צוואַנציגסטער פעברואַר”, וואָס עס זאָל ניט פּאַסי־רען יענעם טאָג דערמאָנט דער פריינדין אָן א שרעקליכען פאַר־ברעכען, אָן א שרעקליכער קללה. דאָס ווערט געטריבען אזוי ווייט, אַז ווען יענעם טאָג קוילעט מען א הון, רופט זי אויס: „די הון האָט מיר אָנטקעגען א פלוך געשריען; זי האָט מיר דערמאָנט אָן מיין פאָטער ווי ער האָט געכאָרכעלט אין דער גסיסה.” און דיזען

שטיק לויבט די זאנסט געשמאקפולע פארפאסערין פון דעם בוך „איבער דייטשלאנד”. די דראמאטישע סאטירען האבען אנגענו־מען דעם טאן פון די מאריאנעטען־שפיל. (אין דענמארק האט היי־בערג זאגאר באצייכענט אויסדריקליך זיינע ערשטע שטיק אלס מאריאנעטען־שפיל). מען ווערט אימער מעהר קינדיש: אויס מורא פאר דעם סאלאן און דעם געזעלשאפטליכען זאל, וואס האט אין אכצענטען יארהונדערט באהערשט די ליטעראטור, אנטלויפט מען אין דער קינדער־שטוב, אין דעם צימער פון דער אם.

די פירער פון דער שולע זיינען געווען געבארענע פראטעס־טאנטען; אבער זייער ריכטונג צום מיטעלאלטער און זייער פרו־מע נאאיוויטעט האט נאטירליכערוויז געבראכט מיט זיך א באַ־וועגונג צום קאטאליציזם. אין דעם פארגלייך צווישען דעם נעא־קלאסיציזם און דער פאלקסטימליכער קונסט וואס שלעגעל האט געמאכט אין דער צייטשריפט „יוראפא” און אויף וועלכען מא־דאם דע סטאל שטיצט זיך אין „קארינגא”, אזוי גוט ווי „איבער דייטשלאנד”, זאגט ער, נאכדעם ווי ער ווייזט אן אז דער זשעניע קען ניט אויפהיטען זיין גאנצען שוואונג דארט וואו ער ארבייט איבער טעמען פאר וועלכע עס פאדערט זיך זכרון און געלערזאמ־קייט: „ניט אזוי איז עס מיט דעם שטאף וואס געהערט צו אונזער אייגענער רעליגיאן. די קינסטלער פיהלען א פערזענליכע באגייס־טערונג פון דיזע סוזשעטען, זיי פיהלען דאס וואס זיי מאלען און מאלען דאס וואס זיי זעהען. דאס לעבען אליין דינט זיי אלס מאדעל ווען זיי ווילען פארשטעלען דאס לעבען, בשעת יענע קינסט־לער וועלכע ווילען זיך אריבערטראגען גייסטיג אין דער אלטער צייט קענען ניט שאפען זייערע ווערק אויפ'ן גרונד פון דעם ארומ־רינגלענדען לעבען נאר מוזען זיי שאפען אויפ'ן גרונד פון ביכער און סטאטועז”.

דאס קלינגט ווידער זעהר שעהן און איז ביז א געוויסען גראד גאנץ ריכטיג, אבער דער סאפיזם ליגט אין די ווערטער: „אונזער אייגענע רעליגיאן”: וארום וועלכע רעליגיאן איז אונער איי־גענע רעליגיאן? דער פראטעסטאנטיזם האט זיך אנטוויקעלט אן אידעאליסטישער פילאזאפיע וועלכע האט שוין לאנג שותפות געמאכט מיט דער רעוואלוציאן. אין יאר 1795 זיינען צוויי יונגע

מענשען, וועמעס נעמען זיינען שפּעטער וועלט באַרימט געוואָרען ארויסגעגאַנגען אויף אַן איינזאַמען פעלד און האָבען אין באַגייס־טערונג איבער דער רעוואָלוציאָן אַ פרייהייטס־בוים געפלאַנצט. דאָס זיינען געווען שעללינג און העגעל.

עס איז אַלזאָ געווען אַ צוריקקער צום קאַטאָליציזם. אָבער דער איטאַליענישער קאַטאָליציזם איז נאָך געווען צו קלאַסיש. אַ גרויסע וויכטיגע קירכע ווי די סט. פּעטער איז ניט געווען מיסטיש געגוג; איז געווען, ווי לאַמאַרטין דריקט זיך אויס אין דער איינ־לייטונג צו "גראַזיעלאַ„ צופיעל צוגעפּאַסט דערצו אַז ווען אפילו אַלע פּאָזיטיווע רעליגאָנען וועלען זיין פאַרשוואונדען קען זי נאָך אַלץ זיין אַ טעמפּעל פון דער מענשהייט. אין איטאַליען האָט מען זיך געפיהלט פאַרוואַנדט בלויז מיט דער פאַר־ראַפאַעלישער מאַ־לעריי; אין שפּאַניען האָט מען געפונען אַ פאַרוואַנדטען דיכטער אין קאַלדעראָנ'ן געגען וועמעס מיסטישע פאַרטראַכטקייט שעקס־פּיער'ס פּרייזיניגקייט און רעאַליזם, וועלכע זיינען נאַרוואָס אַזוי באַליבט געווען, האָבען געמוזט אָבטרעטען דעם וועג. אפילו הייבערג שטעלט קאַלדעראָנ'ן העכער פון שעקספּיער. איבעראַל און אין אַלע קונסטען פאַרעהרט מען די גאָטיק; עס פאַרשטעהט זיך אַליין אַז דיורער מיט זיין פאָלקסטימליכער און נאַאיוועער טריי־הערצינקייט, אָבער באַזונדער דורך זיין מיסטיק, זיינע הירשען מיט צלמים צווישען די הערנער און מיט זיין גאַנצער סימבאָליס־טיק, איז פון די דייטשעשע ראָמאַנטיקער פאַרהייליגט געוואָרען. פון אַ בריף פון יענער צייט, אויב איך מאַך קיין טעות ניט, צו מינסטער, זעהט מען, אַז אהלענשלעגער און זיין שוועסטער געפינען פיעל מער אין אַלבערט דיורער ווי אַנדערע מענשען קענען אין זיינע ווערק געפינען. די אָנשטעקונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אפילו דער דיכטער פון גולנאַרע, אַלי און גולהינדי האָט זיך איינגעבילדעט אַז ער איז באַהערשט פון דער מיסטיק.

שטרעבענדיג צו דערווייטערען זיך פון דעם גריכיש־רוימישען אַלטערטום האָט שלעגעל אויפגעטאָן זיין איינציג אמת'ע, אָבער אויך גרויסע, וויסענשאַפטליכע טאַט: ער האָט אוועקגעלעגט דעם פונדאַמענט צו דעם שטודיום פון דער סאַנסקריטישער שפּראַך און האָט דאַדורך געעפענט פאַר דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור אַ

גאנץ נײַם וועג. ער האָט געלעגט דעם יסוד פון א גאנץ נײַער פילאָלאָגיע, וועלכע האָט זיך אנטוויקעלט צוערשט פאראלעל צו דער קלאסישער אלס אינדאָ־אָריענטאלישע, און דאן — צו א צווייטער פילאָלאָגיע, וועלכע האָט ארײַנגענומען אין זיך די קלאסישע, נעמליך, צו דער פארגלײַכענדער שפּראכען־וויסענשאפט, די פילאָלאָגיע אלס נאטור־וויסענשאפט.

אָבער פאָרלויפיג איז עס די אינדישע גלײַכגילטיגקײַט, וואָס איז יעצט געוואָרען דער אידעאל: דאָס לעבען פון גלײַכגילטיגען בליק אויף אלץ, דאָס וועגעטאטיווע לעבען. עס איז אָט דיזער אידעאל וואָס ווערט פארהערליכט אין שלעגעל'ס „לוסינדע.“ עס איז דאָסזעלבע אידעאל וואָס די ראָמאנטישע שולע אין פראנקרײַך נעהמט שפּעטער איבער און וועלכען טהעאָפיל גאָטיע פארהערליכט אין אזעלכע ראָמאנען ווי פאָרטונאָ. עס איז דאָסזעלבע אידעאל וואָס זעהט זיך דורך אין אָהלענשלעגער'ס געניאלען פּוילענצער אלאדין און וואָס שוועבט שטענדיג פאר'ן עסטעטיקער אין „ענטוועדער — אָדער,“ דיזען עכטען פּראָדוקט פון דער ראָמאנטישער שולע, וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט, ווי אָהלענשלעגער אליין, אויף לעזען די ראָמאנטישע דיכטער פון דײַטשלאנד, און אין וועלכען עס הײַסט: מײַן צײַט טייל איך אײַן אויף פאָלגענדען אופן: איין העלפט פארשלאָף איך, די אנדערע פאר'חלום איך. ווען איך שלאָף חלום איך קיינמאָל ניט, וואָרום צו שלאָפען איז די העכסטע געניאליטעט.

געטהע איז אלס זקן געלאָפען צו זוכען רעטונג פון דעם טומעל פון דער צײַט אין דעם מזרח און האָט אָנגעשריבען זײַן „וועסט־אָסטליכען דיוואן.“ די ראָמאנטיקער זײַנען נאָר נאָכגעגאנגען אין זײַנע טריט. אָבער באלד האָט זײַער לערע געקראָגען א פילאָזאָפישע באגרינדונג דורך שעללינג, וועלכער האָט זיך איבערגעשראָקען פאר די רעליגיעזע און פילאָזאָפישע איבערקערענישען פון פראנקרײַך און האָט זיך א קער געטאָן אויף אן אנדער וועג.

אזוי ווי געטהע איז געפלויגען אין דעם ווײַטען אָריענט אזוי איז שעללינג געלאָפען פון דער שטירמישער אומגעבונג אין ווײַטסטען אלטערטום און דאָרטען געפונען די קוועלען פון וואָרהייט און לעבען. אין געגענזאץ צו דער אנשויאונג פו דער אויפקלע־

רונגס־פּעריאָדע, אַז די מענשהייט האָט זיך לאַנגזאַם ענטוויקעלט פון באַרבאַריי צו קולטור, פון אינסטינקט צו פאַרנונפט, ערקלערט ער די מענשהייט פאַר געזונקען, ד. ה. אַז זי איז געזונקען פון אַ העכערער קולטור־מדרגה, אין וועלכער זי האָט געגאָסען אַן ער־ציהונג, וואָס איז איר געגעבען געוואָרען פון העכערע וועזענס, פון גייסטער. דאָן איז געקומען אַ ירידה דורך זינד, און אין דער פּעריאָדע פון געזונקענהייט האָבען זיך געוויזען בלויז ווייניגע אַזעל־כע לערער, העכערע וועזענס, נביאים, זשעניען, ווי שעללינג אַליין, וועלכע אַרבייטען אויפצושטעלען צוריק יענעם פאָלקאָמענעם לע־בען. מיר אַלע ווייסען אַז די וויסענשאַפט האָט געגעבען גערעכט די מענער פון דער רעוואָלוציאָן און ניט שעללינג, און אַז מיר, וועלכע לעבען אין דעם דור פון טשאַרלס דאַרווין, קענען מער ניט אָננעהמען די מעגליכקייט פון אַ גן־עדן צושטאַנד און אַ ירידה דורך זינד. דאַרווינ'ס לערע וועט אָהן ספק אומוואַרפען די אָר־טאָדאָקסישע מאָראַל, פּונקט אַזוי ווי קאָפּערניקוס' לערע האָט אומ־געוואָרפען די אָרטאָדאָקסישע דאָגמאַטיק. קאָפּערניקוס' סיסטעם האָט צוגענומען ביים אָרטאָדאָקסישען הימעל־רייך זיין פיזישען פּלאַץ, און אַזוי וועט דאַרווינ'ס לערע צונעהמען דעם פּלאַץ פון דעם אָרטאָדאָקסישען גן־עדן.

אָבער צו דיזען געדאַנק האָט מען נאָך דעמאָלט ניט גע־האַט געקומען און שעללינג האָט אָנגעוויזען אויף אַ פאַרצייטיגער וועלט, וואו די לעגענדען פון געטער און האַלב־געטער האָט ער אָנגענומען פאַר היסטאָרישע פאַקטען און אַזוי איז ער געקומען דער־צו, אַז ער האָט געשטעלט די מיטאָלאָגיע אַלס דאָס העכסטע פון אַלע קונסטווערק, וועלכען מען קען געבען אונענדליכע אויסטייט־שונגען, און אונענדליכע אויסטייטשונגען מיינט וועלכע איינעם ווילט זיך. מיר האָבען דעם קערן פון גרונדטוויג'ס גאַנצער מיטאָ־לאָגישער אויסטייטשונג מיט זיין אונוויסענשאַפטליכער און אונ־פּינקטליכער באַארבייטונג פון די סקאַנדינאַווישע רעליגיעזע לע־גענדען.

אָבער די אַוועקווייכונג פון געזעלשאַפטליכע אינטערעסען געפינט נאָך אַ מער באַשטימטען אויסדרוק אין שעללינג'ס פאַר־טיפונג אין דער נאַטור, אַ באַוועגונג וואָס געטהע האָט שוין גע־

מאַכט און וועלכע האָט איִם געפֿירט צו אַ רייהע גרויסאַרטיגע אַנטדעקונגען, וואָס שעללינג האָט קיינמאָל ניט געמאַכט. פּונקט אַזוי ווי נאָך דער פֿאַרשטעלונג פֿון די מיסטיקער האָט די געט־ליכע פֿאַנטאַזיע באַשאַפֿען די וועלט מיט'ן כח פֿון איר דענקען, אַזוי איז לויט שעללינג בלויז די זעלבע קראַפֿט אין דעם מענשען אימשטאַנד צוצוגעבען אידעאַלע ווירקליכקייט צו די גייסטיגע שעפֿפֿונגען פֿון דעם מענשען.

עס איז אַלזאָ אָט דיזע עסטעטישע קראַפֿט, די אַזוי גערו־פֿענע אינטעלעקטועלע אַנשויאונג (ד. ה. ריינע פֿאַנטאַזיע וואָס אַר־בייט לויט די געזעצען פֿון פֿאַרנונפֿט) וועגען וועלכער שעללינג, וואָס שטעהט דאָ אונטערן איינפֿלוס פֿון דער עסטעטישער קריטיק פֿון זיין צייט, באַהויפּטעט אַז נאָר זי אַליין עפֿענט דעם וועג צו דער פֿילאָזאָפֿיע, צו דער באַנעהמונג פֿון דער איינהייט פֿון דאָס אי־דעאַלע און רעאַלע. יע, דיזע אינטעלעקטועלע אַנשויאונג איז גע־ווען ניט בלויז דער וועג, נאָר אויך דער ציל. און אָט דיזעס פֿאַרבייטען פֿון דעם ווערקצייג אויפֿ'ן ווערק באַצייכענט דעם אָנפֿאַנג פֿון אַ גאַנצער, אַלגעמיינער צומישונג אין דער ראָמאַנטי־שער פּאָעזיע און וויסענשאַפֿט, וואו אָט ווערט די וויסענשאַפֿט אָנגעפֿירט מיט די מיטעל פֿון דער קונסט, אַזוי אַז אין היפּאָטע־זען פֿאַנטאַזירט מען אָנשטאָט צו פֿאָרשען, און אָט ווערט די פּאָ־עזיע און קונסט באַטריבען מיט די מיטעל פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע און רעליגיאָן, אַזוי אַז די דיכטערישע ווערק ווערען געגראַמטע חקירות, וועמעס העלדען זיינען פֿאַרקערפּערטע אידעען, און די קינסטלערישע שעפֿפֿונגען זוכען צו פֿאַרדעקען דעם מאַנגעל פֿון לייבליכקייט מיט דעם מאַנטעל פֿון קאַטוילישער פֿרומקייט און ליבע. מען האָט זיך איינגערעדט, אַז דיזע נייע נאַטור־פֿילאָזאָ־פֿיע וועט אויף שטענדיג איבעריג מאַכען יעדען פּראַקטישען שטוד־יום פֿון דער נאַטור; אָבער מיר, וועלכע לעבען אין אַ צייט ווען די עמפּירישע נאַטור־פֿאָרשונג האָט פֿאַרענדערט דעם פּנים פֿון דער ערד און האָט באַזונדערס דאָס מענשליכע לעבען רייך גע־מאַכט דורך אַנטדעקונגען און ערפֿינדונגען, מיר וויסען, אַז די רעאַקציאָנערע טענדענצען האָבען אויך דאָ ענדליך געהאַט אַ מפּלה, און אַז דאָס לעבען אַליין האָט דעם טעות באַוויזען. אָבער דאָס

וואס אין דיזער טעאריע האט פאר אונז באזונדערען אינטערעס און וויכטיגקייט איז דאס קרעפטיגע באטאנען פון דער געטליכער פאנטאזיע אלס די אורזאכע פון יעדען קינסטלערישען שאפען; ווארום דא שטעהען מיר ביים געדאנק, פון וועמעס שוים עס איז ארויסגעקומען „אלאדין", דא פיהלען מיר מיט דער האנד דעם הארץ־קלאפ וועלכער האט געטריבען דאס בלוט ביז יענעם ווייט־סטען גליד פון דעם גרויסען גערמאנישען קערפער, וואס איז אין יאר 1803 באצייכענט געווארען מיט'ן נאמען קאפענהאגען.

אין וואס פאר א גראד די אלע נייע אנשויאונגען האבען גע־מוזט ווי א בליץ דורכצוקען אהלענשלעגער'ן איז לייכט צו פאר־שטעהן.

די ראמאנטיקער האבען געשעצט די פאנטאזיע איבער אלץ אין דער וועלט, זי איז געווען די העכסטע, די געטליכע מתנה. ווע־מען קען דיזע לערע אזוי טיף דורכנעהמען ווי דעם, וועלכער איז גראד געווען באשאנקען מיט א רייכער, פרוכטבארער פאנטאזיע, וועלכע האט פארנומען דעם פלאץ פון דעם געשפרעכליכען טא־לאנט פון באגעזע און פון דעם גאנצען 18טען יארהונדערט? די ראמאנטיקער האבען געשעצט די וועלט פון דער מיטאלאגיע אלס די העכסטע, די עכטע; דא האט ער געהאט פאר זיך א גאנצע מיטא־לאגישע וועלט, די סקאנדינאווישע, וועלכע האט נאר געדארפט בא־רירט ווערען.

שלעגעל און נאוואליס האבען געשריען: „מיר מוזען א נייע מיטאלאגיע געפינען, ווילכע זאל קענען זיין פאר אונז דאס וואס די אנטיקע איז געווען פאר די גריכען און רוימער," אבער זיי הא־בען געזוכט אומזיסט, זדער האבען געפונען נאר די אלטע מי־טהען פון דעם קאטאליציזם. בלויז ער האט ניט געדארפט זו־כען, בלויז ער איז באזעסען דעם שאץ, אים אליין „איז דער אפעל־ציון אין טורבאן געפאלען", ער האט אהן מיה געפונען די העלע לאמפ, בשעת די אנדערע האבען זיך די קעפ צובראכען אום צו באשאפען עטוואס ליכט, ברענענדיג איין שוועבעלע נאך דער אנ־דערער. די ראמאנטיקער האבען געגלויבט אין א העכערען פאר־צייטיגען צושטאנד, פון וועלכען די מענשהייט איז אראבגעזונקען, און פאר ז י י נ ע אויגען איז געשטאנען גראד א פאלק, ווע־

מעם אלטערטום האט ווייט אריבערגעשטראלט זיין געגענווארט, און וואס איז געווען נערן זיין געגענווארט צו פארגעסען און האט געהאט א שטארקע בענקשאפט צו פארהערליכען זיינע קינד־הייטס־חלומות און די העלדענטאטען פון זיין יוגענד־צייט, און דאדורך זעהן זיך אליין פארהערליכט.

אזוי איז עס געשעהען, אז די דאקטרינען פון דער ראמאנטיק האבען אין איס, דעם ניט־דייטש, אויפגעוועקט א פרישערע, א רייכערע און אינהאלטס־פולערע פאעזיע, ווי ביי וועלכען עס איז באגאבטען גייסט אין דייטשלאנד גופא, און אזוי ערקלערט זיך עס, ווי עס איז געווען נויטיג נאר איין ווארט פון סטעפפען אום, צו זיין אייגענער און אלע אנדערענס איבערראשונג, אויפצוברעכען דעם כשוף וואס האט אים געהאלטען די צונג געבונדען.

איין געזונטע שטרעבונג אין דער ראמאנטישער שולע איז געווען וואס זי האט געזוכט אויסצוברייטען דעם ענגען קרייז פון סוזשעטען וואס זיינע געווען אנטהאלטען אין דעם אנטיקען שטאף, און צו עפענען די אויגען ווי אויף די אריגינעלע ערשיינונגען ביי אנדערע פעלקער אזוי אויך ביים אייגענעם פאלק. אויף אזא אופן איז די שולע געווארען פאטריאטיש, און פאטריאטיש אין אלע לענדער. אויסערדעם איז שוין יעצט אנטשטאנען אין דייטש־לאנד דיזעלבע ליבשאפט פאר עקסקורסיעס אין פרעמדע לענדער, וועלכע האט שפעטער דורכגענומען די פראנצויזישע ראמאנטיק אונטער וויקטאר הוגא. דער פארגעננער פון דיזער ריכטונג איז געווען הערדער מיט זיין באוואונדערענסווערטען חוש פאר די שעפ־פונגען פון דעם פאלקס־גייסט אין די פארשיידענע לענדער. פאר אים איז די וועלט־פאעזיע געווען א שעהנע הארף, אויף וועלכער יעדעס פאלק האט געהאט זיין סטרונע. דאן איז געקומען שלע־געל׳ס קריטישע און איבערזעצער־טעטיגקייט. זיינע בארימטע פארלעזונגען איבער דער דראמאטישע ליטעראטור, וועלכע זיינען ערשינען פונקט איידער די פאראייניגטע ארמייען זיינען אריין אין פאריז, האבען ערקלערט נאך לעסינג׳ס מוסטער די אנטיקע פאעזיע און שעקספיר׳ס דראמען, אבער האבען אויך אנטהאלטען לויט לעסינג׳ס מוסטער די ביטערסטע און גוואלטיגסטע אנגריפען אויפ׳ן פראנצויזישען געשמאק און דאס פראנצויזישע טעאטער.

עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכען דאָס דאָזיגע ווערק מיט מאַ־דאַם דע סטאַל'ס בוך „איבער דייטשלאַנד." שלעגעל צייגט זיך געגען פראַנקרייך פונקט אַזוי פול מיט מיספאַרשטענדיסען און האַס ווי מאַדאַם דע סטאַל ווייזט זיך צו דייטשלאַנד פול מיט פאַר־שטענדניס און סימפּאַטיע. ער האָט ניט גענוג ווערטער פון שפּאָט פאַר קאָרנעיל און ראַסין און ער באַהאַנדעלט דעם אונ־שטערבליכען דיכטער פון „טאַרטופּ" מיט אַ גרינגשעצונג, וועלכע איז צו נאַריש אום ניט צו פאַלען צוריק אויף דעם, וואָס דריקט זי אויס. דאַגעגען ערקלערט ער צו זיינע לאַנדסלייטע מיט פיין־פיהלענדער סימפּאַטיע די פּאָעזיע פון שעקספּיר און קאַלדעראָן, וועלכע איז ביז אַהער געווען אינגאַנצען אונבאַקאַנט. זיין אויפ־פאַסונג פון דיזע דיכטער האָט פונדעסטוועגען איין גרויסען חסרון נעבען איין גרויסער מעלה.

די מעלה איז, וואָס יעדע זאַך, יעדע מינדסטע אייגענטימ־ליכקייט, ווערט אַנערקענט. ווען ער פירט שפּעטער אויס זיינע מייסטערהאַפטע איבערזעצונגען פון שעקספּיר און פון אייניגע דראַמען פון קאַלדעראָן. וואָס קענען קיינמאָל ניט גענוג באַוואונ־דערט ווערען, ווערט עס קלאָר וואָס פאַר אַ פאַרשריט די פאַר־שטענדניש פון מאָדערנער פּאָעזיע האָט געמאַכט זינט דער צייט פון שילער, וועלכער האָט אין זיין איבערזעצונג פון „מאַקבעטה" צוהאַקט דאָס שטיק לויט די פאָראורטיילען פון דער אַלטער פּאָ־עזיע און האָט אַרויסגעוואָרפען אַלץ וואָס איז דערין געווען רע־אַליסטיש און מוטיג.

דער פעלער, דאַגעגען, איז ביי שלעגעל'ן דערזעלבער וואָס ביי דער גאַנצער ראָמאַנטישער שולע, דערזעלבער וואָס ביי אונז אין דענמארק שפּרייט זיך אויס פון דיזער שולע אויף דער גאַנצער פאָל־גענדער עפּאָכע, נעמליך דער, וואָס די אַנשויאונג פון דער פּאָעזיע טראָגט שטענדיג דעם שטעמפּעל פון דער גערמאַנישער איינזיי־טיגקייט, ד. ה. וואָס איז ביז אַזאַ גראַד עסטעטיש־מעטאַפיזיש, אַז די עמפּיריש־היסטאָרישע אויפפאַסונג ווערט אינגאַנצען פאַר־דרענגט און באַקומט ניט איר געהעריגען רעכט.

אַלס באַווייז קען מען ברענגען איין ביישפּיעל נאָכ'ן אַנדע־רען. אַזוי ווי די גריכען און אַריסטאָטעל זיינען אין פראַנקרייך

אונטער לואי דעם 14טען באַטראַכט געוואָרען אַלס די אַבסאָלוטע מוסטער, אַזוי איז איצט געוועזן צ. ב. שעקספּיר דאָס אַבסאָלוטע מוסטער אין דער פּאָעזיע, אָדער (ווי אין קירקעגאָארד'ס „ענט־וועדער — אָדער") מאָצאַרט דאָס אַבסאָלוטע מוסטער אין דער מוזיק. די היסטאָריש־ריכטיגע אויפפאַסונג וואָס אַנערקענט ניט אין איר עמפּירישער ניכטערקייט קיין אַבסאָלוטען מוסטער, ווערט אינגאַנצען אָבגערוקט אָן אַ זייט. יעדעס געלונגענעס ווערק ווערט אַ טיפּוס, אַ טיפּוס פון אַ פּאָעטישער אַרט, אַ קאַ־טעגאָריע. אַזוי צום ביישפּיעל איז אין דענמאַרק אָהלענשלעגער'ס „סאַנקט יאָהאַניסאַבענדשפּיל" פאַר הייבערג'ן „די פאָלקאָמסטע רעאַליזירונג פון דער אונמיטעלבאַרער דראַמע אין לירישער פאָרם." מען באַשרייבט די דיכטונגס־פאָרמען און דיכטער־ווערק אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען צווייגען וואָס וואַקסען זיך פאַנאַנדער איינס פון אַנדערען ווי אויף אַ בוים, אָנשטאָט זיי צו שטודירען אין צו־זאַמענהאַנג מיט דער קולטור, מיט'ן גאַנצען לעבען. מען גלויבט צ. ב. אַז די טראַגעדיע האָט אַן אונאונטערבראָכענע צוזאַמענהענ־גענדע געשיכטע, ד. ה. אַז די גריכישע טראַגעדיע שטעהט אין דירעק־טער פאַרוואַנדשאַפט צו דער ענגלישער, אָנשטאָט צו באַגרייפען, אַז די טראַגעדיע ווערט ניט באַשאַפען פון די טראַגעדיען פון אַנ־דערע פעלקער, נאָר קומט אַרויס פון די אומגעבונגען, פון דער קולטור און פון דער גאַנצער פּסיכאָלאָגישער ספערע, אין מיטען פון וועלכע זי אַנטשטעהט.

אונטערדעסען זיינען אַלע באַריהמטע אַרונטערגעריסען געוואָ־רען, די גאַנצע וועלט איז געלעגען אָפען פאַר די אויגען פון דעם דיכטער, ער האָט געהאַט די ערלויבניש צו קלייבען זיין שטאָף, וואו עס איז אים געווען ליב. מיר האָבען דיזען באַגייסטערטען ודוי אין אונזער דענישער ליטעראַטור אין אָהלענשלעגער'ס שעה־נעם געדיכט „דעם דיכטער'ס היימאַט." „זי ציהט זיך פון די ווייסע פעלזען פון שפּיצבערגען, דער קבר פון דאָס וואָס האָט געטראָטען אויף דער ערד פאַר'ן מבול ביז'ן לעצטען אינזעל וואָס שטעקט אַרויס אין דעם ווייסטען ים פון דעם זיד־פּאָל."

דער קורץ־געזאָגטער, צוזאַמענגעדרענגטער איבערבליק, וואָס איך האָב דאָ געגעבען איבער די שטרעבונגען פון דער ראָמאַנטי־

שער שולע, אין איינקלאַנג מיט וועלכע עס איז אנטשטאַנען דאָס ווערק „איבער דייטשלאַנד“, האָט שוין געוויזען דעם לעזער אין וועלכע פּונקטען מאַדאַם דע סטאַל האָט זיך געפיהלט איינגעשטימט מיט דער שולע, און ווי אַזוי זי האָט באַאיינפלוסט איר ווייטערדיגע ליטעראַרישע קאַריערע. דער האַרטער קאַמפּף פון די ראָמאַנטיקער געגען דער פילאָזאָפיע פון 18טען יאָרהונדערט האָט געהאַט איר פולע סימפּאַטיע. שעללינג אַליין האָט אָנגערופען זיין גאַנצע סיסטעם אַ רעאַקציע געגען דער פאַרשטאַנד־פּעריאָדע. די טיפע אַכטונג פון די ראָמאַנטיקער פאַר פּאָעטישער באַגייסטערונג האָט געשטימט מיט מאַדאַם דע סטאַל'ס אייגענער נייגונג. די ראָמאַנטישע לערע וועגען דעם ווערט און באַדייטונג פון דער פאַנטאַזיע האָט אַרויסגערופען איר בייפאַל, בשעת די אויפפאַסונג פון דער שולע וועגען דעם וועזען פון דער פאַנטאַזיע איז איר געווען אונפאַרשטענדליך. די ראָמאַנטיקער זיינען אַרוים פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז אויפ'ן יסוד' פון אַלץ ליגט אַן אונאויפהערליך שאַפענדע פאַנטאַזיע, וועלכע פאַרניכטעט שטענדיג מיט געטליכער איראָניע אירע אייגענע שעפּפונגען, אַזוי ווי דער ים פאַרשלינגט זיינע אייגענע כוואַליעס. ד. ה., אַז דער דיכטער, דיזער שעפּפער אין מיניאַטור, דאַרף זיך אויך אַזוי איראָניש באַציהען צו זיינע אויסגעטראַכטע בילדער און בכיוון צושטערען זייער אילוזיע. מאַדאַם דע סטאַל'ס פאַרשטאַנד איז געווען צו פּראַקטיש אום צו קענען איינגעהן אויף דיזער פאַרשפּיצטער טעאָריע, איבער וועלכע זי האָט געפירט אַ קאַמפּף מיט אירע ראָמאַנטישע פריינד. דערפאַר אָבער קומט זי זיך צוזאַמען מיט דער שולע אין זעהר אַ וויכטיגען פּונקט.

ווי די גאַנצע ערשטע גרופּע שריפטשטעלער וואָס זיינען געווען פאַרוויקלעט אין דער רעאַקציע געגען 18טען יאָרהונדערט, איז זי מיט די יאָרען אַלץ מער פּאָזיטיוו רעליגיעז געוואָרען. די פילאָזאָפישע איינדריקען פון דער רעוואָלוציאָנס־צייט זיינען בימלעכווייז פאַרווישט געוואָרען און אויף זייער פּלאַץ זיינען געקומען אימער ערנסטערע פּראָבען אָנצואייגנען זיך די אויפטויכענדע רעליגיעזע אידעען פון דער צייט. זי, וואָס האָט אין איר יוגענד באַקעמפּפט שאַטאָבריאַנ'ס באַהויפּטונג וועגען דער העכערקייט פון

קריסטליכע סוזשעטען אין דער קונסט, שליסט זיך יעצט אָן אינ־גאַנצען אָן זיינע עסטעטישע אַנשויאונגען. זי נעהמט אָן, אָהן שום טראַכטען, די לערע פון די ראָמאַנטיקער, אַז די מאָדערנע פּאָעזיע און קונסט מוז זיך באַגרינדען אויפ'ן קריסטענטום, פּונקט אַזוי ווי די אַלטערטום־קונסט איז געווען באַגרינדעט אויף די גריכיש־רוימישע געטער־זאַגען. און וואָס מער זי לעבט זיך איין אין דער איבערצייגונג אַז דאָס 18טע יאָר־הונדערט איז געגאַנ־גען איינגאַנצען אויף אַ פאַלשען וועג, און טרעפענדיג איבעראַל מענ־שען, וועלכע האָבען זיך צוריקגעקערט צו די רעליגיעזע געפיהלען פון אַלטערטום, הויבט זי אָן צו גלויבען אַז דער אידעאַליזם אין דער מעטאַפיזיק, וואָס איז פאַר איר אַלס פרוי דער גוטער פּרינ־ציפּ, אַזוי ווי די אינספּיראַציע אין דער פּאָעזיע, וואָס איז פאַר איר אַלס דיכטערין דער פּרינציפּ וואָס באַפרייט פון דעם צוואַנג פון כללים, מוזען נויטווענדיגערווייז באַנייען די הערשאַפט פון פּאָזיטיווער רעליגיאָן, ווייל דער סענסואַליזם, וועמעס פּרינציפּען פון פילאָזאָפיע און קונסט זיינען איר דערווידער, האָט די רעליגיאָן באַקעמפפט אַלס פיינד. און אַזוי פּאַסירט עס אַז זי שטעלט זיך אין איר בוך איבער דייטשלאַנד אויף דער זייט פון יענער ליידענ־שאַפטליכער און אונגערעכטער, אָפט פיינליך באַשרענקטער רע־אַקציע געגען דאָס גייסטיגע פרייהייטס־שטרעבען פון 18טען יאָר־הונדערט, וועלכע האָט אין דערזעלבער צייט אויסגעבראָכען אויף דער אַנדערער זייט פון דעם רהיין און האָט געדאַרפט איר העכ־סטע קראַפט דערגרייכען אויפ'ן באָדען פון פראַנקרייך גופא.

## 14

# באַראַנט.

מאַדאַם דע סטאַל'ס בוך „איבער דייטשלאַנד" איז געווען א בליק געוואָרפען אין דער צוקונפט און אריבער די גרעניצען פון פראַנקרייך; עס האָט אין אייניגע פּרטים פאָראויסגעזאָגט דעם כאַראַקטער פון דער אויפוואַקסענדער ליטעראַטור פון 19טען יאָרהונדערט. אָבער די גרופּע שרייבער, צו וועלכע די פּראָפעסאָרין האָט געהערט, וואָלט ניט געווען דערפילט איר אויפגאַבע אינגאַנצען, ווען זי זאָל ניט געווען פאַרענדיגען מיט אַן אומפּאַסענדען איבערבליק אויף צוריק איבער דעם גייסטיגען לעבען פון דעם 18טען יאָרהונדערט.

דיזען איבערבליק האָט אין דערזעלבער צייט (1809) געגעבען באַראַנט אין זיין מערקווירדיגען בוך „איבער דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אין 18טען יאָרהונדערט."

פּראָספּער דע באַראַנט, געבאָרען אין 1782 אין אָווערני, אין אַן אַלטער און פאָרנעהמער ביוראָקראַטישער פאַמיליע, איז דער איינציגער שריפטשטעלער פון דיזער גרופּע, וואָס קען ניט באַצייכענט ווערען אַלס עמיגראַנט; וואָרום ער האָט אָנגעהאַלטען א רעגירונגס־אַמט אין לאַווענדעי אַלס פּרעפעקט.

אָבער זיין בוך האָט פונדעסטוועגען פאָלשטענדיג דעם שטעמפּעל פון דער עמיגראַנטען־ליטעראַטור, און דאָס איז קיין וואונדער ניט. ער האָט געלעבט אויסערהאַלב פאַריז, ער האָט פיעל פאַרקערט מיט די פאַרטריבענע, באַזונדערס מיט מאַדאַם דע סטאַל, און די רעגירונג האָט געקוקט קרום אויף זיינע צו אָפטע וויזיטען אין קאָפּעט. ער האָט אויך געטיילט איר ליבע פאַר פרעמדער,

באַזונדערס דייטשער ליטעראַטור, וועלכע איז געווען אפיקורסות אונטער דער אימפעריע, און האָט שפּעטער איבערזעצט שילער'ס געזאַמעלטע דראַמען. אין דער צייט פון דער רעסטוראַציאָן האָט ער גענומען אַלס מיטגליד פון דער מעסיג־ליבעראַלער פּאַרטיי פּאָליטישען איינפלוס.

זיין ווערק איבער פראַנקרייך אין 18טען יאָרהונדערט מיט וועלכען ער איז, אין עלטער פון זיבען־און־צוואַנציג יאָר אויפגעטראָטען אין דער ליטעראַטור, ווייזט ארויס אַ צייטיגקייט און מעסיגקייט וואָס זיינען ביי אַזאַ יונגען דיכטער אַן איבערראַשונג, וועלכע ערקלערען זיך אָבער טיילווייז דורך אַ געוויסען מאַנגעל אין פייערינגען כאַראַקטער, און טיילווייז אַלס אָפּיציעלע פּערזאָן. אין אַלע ביכער, וועלכע מיר האָבען באַטראַכט, איז געלעגען איינגעשלאָסען אַן אורטייל איבערן 18טען יאָרהונדערט, אָבער אין דיזען ווערק געפינען מיר די ערשטע אומפּאַסענדע איבערזיכט און אָבשאַצונג איבער אים. די איבערזיכט אין קורץ־געפאַסט, אָבער אויסגעצייכענט, די אויפפאַסונג פילאָזאָפיש באַגרינדעט, די דאַרשטעלונג קלאָר און אָהן פּאַראורטיילען, אָבער די אָבשאַצונג אַליין איז דאָך פעלערהאַפט, באַשרענקט פון יענע גרענעצען וועלכע די עמיגראַנטען־ליטעראַטור האָט קיין איין מאָל ניט באַוויזען אריבערצוטרעטען. דיזע אָברעכנונג מיט'ן 18טען יאָרהונדערט, אין וועלכער דער נייער דור זאָגט זיך אינגאַנצען אָב פון דעם אַלטען, איז ניט אַזוי אונפּאַרטייאיש ווי אָהן ליידענשאַפט. באַראַנט האָט טאַקע דעם ערליכען ווילען צו אורטיילען אונפּאַרטייאיש, אָבער זיינע פעהיגקייטען זיינען ניט אַזוי אונבאַשרענקט ווי זיין ווילען: זיין גאַנצע ענטוויקלונג ווערט, אונבאַוואוסט פאַר אים אַליין, געטראָגען פון דער רעאַקציע געגען דעם יאָרהונדערט, וועמעס וועזען ער וויל ערקלערען אַלס צושויער און דענקער.

באַראַנט'ס שטאַנדפּונקט איז אַ פרוכטבאַרער און איז אין יענער צייט געווען אָריגינעל. ער הערט פון אַלע זייטען באַהויפּטונגען, אַז די שריפטשטעלער פון 18טען יאָרהונדערט זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די איבערקערענישען וועלכע האָבען צום שלוס פון דעם יאָרהונדערט אויפגעטרייסעלט פראַנקרייך ביז'ן יסוד און ער געפינט אַז דיזע באַהויפּטונגען האָבען ניט קיין

גרונד. זיי טוען, שיינט אים, יענע שריפטשטעלער א גרויס אומ־רעכט, ווייל זיי גיבען זיי צו א צו גרויסע באדייטונג. ווען די געביידע זאָל ניט געווען האלטען ביים איינפאלען, וואלט א בלאָז פון דער ליטעראטור ניט געקענט זי אומוואַרפען. אין איין צייט מיט נאָדיע און מאדאם דע סטאל שטעלט ער אויף פאָלגענדען זאַץ און ערקלערט אים: די ליטעראטור איז אַן אויסדרוק פון דעם צושטאנד פון דער געזעלשאפט — און ניט זיין אורשפרונג. נאָך זיין מיינונג נאָך האָט דער זיבען־יעריגער קריג געהאט א סך מער צו טאָן מיט דער אָבשוואכונג פון דער אויטאָריטעט אין פראנקרייך ווי די ענציקלאָפעדיע. און די רעליגיאָנסלאָזיגקייט וואָס האָט געהערשט אין הויף פון דעם אַלטען לואי דעם 14טען בשעת ער האָט אויפ'ן גרויזאמסטען אויפ'ן פארפאָלגט די פראָטעס־טאנטען און די יאַנסעניסטען האָט א סך שטארקער אונטערגע־גראָבען דעם רעספעקט פאר דער רעליגיאָן ווי די אטאקען און די שפּאָטערייען פון די פילאָזאָפען. ער וויל דער ליטעראטור פון דעם פארגאנגענעם יאָרהונדערט ניט צושרייבען קיין שום פאר־דינסטען, ער באטראכט זי נאָר אַלס „סימפּטאָם פון דער אַלגע־מיינער קראנקהייט." מיט פילאָזאָפישער שארפקייט פאָרשט ער נאָך די ערשטע אורזאכען פון דעם צוזאמענברוך פון דער מאָנאר־כיע. און ער געפינט זיי אין די נאָכוועהענישען פון דעם קאמפף צווישען מאזאָרען און פראָנד. געשטיקט פון דער אייזערנער האנד פון רישעליו האָבען די פירשטען, דער אדעל, די בעאמטע, אַלע גרויסע, זיך געווענדט צו דער גרויסער באפעלקערונג נאָך הילף און דורכדעם האָבען זיי אַלע ביסלעכווייז פארלאָרען אין ווערט און אָנזעהן. בלויז די אויטאָריטעט פון דעם קעניג איז געבלי־בען אונבארירט. די כוואליעס פון דער אָפּאָזיציע האָבען זיך גע־קייקעלט ביז צו די פיס פון דעם טראָן, דאָרט אָבער האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אין דורך דער ערשטער העלפט פון לואי דעם 14טענס רעגירונגס־צייט איז דער טראָן געשטאנען נאָך אין גרע־סערער איינזאמער מאיעסטעטישקייט ווי געוויינליך; רישעליו'ס אויפגאבע איז געווען דערפילט: יעדע אויטאָריטעט אין לאנד, מיט דער אויסנאהם פון דער קרוין, איז געווען פארניכטעט. עס האָט נאָר איצט געדארפט די איינציג איבערגעבליבענע אויטאָרי־

טעט אומגעוואָרפען ווערען כדי צו באַרויבען פון רעספּעקט יעדע הערשאַפט אין לאַנד, און דאָס איז געשעהען איבערגענג אונטער דעם יאָמערליכען אַלטען לואי דעם 14טען, אונטער דער פרעכער און נאַרישער רעגירונג פון דער רעגענטשאַפט און לואי דעם 15טען.

די פילאָזאָפיע פון 18טען יאָרהונדערט איז אַלזאָ נאָך באַראַנט'ס אויפפאַסונג געוועז ניט די באַוואוסטזיניגע אַרבייט פון דעם יחיד, נאָר אַן אוניווערזאַלע גייסטיגע ריכטונג אין פאָלק; זי איז אַזוי צו זאָגען געשריבען געוואָרען אונטערן דיקטאַט פון פאָלק. אָבער דורכדעם האָט זי ניט צוגעקראָגען אין ווערט; פאַר באַראַנט'ן איז עס קלאָר אַז איר אַרבייט איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, אומצעוואַרפען אויף אַ לייכטזיניגען און אונגערעכטען אופן אַ ליכטזיניגע און אונגערעכטע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג. אָבער דאָס וואָס איז געשעהן האָט געמוזט געשעהן. אַ פעסטער גלויבען אין היסטאָרישע געזעצען — דאָס איז דער קערן אין באַראַנט'ס בוך. „דער מענשליכער גייסט, זאָגט ער, שיינט צו זיין אַבסאָלוט באַשטימט דערצו, דורכצומאַכען אַ באַשטימטען פאָרגעשריבענעם וועג, אַזוי ווי די שטערען.” ער ווייס אַז צו אַלע צייטען איז פאַראַן אַ נויטווענדיגע פאַרבינדונג צווישען דער ליטעראַטור און דעם געזעלשאַפטליכען צושטאַנד. מאַנכעסמאָל איז די דאָזיגע פאַרהעלטניס טונקעל, און זי מוז מיט שאַרפזין נאָכגעשפּירט ווערען, אָבער דיזע שייכות איז אין דער ליטעראַטור פון 18טען יאָרהונדערט אַזוי דירעקט און אַזוי קלאָר, אַז מען דאַרף גאָרניט האָבען קיין פיינע בעאָבאַכטונג אום זי צו אונטערשיידען.

די אורזאַכע דערפון געפינט ער צוערשט אין דער פאַרהעלטניש פון די שריפטשטעלער צום פּובליקום; אין פריהערע צייטען איז זייער צאָל געוועזן קליין; דין צושפּרייט איבער גאַנץ איירָאפּאַ, האָבען זיי געשריבען אין אַ טויטער שפּראַך; קיין געזעלשאַפט איז דעמאָלט ניט געווען, און דער געשפּרעך איז נאָך ניט געוואָרען קיין מאַכט; זיי האָבען ניט געאַרבייט פאַר אַ געזעלשאַפט, נאָר איינער פאַר'ן אַנדערען און דערפאַר זיינען זיי פון דער געזעלשאַפט באַטראַכט געוואָרען אַלס פּעדאַנטען. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען בילדונג און אויפקלערונג ביי די העכסטע קלאַסען און די שריפטשטעלער זיינען אַריינגעטראָטען

מיט זיי אין פאַרבינדונג; זיי האָבען געשריבען פאַר פירשטען, הויפלייט, פאַר יענעם קליינעם קרייז, וואָס האָט ניט געדאַרפט אַר־בייטען. אין דער צייט פון לואי דעם 14טען האָבען די שריפט־שטעלער געזוכט צו געפעלען דיזען קרייז און האָבען זיך געפיהלט געשמייכעלט פון זיין בייפאַל. ביסלעכווייז האָט די ציוויליזאַציאָן אזוי וויט פאַרגעשריטען, אז עס האָט זיך געבילדעט אַ ווירקליכער פובליקום פאַר ליטעראַטור, אַ פובליקום וואָס האָט די שריפטשטע־לער אונאָבהענגיג געמאַכט פון די מעכטיגע. פרידריך דער גרוי־סער, וואָס האָט וואָלטעיר'ן גערופען אין זיין הויף, אום צו דער־הויבען דעם גלאַנץ פון פרייסען, האָט אים ניט באהאַנדעלט מיט יענער גאווה, מיט וועלכער לואי דער 14טער האָט זיך באַצויגען צו מאָליער'ן, און האָט אים געשיינט צו שטעלען ביי זיין זייט אַלס גלייכען; די העכסטע פּאָליטישע מאַכט און די גרעסטע גייסטיגע קראַפט פון יענער צייט זיינען געשטאַנען איין אויגענ־בליק אויף אַ גלייכער שטופע און קיינער האָט ניט געזעהן נאָהענט די צייט ווען דיזעביידע מעכטע זאָלען זיך ערקלערען קריג. אויך אין דער לעצטער העלפט פון דעם אכצענטען יאָרהונדערט זיינען די שריפטשטעלער געשטאַנען אין פּאָלשטענדיגער פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער ברייטער געזעלשאַפט.

אין אַלטערטום איז אַ פילאָזאָף געווען אַ שטרענגער און סיס־טעמאַטישער דענקער וועלכער האָט אַנטוויקעלט אַ גאַנצע לערע און איז געבליבען גלייכגילטיג צו דעם בייפאַל וואָס מען האָט אים געצאָלט. איצטער האָט דאָס וואָרט פאַרלאָרען זיין פריהעריגע באַדייטונג. דער פילאָזאָף איז מער ניט געווען קיין איינזאַמער דענקער נאָר אַ וועלט־מענש, וועלכער האָט נאָך מער גערעדט ווי געשריבען אָדער געלערענט, וועלכער האָט שטענדיג געזוכט צו גע־פעלען זיין אומגעבונג און געווינען איר בייפאַל, און דאָס האָט ער געקענט דערגרייכען נאָר ווען ער האָט זיך געמאַכט פאַר זייער פירשפּרעכער.

ווי שטאַרק דער גייסט פון דער צייט האָט באהערשט די איינצעלנע שריפטשטעלער, זעהט באַראַנט אין דעם פאַקט וואָס אַזעלכע אויטאָרען ווי אַבבעי דע מאַבלי, וועלכער האָט געהאַט די שאַרפסטע אַנטיפּאַטיע צו די פילאָזאָפען פון דער הערשענדער שולע,

זיינען דאָך גלייך צו די ווענען זיי ווילען באַקעמפפען און קומען אויף אַנדערע וועגען צו די זעלבע רעזולטאַטען. און די ערקלערונג דערפון וואָס דאָס פּובליקום האָט אָבגערוקט אָן א זייט אַלע היסטאָרישע טראַדיציעס, אַלע נאַציאָנאַלע עראינערונגען אום נאָכצופאָלגען די אויסגעקליגעלטע אידעאַלען פון די שריפטשטעלער, געפינט ער אין דער קלאַסישער ערציהונג פון די העכערע שיכטען פון דער געזעלשאַפט. אין דער שולע האָט דאָס קינד זיך אויסגעלערענט שטאַמלען די נעמען פון עפּאָמינאַנדאָס און לעאָנידאַס א סך פריהער איידער עס האָט געהערט די נעמען פון באַיאַרד און דוגעסקלען; דער אינגעל האָט געקענט באַוואונדערען דעם טראָיאַנישען קריג, אָבער צו באַוואונדערען די קרייצצוגען — דאָס האָט מען קיינמאָל ניט געהערט. דאָס רוימישע רעכט און אַלע זיינע גרונד־געזעצען וואָס שטאַמען ארוים פון אבסאָלוטער מאַכט האָבען ביסלעכוויז פאַרדרענגט יענע גערמאַנישע געזעצען, וועלכע זיינען אנטשטאַנען פון דעם לעבען פון א פרייען פאָלק. וואָס איז אַלזאָ דער וואונדער וואָס ווען די שריפטשטעלער האָבען זייערע טעמען גענומען פון אַלטערטום און זיך באַגייסטערט פון העללאַס און רוים, האָבען זיי געפונען ווילינע אויערען אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט! וואָס איז דער וואונדער וואָס אין ליטעראַטור איז די נאַציאָנאַלע טראַדיציע פאַראַכטעט און אונטערבראָכען געוואָרען!

ארויפלעגענדיג אויף אַזאַ אופן אויף דער גאַנצער געזעלשאַפט די שולד פאַר די טעות׳ן פון דער ליטעראַטור פון אכצענטען יאָרהונדערט — און אַלע אירע אויפטואונגען זיינען אין זיינע אויגען געוועזן טעות׳ן — האָט באַראַנט אוועקגעלעגט פאַר זיך די גרונדלאַגע פאַר א רוהיגער אָבשעצונג פון די איינצעלנע שרייבער. זיינע אורטיילען זאַמלען צונויף אַזוי ווי אין א ברענפּונקט די אַלע אַנזיכטען וואָס זיינען צושפּרייט אין דער עמיגראַנטען־ליטעראַטור.

*וואָלטעיר׳ן*, וועגען וועמעס רוהם עס איז נאָך זיין טויט געפירט געוואָרען פּונקט אַזאַ היציגער קאַמפּף ווי ארום פּאַטראָקליוס׳עס לייכע, כאַראַקטעריזירט ער קאַלט אָבער אָהן האַס און צאָרן. ער באַוואונדערט וואָלטעיר׳ס נאַטור באַגאַבטקייטען, דאָס לייכט־באַוועגליכע שטירמישע געפיהלס־לעבען, וואָס האָט

באַשאַפֿען זײַן פּאַטאָס, די אונווידערשטעהליכע קראַפֿט פֿון זײַן שפּראַך און זײַן וויץ מיט דעם באַזונדערען פּראַכט וואָס שטראָמט אַרויס פֿון יענער לייכטקייט מיט וועלכער ער דריקט אויס זײַנע געדאַנקען. אָבער ער געפֿינט אַז אויסנוצענדיג זײַן טאַלאַנט האָט זיך וואָלטעיר שטענדיג געלייטעט לויט דער שטרעמונג פֿון זײַן צײַט, כדי צו געפֿעלען און האָבען ערפֿאָלג. ענדליך באַדויערט ער טיף זײַן נייגונג צו צינישען שפּאַט, וועלכע האָט ניט פֿאַרלאָזען וואָלטעיר'ן אַפֿילו אויף דער עלטער. און דאָס אַלעס. פֿאַר דאָס גרויסע און דאָס אמת'ע אין וואָלטעיר'ס לעבענס-קאַמפּף האָט ער ניט קיין בליק און ניט קיין וואָרט. ער וויל וואָלטעיר'ן ערקלערען קריטיש און לאָזט פֿון זײַן זעלע פֿאַרשווינדען די ענטריסטונג, וואָס איז געוועזען זײַן לעבענס-נערוו; ער שילדערט די פֿאַרפֿאָל־גונגען וואָס זײַנען געגען אים אָנגעווענדעט געוואָרען אַלס דומ־הייטען, אָבער ער שטעמפּעלט זיי ניט אַלס שלעכטע האַנדלונגען; ער אַנטשולדיגט ענדליך — ניט די פֿלעקען אויף וואָלטעיר'ס גרויסקייט, נאָר אין אַ געוויסער מאָס די דאָזיגע גרויסקייט אַליין; און ער גלויבט ווירקליך אַז ער איז אונפּאַרטייאיש ווייל ער ענט־שולדיגט.

מ אָ נ ט ע ס ק י ו אַליין גיט באַראַנט אַ וואַרעמע און לעבעדי־גע אָנערקענונג פֿון אַלע גדולים פֿון אַכצענטען יאָרהונדערט. און דאָס איז נאַטירליך, ווײַל אין מאָנטעסקיו האָט ער געפֿונען עט־וואָס פֿון זײַן אייגענעם וועזען. מאָנטעסקיו איז ניט געוועזען קיין געוויינליכער שרייבער, וואָס האָט געקענט שרייבען וואָס אים איז געקומען אויף דער פֿען, ער איז געוועזען, אַזוי ווי באַראַנט, אַ בעאַמטער, זאָגאַר אַ הויכגעשטעלטער, באַדייטענדער יוריסט, וועל־כער האָט שטענדיג געדאַרפֿט נעהמען אין באַטראַכט זײַן ווערדע, און די באַדייטונג, וואָס זײַן בייספּיל קען האָבען. „פּרעזידענט מאָנטעסקיו — שרייבט באַראַנט — איז ניט באַזעסען יענע אונ־אָבהענגיגקייט, וועלכע די שריפֿטשטעלער שעצען אַזוי הויך, און וועלכע איז פֿילייכט שעדליך פֿאַר זייער טאַלאַנט און כאַראַקטער.” מען פֿיהלט אין דיזען גוט געזאָגטען פּאַראַדאָקס דעם פּערזינליכען פּאַרזוך פֿון דעם קייזערליכען בעאַמטען, וואָס האָט צו דערזעלבער צײַט פֿיינד נאַפּאָלעאָנען, זיך צו פֿאַרטיידיגען. אָבער מיט רעכט

שטעלט דאָך באַראַנט מאָנטעסקיו זעהר הויך. געוויס האָבען אַנדערע שריפטשטעלער פון יענער צייט געהאַט מער גייסט; אָבער מאָנטעסקיו'ס גענויע קענטניש פון פּראַקטישען לעבען, פון פאַרוואַלטונג און רעגירונג, האָבען אים געגעבען אַן איינזיכט וואָס האָט אַנדערע געפעלט און אַ מאָס וואָס איז גראָד צום אָנפאַנג פון דעם 19טען יאָרהונדערט געווען פון גרעסטען ווערט. דעריבער לויבט באַראַנט אין מאָנטעסקיו אַ סך זאַכען וואָס ער קריטיקירט אין אַנדערע. ער פאָדערט אויף זיינע לעזער צו פאַרגלייכען מאָנטעסקיו'ס ווערק איבער דעם גייסט פון די געזעצען מיט אַן עלטערער שריפט פון דאָמאַט וועגען זעלבען ענין אום צו זעהן וואָס פאַר אַ פאָרשריט די וויסענשאַפט האָט געמאַכט אַ דאַנק מאָנטעסקיו, וועלכער האָט באַוויזען, ניט פאַרוואַרפענדיג דעם רעספּעקט פאַר רעליגיאָן, צו באַטראַכטען זי אַלס פון צווייטער וויכטיגקייט.

ד י ד ע ר אָ איז יענער פון די גרויסע שריפטשטעלער וועגען וועלכען באַראַנט ווייזט אַרויס די גרעסטע אומפאַרשטענדניש; זיין אורטייל איבער אים איז אַ זעהר באַשרענקטער. דאָס איבעראייַלטע און גוואַלטזאַמע אין דיזען שריפטשטעלער פאַרבאָרגט פאַר זיין בליק זיין זשעניאַליטעט. אַ זשעני, וועמעס אומגעצאַמטקייט עראינערט אָפטמאָל אָן אַ נאַטור־קראַפט, האָט געקענט פון באַראַנט'ן פונקט אַזוי וועניג אָבגעשעצט ווערען ווי פון דעם גאַנצען אָנגעשראָקענעם און געטוישטען דור צו וועלכען ער האָט געהערט. דידעראָ האָט גענאַרפט בעסער געפעלען ווערען די דייטשען, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין מאָראַלישע פאָראורטיילען, ווי זיינע אייגענע, איבערעמפּפינדליכע לאַנדסלייט. געטהע אַליין האָט איבערזעצט זיין "Le neveu Rameau" און העגעל האָט עס באַהאַנדעלט אין זיין „פענאָמענאָלאָגיע דעם גייסטעס"; אָבער באַראַנט, וועלכער קריטיקירט ליידענשאַפטליך דידעראָ'ס אונאויפהערליכע, אונבאַגרינדעטע אַטאַקען אויף דער רעליגיאָן, ברענגט זיין כאַראַקטעריסטיק אין פאָלגענדע ווערטער: „זיין אינגעווענדיגסטער איך איז געווען פייעריג און אומגעצאַמט. אָבער זיין גייסט איז געווען אַ פייער אָהן נאַהרונג, און זיין טאַלענט, פון וועלכען ער האָט געוויזען א י נ י ג ע ש ט ר אַ ל ע ן,

איז קיינמאָל ניט אָנגעווענדט געוואָרען אײנגאַנצען.״ עס איז געוועזן ניט מער ווי נאַטירליך אַז דער אַם מערסטען נאַטוראַליסטישער שריפטשטעלער פון אַכצענטען יאָרהונדערט זאָל אַם וועניגסטען געשעצט ווערען פון די יונגע אידעאַליסטען.

ר ו ס אָ, דער לעצטער פון די שרייבער פון 18טען יאָרהונדערט, וואָס זיינען גערופען געוואָרען צום משפט פאַר׳ן 19טען יאָרהונדערט, האָט געהאַט עטוואָס אין זיין וועזען, וואָס האָט נויטווענדיגערווייז געמוזט בּאַראַנט׳ן צוציהען. ער איז געוועזן דער איינציגער סענטימענטאַלער צווישען זיי, און דער נייער יאָרהונדערט האָט אָנגעהויבען מיט סענטימענטאַליטעט. ער איז, ענדליך, געוועזן דער איינזאַמסטער צווישען זיי און דאָס נייע יאָרהונדערט האָט געשעצט אַזעלכע איינזאַמע פּערזענליכקייטען. ער איז געשטאַנען פון ווייטענס פון די פילאָזאָפען און ענציקלאָפּעדיסטען. אַן אונגליקליכעס און איינזאַמעס לעבען האָט אַרויפגעלעגט אַ באַזונדער שטעמפּעל אויף זיין כאַראַקטער. אָהן פאַמיליע, אָהן פריינד, אָהן שטאַנד, אָהן פאַטערלאַנד איז ער אַריינגעטראָטען אין לעבען, און ווען ער איז געוואָרען אַ שריפטשטעלער האָט ער גענומען אורטיילען די געזעלשאַפט אַנטשטאַט זי חנפ׳ען. ער האָט געזוכט ניט צו געפעלען דער הערשענדער מיינונג, נאָר צו בילדען אַ נייע. דאָס איז אים געלונגען, און בשעת אַנדערע שרייבער זיינען געפעלען, האָט ער באַשאַפען אַ בענקענדע שטימונג. דאָס האָט געדאַרפט בּאַראַנט׳ן געפעלען. אָבער מען דאַרף נאָר פאַרגלייכען זיין מיינונג וועגען רוסאָ מיט די, וועלכע מאַדאַם דע סטאַל האָט אַרויסגעזאָגט וועגען רוסאָ׳ס טעטיגקייט אין אַ בוך אַרויסגעגעבען מיט צוואַנציג יאָר פריהער, אום צו פאַרשטעהן ווי שטאַרק עס האָט זיך אַ רוק געטאָן פאָראויס די רעאַקציע געגען דעם גייסט פון דעם פאַרלאָפענעם יאָרהונדערט. אויב ער שטעלט זיך אָב לאַנג אויף די אומריינע זייטען פון רוסאָ׳ס לעבען און די שלעכטע אייגענשאַפטען פון זיין כאַראַקטער, איז עס אַן און פיר זיך גאַנץ באַרעכטיגט, און זיין שילדערונג איז אין דעם פרט נאָר דער נאַטירליכער געגענגעוויכט צו מאַדאַם דע סטאַל׳ס וואַרימער פאַרטיידיגונג. זיין שטרענגער אורטייל איבער רוסאָ׳ס פּאָליטישע טעאָריעס זיינען גאַנץ אַנדערש קריטיש דורכגעטראַכט און רייף,

ווי מאַדאַם דע סטאַל׳ס ווייבליך־באַשרענקטער פאַרזוך זיי גוטצוהייסען. אָבער אין דער אָבשעצונג פון רוסאָ׳ס רעליגיעז־רעפאָרמאַטאָרישער טעטיגקייט בלייבט באַראַנט ווייט הינטערשטעליג צו מאַדאַם דע סטאַל. זיין הויפּט איינווענדונג געגען רוסאָ׳ס אַזוי גערופענער נאַטור־רעליגיאָן איז וואָס זי איז אַ רעליגיאָן אָהן אַ קולט, אָהן פאָרמען פון גאָטעסדינסט. „דאָס דאַרף אונז ניט איבערראַשען ביי רוסאָ — זאָגט ער — וואָרום צו אַ מאָראַל אָהן פּראַקטיצירונג פּאַסט אַ רעליגיאָן אָהן אַ קולט.” אויף אַזאַ אופן ברענגען די קאָנסערוואַטיווע אַנשויאונגען פון דעם קריטיקער, וואָס איז זאָנסט אין רעליגיעזע פראַגען ליבעראַל, צו פאַרטיידיגען אפילו די קירכליכע צערעמאָניעס געגען רוסאָ.

די אורזאַכע פון אָט די אַלע באַשרענקטע און אונגערעכטע אורטיילען ביי באַראַנט׳ן איז דיזעלבע וואָס באַשאַפט שפּעטער, אין דער צייט פון דער רעסטויראַציאָן און דער יולי־אימפּעריע, אַזוי פיעל פאַלשעם און פאַרקערטעם ביי אַנדערע ליבעראַלע שריפטשטעלער: די ספּיריטואַליסטישע פילאָזאָפיע, וועלכע באַוויזט זיך דאָ צום ערשטען מאָל אין פראַנקרייך און ווערט נאָך אַ געוויסען קאַמפּף דערהויבען צו דער הערשענדער לערע, און אונטער קוזען און זיין שולע ווערט זי אַפילו די שטאַטס־פילאָזאָפיע. ווען דיזע פילאָזאָפיע זאָל זיך געווען באַנוגענען מיט ענטוויקלען אירע פּרינציפּען אַזוי קלאָר און דייטליך ווי מעגליך, וואָלט זי געוועזען אַ פילאָזאָפיע אַזוי ווי יעדע אַנדערע, און וואָלט אַרויסגערופען געגען זיך בלויז ווידערשפּרוך אָבער ניט ווידערווילען. אָבער עס האָבען זיך געציינגט אין דיזער פילאָזאָפיע פון אָנפאַנג אָן, דאָ אַזוי גוט ווי אין אַלע אַנדערע לענדער וואו זי איז אויפגעקומען, טענדענצען פון אַ כאַראַקטער וואָס איז געווען אונוויסענשאַפטליך און האָט קיין גוטס ניט פאַרשפּראָכען. זי האָט וועניגער געזוכט צו באַווייזען אירע באַהויפּטונגען ווי אַרויסצושטעלען איר מאָראַלישען און רעליגיעזען אינהאַלט. זי האָט אַ סך וועניגער געזאָרגט צו ווידערלעגען אירע געגנער ווי אָבצולייקענען ביי זיי זייער חוש פאַר דאָס אידעלע, זייער פעהיגקייט זיך צו דערהויבען צו גייסטיגער הויך, זייער געפיהל פאַר פליכט און באַגייסטערונג.

ביי מאַדאַם דע סטאַל איז די מורא פאַר'ן סענסואַליזם גע־וועזן צוליב זייטיגע אומשטענדען. דיזע הויך־הערציגע פרוי, וועל־כע איז ביי איר גאַנצער ליבע פאַר'ן אמת געבליבען שטענדיג נאָר א דעליטאַנטין אין דער פילאָזאָפיע, האָט מורא געהאַט, נאַאיוו געגוג, אַז די סענסואַליסטישע פּסיכאָלאָגיע וועט דערשטיקען יע־דען שטרעבען פון ווידערשטאַנד צו נאַפּאָלעאָנ'ס דעספּאָטיע, און אוים ליבע צו פרייהייט זוכט זי צו קעמפּפען געגען דיזער לערע. באַראַנט, אלס מאַן, האָט ניט איר ענטשולדיגונג. אויך פאַר אים זיינען דעקאַרט און לייבניץ ניט נאָר גרויסע דענקער, נאָר פאַר־טרעטער פון דעם ג ו ט ע ן פּרינציפּ אין דער מעטאַפיזיק, פּונקט אזוי ווי מאָראַלישע באַגריפען וואָלטען געקענט אָנגעווענדט ווע־רען אין מעטאַפיזיק. „מעגליך — זאָגט ער — אז זיי האָבען אמאָל פאַרבלאָנדזעט אין טונקעלע געגענדען, אָבער זיי זיינען וועניג־סטענס געגאַנגען אין אַן ערהאַבענער ריכטונג; זייערע לערען האָ־בען געשטימט מיט די געדאַנקען, וועלכע באַוועגען אונז ווען מיר פאַרטראַכטען זיך טיף אין אונז זעלבסט, און דיזע וועגען האָבען נאַטירליכערווייז געפירט צו די א י ד ע ל ס ט ע וויסענשאַפטען, צו רעליגיאָן און מאָראַל." און דאַן דערצעהלט ער ווי אזוי די מענשהייט איז מיד געוואָרען נאָכגעהן נאָך זיי, ווי אזוי זי האָט זיך אוועקגעלאָזען אויף די וועגען פון לאָק און היום, און ער שטעלט עס ניט פאַר אזוי ווי א געגענגעזעצטע, גלייכבארעכטיגטע איינ־זייטיגקייט, נאָר אזוי ווי א ירידה פון דער מענשהייט, אזוי ווי אַן אראָבזינקונג פון דער וויסענשאַפט. ער געפינט עס פאַר גאַנץ נאַטירליך צו באַקעמפּפען ספּינאָזא'ן (וועלכען ער שטעלט אין איין רייה מיט האָבבס) ניט מיט ארגומענטען, „נאָר מיט צאָרן."

געגען די עמפּיריקער שטעלט ער ארויס קאַנט'ס באַקאַנטע לערע, אַז די קאַטעגאָריען פון דעם פאַרשטאַנד זיינען אין דעם גאַנצען צונויפשטעל פון אונזער גייסט און ענטוויקעלט דעם גע־דאַנק, אַז אַ געוויסע רעליגיעזע נייגונג איז איינגעבאָרען אין אַלע פעלקער און אין אַלע צייטען. אומעדום, גלויבט ער, געפינט מען שטענדיג דעם גלויבען אין אַ לעבען נאָכ'ן טויט, עהרפורכט פאַר די געשטאָרבענע און די איבערצייגונג אַז דאָס לעבען איז פאַר זיי ניט צו ענדע, און ענדליך, אויך אַ גלויבען אַז די נאַטור איז איינ־

מאָל באשאפען און וועט איינמאָל אונטערגעהן. דאָס זיינען פאר אים, ווי פאר בענזאשמין קאָנסטאַן, יענע פסיכאָלאָגישע עלעמענטען, וועלכע בילדען דעם פעסטען פונדאמענט פון אלע רעליגיאָנען. אז דיזע לאָזען זיך צוריקפירען צו נאָך איינפאכערע עלעמענטען, וועלכע געפינען זיך אויך אויסערהאלב דער רעליגיאָן, דאָס פארשטעהט ער ניט. וואָרום ער ווייס ניט פון דער פרייער פאָרשונג און ער רופט עס אָן א כבוד איבערצונעהמען „די באַריהמטע ירושה פון דער ערהאבענער פילאָזאָפיע.״ און אויפ׳ן זעלבען אופן קעמפפט ער היים געגען דעם פארזוך צו שטעלען די מאָראל אויף אָן עמפירישען יסוד. „אָנשטאָט ארויסצוגעהן פון דעם געפיהל פון גערעכטיגקייט און סימפאטיע, וואָס לעבט אין הארצען פון אלע מענשען, וויל מען די מאָראל באַגרינדען אויף דעם טריב צו זעלבסט־ערהאלטונג און אייגענעם וואוילזיין.״ ער פארשטעהט ניט, ווי עס זעהט אויס, דעם טיפען פילאָזאָפישען אינסטינקט, וואָס האָט באוואוגען די דענקער פון דער געגענגעזעצטער שולע פאנאנדערצונעהמען די אידעע פון גערעכטיגקייט אויף אירע גרונד־עלעמענטען און ווייזען ווי אזוי זיי באווייזען זיך און ווערען. ער היצט זיך נאָר איבער דעם, וואָס אויף דיזען וועג וואָלט מען ניט געקענט קומען צו דער רעליגיאָן פון אנטפלעקונג: „די געטליכע באווייזע דארויף האָט דער אבערגלויבען פארוואָרפען.״

דערזעלבער דענקער וואָס לויבט מאָנטעסקיו׳ס „פערזישע בריף״ און לויבט אים פארוואָס ער האָט באהאנדעלט די רעליגיאָן אלס נעבענזאך, דערשרעקט זיך, אין דער צושפאָלטענקייט פון זיין דור, איבער דעם פארזוך פון די עמפירישע פילאָזאָפען צו געפינען די גרונד־עלעמענטען, וועלכע האָבען געווירקט צו באשאפען די אידעע פון גערעכטיגקייט. אָט אזוי זעהט מען שוין ביי באראנט׳ן, ווי שוין אויבען אָנגעוויזען, דאָס אונפארשטענדיגע שפילען מיט דעם דאָפּעלטען זין אין דעם וואָרט סענסואליזם, וועלכעס האָט געדארפט אין פארלויף פון גאנצען יאָרהונדערט בלייבען א וואפען אין די הענד פון דער חניפה און דער נידערטרעכטיגקייט, און וועלכעס ווערט געברויכט אויף א פארמישטען אופן, דאָס אלס נאָמען פון דער באשטימטער לערע פון ערקענטניס (דורך

די חושים) און דאָס אַלס באַצייכנונג פאַר זינליכקייט, ד. ה. לוסט־טיגקייט, אָדער אַלס לערע, אַז די לוסט פון די חושים איז דער ציל פון לעבען. מען געפינט שוין ביי בראַנט, ווי שפּעטער שטענדיג ביי קוזען, יענעם איבערפלעכליכען און אונוויסענשאַפטליכען ספּי־ריטואַליזם, וועלכער ענטוויקעלט זיך אין פראַנקרייך אין די ערש־טע יאָרצענטען פון דעם יאָרהונדערט און וועלכער ווערט באַטאַנט אַלס די פילאָזאָפיע וואָס ערמונטערט צו טוגענד און גוטע זיטען.

מאַדאַם דע סטאַל האָט געשריבען פאַר אַ דעמאָלטיגער צייטונג אַ רעצענזיע איבער בראַנט'ס בוך, וועלכע איז פאַרבאָטען געוואָרען פון צענזאָר צו דרוקען אָבער איז שפּעטער ערשינען אין אונפאַרענדערטער פאָרם. זי באַשטעהט נאָר פון דריי בלעטער, אָבער אַ קריטיקער וועט ניט דאַרפען קיין מער באַווייזע צו דער־קענען אַז די פאַרפאַסערין איז געווען אַ זשעני. צוערשט לויבט זי אין וואַרימע ווערטער בראַנט'ס פריהע רייפקייט און זעלטענע מעסיגקייט, און באַדויערט נאָר וואָס ער גיט זיך עפּטער ניט איבער אינגאַנצען צו זיינע איינדריקען און זי דערמאָנט אים אַז צוריקהאַלטונג ווייזט ניט אימער אויף שטאַרקייט. דאַן זעהט זי דורך אַ וואונדערליכער אינטואיציע דעם גייסטיגען שטעמפּעל פון דעם ווערענדען יאָרהונדערט אונטער די צופעליגע און אינדי־ווידועלע מעלות און חסרונות פון זיין בוך. אַלס רעזולטאַט פון דיזען בוך האָט זי, ווי עס שיינט, דערפיהלט מיט פּלוצלונגער אינטענסיוויטעט ווי טיף זי אַליין, מיט איר שאַפונגס־דורשטיגען און רעפאָרמאַטאָרישען גייסט, וואַרצעלט אין דעם פאַרלאָפענעם יאָרהונדערט מיט זיין גלויבען און פאָרשריט; ערשט דאָס דאָ־זיגע בוך, ווי עס זעהט אויס, האָט איר איבערצייגט, אַז דער איבערגאַנג צום נייעם יאָרהונדערט איז פאָרענדיגט און עס כאַפּט איר אָן אַ שרעק זעהענדיג די אונטערוואָרפענקייט צו דאָס עקזיסטי־רענדע, דעם פאַטאַליזם, דעם רעספּעקט פאַר יעדען געשעהענעם פאַקט, מיט וועלכע עס וועהט פון דעם דאָזיגען ווערק. זי שפּירט, אַז די אונטערטעניגקייט צום דרוק פון די אומשטענדען וועט ווע־רען איינע פון די כאַראַקטער־שטריכען פון דעם נייעם יאָרהונ־דערט, זי זעהט פאָראויס אַז זיין פילאָזאָפיע וועט צום גרויסען טייל באַשטעהן אין דעם צו באַווייזען אַז דאָס ווירקליכע איז

פאַרגינפּטיג; מיט דעם שאַרפען בליק פון דעם זשעני דערקענט זי די צווייזייטיגקייט וואָס דאָס וואָרט „ווירקליכע" וועט אַנט־האַלטען און פאַר וואָסערען אידעענלאָזען קאָנסערוואַטיזם יענער זאַץ וועט ווערען דער לאָזונג. און זי ענדיגט איר רעצענזיע מיט פאָלגענדע ווערטער, וועלכע טראָגען דעם שטעמפּעל פון פּראָפע־טישער חכמה:

„דאָס 18טע יאָרהונדערט האָט פּראָקלאַמירט זיינע פּרינ־ציפּען אויף אַ צו פעסטגעשטעלטען אופן; פיליייכט וועט דאָס 19טע יאָרהונדערט ערקלערען די פאַקטען מיט צו גרויסער אונ־טערטעניגקייט. דאָס ערשטע האָט געגלויבט אין דער נאַטור פון זאכען, דאָס צווייטע וועט גלויבען נאָר אין די אומשטענדען. דאָס ערשטע האָט געוואָלט האָבען צו שאַפען איבער דער צו־קונפט, דאָס אַנדערע וועט זיך אָבגעבען בלויז מיט קענען לער־נען די מענשען. דער פאַרפאַסער פון דעם בוך, פון וועלכען איך רעד, איז פיליייכט דער ערשטער וואָס האָט אַזוי שאַרף אָנגענו־מען די פאַרב פון דעם נייעם יאָרהונדערט."

דיזע ערקלערונג איז פּונקט אַזוי געשיקט אין פאָרם ווי רייך אין אינהאַלט. קיינער פון די אַנדערע גייסטער, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהנט צו דיזער באַדייטענדער פרוי, האָט זיך ניט אַזוי אַנטשידען דערוווייטערט פון דעם פאַרפלאָסענעם יאָרהונדערט ווי באַראַנט, וואָס איז אויפגעטראָטען דער לעצטער. די אַנדערע האָ־בען איינער נאָכ'ן אַנדערען פאַרלאָזען די זינקענדע שיף פון 18טען יאָרהונדערט און זיינען אַרויף אויף דער שיף פון „דעם 19טען יאָרהונדערט" און האָבען זי ביסלעכווייז אָנגעלאָדען מיט די סחורות און קערנער, וועלכע זי האָט געדאַרפט פירען. אָבער נאָך איז די שיף געשטאַנען זייט ביי זייט מיט דער געזונקענער, וואָס איז געוועזן פעסט צוגעבונדען צו איר. און באַראַנט איז עס גע־ווען דער יעניגער וואָס האָט איבערגעשניטען די שטריק און די שיף אַרויסגעפירט אין ברייטען ים.

# שלום.

די גאַנצע ליטעראַרישע גרופּע, וועמעס פּאַנאַנדערוויקלונג און אויסבילדונג מיר האָבען דאָ נאָכגעפאָלגט, שטעהט פאַר אונז אַזוי ווי אַ צוזאַמענגעוועבטעס גאַנצעס. אַ סך פעדים, וואָס קרייצען דורך איינע די אַנדערע, ציהען זיך פון איין ווערק צום אַנדערען, און אונזער שטודיום האָט נאָר דעם אינערליכען צוזאַמענהאַנג דייטליך און קלאָר געמאַכט, און ניט גענומען איינצעלהייטען און בכיוון צוזאַמענגעוועבט. עס דאַרף נאָר באַמערקט ווערען, אַז דיזע זאַמלונג פון שריפטען, דיזער קרייז פון שריפטשטעלער, שטעלט מיט זיך נאָר פאַר אַ גרופּע, ניט קיין שולע. ווארום אַ גרופּע אַנטשטעהט דורך דער נאַטירליכער און אונפרייוויליגער פאַרבינדונג פון מענשען און ווערק, וואָס האָבען אַ בשותפות'ע ריכטונג; אָבער אַ שולע ווערט געבילדעט ווען די שריפטשטעלער פאַראייניגען זיך באַוואוסטזיניג אונטער דער לייטונג פון אַ מער אָדער ווייניגער באַשטימטער איבערציייגונג.

די עמיגראַנטען-ליטעראַטור, אָבוואָל זי איז פראַנצויזיש, אַנטוויקעלט זיך אויסערהאַלב פראַנקרייך. כדי זי צו פאַרשטעהן מוזען מיר זיך אימער האַלטען פאַר די אויגען דעם קורצען אָבער גוואַלטיג שטורמישען משך צייט, אין וועלכער די אַלטע שטאַטס-אָרדנונג איז אויפגעלעזט געוואָרען, דער פּרינציפּ פון לעגיטימיטעט האָט נעפּלאַצט, די הערשענדע קלאַסען זיינען אומגעוואָרפען געוואָרען צו דער ערד, און די פּאָזיטיווע רעליגיאָן איז אָבגעשליידערט געוואָרען אָן אַ זייט פון מענשען, וועלכע האָבען זיך גיכער באַפרייט פון איר יאָך דורך אַ פאָלעמישער פילאָזאָפיע ווי דורך ריין וויסענשאַפטליכער בילדונג, און מיט זייערע אונערבאַרעמדיגע און

ניט אימער ערליכע אטאקען האָבען זיי אויפגערייצט אַלע יענע, וועלכע האָבען מער אָדער ווענינער קלאָר געפיהלט די אונגערעכטיג־קייטען, וואָס זיינען געריכטעט געווען געגען דער אַלטער אָרדנונג, וועמעס גייסטיגע און מאָראַלישע באַדערפנישען, וועמעס גאַנצער געפיהלס־לעבען האָט ניט געפונען קיין באַפרידיגונג אין דעם נייעם צושטאַנד. וואָס אבסטראַקטער און אונפּראַקטישער די אידעע פון הומאַניטעט און פאָרשריט האָט זיך ארויסגעוויזען, אַלץ נעהנ־טער האָט זיך אָנגערוקט אַן איבערקערעניש אין די סימפּאַטהיען און שטימונגען. די איבערקערעניש איז געקומען, די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבען. איך האָב געשילדערט ווי אזוי אין אָנפאַנג איז די רעאַקציע געווען נאָר א טיילווייזע, ווי אזוי די אידעען פון דער רעוואָלוציע האָבען זיך אָהן אויפהער געפלאָנטערט מיט די אי־דעען וואָס האָבען ארויסגערופען די רעאַקציע געגען וואָלטעיר'ן, און מיר האָבען געזעהן ווי אַלע לייטענדע שריפטשטעלער האָבען זייער אויסגאַנגס־פּונקט אין דעם 18טען יאָרהונדערט און ווי אָפט זיי גיבען זיך איבער צו טראַינערונגען און פיהלען א נייגונג צו־ריקצופאַלען צו דער פאַרלאָפּענער צייט. זיי געהען אזוי צו זאָגען אַלע פון רוסאָ ארויס. דער ערשטער כאַראַקטער־שטריך איז נאָר דער, וואָס מען נעהמט אָן רוסאָ'ס וואָפען און מען ווענדט זי געגען זיין נעגנער וואָלטעיר. בלויז באַראַנט, דער אינגסטער פון אַלע, מעג מיט אמת זאָגען, אז ער האָט זיך באַפרייט פון יעדער פאַר־וואַנדשאַפט מיט רוסאָ.

נאָך דיזע שריפטשטעלער קומט אין פראַנקרייך א נייער דור קאָנסערוואַטיווע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען אויך צום גרעסטען טייל עמיגראַנטען און הויבען אָן צו פאַרטיידיגען די אונבאַדינגטע, די פּרינציפּיעלע רעאַקציע. די ווערק פון דיזע שרייבער, צוזאַמען מיט באַזונדערע ווערק פון אַזעלכע שרייבער וואָס זיינען שוין פריהער ארויסגעטראָטען אויף דער סצענע, אַלס פּראָגרעסיווע אין קינסטלערישער הינזיכט אָבער רעאַקציאָנערע אין פראַגען פון שטאַט און קירכע, ווי שאַטאָבריאַן, צ. ב. און צוזאַמען מיט אייניגע רעאַקציאָנערע יוגענד־ווערק פון אַזעלכע שרייבער וואָס שפּע־טער ווערען זיי ראַדיקאַל, ווי לאַמאַרטען און וויקטאָר הוגאָ — אַט די אַלע צוזאַמען בילדען א גרופּע, וואָס האַלט זיך אונבאַדינגט

ביים אַלטען און וואָס איר הערשענדער געדאַנק איז — דער פּרינ־ציפּ פון אויטאָריטעט. צווישען זיי געפינען איך מענער ווי זשאָזעף דע מעיסטר, באָנאַל און לאַמעננעי.

אָבער אונטער'ן נאָמען עמיגראַנטען־ליטעראַטור האָב איך דאָ אַרויסגעפירט און צונויפגעזאַמעלט די באַזונדערע ליטעראַרישע ווערק, אין וועלכע די רעאַקציע איז נאָך ניט געוואָרען אַ בלינדע אונטערטעניגקייט צו אויטאָריטעט, נאָר אַ נאַטירליכע און באַ־רעכטיגטע פאַרטיידיגונג פון געפיהל, נשמה, ליידענשאַפט און פּאָ־עזיע, אין היפּך צו קאַלטער אינטעלעקטואַליטעט, אויסגערעכענטער פּינקטליכקייט און צו אַ ליטעראַטור וואָס איז צוזאַמענגעשנורע־װעט אין רעגעלען און טויטע טראַדיציעס, ווי עס איז געווען די ליטעראַטור וואָס האָט געפירט אַ מאַטען און בלוטלאָזען לעבען אויף פראַנקרייך'ס אייגענעם באָדען. די נאָכפאָלגענדע גרופּע, אַ דאַנק איר שטייפערען צוזאַמענשלוס אַרום אַן איינציגען געביטערישען פּרינציפּ, האָט נאַטירליכערווייז אַ שאַרפערען און שטרענגערען פּראָפיל. אָבער אין דער ערשטער גרופּע איז דערפאַר מער לעבען, מער שטימונג, מער וואַגענדע קראַפט.

די שרייבער און ווערק פון דער עמיגראַנטען־ליטעראַטור זיי־נען באַלויכטען אַזוי ווי פון אַ ציטערדיגער ליכט. דיזע פּערזענ־ליכקייטען שטעהען אין דער מאָרגען־גרויקייט פון דעם יאָרהונ־דערט. די ערשטע שטראַלען פון דער מאָרגען־זון פון דעם 19טען־יאָרהונדערט פאַלען אויף זיי און צערייסען לאַנגזאַם דעם שלייער פון אָססיאַנישען נעבעל און ווערטהערישער מעלאַנכאָליע, וואָס רינ־געלט זיי אַרום. מען פיהלט אַז זיי האָבען הינטער זיך אַ נאַכט מיט העסליכע, בלוטיגע סצענען; זיי זעהען אויס בלייך און ערנסט. נאָר זייער וועה איז פּאָעטיש, זייער מעלאַנכאָליע רופט אַרויס מיט־געפיהל, און מען שפּירט ברויזענדע קרעפטען אין די ליידענשאַפט־ליכע אויסברוכען, וועלכע פּאַרראַטען נאָר זייער שמערץ איבער דעם וואָס זיי קענען ניט אָנפאַנגען זייער טאָג ארבייט אַלס פאָר־זעצונג פון דער ארבייט פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג, נאָר זיי מוזען שטעהן אין צווייפעל איבער'ן פונדאַמענט, וואָס איז אוועקגעלעגט געוואָרען דעם טאָג פריהער און מיט מיה צוזאַמענזוכען דאָס וואָס די צושטערונגען פון דער נאַכט האָבען איבערגעלאָזט.

די עמיגראנטען־ליטעראטור איז דעריבער א טיף־דורכגע־פיהלטע ליטעראטור.

שאטאבריאן איז דער ערשטער וואס ברענגט דורך דעם פארמאליזם מיט זיין שטורמישער לייחענשאפטליכקייט, און די קרעפטיגע, פארבענרייכע נאטור־מאלערייען פון זיינע עפיזאדען. אליץ גליהט דא און לייכט פון קאטוילישער אנטציקונג און סאטאני־שער עראטיק. אבער אין מיטען דעם פייער בלייבט שטעהן די מא־דערנע פערזענליכקייט, דער עגאאיסטיש איינזאמער זשעני, רענעי, ווי א סטאטוע פון שטיין.

סעינאנקור ברענגט ארויס א ווערק, אין וועלכען עס גיסט זיך צוזאמען, אין א באזונדערס נשמה'דיגען אופן, מאדערנע פרייזיניגקייט מיט ראמאנטישען בענקען, גערמאנישע סענטימענ־טאליטעט און מורא פאר דער ווירקליכקייט מיט לאטיינישער פיינ־קייט פון חוש, א רעוואלוציאנערע שטרעבונג דורכצודרינגען יעדע פראגע ביז'ן גרונד מיט א פארצווייפלונג וואס כרוימט וועגען זעלבסטמארד.

נאדיע מישט־צו זיין שטימע צו דיזען כאר. פיין, בויגיג, פאנטאסטיש, פול מיט ליבע פאר ווידערשפרוך, אטאקירט ער נאפאלעאנ'ען און די גאנצע געזעלשאפטליכע ארדנונג, פאר־הערליכט קלאפשטאק'ן און דאס מאנאסטיר־לעבען; נאאיוו ווי א קינד און געלערנט ווי אן אלטער, זוכט ער מארטירערטום, כדי צו געניסען דעם פארגעניגען פון פיהלען זיך פארפאלגט און קענען אין איינזאמקייט שטודירען. שטענדיג פראגרעסירענדיג אליין, מאכט ער דעם גלויבען אין פראגרעס פאר'ן ציל־ברעט פון זיין שטענדיגער סאטירע.

קאנסטאן טרעט־אויף אלס פאליטיקער און דילעטאנ־טישער שריפטשטעלער, וועלכער איבערשטייגט זיינע מייסטער. זיין גייסט וויגט זיך ווי אן אומרוה צווישען דעם גייסטיגען לעבען פון צוויי דורות; פון נאטירליכער נייגונג איז ער א קינד פון 18טען־יאָרהונדערט, מיט זיין בילדונג און זיינע אבזיכטען גע־הערט ער צו דער עפאכע פון קאנסטיטוציעס און גרויסע וויסענ־שאפטליכע אנטדעקונגען. אין זיין איינציגען פאעטישען ווערק גיט ער זיין דור א מוסטער פון פסיכאלאגישער שילדערונג און אן אַנ־

ווייזונג ווי אזוי אַ סך שטאַרקע געפיהלען און קרעפטען ווערען גע־אָפּפערט אויפ׳ן מזבח פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

אָבער ערשט אין מ אַ ד אַ ם ד ע ס ט אַ ל ווערט די עמיג־ראַנטען־ליטעראַטור רעכט באוואוסטזיניג פון אירע שטרעבונגען און בעסטע טענדענצען. די געשטאַלט פון דיזער פרוי באהערשט די גאַנצע גרופּע. אין אירע שריפטען איז אויפגעזאַמעלט אַלץ וואָס איז איידעל און באַרעכטיגט אין דער עמיגראַנטען־ליטעראַטור: די רעאַקציאָנערע און רעוואָלוציאָנערע טענדענצען, וואָס ביי די איבריגע מיטגלידער פון דער גרופּע צושפּליטערען זייער פאַרשיידענאַרטיגע טעטיגקייט און שריפטשטעלערישע לייסטונגען, פאַראייניגען זיך ביי איר אין איין שטרעבונג, וואָס איז ניט רע־אַקציאָנער און ניט רעוואָלוציאָנער, נאָר ר ע פ אָ ר מ אַ ט אָ ר י ש. ווי די אַנדערע אזוי נעהמט זי אויך רוסאָ אַלס איר אויסגאַנגס־פּונקט; ווי די אַנדערע אזוי טרויערט זי אויך איבער די גוואַלד־טאַטען פון דער רעוואָלוציע, אָבער מער ווי יעדער אַנדערער ליבט זי די פּערזענליכע און פּאָליטישע פרייהייט. זי באַקעמפּפט די אבסאָלוטע מאַכט אין שטאַט און די היפּאָקריטסטווא אין דער געזעלשאַפט, די נאַציאָנאַלע גאווה און די רעליגיעזע פאָראורטיילען; זי פירט אריין קיין פראַנקרייך די באַקאַנטשאַפט מיט׳ן פאָלקס־גייסט פון די שכנ׳ישע לענדער און זייערע ליטעראַטורען, און רייסט אַרונטער מיט אירע הענד יענע וואַנד פון זעלבסט־צופרידענ־קייט, מיט וועלכער דאָס זיגרייכע פראַנקרייך האָט זיך ארומגערינ־געלט. באַראַנט מיט זיין באַשרייבונג פון פראַנקרייך אין 18טען־יאָרהונדערט זעצט נאָר פאָר און פאַרענדיגט איר ארבייט.

די ליטעראַטור אָן וועלכער מאַדאַם דע סטאַל שליסט זיך אָן אין די לעצטע יאָרען פון איר טעטיגקייט און די אידעען פון וועל־כער שפּירען זיך ביי באַראַנט׳ן, איז די וועמעס געשיכטע איז נאַ־טירליך פאַרבונדען מיט דער עמיגראַנטען־ליטעראַטור, נעמליך, די ראָמאַנטישע ליטעראַטור אין דייטשלאַנד. די גאַנצע גרופּע שריפ־טען, וועלכע איך האָב געגעבען דעם אַלגעמיינעם נאָמען „די עמי־גראַנטען־ליטעראַטור״ קען באַצייכענט ווערען אַלס אַ מין ראָמאַנטיק פאַר דער ראָמאַנטיק, ד. ה. פאַר דער ראָמאַנטישער שולע אין פראַנקרייך וועלכע זי זאָגט אָן. אָבער זי שטעהט, — אָפּט דורך

אונבאַוואוסטזיניגער סימפּאַטיע און אָפט דורך דירעקטען איינ־פלוס — אין פיעלפאַכער באַרירונג מיט דעם גערמאַנישען גייסט און זיין ראָמאַנטיק, און דערפון קומט עס וואָס מאַדאַם דע סטאַל, אין איר בוך „איבער דייטשלאַנד״ רופט אָן רוסאָ, בער־נאַרדין דע סעינט־פּיערר און שאַטאָבריאַן „דייטשען, ניט וויסענ־דיגערהייד״, און דעריבער טרעפט מען, ווי מיר האָבען געזעהן, ביי די שריפטשטעלער פון דער עמיגראַנטען־ליטעראַטור אויף הונדערט פאַרשיידענע פונקטען אָנדייטונגען אויף ראָמאַנטיזם, און שטעלען וואָס באַשעפטיגען זיך מיט דיזען וואָרט און באַגריף.

אָבער ניט נאָר זאָגען זיי אָן די גרויסע גייסטער, וועלכע ווע־לען אויפטרעטען נאָך זיי אויף דער אַרענאַ פון דעם יאָרהונדערט, נאָר זיי זיינען אפילו ביז א העכסט מערקווירדיגען גראַד זייערע פּראָטאָטיפּען. שאַטאָבריאַן, אַלס ראָמאַנטישער קאָלאָריסט, איז דער פאָרלויפער פון וויקטאָר הוגאָ, אַלס לעבענס־מידער מעלאַנ־כאָליקער — פון בייראָן. סעינאַנקור האָט לאַנג פאַר דער ראָמאַנ־טישער שולע אָנגערירט יענע סטרונעס, וועלכע ווערען שפּעטער פון סעינט־בעוו געשפּילט. נאָדיע איז מיט זיין פילאָזאָפישער געלערזאַמקייט, מיט זיין שטרענגער און ריינער שפּראַך, זיינע פאַנטאַסטישע און זאָנדערבאַרע טעמען א פאָרלויפער פון מערימעי. קאָנסטאַן שילדערט באַלזאַק׳ס העלדען לאַנג איידער פראַנקרייך האָט געקראָגען זיין ראָמאַנען־ליטעראַטור; אַלס פּאָליטיקער, ניט קוקענדיג אויף זיין ליבעראַליזם און פריינדליכער שטעלונג צו דער קירכע, ווייזט ער אַרויס א געוויסע ענליכקייט צו דעם באַרימטען ראָמאַנטישען פּאָליטיקער פר. פאָן גענטץ. באַראַנט, מיט זיין ספּי־ריטואַליסטישער אָבער דאָך פאַטאַליסטישער ליטעראַטור־פילאָזאָ־פיע, גרייט־צו יענע קריטיק און עסטעטיק, וועלכע האָט אין וויקטאָר קוזען פאַרנומען דעם טראָן. ענדליך, מאַדאַם דע סטאַל זאָגט אָן דאָס קומען פון דער גרעסטער שריפטשטעלערין פון 19טען־יאָר־הונדערט, א וועניגער אַריסטאָקראַטישע, אָבער א ווייט געניאַלערע און פרוכטבאַרערע דיכטערין און דענקערין, זשאָרש סאַנד.

די ליטעראַטור־געשיכטע פון א גאַנצען וועלט־טייל אין משך פון א האַלבען־יאָרהונדערט הויבט זיך, זעלבסטפאַרשטענדליך, ניט אָן אויף איין פאַראיינצעלטען פונקט. דער אויסגאַנגס־פונקט וואָס

דער היסטאָריקער קליינט אויס, קען שטענדיג באַצייכענט ווערען אַלס צופעליגער, ווילקירליכער; ער מוז זיך פאַרלאָזען אויף זיין אינסטינקט און קריטישען בליק, ווען ניט קען ער קיינמאָל ניט אָנפאַנגען. די עמיגראַנטען־ליטעראַטור האָט מיר אויסגעזעהן צו זיין דער נאַטירליכער אויסגאַנגס־פונקט, געגעבען פון דער געשיכטע אַליין. דיזע גרופּע, פירט אונז פון איין זייט אריין אין דער שפּעטערער רעליגיעזער און פּאָליטישער רעאַקציע אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, און פון דער אַנדערער זייט לעגט זי אויס דעם וועג פאַר דער ראָמאַנטישער שולע אין פראַנקרייך. אָבער אויף יעדען פונקט גרייט זי אונז צו צום שטודיום און דער פאַרשטענדניש פון דער ראָמאַנטישער שולע אין דייטשלאַנד, און זי האָט זאָגאַר אייניגע באַרירונגס־פונקטען מיט אַזעלכע ווייטע ערשיינונגען ווי בייראָן און באַלזאַק.

מיט איין וואָרט, די עמיגראַנטען־ליטעראַטור איז די אָוווערטורע צום גרויסען ליטעראַרישען שוישפּיל פון דעם נייצענטען־יאָרהונדערט.